STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00625

DI SUBMARIN Z-1

L. Chanukoff

Permanent preservation of this book was made possible by
Nathan & Barbara Pinsof
in memory of
Oscar & Rose Pinsof

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בידערמאַנס פאַרלאַג
ניו יאָרק, 1932

אנדערע ביכער פון ל. כאַנוקאָוו:

שווערע הימלען

נאָוועלן, 1923

אין פרומע שעה'ען

מיניאַטורן, 1925

דער מענטש

דערציילונגען, 1929

COPYRIGHTED BY L. CHANUKOFF

1932

שער־בלאַט און הילע געצייכנט און גראַווירט פון נאָטע קאָזלאָווסקי.

18

Printed by the JERSEY PRINTING CO.

BAYONNE, N. J.

* * *

צו בעלעטריסטישע ווערק שרייבט מען, געווייגלאך, ניט קיין פאררעדעס.

איך פיל אבער, אז איך האב אנגעשריבן א בוך, וואס וועט, פון אנהויב־אן, ארויסרופן פראגעס:—ווי פאלט איין א אידישן שרייבער אנצושרייבן אזא בוך? וואו האט דער מחבר געשעפט זיין אוממיטלבארע דערפארונג צו געבן דעם בוך אזא אינהאלט? און ווי קומט בכלל אין אידיש אזא בוך?—אידן האבן ניט קיין פלאט מיט זיין גאנצער סביבה, וואס שפילט אינם לעבן פון אנדערע פעלקער אזא אומגעהייערע ראל,—אידן איז דאס אלץ פרעמד.

דער מחבר איז קיינעם ניט מחויב צו געבן קיין דערקלערונג. ווייל ניט אלע מאל האט ער אט די דערקלערונג אפילו פאר זיך אליין. און אויב ער האט—פארבאהאלט ער זי פאר זיך. זיכער אבער איז, אז קיין שריפטשטעלער וויים ניט, אין פארויס, וועגן וואס אים וועט אויסקומען צו שרייבן. און אפטמאל, ווען דאס ווערק איז שוין אנגעשריבן איז עס נאך אלץ אן איבער־ראשונג פאר אים אליין... ס'איז אבער אמת, אז ער שרייבט מיטן כח פון דערפארונג און אינטואיציע, וואס איז אויך—דערפארונג. און אט דעם כח האב איך גראד געשעפט אין א פולער מאס אויף די עטאפן פון מיין אייגענעם לעבן. און אויב דאס וועט עפעס דערקלערן דעם לייענער—בין איך גרייט זיך צו טיילן מיט אים:

דאס איז געווען מיט אנדערהאלבן צענדליק יארן צוריק. דאס לעבן האט מיך דאן ארומגעטריבן פון איין פאבריק פון דער גרויסער אמעריקאנער אינ־דוסטריע צו דער צווייטער. איך האב געארבעט ביי דער רעמינגטאן קאמפאני און אין דער באלדווין לאקאמאטיוו פאבריק, אין פענסילוואניע, און אזוי, פון איין פאבריק אין דער צווייטער, ביז איך האב געפונען ארבעט אויף דער שיף־בוי פאבריק, אין דער „סאן־שיפבילדינג קא.", אין טשעסטער. איך האב פריער געארבעט אין דער קאנסטרוקציע אפטיילונג און אין דער מאשין אפטיילונג, אבער שפעטער האט מען מיך טראנספערירט אין דעם, אזויגערופענעם „דריי־דאק," וואו די ארבעט ארום דער שיף איז אינגאנצן פארענדיקט געווארן פאר נאוויגאציע. די ארבעט דארטן איז געווען אן אנדערע און אויך די ארבעטער—אנדערע. דארטן האב איך זיך צום ערשטן מאל באקענט נאענט מיט מענטשן פון ים. דארט זיינען געווען טויכערס און ריגערס און אויסגעדינטע מאטראסן און שיף־מאשיניסטן. צווישן די טויזנטער האלב־קוואליפיצירטע און קוואליפי־צירטע ארבעטער זיינען זיי געווען ווי מענטשן פון אן אנדער, אומבאקאנטער וועלט. וועגן וואס זיי האבן גערעדט—איז געווען אנדערש. וואס זיי האבן דערציילט איז געווען נײַ. זייער קוק אויף דער וועלט איז געווען אביסל א צינישער. זיי האבן קיין זאך ניט פארהייליקט. אין קיין זאך ניט געהאט קיין פולן גלויבן. אבער דערפאר זיינען זיי געווען פרייער, ניט געצאמטער און—מערקווירדיק—אן פאראורטיילן. און דאס האט מיך דאן געוואונדערט: הפקר־דיקע מענטשן זיינען געווען אן פאראורטייל... און איך האב זיי ליב געקראגן.

צו יענער צייט, געדיינק איך, זיינען אנגעקומען די ערשטע ידיעות פון דער רוסישער רעוואלוציע. די ארבעטער, מיט וועלכע מיר איז דאן אויסגעקומען צו טיילן זיך מיט יענע גרויסע געשעענישן האבן זיך באצויגן מיט אומצוטרוי

צו די זינגן פון די רעוואָלוציאָנערן, מיט א פאראורטייל, וואָס כאַראַקטעריזירט געוויינלאך דעם אפגעשטאַנענעם און פאַרפירטן אַמעריקאַנעם אַרבעטער פון יענער צייט. אָבער אַנדערש, גאָר אַנדערש, האָבן זיך באַצויגן די פלאָט־מענטשן. זיי האָבן שוין דאָן געזעען פאַר זיך דעם געבורט פון אַ נייער וועלט. און איינער, אַ טויכער מיטן נאָמען סיד פערי, האָט טאַקע דאָן קורץ און פיל־באַדייטנדיק געזאָגט:

— ס׳האָט דאָרט אַזוי אַ טרייסל־געטאָן—אַזש מיר דאָ וועלן זיך מוזן אויפ־כאַפּן...

אַ צווייטער, אַ געוועזענער מאַרינער, טאָם דייוויס, האָט וועגן די דאַמאָלס־טיקע זינגן פון דעם רוסישן רעוואָלוציאָנערן באַלטישן פלאָט געזאָגט:

— דער פלאָט וועט זינגן. יעס, סיר!... דער פלאָט—דאָס איז, פאַרשטייסטו מיך, פאַר יעדן לאַנד—אַ געשמאַקער ביסן... יעדעס לאַנד וויל אַ גרעסערן ביסן. בויט מען דרעדנאָוטן, סובמאַרינען, צעשטערער. אַלץ—דער ביסן זאָל זיין אַ גרעסערער... און אַז זיי וועלן, ווען עס איז אַריינכאַפּן אַט דעם ביסן אין מויל־אַריין, וועט ער זיי דערווערגן... אַט ווי אין דיין רוסלאַנד... דער פלאָט—דאָס איז אַ כח! אַז ער שטייט אַפילו ביי די ברעגן פונם אייגענעם לאַנד—ציטערט אויף דאָס לאַנד... אַזאַ כח האָט ער. דאָס לאַנד איז אין די הענט פונם פלאָט, ברודערל, וואָס ער וויל דאָס טוט ער...

(און אַפנים, אַז ער איז געווען גערעכט, ווייל אַט איז שוין טאַקע ניט אַזוי ווייט די צייט, ווען דער אימפּעריאַליסטישער פרעסער וועט זיך דערווערגן מיט זיין ביסן. אַ סמן:—ער ווערגט זיך שוין...)

פון יענער צייט אָן איז פאַרלאָפן אַ היבשער שטיק לעבן. און אַט איז מיר נאָך אַמאָל אויסגעקומען צו טרעפן זיך מיט יענע מענטשן—דאָס מאָל—מיט סובמאַרין־מענטשן. צונויפגעבראַכט מיט זיי האָט מיך אַ צופאַל: אַן ענגלישע סובמאַרין איז אונטערגעגאַנגען. עטלאַכע מענטשן האָבן זיך, ווי דורך אַ נס, געראַטעוועט. אָבער די גאַנצע איבעריקע מאַנשאַפט איז אונטערגעגאַנגען אינ־איינעם מיט דער סובמאַרין. איינגעשפּאַרטע אין די שטאָלענע ווענט, האָבן זיי אין די טיפענישן, אויסגעהויכט זייער לעצטן אָטעם. דער שיקזאַל פון די אומ־געקומענע האָט מיך טיף גערירט. עס האָט מיך אַרויפגעפירט אויף נייע געדאַנ־קען. די אויפטרייסלונג איז געווען גענוג גרויס, אַז איך זאָל פאַר איר אַנהויבן צו זוכן אַ קינסטלערישן אויסדרוק. איך האָב פאַרטראַכט דאָס בוך. אָבער כדי איך זאָל קענען קומען צום לייענער מיטן בוך אין דער פאָרם און מיט דעם אינ־האַלט, האָב איך פריער געמוזט לאַנג און גרינטלאַך שטודירן די סובמאַרין גופא און גוט באַקענען זיך מיט דעם סובמאַרין־מענטשן, מיט זיין סביבה. איך האָב נאָך אַמאָל אין מיין לעבן אָנגעטראָפן יענע מענטשן, וואָס זיינען מיר פריער געווען אַזוי נאָענט. און נאָך אַמאָל האָב איך דערפילט אין זיי דעם איינגע־צאַמטן כח, וואָס וועט באַפרייען זיך און די וועלט.

און אַזוי איז געבאָרן געוואָרן דאָס בוך „די סובמאַרין 1 ־Z.”

ל. כ.

די סובמאַרין "Z-1"

קאַפּיטל איינס

די „Z-1" איז געווען אַ נייע סובמאַרין. זי האָט ערשט מיט עטלעכע חדשים צוריק דורכגעמאַכט איר ערשטע גרויסע זיכערונג־מאַנעוורע ווייט פון דער אייגענער באַזע, אינם ברייטן אָפענעם ים. די מאַנעוורע אויף דער אויבערפלאַך און אין דער טיפעניש האָט געדויערט גאַנצע פיר־און־צוואַנציק שעה. און די „Z-1" האָט דעם עקזאַמען גלענצנדיק אויסגעהאַלטן. די ערשטע פּראָבע איז פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ רעקאָרד־פּראָבע אין דער גאַנצער געשיכטע פונם קריג־פלאָט.

איצט איז זי רואיק געשטאַנען אין דער סובמאַרין־באַזע. האַרט לעבן איר פּיער, קוים־קוים געוויגט זיך אויף די איינגע־שטילטע וואַסערן, צווישן הויכע מאַלן און געדולדיק געוואַרט ביז עס וועט קומען אַ טאָג, און זי וועט נאָך אַמאָל אַרויסשווימען אין אָפענעם ים און נאָך אַמאָל פאַרוואונדערן דאָס גאַנצע לאַנד מיט דעם גרויסן וואונדער פונם מענטשלאַכן זיג איבער דער נאַטור.

אין דער פלאָטן־מיניסטעריע און באַזונדערס — אין דער סובמאַרין פלאָטיליע, צו וועלכער די „Z-1" האָט באַלאַנגט, האָט מען זיך מיט דער נייער סובמאַרין שטאַרק געגרויסט. זי איז געווען דער געשפּרעך פון טאָג ניט נאָר אין די מיליטערישע קרייזן פון לאַנד, נאָר אויך — ווייט און ברייט — אין אויסלאַנד. די „Z-1" איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג. דערפאַר טאַקע, און באַלד נאָך דער ערשטער געלונגענער מאַנעוורע, האָט דער פלאָטן־מיניסטער אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג אויסצובויען אַ צאָל שוועסטער־סובמאַרינען לויט דעם זעלביקן מוסטער און פּאָציליטעט, ווי עס איז געווען די „Z-1".

די סובמאַרין איז טאַקע געווען אַ מוסטער פון די סאַמע וויטסטע דערגרייכונגען אויפן געביט פון אַקעאַנישער קריג־אינדוסטריע אינם לאַנד. די סאַמע ווייטסטע דערפינדונגען אויף די פעלדער פון כעמיע און טעכניק האָבן זיך פאַראייניקט און זיינען פאַרפּולקאָמט געוואָרן אין דעם יסוד פון דער שיף. און עס איז אויך ניט געווען קיין איין מאָדערנע וויסנשאַפט, וואָס איז ניט אויסגענוצט געוואָרן אין דעם אויפבוי פון דער סובמאַרין. כעמיע, פיזיק, העכערע מאַטעמאַטיק און אַפילו אַסטראָנאָמיע האָבן אין איר געפונען זייער העכסטע אויסשטראַלונג. און עס איז געווען אַזוי, אַז די „Z-1" איז ניט נאָר געווען אַ זעלטענער מוסטער אין דער מאָדערנער שיף־בויאונג, נאָר אויך אַ רעזולטאַט פון גאָר גרויסע דערגרייכונגען אויפן פעלד פון פאָרשן אין אַ סך מאָדערנע וויסנשאַפטן.

אין די עטלאַכע חדשים, וואָס די שיף איז געשטאַנען אין דער באַזע זיינען צענדליקער קריג־עקספּערטן פון אַלע עקן פונם לאַנד געקומען אָנקוקן דאָס סאַמע לעצטע וואָרט אין דער אַקעאַנישער קריג־אינדוסטריע. זיי פלעגן קומען, באַקוקן און באַטאַפּן די טויזנטער איינריכטונגען, פלעגן פירן צווישן זיך טעכנישע און אינזשינערישע געשפּרעכן, פאַרצייכענען דאָס סאַמע וויכטיקסטע אין די נאָטיץ־ביכלאַך, געמאַכט צייכענונגען און דיאַגראַמען און, נאָכדעם, אַוועקגעפאָרן, וואוהין מ'האָט באַדאַרפט, געהאַלטן לעקציעס און רעפעראַטן ביי געהיימע רעגירונגען, אָדער פּלאַטן־פאַרזאַמלונגען, און אַמאָל אויך אָפּגעבן טיילווייזע באַריכטן אין געוויסע אַקאַדעמישע קרייזן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו דער פאַרצווייגטער אינלענדישער קריג־אינדוסטריע.

און די „Z-1" איז דערווייל אַ ציכטיקע, אַן אויסגעוואַשענע, אַ בלאַנקענדיקע מיט יעדן מעטאַלענעם טייל אירן, געשטאַנען, אַ צוגעבונדענע מיט קאַבעלן צו גראַניטענע טומבעס, ניט ווייט פון אַנדערע, קלענערע, סובמאַרינען, לייכט געוויגט זיך אין די שטומע וואַסערן, צווישן די הויכע שטיינערנע מאַלן, וואָס האָבן

באשיצט די פלאטיליע פונם אנלויפנדיקן אפענעם ים, געווארט אויף נאך א געלעגנהייט א שפיל צו טאן זיך מיט כוואליעס, ארײנזינקען אין די פינסטערע טיפן פון ים, ווי א גרויסער לעבעדיקער פיש, און מיט דעם — נאך אמאל פארווירקלאכן דעם גרויסן וואונדער און די גרויסע חוצפה פונם מענטשלאכן זשעני אויפן ים. ווייל ארום איר און אין איר זיינען געווען פארקערפערט די צייכנס פון מענטשלאכן זיג איבערן ים. אין איר איז געווען דער וואונדער פון מענטשלאכער שעפערישקייט, ענערגיע און חכמה. אין איר יעדן טייל איז געווען בולט אפגעצייכנט זיין געפיל פאר שיינקייט און הערלאישקייט. מערקווירדיק איז נאר געווען דאס, וואס פון אלץ איז, אזוי ווי מיט א האנט, אפגעווישט געווען יעדער צייכן פון בייזן ווילן און די שרייענדיקע חוצפה־דיקייט פון דעם שאפער און פון זיין שאפונג גופא. און עס איז געווען אזוי, ווי די גאנצע שיינקייט און דער זין פון איר עקזיס־טענץ וואלט נאר געדינט דעם מענטשנס געפיל פאר שיינקייט און הערלאישקייט, וואס ער האט געזוכט אין די טיפענישן פון אקעאן. פונקט ווי נאר צוליב דער שעפערישקייט פון זיין ענערגיע וואלטן אין דער איינגעווייד פון דער שיף געווען איינגעשטעלט די מערקווירדיקע אפאראטן און מאטארן און דיזעלן. אזוי קונציק איז אלץ געווען באפוצט און פארשטעלט, אז דער אמת'ער ציל פון דער סובמארין איז געלעגן ערגעץ ווייט, אין דער נעפלדיקער צוקונפט און איצט איז נאר געווען אויפן אויג בלויז דעם מענטשנס חכמה, זיין וויסן און זיין הערלאישקייט.

און עס איז געווען א רואיקייט אויסגעשפרייט אויף דער סוב־מארין. א רואיקייט אינווייניק. א רואיקייט אינדרויסן. אזא זעלבסטפארשטענדלאכקייט און זיכערקייט ביי די ברעגן פון א ריזיקן מענטשלאכן ישוב. נאך מער: די סובמארין האט אין זיך געטראגן דעם שטאלץ און די זיכערקייט פון דער גאנצער נאציע, די פארקערפערונג פונם נאציאנאלן ווילן, פון דער נאציאנאלער גבורה און נאציאנאלער ערע.

און דערפֿאַר איז אויך די מאַנשאַפֿט אויף דער „Z-1“ געווען אַן אויסדערוויילטע. אָנהייבנדיק מיטן ערשטן אָפֿיצער אירן ביזן לעצטן מאַרינער, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט דער באַהייצונג פֿון דער סובמאַרין, זיינען אַלץ געווען מענטשן געקליבענע, אויסגעפּרואוווטע, מיט לאַנגיאָריקער דערפֿאַרונג, וואָס האָבן זיך שוין פֿריער מיט עפּעס אויסגעצייכנט און וואָס האָבן אויך איצט באַדאַרפֿט אויפֿטאָן עפּעס וויכטיקס ביי דער אַרבעט זייערער אויף דער „Z-1“. און וואָס דאָס „וויכטיקע“ האָט זיך באַדאַרפֿט אויסדריקן איז נאָך פֿאַר קיינעם ניט געווען קלאָר, — ניט פֿאַר דער העכערער קאָמאַנדע און ניט פֿאַר דער מאַנשאַפֿט. עס איז שוין אָבער געווען אינם לעבן פֿון דער מאַנשאַפֿט אַזוינס, וואָס האָט זי פֿאַרקניפּט מיטן לעבן פֿון דער שיף גופֿא: — מ'האָט אויף דער שיף געלייגט גרויסע אומקלאָרע האָפֿענונגען, וואָס האָבן נאָך דערווייל ניט געהאַט קיין נאָמען; מ'האָט פֿאַר איר אָנגעצייכנט עפּעס אַן אומבאַוואוסטן שיקזאַל, — איז שוין, דורך דעם אַליין, אַרויפֿגעלייגט געוואָרן אַן אומקלאָרע האָפֿענונג און אַ באַזונדער שיקזאַל אויך אויף דער גאַנצער מאַנשאַפֿט. איר שיקזאַל איז געוואָרן — זייער שיקזאַל. איר דערפֿאָלג, אין דער צוקונפֿט, איז געוואָרן זייער אייגענע שטרעבונג. איר לעבן איז געוואָרן — זייער לעבן. אַן אייניקייט אַזאַ איז אַנטשטאַנען צווישן דער טויטער מאַטעריע און דעם לעבעדיקן מענטשן, וואָס האָט זיי פֿאַרבונדן אין לעבן און אין טויט. פֿריער איז געווען די סובמאַרין און נאָכדעם — די מאַנשאַפֿט. פֿריער איז געווען די „Z-1“ און נאָכדעם — די מענטשן.

און דערפֿאַר האָבן זי די מענטשן פֿאַרהייליקט. אין אַלע רייד וועגן איר האָט מען אַריינגעפֿלאָכטן די העכלאַכסטע רייד פֿון באַוואונדערונג און ליבע. מ'האָט וועגן איר גערעדט, ווי וועגן אַ לעבעדיקער. מ'האָט פֿאַר איר געשאַפֿן שיינע עפּיטעטן. מ'האָט זי פֿאַרגליכן מיט אַלץ, וואָס איז שיין און וואונדערלאַך. איר רעגלמעסיקן, זיכערן גאַנג אַנטקעגן די אַנלויפֿנדיקע כוואַ־

ליעס האָבן מענטשן, שוין ביי דער ערשטער פּראָבע, פאַרגליכן מיטן גאַנג פון אַ יונגפרוי איבער אַן אָפענעם פעלד. אירע דריי פעריסקאָפן האָבן אין די אויגן פון מענטשן אויסגעזען ווי דריי אויסגעצויגענע שוואַנען־העלזער. דער רוקן אירער איז געווען — דער רוקן פון אַ שווימענדיקן ריזיקן פיש אין שוימענדיקע כוואַליעס פון ים... און אָפּילו די מאַנשאַפט אַליין, וואָס האָט שוין אין לעבן געזען אַלערליי שיפן און האָט זיך שוין אויפגעהערט צו חידושן אויף אַ סך זאַכן, וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיטן אייגענעם פאַך, האָבן אויך, פון צייט צו צייט, זיך ניט איינגעהאַלטן פון צו זאָגן וועגן דער אייגענער סובמאַרין עפּעס אויסטערלישעס. שוין ביי דער ערשטער פּראָבע האָט אימיצער פון זיי אַ זאָג געטאָן:

— אָט אַ פּרינצעסן! גייט און גייט, און קיין טריט הערט מען ניט...

האָט אַ צווייטער זיך אויך ניט געקענט איינהאַלטן פון צו זאָגן עפּעס אין טאָן פונם חבר, און צוגעגעבן:

— ניט אַ שיף, — אַ פּאַווע, זאָג איך דיר...

און אַ דריטער האָט זיך שוין אויך ניט געקענט אָפּהאַלטן פון אַ פאַרגלייך. אין זיינע אויגן איז די סובמאַרין ענלאַך געווען צו אַן אָדלער. האָט ער געזאָגט:

— אַ גאַנגעלע האָט זי! ווי אַן אָדלערס אַ פלי. וועט זיך נאָך אָפּרייסן פון די כוואַליעס און אַוועקפליען אין די הימלען אַריין, צו דער זון. גיי, כאַפּ זי!...

אַ פערטער האָט ניט איינגעשטימט מיט דעם לעצטן פאַר־גלייך. געזאָגט:

— ניין, ברודער, ניט קיין אָדלער איז זי דיר, נאָר אַ שוואַן. שווימט און שווימט און גיט זיך ניט קיין שאָקל, ווי אויף אַ שטילער אָזערע...

נאָכדעם האָט מען זיך פאַרטראַכט. און אימיצער האָט, שוין אין אַ ווײַלע אַרום, ווי צו זיך אַליין, געזאָגט:

— אַ שוואַן... אַ שטאָלענע שוואַן צווישן שטאָלענע ענט־לאַך... טו אַ קוק אויף איר!...

און אַ צווייטער האָט אונטערגעכאַפּט:

— אַ שוואַן, — און שוואַן איז איר נאָמען.

— און אַזוי וואָלט מען זי באַדאַרפט רופן.

— פאַר וועמען זי איז „Z-1‟ אָבער פאַר אונז — „די שוואַן‟.

און פון יענעם טאָג אָן האָט זיך דער נאָמען ווי צוגעקלעפּט צו דער סובמאַרין. די מאַנשאַפט האָט זעלטן אָנגערופן זי מיט איר ריכטיקן נאָמען. אָנרופן די שיף מיט איר נייעם נאָמען איז געווען, אין זיך אַליין, אַן אויסדרוק פון ליבע, פון נאָענטער שייכות, פון אינטימיטעט. עס איז געווען זייער „שוואַן‟.

די ליבע פון דער מאַנשאַפט צו זייער שיף האָט זיך אויסגע־דריקט אַפילו אין די סאַמע וואָכעדיקסטע מאָמענטן פון טאָג־טעג־לאַכן לעבן: יעדן פרימאָרגן פלעגן זיך עטלאַכע מענטשן אויפהייבן פון זייער שלאָף מיט דער זאָרג וועגן דער „שוואַן‟. מ'האָט זי געוואַשן און גערייניקט און געפּוצט, ווי אַ שיינהייט, וואָס האָט זיך באַדאַרפט באַווייזן פאַר אַ נאָטאַרישן עולם. און אויך דערביי האָט מען זי באַשאַנקען מיט אַ באַזונדער צערטלאַכקייט און ליבע. עס זיינען שטענדיק געווען אַרום איר גענוג מענטשן, וואָס האָבן אַכטונג געגעבן, אַז איר זאָל קיין בייז ניט שאַדן. און זיי פלעגן יעדע רגע דערמאָנען:

— העי, דו, רייב פאָרזיכטיק! וועסט זי נאָך צעקראַצן. ס'וועט אַף איר בלייבן אַ קריץ, און עס איז ניט שיין.

אָדער:

— אַז דו קריכסט אַרום אויף די געפאַרבטע פלעצער — וויקל אַרום די שטיוואָלעס דיינע מיט ריינע שמאַטעס. אַזוי וועסטו זי צעקראַצן. דאָס איז דיר ניט קיין באַרזשע אַוועלכע עס איז...

אָדער:

— זיי פאָרזיכטיק מיט דיינע גרויסע לאַפּעס! זעסט ניט?

— דאָס זיינען איידעלע אַפּאַראַטן. אַרום גיראָ־קאָמפּאַסן און

מאַנאַמעטערן דאַרף מען ווייסן ווי אַרומצוגיין. דאָס איז דיר ניט קיין אַקער־אייזן אין פעלד... מיט די זאַכן דאַרף מען זיין פּאַרזיכטיק. עפּעס־וואָס קאַליע געמאַכט — און די גאַנצע שיף איז אין אַ געפאַר...

די סובמאַרין איז בכלל געווען די סאַמע פּריווילעגירטסטע צווישן די סובמאַרינען אין דער באַזע. מיט אַנדערע סובמאַרינען האָט מען געמאַכט אָפטע מאַנעווערס, דורכגעפירט פאַרשיידענע אָפּעראַציעס פאַר די פּראַקטיצירנדיקע סטודענטן פון די פלאָטן־אַקאַדעמיעס, וואָס האָבן זיך געגרייט פאַר אָפיצער־אַמטן אין די פאַרשיידענע מאַרין־קאָרפּוסן. די „Z-1" אָבער האָט מען געלאָזט רוען, און נאָך דער גרויסער גענעראַל־פּראָבע, קיין איין מאָל ניט אַרויסגעפירט זי אין ים אַריין.

און אַזוי האָט מען ביסלאַכווייז און פאַר'עקשנט, דורך טאָג און דורך נאַכט, ביי יעדער געלעגנהייט, אַרום דער „Z-1" געשאַפן אַ באַזונדער אַטמאָספערע פון פּריווילעגירטער אָפּגעזונדערטקייט. ווען איר האָבן זיך געגומען, אין דער באַזע גופא, פאַרשפּרייטן אַלערליי מעשות און לעגענדעס. און צוליב איר איז שוין אויך איר קאָמאַנדיר, דער לייטענאַנט קאַלווין פּאַרקער, געוואָרן באַרימט און אויך וועגן אים האָבן זיך גענומען שאַפן מעשות. מ'האָט דערציילט וועגן זיינע אויפטוען אין דער וועלט־מלחמה, וועגן זיינע גרויסע פאַרדינסטן אַלס אָפיצער פון אַן אַנדער גרויסער סובמאַרין. און עס זיינען געווען אַ גרויסע צאָל סובמאַרינער, וואָס זיינען מקנא געווען יענע פון זייערע חברים, וואָס זיינען אַריין אין דער מאַנשאַפט פון דער „Z-1".

און אַזוי איז ביי די מאַרינער און אויך ביי טויזנטער ציווילע מענטשן אינגאַנצן אויסגעוואַרצלט געוואָרן דער ווירקלאַכער זין און די קלאָרע פאַרשטעלונג וועגן דער עקזיסטענץ פון דער סובמאַרין. איר ציל איז אָפּגעווישט געוואָרן אין דעם באַוואוסטזיין פון מענטשן. און עס איז פאַר איר געבליבן בלויז באַוואונדערונג און אַ טונקעלער נאַציאָנאַלער שטאָלץ, וואָס האָט בשום אופן ניט צוגעלאָזן צו זיך קיין ביסל ליכט פון אמת.

קאַפּיטל צוויי

ניט ווייט פון דער „Z-1”, אַרום די גראַניט־טומבעס, פּלעגן זיך צונויפקלייבן, אין די פרייע שעה'ן, מאַטראָסן, אַלערליי מאַריז־הענט און שיף־אַרבעטער. זיי פּלעגן אַרומריידן טויזנט און איין זאַך פון זייער לעבן אין דער באַזע און דערציילן זיך מעשׂות. אין אַלע מעשׂות האָט מען אַריינגעפּלאָכטן די גרויסע, אומענלאָכע מעשׂה פון ים. סיי ווי זיינען אַלע מעשׂות פון ים געווען — איין מעשׂה, וואָס איז געווען אַזוי ברייט און אַזוי טיף, ווי עס איז געווען אַליין דער ים. דאָ פּלעגן זיך פאַרזאַמלען מערסטנס יונגע קרעפטיקע מענער, אָנגעטאָנענע אין בלויע אוניפאָרמען מיט קיילעכדיקע היטלען, וואָס האָבן אויף זיך געטראָגן די נעמען פון זייערע שיפן, באַפּוצטע מיט אַנקערן. אַהער פּלעגן אויך קומען ניט ווייניק מיטליעריקע און עלטערע מענטשן, וועטעראַנען פון אַלטע שיפן, וואָס האָבן זיך נאָך געטוליעט אַרום דעם פּלאַט און וואָס זיינען געווען באַקאַנט מיט אַלע ימען פון דער וועלט און מיט אַלע וויכטיקע פּאָרטן. אָבער אַלטע און יונגע — אַלע האָבן געהאַט ווי איין פּנים. אָפענער ים און בייסנדיקער פרייער ווינט האָבן אויסגעגעסן אין זייערע פּנימער דיזעלביקע שטריכן, אָוועק־געלייגט דיזעלביקע קנייטשן און אָנגעכמורעט די אויגן מיט איין דורכדרינגלאָכן בליק, וואָס ווייס ניט פון קיין שרעק, — ניט אויפן ים און ניט אויף דער יבשה.

דאָ זיינען אויך געווען מענטשן פון אַלערליי שיף־מלאָכות: — ריגערס, פּאָמפּ־אינזשינערן, מעכאַניקער, רודערערס און טויכערס. זיי זיינען דאָ אַלע געווען מענטשן פון איין משפּחה. זיי האָבן געקענט דאָס ים־לעבן אויסגעצייכנט. אָבער דער סאַמע אינטע־ליגענטסטער צווישן זיי איז געווען דער סובמאַרינער. ער איז געווען קלאָר אין אַלע פאַכן, וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט דער אָפּערירונג פון זיין שיף. ער איז געווען באַקאַנט מיט אַ סך פיזישע און כעמישע געזעצן. ער האָט געקענט לייענען און

צייכענען די פארשיידענע מאפעס פון ים, פאנאנדערקלייבן זיך אין די אפאראטן און איינריכטונגען אויף דער שיף, געוואוסט די אנווענדונג פון עלעקטרישער און ברען-קראפט אויף זיין סובמארין. די סובמארין, אין זיך, האט אנגערירט א סך וויסנשאפטן. און דער סובמארינער האט דעריבער זיך אנגעשטויסן אין זיין טאג-טעגלאכער פראקטיק אן די אלע וויסנשאפטן. דער סובמארינער האט געקאנט זיין שיף גענוי. ער איז געווען באקאנט מיט איר יעדן טייל, און, אין פאל פון א סכנה, האט ער געוואוסט ווי צו האנדלען און, גאנץ אפט, אפילו אויסמיידן א קאטאסטראפע. אויב ער איז געווען א מעכאניקער אויף דער שיף איז ער געווען מער ווי א מעכאניקער. און אויב ער איז געווען אן עלעקטריקער — איז ער געווען מער ווי אן עלעקטריקער. ער איז ניט בלינד געווען אין קיין איינעם פון די אלע געביטן, וואס זיינען פארבונדן געווען מיט דער סובמארין. דער סובמארינער האט געוואוסט א סך זאכן.

אחוץ דעם האט ער געוואוסט די אלגעמיינע געשיכטע פון די אונטער-וואסער שיפן. און די געשיכטע איז אן אלטע. וועגן אזעלכע שיפן האט שוין געטראכט דער גרויסער גריכישער פילאסאף אריסטאטל. עקספערימענטירט האט מען מיט אזעלכע שיפן שוין אין די וויטסטע יארהונדערטער, ווען די סובמארין האט נאך באדארפט פארענטפערן א גרויסע מענטשלאכע נויטווענדיקייט. די עקספלואטאציע פונם ים-גרונט מיט זיינע נאטירלאכע רייכטימער. די מזרח מענטשן, ביי די ימען, וואס האבן אין אנהייב אנטוויקלט די גוואלדיקע פייאיקייט צו האלטן זיך לאנג אונטערן וואסער, בעת זיי פלעגן זיך ארונטערלאזן זוכן קאראלן און ים-שוואמען, האבן שוין דאן אנגעהויבן אויסצוארבעטן די ערשטע דעטאלן פאר דער צוקונפטיקער סובמארין. טויזנטער עקספערימענטן זיינען פון דאן אן געמאכט געווארן, און די סובמארין האט זיך אלץ ניט אויפגעהערט צו אנטוויקלען דורך די יארהונדערטער ביז זי איז געווארן דאס, וואס זי איז איצט געווען — א געפער-

לאַכער, צעשטערנדיקער און טויט־טראַגנדיקער וואָפן אין די הענט פון די מעכטיקסטע פעלקער פון דער וועלט. דאָס, וואָס עס האָט, אין אָנהייב, באַדאַרפט זיין אַ ברכה פאַרן מענטשן איז געוואָרן זיין קללה. די סובמאַרין איז געוואָרן דער גרוילאַכסטער ים־מכבל, וואָס ברענגט צעשטערונג און טויט אין דער צייט פון מלחמה, — זי איז אויך אַ געפאַר אין פרידן. ווייל עס איז ניטאָ קיין איין יאָר אין דער געשיכטע פון דער סובמאַרין, וואָס האָט ניט פאַרצייכנט דעם אונטערגאַנג פון אַ היבשער צאָל אַזעלכע שיפן אינאיינעם מיט זייער מאַנשאַפט, בעת פאַרשיידענע מאַנעווערס.

* * *

די סובמאַרינער זיינען געווען מענער מיט אויסגעפּרואווטע, שטאַרקע כאַראַקטערן און, אין דערזעלביקער צייט, ראָמאַנטיקער, וואָס האָבן געזוכט אַ לייכטן, אַוואַנטיורישן לעבן, פול מיט פאַרויסגעזעענע און ניט פאַרויסגעזעענע דערפאַרונגען. זיי זיינען אָבער אַלע געווען מענער פון מלחמה. אַפילו די צייט פון פרידן איז פאַר זיי געווען פול מיט מלחמה־דערפאַרונגען און געפאַרן. די דיסציפּלין איז געווען — אַ מלחמה־דיסציפּלין. די מאַנעווערס מיט די שיפן — קריג־מאַנעווערס. און די געפאַרן זיינען געווען גרויס אַפילו אין די אייגענע זיכערע און באַשיצטע וואַסערן.

אָבער אַז מ'איז נאָך ניט געווען אין דעם אמת'ן פייער פון מלחמה — איז נאָך אַלץ ניט געווען קיין מלחמה. פון די אַלע טעאָרעטישע און פּראַקטישע פאַרבאַרייטונגען צו דער צוקונפטיקער מלחמה האָט זיך אַפּגעשטעלט אַן אומבאַשטימטער, טעמפּער געפיל פון שנאה צו אַ שונא, וואָס איז נאָך ניט געווען, וואָס וועט אָבער זיכער אַנטקעגן קומען אָט דער שנאה. און עס איז געווען מאָדנע: קיין שונא איז נאָך ניט געווען, און די שנאה איז שוין געווען און דער האַס צו אים איז שוין געווען. און עס איז געווען אַזוי, ווי עס וואָלט נאָך ניט געווען מיט וועמען און פאַרוואָס צו שלאָגן זיך, און די פויסטן וואָלטן שוין געווען געבײַלט. דער מאַרך טונקל און דאָס האַרץ אויפגערעגט מיט אַן איינגעהאַלטענער, פאַרבאַר־

גענער רעגונג. עס איז נאָך געווען פרידן, אָבער עס איז שוין געווען אָנגעגרייט דאָס געווער פאַר אַ פאַרשטייענדיקן קריג. און זיי אַלע, די סובמאַרינער, זיינען געווען אויך אַ געווער, וואָס האָט געוואַרט אויף דעם קריג.

איז אין לעבן קיין זאַך ניט געווען, אַחוץ אַוואַנטיורעס און שווערע געפערלאַכע איבערלעבונגען, אייגענע און פרעמדע. און די פרעמדע איבערלעבונגען זיינען אויך געווען, בוי אייגענע. און וואָס ס׳האָט געקענט טרעפן מיט איינעם האָט אויך געקענט טרעפן מיט יעדן פון די מענטשן. עס איז געווען איין משפּחה. און מעשות און פּאַסירונגען פון ים־לעבן זיינען געווען ווי אַ פאַמיליען־כראָניק, וואָס די מיטגלידער פון דער פאַמיליע האָבן צווישן זיך איבערדערציילט.

זינט מ׳האָט אַריינגעבראַכט אין דער באַזע די נייע סובמאַרין, די „Z-1", האָבן זיך אַלע געשפּרעכן געדרייט אַרום אַלערליי סובמאַרין־דערפאַרונגען. דאָ האָבן שוין די מאַרין־לייט געקענט דערציילן און דערציילן. און דערציילן איז געווען וואָס. איין מעשה איז געווען שפּאַנענדיקער פון דער צווייטער. די אַרומיקע האָבן זיך צוגעהערט און קאַלטבלוטיק געשוויגן, אָדער אַריינגעריסן זיך אין געשפּרעך מיט אַן אייגענער, נאָך אַ שפּאַנענדיקערער מעשה. איין מעשה האָט זיך אַריינגעפלאָכטן אין דער צווייטער און עס איז פון דעם געוואָרן איין גרויסע וואונדערלאַכע מעשה פון ים, בלינדער הערלאַכקייט און נס.

ניט ווייניקער פון די סובמאַרינער האָבן געקענט דערציילן די טויכערס. זיי זיינען אָבער געווען, מערסטנס, שווייגערס. ניט ליב געהאַט אַ סך צו ריידן. אויף די מונטערנדיקע פאָדערונגען פון די אַרומיקע פלעגן זיי ענטפערן:

— מיר זיינען טויכערס, ניט קיין מעשה־דערציילער...

אָבער אַז זיי פלעגן שוין אָנהויבן צו דערציילן, איז עס געווען וואָגיק און פון גרויס וויכטיקייט. זיי האָבן דערציילט, און די אַרומיקע האָבן זיי שוין געזען אין זייערע שווערע טויך־קליידער

פון שווערן גומי־געוואַנט, פון בליי, קופּער און שטאָל. געזען זיי ווי געשפּענסטער, מיט שווערע לאַנגזאַמע באַוועגונגען, וואָס גייען אַרום, ווי בלינדע, מיט זייערע גלעזערנע אויגן איבערן טונקעלן באָדן פון ים, און זעען אַלץ און ווייסן אַלץ. אויך זיי זיינען געווען געגנוי באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון זייער טויך־קונסט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין דער וויגעלע פון דער מענטש־הייט און האָט זיך געצווייגט איבער די ווייטסטע דורות ביז היינ־טיקער צייט. און אין דער טיפעניש פונם ים זיינען אַלע מאָל און אויך איצט, געווען פאַרבאָרגן אומשאַצבאַרע אוצרות. גאַנצע שיפן מיט גאָלד און זילבער און טייערע חפצים זיינען געלעגן רואיק אויפן גרונט פון ים און געוואַרט ביז אַ געוואָגטער טויכער וועט זיך אַרונטערלאָזן און זיי אַרויסבאַקומען פאַר דער וועלט. און דערפאַר האָבן זיך טויזנטער מענטשן, נאָך אין די גאָר אַלטע צייטן, זיך אַרונטערגעלאָזן נאָך די רייכטימער. די מערסטע האָבן זיך קיינמאָל ניט צוריקגעקערט און אַסך, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט זיינען, אָדער גלייך נאָכדעם געשטאָרבן אין שרעק־לאַכע געהיימניספולע קאַנוואולסיעס, אָדער אויף אייביק געבליבן קאַליקעס, פּאַראַליזירטע אויף אַלע זייערע גלידער. דערפאַר האָבן די מענטשן פון די גאָר אַלטע צייטן געגלויבט, אַז עס ליגט עפּעס אַ כישוף אויסגעשפּרייט אויף די דערטרונקענע אוצרות, וואָס האָט ניט דערלאָזט, אַז דער מענטש זאָל זיי אָנרירן אין זייער אייביקער באַהעלטעניש. און פיל מענטשן האָבן טאַקע אין דעם הונדערטער יאָרן געגלויבט און געוואָרנט דורך אַלע יאָרהונדערטער:

— וואָגט ניט אָנצורירן דאָס, וואָס איז אויפן גרונט. וואָס ס'איז אין די טיפענישן איז דעם ימס. ים גיט ניט צוריק זיין רויב. ים האַלט זיין רויב אייביק. און ווייי איז דעם, וואָס וועט וואַגן זי פון אים אַוועקצונעמען.

אָבער אָט איז שוין מער ווי זיבעציק יאָר, ווי מענטשן לאָזן זיך אַרונטער אין די סאַמע געפערלאַכסטע טיפענישן פון ים, זוכן און געפינען דאָס געזוכטע און קערן זיך מיט דעם אום אויף דער

איבערפלאך פרישע און געזונטע. ווייל עס האט באזיגט די וויסנשאפט דעם אלטן כישוף.

און וואס איז געווען דער גרעסטער שונא פונם אלטן טויכער, וואס האט אים ניט געלאזט עקספלואטירן די רייכטימער? — דאס איז געווען, און איז נאך אויך איצט — דער ניטראגען. אמאל האט מען ניט געוואוסט, אז די געפאר קומט פון אים, אבער איצט האט די וויסנשאפט אנטדעקט זיין צעשטערנדיקע קראפט און פארהיט פון זיין געפערלאכער ווירקונג.

ניטראגען, וואס איז, אין אלגעמיין, א נוצלאכער עלעמענט אין אונזער לופט, פארמירט גאנצע פיר־פינפטלאך פון אונזער אטמאספערע. ער ווערט אריינגעאטעמט און ארויסגעאטעמט פון אונזערע לונגען אינאיינעם מיט דעם זויער־שטאף. אבער אונטערן שווערן דרוק פון דער לופט, ווען מ'איז אין די טיפענישן, דרינגט דער ניטראגען אריין אין די בלוטן. און וואס לענגער מ'איז אונטערן וואסער, אלץ מער ניטראגען דרינגט אריין אין בלוט. אבער ווי נאר דער טויכער באפרייט זיך פון די באזונדערע דרוק־באדינגונגען, הויבט אן צו ווירקן אין זיין בלוט דער ניטראגען. ער בלעזלט זיך אויף אין געוויינלעכע ניטראגען־בלעזלעך, אינם בלוט גופא, ווי די גאזן פון א געוויינלאכן סאדע־געטראנק, בעת'ן פלוצלאכן עפענען פון דער פארשטאפטער פלאש. ער גיט זיך א שפאר, ווי אן אויפרייס, איבער די אדערן, פארשטאפט און האלט אפ מיט זיינע בלעזלאך דעם לויף פון די בלוטן אין די ארטעריעס. די בלוט־צירקולאציע ווערט אפגעשטעלט און דער יערנדיקער ניט־ראגען מאכט א באזונדער שטארקע אטאקע אויף די נערוון פון דעם חוט־השדרה און צעשטערט זיי. דער טויכער, וואס ווערט אנגעגריפן פון אזא אטאקע קריגט שרעקלאכע קאנוואולסיעס, וואס לייזן זיך אויף אין א פאראליז, אדער טויט.

כדי אויסצומיידן אזא ניטראגען פארגיפטונג האט די וויסנ־שאפט אנטדעקט א ווירקזאמען מיטל. דער טויכער ווערט ניט

אַרויסגעצויגן פון וואַסער מיט אַמאָל. ער ווערט פריער אַרויס־געצויגן אין אַ העכערער שיכט פון וואַסער, וואו דער דרוק איז שוואַכער, און ווערט דאָרט געהאַלטן אַ געוויסע צייט ביז דער ניטראָגען הויבט זיך אָן ביסלאַכווייז צו אַסימילירן אין די בלוטן און אַרויסגעאָטעמט ווערן אינאיינעם מיט דער לופט. נאָכדעם ווערט דער טויכער נאָך אַמאָל אַרויסגעצויגן אין אַ נאָך מילדערער שיכט, אַזוי — ביז ער באַפרייט זיך אינגאַנצן פון דער ווירקונג פון דעם ניטראָגען, און ער קומט אַרויס פון ים אַ פרישער און אַ געזונטער. אָבער אַפילו דאָ זיינען מעגלאַך טעות'ן, און דער טויכער איז קיינמאָל ניט זיכער מיט אַלע אָנגענומענע פאָרזיכ־טיקייטן.

אַמאָל איז טויכן געווען — אַוואַנטיורע. איצט איז טויכן געוואָרן אַ געוויינלאַכע פּראָפעסיע. זומער און ווינטער, בייטאָג און ביינאַכט, לאָזן זיך איצט טויכערס אַרונטער אין זייערע אָנצוגן פון מעטאַל און גומי־געוואַנט און טוען די שווערסטע אַרבעטן אונטערן וואַסער. אין זייערע אָנצוגן זיינען איינגעשטעלט טעלע־פאָנען, עלעקטרישע באַלייכטונג, לופט־רעגענעראַטאָרן און אַ שטענדיקער קאָנטראָלירבאַרער לופט־רער, וואָס ברענגט די פרישע לופט פון דרויסן און וואָס קאָנטראָלירט, אין דערזעלביקער צייט, דעם נויטיקן דרוק פון לופט קעגן דעם דרוק פון וואַסער איבערן טויכער. אַלץ איז אין דעם אָנצוג פאָרויסגעזען: דער דרוק און די באַוועגונג פון וואַסער; די מאָס פון לופט און די צייט פון אָטעמען. אָבער געפאָרן זיינען דאָ געווען אַסך און מ'האָט אין דעם פאַך באַדאַרפט האָבן טויזנטער אויגן און די קאַלטבלוטיקייט פון אַ גולם אויסצוהיטן זיך פון די טויזנטער סכנהס, וואָס לויערן אויפן טויכער, ווען ער איז אין וואַסער: די מאַנילאַ „לעבנס־ליניע", דער לופט־רער מיט זיין לופט־פּאָמפּע, דער טעלעפאָן־דראָט און דאָס ליכט קענען שטענדיק, צוליב עפּעס, קאַליע ווערן. דער אָנצוג אַליין קען ערגעץ קאַליע ווערן און פּלאַצן. און ווען דער אָנצוג פּלאַצט קען שוין קיין רעטונג ניט זיין. איבערן

טויכער, ווען ער איז טיף, דריקט אַ שווערקייט פון הונדערטער טאָן וואַסער, וואָס, ווען דער דרוק פון לופט אין אנצוג זאָל פאַרלאָרנגיין, וועט דער מענטש מאָמענטאַל צעדריקט ווערן, ווי אַ קליין פליגעלע אונטער דער שווערקייט פון אַ ריזיקער געביידע. אַחוץ דעם זיינען אין די טיפענישן פאַראַן געפערלאַכע זומפּן, גאַנצע ימען בלאָטע, וואָס אפילו אַ שטאַרקער סובמאַרין־לאָמפּ קען ניט דורכדרינגען. מ'קען אין זיי פאַרגראָבן ווערן, ווי אין אַ קבר. אין די טיפענישן זיינען דאָ מענטשן־פרעסערישע הייפישן, וואָס לויערן אויפן טויכער. אין קאַלטע ווינטערן פאַרפרירט דער אָטעם אין דעם העלמעט פון זיין אנצוג. און וואָס ניט?

קאַפּיטל דריי

עס איז געווען אַ שווערער האַרבסטיקער נאָכמיטאָג אין דער סובמאַרין־באַזע. אַרום איז געווען שטיל און געמיטלעך. עס זיינען געשטאַנען רואיק די פאַראַנקערטע סובמאַרינען, און רואיק זיינען געווען די מענטשן אין דער באַזע. די אַרבעט פאַר'ן טאָג איז שוין געווען פאַרענדיקט. די דיסציפּלין איז געוואָרן שוואַכער. די פאַראַנטוואָרטלאַכקייטן קלענער. ערשט מיט איין האַלבער שעה פריער האָט אַ רעגירונג עקספּעדיציע פון אינזשענערן באַזוכט די „Z־1". דורכגעשטודירט אַלע אירע ווינקעלאַך, פון אינווייניק און פון דרויסן, און האָט זיך אָפּגעטראָגן אין צוויי גרויסע רעגירונג־אויטאָמאָבילן.

קליינע גרופּעס מאַטראָסן און אַרבעטער האָבן זיך געקליבן אויפן פּיער פון דער „Z־1". מ'האָט זיך געקענט אָפּשטעלן און ריידן. קיין אַרבעט איז סיי ווי ניט געווען און די העכערע לייטונג האָט דורך די פינגער געקוקט אויף די זאָרגלאָזע ליידיק־גייער פון דער נייער סובמאַרין. מ'האָט גערעדט וועגן אַלערליי קלייניקייטן, פאַרשפּרייט רכילותן וועגן חברים און וועגן דער העכערער לייטונג. געלאַכט אַסך און געזידלט זיך שפּאַסיק איינע מיט די אַנדערע מיט די אַפּשיילאַכסטע ווערטער. נאָכדעם איז מען צוגעקומען, ווי שטענדיק, צו די ים־מעשׂות. און דער קרייז האָט גענומען וואַקסן.

אַן עלטערער מאַטראָס מיט ווייסע, האַרט־שפּיזיקע וואָנצעס, מיט גרויע אויגן און אַ פּנים אַרומגעגעסן פון בייזע, הונגעריקע ווינטער, האָט מיט איינגעהאַלטענער בייזקייט אויסגעלאַכט די יונגע מאַטראָסן. ער האָט גע'טענה'ט:

— איצט איז וואָס? — אַ שפּילעכל צו זיין אַ מאַטראָס. מ'קען זאָגן — אַ לייכטער צייט־פאַרטרייב. ס'איז אַ פאַרגעניגן. יעדע שליופּקעלע פּירט שוין מיט זיך אַרום אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט. עפּעס וואָס — שיקט מען דיר גלייך אַרויס אַן "S. O. S." פאַרטיק! די גאַנצע וועלט ווייסט שוין וואו דו ביסט און וואָס

מיט דיר טוט זיך. און פון אלע זייטן לויפן דיר אנטקעגן שיפן מיט הילף... אין אונזערע צייטן איז געווען אנדערש. א מענטש האט זיך אליין באדארפט העלפן. איך געדענק, מיט א יאר פערציק צוריק, איז אונזער שיף, די „דעלפין", ארונטער אין דעם נארד־ים. א צען מענטשן אונזערע האבן זיך, ווי עס איז, געראטעוועט אויף א קליינעם שיפל. דער ים איז געווען שטורעמדיק און האט אומ־געזען ווי א קייט פון ארומלויפנדיקע בערג... יע. אז אזא בארג האט דיך א הויב געטאן אויף אירע פלייצעס און נאכדעם ארונטער־געשליידערט אין א טיפן אפגרונט אריין — דאס איז דיר ניט געווען קיין שפילעכל... נו, זיינען מיר אזוי אכצן טעג־לאך ארומגעשוואומען אן שפייז און אן וואסער, צווישן לעבן און טויט. שלעכט געווען. האבן מיר צווישן זיך אפגעמאכט: ווער עס גייט אוים פריער, יענער ווערט שפייז פאר די איבערגעבליבענע חברים. און אזוי איז טאקע געווען. און מ'האט געגעסן, ברי־דערלאך. ווי הונגעריקע הינט, האבן מיר געגעסן אונזערע חברים... שטאלענע מענטשן געווען! אלץ אויסגעהאלטן. און איך זאג אייך: אמאל האט מען געבויט די שיפן פון האלץ, אבער דערפאר זיינען די מאטראסן געווען שטאלענע. און איצט בויט מען פון שטאל, דערפאר זיינען די מאטראסן — הילצערנע ליאלקעס. א ליאדע אינגל ווערט דיר א מאטראס...

דער אלטער האט א שפיי געטאן אן א זייט א פולן מויל מיט איבערגעקייטן טאבאק און האט שווייגנדיק גענומען שטופן הינטער די ציין א נייעם הויפן קיי־טאבאק.

די מארינען האבן גוטמוטיק געלאכט פון זייער אלטן חבר. און איינער איז ארויסגעטראטן פארויס און געזאגט גוטמוטיק:

— דאס אלץ, וואס איר האט יענע צייטן באדארפט קענען: שלעפן שטריק, פרעסן אייגענע חברים און דערטרונקען ווערן. איצט זיינען אנדערע צייטן. מיר, טאטעלע, האבן באזיגט דעם ים.

דער אלטער האט געענטפערט:

— דעם ים, ברודערל, האט נאך קיינער ניט באזיגט. און

אַזעלכע, ווי דו — אוואַדע ניט.

— און וועגן דער „Z-1" האָסטו געהערט? אַז שטייט זי דיר. אַז דו לאָזט זיך אויף איר אַריין אין ים, איז ווי צו זיך אַהיים. אַ סובמאַרין איז דיר אויבן און אונטן... וואָס דו ווילסט טוט זי פאַר דיר. און קיין שטריק דאַרף מען אויך ניט שלעפּן. אַלערליי גירן, דיזעלן און מאָטאָרן שלעפּן און דרייען די מאַשינעריע. זיי טוען פאַר דיר די אַרבעט, אַז ס'איז אַ מחיה.

דער אַלטער איז אָבער געווען פאַר'עקשנט:

— דאָס איז גאָרניט וואָס מאַשינעריע. מער מענטשן זיינען אויף די סובמאַרינען דערטרונקען געוואָרן, ווי אויף וועלכער אַנדער שיף. דו לייען די רעקאָרדס, וועסטו וויסן: — אַלע יאָר פאַרלירן מיר אַ סובמאַרין אינאיינעם מיט דער מאַנשאַפט. און אַמאָל — צוויי. און אַזוי אין אַלע לענדער פון דער וועלט. אַפילו אייערע ראַדיאָס און אָסצילאַטאָרן העלפן אויך ניט.

די יוגנט האָט זיך ניט געקענט אייניקן מיט די בליקן פונעם אַלטן. ניט גענומען זיין אַרגומענטאַציע ערנסט. און עס איז טאַקע שווער געווען צו אייניקן זיך. עס זיינען געווען אַלטע צייטן און עס זיינען געווען — נייע. אַלטע מענטשן און נייע מענטשן. דער אַלטער מענטש איז טאַקע געווען אַ שטאַלענער און געוואַגטער און אַ ים־טרייער מאַטראָס, אָבער דערפאַר איז ער געווען בלינד אין טויזנט און איין זיך, וואָס דער נייער מאַטראָס האָט געלערנט וועגן נאַוויגאַציע. מ'האָט זיך אַזוי אַרומגעקריגט ביז מ'איז ווידער אַרויף אויף מעשות. און אַ סובמאַרינער האָט דערציילט וועגן אַ זעלטענעם פאַל מיט אַן ענגלישן מעכאַניקער. וואָס האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון אַ דערטרונקענער סובמאַרין:

— די שיף איז געזונקען פּלוצלונג. קיינער האָט זיך ניט געריכט. די ליוקן זיינען געווען אָפן. דאָס וואַסער האָט אין עטלאַכע סעקונדן פאַרטרונקען אַלע אָפּטיילונגען. און דער מעכאַניקער איז דאַן גראַד געווען אין דער מאַשין־אָפּטיילונג. קיין זאַך ניט פאַרדעכטיקט. פּלוצלונג זעט ער, ווי דורך דער טיר שטראָמט

אריין, אין שרעקלאכער איילעניש, דאס וואסער און פארטרינקט אויף די מאשין־אפטיילונג. שלעכט... ער שפרינגט ארויף אויף די דיזעלן, ווייל זיך אן עפעס אנהאלטן, און דא דערפילט ער, אז יעדער זאך איז הויך עלעקטריציטירט. ס'איז א געפאר אנצורירן. ער האט פארשטאנען: — דאס וואסער האט לויז געלאזן דורך א קורץ־שלוס דעם עלעקטרישן שטראם און עלעקטריציטעט האט אנגעגליט יעדן מעטאלענעם טייל. צוויי טויטן האבן זיך אויף אים אנגערוקט מיט א גוואלדיקער שנעלקייט: — דאס וואסער האט זיך געהויבן העכער און העכער און געדראט צו דערטרינקען. און די עלעקטריזירטע אפטיילונג איז געווען געפערלאכער פון א פייער־פאסטקע. איין אומפארזיכטיקער ריר, און אן עלעקטרישער שטראם וואלט אים דורכגעשטאכן, ווי א שפיז... לאנג טראכטן איז ניט געווען קיין צייט. דערצו האט מען באדארפט נאך האבן געניג קאלטן פארשטאנד און אויסגערעכנטקייט. דאס לעבן איז געהאנגען אויף א האר. און אזוי ווי ער טראכט פון דער לעצטער מעגלאכער רעטונג פאר זיך, דערפילט ער אין דער לופט עפעס א שטיקנדיקן גאז. עס איז געווען קלאר: דאס איז געווען כלארין, א געפערלאכער גאז אזא. און דער כלארין האט שוין אים צונויפ־געווארגן דעם גארגל און גענומען שטיקן... פון וואנען האט זיך גענומען דער כלארין? — פון דער באטאריי־אפטיילונגען. ווי נאר דאס וואסער האט פארטרונקען די עלעקטרישע אקומוליאטארן האבן זיי גלייך פון זיך גענומען אפטיילן אט דעם טויטלאכן גאז. שלעכט!... איצט האט שוין דער ארעמער מעכאניקער פאר זיך געהאט דריי טויטן מיט איין מאל... אן אנדערער אויף זיין ארט וואלט זיך אונטערגעגעבן. ווי קען א מענטש אין אזא לאגע געפינען אן אויסוועג? אבער ניט אונזער מעכאניקער. עס איז אפשר געווען איין האלבע מינוט צו לעבן. דאס וואסער האט שוין דערגרייכט ביזן האלז און טראכטן איז ניט געווען קיין צייט. עס איז נאך געווען איין אויסוועג. איבערן קאפ איז געווען דער פארמאכטער ליוק. מ'האט אים זעלטן געעפנט. דאס דעקל איז

געווען שטארק צוגעדרייט מיט א באלט. מ'האט געקענט מיט א באלט־שליסל אפשליסן דעם באלט. אבער אויפהויבן דאס דעקל וואלט סיי ווי געווען אוממעגלאך. אפשר גאנצע הונדערט טאן וואסער־וואג האט אויף איר געדריקט פון דרויסן. גיי, זיי א חכם און הויב זי אויף. אבער דער מעכאניקער, דארפט איר וויסן, איז ניט געווען קיין מאטראס פון די אלטע צייטן. ער איז באלד געפאלן אויף א שכל: ער האט אפגעדרייט דעם באלט, איינגעהאלטן, ווי ער האט נאר געקענט, דעם אטעם, און געווארט ביז דאס וואסער וועט צוזאמענטרייבן די גאנצע לופט פון דער אפטיילונג צום באלקן און דורך דעם פארמירן א גענוג געדיכטע שיכט פון לופט, וואס זאל זיין גלייך צו דעם דרוק פונם וואסער פון דרויסן... ניט קיין לייכטע זאך אין אזעלכע אומשטענדן. אבער קיין אנדערע ברירה איז ניט געווען. דערווייל איז שוין דאס וואסער ביים סאמע אטעם. האט דער מעכאניקער געטראכט: איצט איז די צייט. און ער האט א הויב געטאן דאס דעקל. זי האט זיך א הויב געטאן און גלייך צוריק געפאלן. אפנים, אז דער לופט דרוק האט נאך ניט געקענט ביישטיין דעם דרוק פון אויבן. דערביי האט דאס דעקל דעם מעכאניקער צעשמעטערט אלע פינגער אויף דער לינקער האנט. אויך דאן האט ער זיך ניט פארלארן. אפגעווארט נאך אזוי פיל רגעם וויפיל ס'איז נאר מעגלאך געווען און נאך אמאל א שטויס געטאן דאס דעקל. איצט איז זי פארפלויגן, ווי א פעדערל, און דער מעכאניקער איז גלייך, איניינעם מיטן שיכט לופט, ארויסגעשאסן געווארן, ווי אין א באלון, אויף דער אויבערפלאך... און א גליקלאכער איז דער מענטש אויך געווען... באלד האט מען אים דערזען פון א פארבייגייענדיקער שיף. א האלב־טויטן האט מען אים ארויסגעצויגן פון וואסער, מיט צעשמעטערטע פינגער און פאר'סם'טע לונגען. ער איז אפשר א האלבן יאר נאכדעם געלעגן אין א שפיטאל, צווישן לעבן און טויט, און איז דאך לעבן געבליבן. און די סובמארין איז אזוי טאקע פארלארנגעגאנגען אויף אייביק מיט איר מאנשאפט.

דער דערציילער האָט פאַרענדיק און צוגעגעבן:

— אָט איז דיר אַ העלדישקייט פון היינטיקע צייטן. דאָס איז דיר ניט פרעסן די אייגענע חברים און אַרומשווימען אין אַ שליופּקע...

אַלע האָבן איין ווײַלע געשוויגן און גענומען דערציילן, נאָך דער ריי, זייערע מעשׂות. ס'איז ניט געווען קיין איינער, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט, אָדער וואָס האָט ניט געהאַט וואָס צו דער־ציילן. עס האָבן דערציילט סובמאַרינער סובמאַרין־דערפאַרונגען, אייגענע און פרעמדע, און עס האָבן דערציילט טויכערס זייערע דערפאַרונגען פונם גרונט פון ים. און אַ טויכער האָט דערציילט:

— ס'איז געווען מיט עטלאַכע יאָר צוריק. כ'האָב דאַן געאַרבעט ביי אַ פּריוואַטער קאָמפּאַניע, וואָס פלעגט אונטער־נעמען קאָנטראַקטן אַרויסצושלעפּן פון גרונט געזונקענע שיפן. ס'איז מיר איינמאָל אויסגעקומען צו אַרבעטן אונטערן וואַסער אַרום אַזאַ שיף. דער באָדן, אויף וועלכן די שיף איז געלעגן, איז געווען אַ בלאָטיקער. ווי נאָר עס פלעגט אָנקומען דער צופּלוס, גלייך פלעגט זיך די געזונקענע שיף אויפהויבן עטלאַכע פוס און איך פלעג אונטערקריכן אונטער איר און טאָן מיין אַרבעט. און איין מאָל האָט פּאַסירט, אַז איך האָב זיך פאַרגעסן און ניט באַמערקט דעם אָפּפלוס, וואָס איז דערווייל אָנגעקומען. איך גיב זיך אַ כאַפּ — די שיף זיצט שטייף אויף מיר. און איך בין געווען אין אַ ליגנדיקער פּאָזיציע. איך ליג אַזוי אין מיין שווערן אָנצוג און קען זיך אַפילו ניט אַ ריר טאָן. אַ פיינע זאַך, טראַכט איך מיר... וואָס טוט מען? איך האָב טעלעפאָנירט אויבן. אַרויס־שלעפּן מיך פון אונטער דער שיף האָבן די מענטשן אויבן מורא געהאַט. אַ שטאַרקער שלעפּ וואָלט געקענט איבעררייסן די ליניעס פון לופט, וואָס האָבן מיך געשפּייזט מיט לעבן... און איך וואָלט אפשר דורך דעם פאַרלאָרן מיין לעבן. האָט מען באַשלאָסן לאָזן מיך אַזוי ליגן אין דער בלאָטע, אונטערן קאָרפּוס פון דער שיף גאַנצע זעקס שעה... ביז עס וועט קומען אַ נייער צופּלוס...

נו, זיינען דאָס געווען זעקס שעה! גאַנצע זעקס אייביקייטן זיינען דאָס געווען. ליגסט אין דער בלאָטע, ווי אַ בלינדער, מיינסטו, אַז די גאַנצע וועלט האָט דיך פאַרגעסן און העלפן זיך קענסטו ניט. דער טויטער קערפּער פון שיף האָלט דיך צוגע־שמידט, און דו ליגסט און וואַרטסט... נאָכדעם איז געקומען דער צופלוס און די שיף האָט זיך אויפגעהויבן אויף איר פריער־דיקער פּאָזיציע... איך בין אַרויס אַ פרישער און אַ געזונטער...

נאָך אַ טויכער האָט דערציילט:

— און איך האָב איין מאָל געאַרבעט מיט אַ קאָמפּאַניע אויף אַ געזונקענער שיף, איינגאַנצן אַ צען מייל פון ברעג. די שיף איז געלעגן ניט זייער טיף. די אַרבעט איז געווען אַ לייכטע. מיר, טויכער, פלעגן זיך באַדריט אַרונטערלאָזן. דער דרוק איז געווען ניט זייער קיין שווערער. אַרבעטן איז געווען לייכט אפילו אין די שווערע אַנצוגן. נו, זיינען מיר איינמאָל אַרונטער מיט אונטער־וואַסער ברענער דורכצוברענען אַ דורכגאַנג צו די אינווייניקסטע אָפּטיילונגען. מיר פלעגן זיצן זיך אַזוי און איבערברענען שטאָלענע באַלקנס. דער פייער, וואָס שיסט אַרויס פון ברענער זידט אויף דאָס וואַסער אַרום זיך, בלעזלט אויף ווייסע שטראָמע־לאַך... די לייטונג פלעגט אונז האַלטן אונטערן וואַסער דריי און אַמאָל פיר שעה נאָכאַנאַנד. ס׳האָט אונז אָבער ניט געאַרט. אויפן דריטן טאָג האָבן מיר שוין דורכגעברענט דורכגאַנגען אין אַלע אָפּטיילונגען. איצט האָט מען שוין געקענט אָנהויבן די אויסלאָדונג אַרבעט. ס׳איז דאָרט געווען גענוג געלט און אַנדערע ווערטפולע זאַכן אין די מיליאָנען אפשר... אָבער אינווייניק אין שיף זיינען נאָך געווען אויך די דערטרונקענע... אויף מיר איז אויסגעפאַלן דער גורל אַרויסצושלעפּן די טויטע. און איך האָב קיין טויטע ניט איבעריק ליב... און פון די רעקאָרדס וואָס מיר האָבן געהאַט, האָבן אויף דער שיף באַדאַרפט זיין ניט ווייני־קער פון אַכט־ניין מענטשן, וואָס זיינען אינגאַנצן מיט דער שיף אונטערגעגאַנגען. די קאַטאַסטראָפע איז פאָרגעקומען אין מיטן

נאכט, ווען א צאל פון דער מאנשאפט איז געשלאפן. דער קאפיטאן איז אויך געשלאפן. און קיינער האט ניט געוואוסט וואס מיט אים האט פאסירט... נו, בין איך ארונטער אין דעם קאפיטאנס צימער פריער... איך קום ארונטער, ווארף א ביסל ליכט פון לעמפל אהין און אהער. און אליין האב איך א ביסל מורא אנצוטרעפן זיך מיט א טויטן. ניט קיין אנגענעמע באגעגעניש... דאס ליכט גרייכט ניט ווייט. גיי איך צו צום בעט. אהא! דער קאפיטאן איז טאקע אין בעט. און ניט אליין... מיט אים איז נאך אימיצער... כע־כע!... א פרוי! ווי דען? געוויינלאך, אין נאכט־קליידער. ליגן זיך שטארק ארומגענומען, ווי געליבטע... איך האב זיך א ביסל פארשעמט. ס'איז ניט מיין טבע אריינצורייסן זיך אין אינטימע אנגעלעגנהייטן... אבער פליכטן זיינען פליכטן. האב איך זיי פאנאנדערגעטיילט, איינציקוויז, אויף א שטריק ארויסגעשיקט צו דער אויבערפלאך... אפנים, אז דער טויט האט זיי פארכאפט פלוצלונג. שפעטער האט מען דערציילט, אז דאס איז גאר געווען דעם קאפיטאנס

דער עולם האט פריילאך געלאכט.

ביסלאכוויז איז מען אריבערגעגאנגען צו די דערפארונגען אין דער פארגאנגענער גרויסער מלחמה. צווישן די פארזאמלטע זיינען געווען עטלאכע מלחמה וועטעראנען. זיי האבן גערעדט וואס צו דערציילן און ווענן מלחמה. מלחמה אויפן ים איז געווען פארבונדן מיט די סאמע עסענצן פון זייערע לעבנס. מלחמה מיט סובמארינען אין די טיפענישן. מלחמה מיט מינען צעשטערער, מיט מינען־נעצן און מיט אלערליי אנדערע ים־מחבלים. דא איז דער פעלד געווען א רייכער און א ברייטער. דא האבן די אלערליי געפערלאכע דערפארונגען געקענט נאך רייכער באפוצט ווערן מיט פאנטאסטישע אויסטראכטענישן. מלחמה איז געווען מלחמה. דא האט זיך געלאזט גלויבן אין אלץ, וואס דער דערציילער האט דערציילט. און דער דערציילער אליין האט געקענט פון זיך ארויסציען, ווי אויף אן עקראן, אלערליי מערקווירדיקע געשעענישן, איינע שפאנענדיקער פאר דער אנדערער.

די אודיטאָריע איז געווען געשפּאַנט. די, וואָס האָבן זיך נאָך אַליין קיינמאָל ניט באַטייליקט אין אַן אמת'ער מלחמה, האָבן געגאַפּט. אין זייערע אויגן האָבן זיך געצונדן פייערלאַך. אין די אַלע דערציילונגען, אין די אמת'ע און אין די אויסגעטראַכטע, איז געווען לעבן און טויט. אין דעם איז געווען מורא און נייגעריקייט. העלדישקייט האָט דערגרייכט דעם העכסטן תיקון. העלדישקייט איז באַלוינט געוואָרן אין לעבן און אין טויט. געוואַגטקייט איז באַלוינט געוואָרן אין לעבן און אין טויט. משוגעת איז באַלוינט געוואָרן אין לעבן און אין טויט.

און די, וואָס האָבן זיך צוגעהערט זיינען געווען פול מיט איינגעהאַלטענער קנאה, וואָס האָט זיך שוין גלייך דאָ, אויפן אָרט, אויפגעלייזט אין דער גרויסער האָפענונג אַליין ווען עס איז צו באַטייליקן זיך אין אַ גרויסער צוקונפטיקער מלחמה, אין נעפּערלאַכע שלאַכטן. אין די אָדערן זיינען געפלאַסן ברענענדיקע שטראָמלאַך. פאַר די אויגן זיינען אויפגעשטאַנען בילדער. עס האָבן שוין געזען די אַנטציקטע אויגן די אויפגעריסענע פיינטלאַכע שיפן, וואָס האָבן געברענט, ווי פייערדיקע בערג. עס האָבן זיך געהויבן שוימיקע וואַסער־זיילן פון אויפגעריסענע מינען. עס האָבן זיך געצויגן ווייסע שוימיקע פּאַסן איבער אַ כוואַליעדיקן ים פון די לויפנדיקע טאָרפּעדאָס. און די אַנגעשפּיצטע אויערן האָבן שוין פאַרנומען דאָס קראַכן פון אַ ווייטער קאַנאָנאַדע.

ניין. דאָס אַלץ איז ניט געווען ווייט. ס'איז געווען נאָענט און מעגלאַך. דאָס האָט געקענט זיין אפילו מאָרגן און איבערמאָרגן. אָט זיינען דאָך אויף אַלע ים־ברעגן געווען אויסגעשטעלט ריזיקע פלאָטן און סובמארין־באַזעס. צענדליקער טויזנטער מענטשן זיינען טעגלאַך מושטרירט געוואָרן פאַר מלחמה. אומעטום האָט מען זיך יעדן טאָג געגרייט. אין דעם לאַנד און אין די אַנדערע לענדער.

און די מעשה־דערציילער האָבן ניט אויפגעהערט צו דערציילן פון אַלערליי העלדישקייטן. איין מעשה איז געווען אומגלויב־

לאכער פאר דער אנדערער. אבער אויפגענומען איז זי געווארן מיט דעם גרעסטן צוטרויען און הנאה. און אזוי וואלט מען זיך נאך אלץ דערציילט די מעשות ווייטער, ווען ניט דער קליינער אינצידענט, וואס האט זיך אריינגעריסן אין מיטן און צעריסן דעם פאדים פון די פאנטאזיע־פלעכטער. צווישן עולם איז געשטאנען דער מעכאניקער פון דער „שוואן", טאם נוברעג, א מענטש א שווייגער, אבער וועמען פיל פונם עולם האבן געקענט ווי אן ערנסטן מענטשן און צו וועמענס רייד מ'האט זיך אלע מאל צוגעהערט מיט דרך ארץ. ער האט זיך א ריר געטאן. א ווארף געטאן ארום א מאדנעם, אביסל אויפגערעגטן בליק און געווארט, אז ס'זאל ווערן שטיל. נאכדעם האט ער געזאגט:

— איר אלע דערציילט דא וועגן מלחמה. גוט, ביי אייך איז מלחמה — העלדישקייט. ניט מער. אלע זייט איר העלדן. און אייערע פריינט זיינען העלדן. אויך דאס איז גוט. נו, און וואס איז וועגן די טויזנטער און צענדליקער טויזנטער, וואס זיינען נאר קאנאנען־פלייש? וואס איז וועגן יענע? אייך איז גוט, — איר זייט העלדן... א העלד איז אלצאיינס. ער שפילט גרויס... אבער וואס איז וועגן דעם געווינלאכן? — אט וואס איך וויל וויסן.

אלע זיינען געבליבן שטיין אין א שווייגן. גלייך ווי די פראגע וואלט ניט נאר דעם געפרעגטן, נאר אויך אלעמען, אוועקגעשטעלט אין א פארלעגנהייט.

און נוברעג האט ווייטער געזאגט:

— אייך חלומט זיך מלחמה און העלדישקייט — רעדט איר נאר וועגן דעם. און דעם מענטשן, דעם פשוטן מענטשן, פון פלייש און פון בלוט, האט איר פארגעסן. ער איז דאך די גרויסע מערהייט אין דער מלחמה. און זיי, די מערהייט, געווינט דאך די מלחמה, ניט דער העלד. דער העלד צייכנט זיך נאר אויס אין א מלחמה. זיי געווינען די מלחמה מיט זייער טויט. מיט דעם טויט, וואס דריקט זיך אויס אין מורא'דיקע צאלן. און די אלע האט איר פארגעסן.

אימיצער פונם עולם, אַ פרייל‍אַכער מאַטראָס, האָט צוגעשריען:

— אויף מלחמה זיינען אַלע העלדן. אין מיטן פון אַ בּאַראַזש־פייער קריגט דיר יעדער־איינער מוט. ער הויבּט דיר אָן צו טאַנצן, ווי אַ יונג לאַשיקל. ער וואַרפט זיך אין פייער און אין וואַסער, ווי אין די אָרעמס פון אַ געליבּטער. קיין זאַך וועט אים ניט אָפּשטעלן. אַ העלד מיט אַלע פּישטשעווקעס!...

דער עולם האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. טאָם נובּערג האָט ווידער געזאָגט:

— אָט דאָס איז עס. ער ווערט ווילד פון שרעק און וואַרפט זיך אַריין גלייך אין די אָרעמס פון טויט, ווי אַ משוגענער, און שרייט: מאַמע!... און איר רופט עס אויף העלדישקייט. און איר פּרובּירט בּעסער אָפּשטעלן אַזאַ קערל און גיט אים אַ פרעג: וואָס טוט ער דאָ? און פאַרוואָס שלאָגט ער זיך? און פאַרוואָס שטאַרבּט ער? — וועט ער אייך ניט קענען ענטפערן, ווייל ער אַליין ווייסט ניט. מ'האָט אים געשיקט. מ'האָט אַלעמען געשיקט. איז ער געגאַנגען. ער איז קאַנאָנען־פלייש.

די פייערלאַכע שטימונג צווישן די מענטשן איז צעשטערט געוואָרן. דער געשפּרעך האָט געדראָט צו ווערן ערנסט. און ערנסטקייט האָט קיינער ניט ליבּ געהאַט. און ס'איז געוועזן פאַרדראָסיק אויף נובּערגן, גלייך ווי ער וואָלט צעשטערט אַ געבּיידע, וואָס זיי האָבּן אויפגעבּויט. און איינער פון די פריער־דיקע דערציילער האָט זיך מיט בּייזקייט אָפּגערופן:

— אפשר אַזעלכע ווי דו — ווייסן ניט. אַנדערע ווייסן. נישקשה, זיי ווייסן, ווען דאָס לאַנד דאַרף זיי.

נובּערג האָט אַ שאַרפן בּליק געטאָן אויף דעם אויסרופער און געזאָגט:

— דאָס לאַנד. דאָס לאַנד דאַרף זיי האָבּן אין לעבּן. ניט אין טויט. דאָס לאַנד דאַרף זיי האָבּן צו בּויען און צו שאַפן. ניט צו שטאַרבּן. און דו דערציילסט נאָר פון אַ העלדישקייט אויפן שוועל פון טויט. און טרייבּסט נאָך איבּער דערצו. און איך וועל דיר אויסרעכענען דאָס ריכטיקע צעטל פון דיינע העלדן: —

איינער וויל זיך דערדינען צו א העכערן ראנג פאר זיך. דער צווייטער — וויל אן אויסצייכענונג, א מעדאל. דער דריטער — איז גלאט א מענטש, וואס זוכט אין דער מלחמה אוואנטורן, שטארקע איבערלעבונגען. א פערטער — איז אמאל, ניט ווילנ־דיק, א העלד. אומשטענדן האבן אים געמאכט פאר א העלד. און די גרויסע מערהייט — זיי זיינען שפייז פאר די קאנאנען אויף דער יבשה און פאר די פישן — אין די טיפענישן פון ים.

אימיצער פון די פריערדיקע מלחמה־דערציילער האט קורץ א זאג געטאן, ארויסרוקנדיק זיך פון צווישן דעם עולם:

— ביסט „געל"! ביסט „געל" — אט וואס!

די ווערטער זיינען געווארפן געווארן אויף נובערגן. עס איז געוועזן אן ערנסטער מאמענט. יענער, וואס האט א ווארף געטאן דאס ווארט, איז שוין געשטאנען קעגן נובערגן. די ארומיקע אייגענע ווייב...

האבן געשוויגן, דערווארטנדיק א ביטערן געשלעג. נובערג האט אפגעווארט א רגע און שווער געזאגט:

— ווילסט זיך שלאגן?

— און אז איך וויל, איז וואס?

האט נובערג מיט א שמייכל געזאגט:

— און איך וויל זיך ניט שלאגן. איך שלאג זיך ניט מיט יעדן איינעם, וואס האט אן אנדער מיינונג, וואס איך.

יענער איז אבער געוועזן פאר'עקשנט. געזאגט:

— דו שלאגסט זיך ניט, ווייל דו ביסט „געל". אט פארוואס דו שלאגסט זיך ניט.

מער קיין ווערטער זיינען ניט פארביטן געווארן. די צוויי האבן זיך צונויפגעכאפט אין א העפטיקן געשלעג. דער עולם האט זיך אפגערוקט, געלאזן ארט פאר די שלעגער, פארמירט א קרייז, געקוקט מיט נייגעריקייט אויף די צוויי און נאר געפינטלט מיט די אויגן, ווען א שטארקער זעץ האט געטראפן אין ציל. דער געשלעג האט אבער לאנג ניט געדויערט. איין שטארקער זעץ, וואס נובערג האט געשיקט זיין קעגנער גלייך אין פנים אריין,

האט יענעם אפגעשליידערט אן א זייט און אומגעוואָרפן צו דער ערד. נובערג איז געבליבן שטיין אויף זיין אָרט אין א טעמפּער דערוואַרטונג. אָבער יענער איז אויף אים ניט אויפגעשפּרונגען. לאַנגזאַם אויפגעהויבן זיך און מיט ביטערע קללות אָפּגעטראָטן. דער געשלעג איז געווען פאַריבער. דער עולם האָט זיך אין פאַרלעגנהייט נאָך פאַרהאַלטן אויפן אָרט. ניט געוואָלט זיך צעגיין. ניט באַמערקט, ווי דער קורצער האַרבסטיקער טאָג האָט זיך געגנויגט צו דער נאַכט.

אין דער באַזע האָט א דינער פייף דריי מאָל דורכגעשניטן די לופט, אָנגעזאָגט די אַלע, וואָס זיינען געשטאַנען דעם טאָג אונטער אַלערליי פליכטן, אַז דער טאָג איז געענדיקט. די, וואָס האָבן באַדאַרפט איבערנעמען די נאַכט־פליכטן האָבן באַדאַרפט זיך אומקערן צו זייער אַרבעט. ערשט איצט האָט זיך דער עולם אָפּגעריסן פון זייערע ערטער און האָט זיך, פּלוצלונג, געגומען איילן, פאַנאַנדערגייענדיק זיך אין אַלע ריכטונגען.

אויפן אָרט איז נאָך א ווײַלע פאַרבליבן נובערג. צו אים איז צוגעקומען זיין נאָענטסטער חבר — ביל סאָיער, נאָך גאָר א יונגער מאַרינער.

סאָיער האָט געזאָגט:

— איך האָף, אַז דו האָסט ניט שטאַרק געליטן פון זיינע קלעפּ... און דו האָסט אים היבשלאַך אָוועקגעלייגט...

נובערג האָט געשוויגן. ער איז געווען ערנסט. כמעט אומעטיק. ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן אויף דעם חבר׳ס באַמערקונג.

ביל סאָיער האָט געזאָגט:

— וואָס זאָגסטו עפּעס וועגן דעם, אַז מיר זאָלן זיך אוועקלאָזן היינט בייַנאַכט אין שטאָט א ווײַלע, א לעב טאָן? א?

נובערג האָט א קוק געטאָן אויף אים:

— וואָס עפּעס, אין מיטן דערינען? האָסט זיך פאַרבענקט נאָך מענטשן?

— יע. כ׳האָב זיך טאַקע פאַרבענקט. דאָ זיינען אַנדערע מענטשן. פון אַן אַנדער וועלט און פון אַן אַנדער לעבן. דאָרט זיינען גאָר אַנדערע מענטשן.

נובערג האָט אַ ווײַלע אַ טראַכט געטאָן און געזאָגט:

— יע. די מענטשן זײַנען — אַ קלאַס פֿאַר זיך. גאָר אַנדערע מענטשן. און אונזער לעבן דאָ — איז ווי אויף אַן אָפּגעזונדערטן אינזל. מ׳האָט אונז אַלעמען אַהער צוזאַמענגעטריבן פֿון אַלע עקן פֿון לאַנד, און מיר לעבן איין לעבן. דערפֿאַר ווילן זיי, אַז מיר זאָלן אויך האָבן איין מיינונג וועגן זאַכן און טראַכטן אין איין ריכטונג. און ווי נאָר אַ וואָרט פֿאַרקערט — ביסטו שוין אַרויס פֿון דער אײַנגעשטעלטער אָרדענונג...

סאָיער האָט געזאָגט:

— ווייסט, טאַם, — האָסט באַדאַרפֿט זײַן פֿאָרזיכטיק. ס׳וועט דערגיין צו די העכערע באַאַמטע... וואָס וועסטו טאָן?

— כ׳וועל גאָרניט טאָן. און מיך אַרט ניט. ס׳איז שוין מיר סײַ ווי נמאס געוואָרן אין דער באַזע. כ׳בין צו לאַנג דאָ פֿאַרזונקען, און שוין צײַט אַרויסצוקריכן. געגנוג געבויגן דעם רוקן.

— אַז מ׳איז אין דעם פּלאַט קען מען זיך ניט העלפֿן. ס׳איז דיסציפּלין.

נובערג האָט אַ טראַכט געטאָן און געזאָגט:

ס׳איז ניט נאָר די דיסציפּלין. ערגער איז, וואָס דו האָסט דײַנע אייגענע געדאַנקען, און דו דאַרפֿסט זיי אונטערדריקן. קענסט ניט לעבן לויט דײַן אייגענעם געוויסן. וואָס איז דאָס פֿאַר אַ לעבן? גייסט אַרום צווישן מענטשן, אַן אָנגעלאָדענער מיט געדאַנקען און צווייפֿלונגען. ווילסט אַמאָל זיי אַרויסריידן. און ווי וועסטו דאָ קענען אַרויסריידן? דו דאַרפֿסט דענקען און לעבן און אויפֿפֿירן זיך ווי אַלע.

זײַן פֿרײַנט האָט געשוויגן.

— און נאָך אַ זאַך. אין דעם פּלאַט ביסטו, ווי אַ געפֿאַנגענער. האָסט ניט קיין אייגן לעבן.

סאָיער האָט געזאָגט:

— דערפֿאַר האָסטו דאָ מער פֿרייהייט. אַלץ ווערט פֿאַר דיר פֿאַרזאָרגט. דאַרפֿסט נאָר טאָן, וואָס מ׳הייסט דיר, און ס׳וועט שוין זײַן גוט.

נובערג האָט אַ שמייכל געטאָן:

— אַט דאָס איז אייער באַגריף וועגן פרייהייט. אַ מאַטראָס וועט שוין קיינמאָל ניט וויסן וואָס דאָס איז — פרייהייט.

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

סאַיער האָט געזאָגט:

— און וואָס רופסטו אָן פרייהייט?

— וואָס איך רוף אָן? אַלץ, אַחוץ געפאַנגענשאַפט. און מיר זיינען געפאַנגענע. מ'גיט אונז עסן און טרינקען. מ'גיט אונז אַ בעט צו שלאָפן. אָבער — פאַרוואָס טוט מען דאָס? צוליב וואָס טוט מען דאָס? — מ'קאָרמעט אונז אָפּ, ווי עופות, צו דער גרויסער סעודה. מ'גרייט אונז צו מלחמה. מיר לעבן, כדי צו שטאַרבן. זיי זען דעם זין פון אונזער לעבן אין אונזער טויט... ס'איז צום לאַכן.

אין זיינע ווערטער האָט געקלונגען אַ טרויעריקע איראָניע. ער האָט נאָך קיינמאָל פריער ניט גערעדט אַזוי אָפן וועגן דעם. סאַיער האָט אים אַזאַ קיינמאָל פריער ניט געזען. ער האָט אָפּגעשוויגן. און נובערג האָט ווידער געזאָגט:

— און אויסער דעם פלאָט איז אויך דאָס זעלביקע. ס'האָט ניט דער מענטש קיין פרייהייט. ניטאָ קיין יושר. אַ שיינע וועלט. שענער קען גאָר ניט זיין. איך בין שוין געווען אומעטום. אַ וועלט אויסגעוועזן. אומעטום דאָס זעלביקע. עפּעס איז נאָך ניט איינגעשטעלט. איין מענטש דעם צווייטן — אַ שונא. און פאַרוואָס? — קיינער ווייס ניט. אימיצער דאַרף, אַז ס'זאָל זיין אַזוי. ס'איז אין אימיצנס אינטערעסן, אַז די וועלט זאָל זיך ניט איינשטעלן און אַז איין מענטש זאָל זיין אַ שונא דעם צווייטן. איך האָב פריער געמיינט, אַז דאָ זיינען די אמת'ע מענטשן — בין איך געקומען אַהער. און וואָס האָב איך דאָ געפונען? אַ בינטל אָפּגענאַרטע פאַרפירטע שקלאַפן. אַ סטאַדע בהמות, וואָס מ'פיטערט אָפּ פאַרן שלאַכט־הויז. טפו!

ער האָט מיט ביטערקייט אַ שפּיי געטאָן.

סאַיער האָט אָפּגעוואַרט אַ ווײַלע און געזאָגט:

— האסט זייער א פינסטערן בליק אויף דער וועלט, טאם. איך האב דיך נאך קיינמאל ניט געזען אזא... ביסט אן אלטער מארינער. ווייסט דעם פלאט גוט און ביסט באקאנט מיט אונזער לעבן ניט פון היינט. וואס איז דא וואס צו באקלאגן זיך? וואס ס'וועט זיין מיט אלעמען — דאס וועט זיין מיט אונז.

— ביז איצט האב איך אויך אזוי געטראכט. וואס איז אונזער לעבן? א זארגלאז שטיקל לעבן. אימיצער פארזארגט פאר דיר אלץ, און דו — פאלג נאר אויס, טו וואס מ'הייסט דיר און טראכט ניט וועגן מארגן. אבער ווי לאנג קען א מענטש אזוי לעבן? דיר איז גוט. דו ביסט נאך יונג. האסט נאך ניט געהאט קיין צייט צו פארטראכטן זיך. שפעטער וועסטו זיך אויך ארומזען.

— און ביז איך וועל זיך ארומזען — קום אין שטאט אריין. מיר וועלן אביסל פארברענגען מיט מיידלאך. נישקשה, וועסט זיך אויך פארגעסן... איז וואס זאגסטו, נוברג?

— צום טייוול זיי אלעמען. אבער אויב דו ווילסט, וועל איך גיין. מיר איז אלץ איינס.

— איז גייען מיר.

סאיער האט זיך, דער ערשטער, אפגעריסן פון ארט. נוברג איז אים נאכגעגאנגען.ביידע זיינען איצט געגאנגען שווייגנדיקע. זיי זיינען געגאנגען צו דער „קווארטיר", וואו מ'האט באדארפט ארויסקריגן דעם אורלויב אויף א נאכט.

אויף דער „קווארטיר" האט מען זיי קיין אורלויב ניט געגעבן. קיין אורזאך, ווי געוויינלאך, האט מען זיי אויך ניט אנגעגעבן. עס איז געווען א פאראָרדענונג, אז קיינער פון דער „Z-1"-מאנשאפט האט ניט געטארט פארלאזן די באראקן.

עס איז געווען קלאר, אז אינם לעבן פון דער „Z-1" האט אויף מארגן באדארפט עפעס פארקומען. אפשר א וויכטיקע מאנעווערע. אז די „Z-1" האט זיך ארויסגעלאזט אויף א מאנעווערע איז עס אלע מאל געווען א גרויסע נאציאנאלע געשעעניש. דאס האט צוגעזאגט שווערע אנשטרענגונגען און גרויסע פאראנטווארטלאכקייטן. די צוויי זיינען אנטוישטע אוועק צו זייער באראק.

אויף דער בולעטין־ברעט, אויף וועלכער עס זיינען געווײנלאַך אַפיציעל אַנאַנסירט געוואָרן אַלע געשעענישן אינם לעבן פון דער באַזע און פונם גאַנצן פלאָט, איז אויך קיין זאַך ניט געווען, וואָס זאָל קלאָר מאַכן עפּעס וועגן די מאָרגעדיקע אויפגאַבן פון זייער סובמאַרין. אויך אין דעם באַראַק האָט קיינער פון קיין זאַך ניט געוואוסט.

סאָיער האָט געזאָגט:

— מאָרגן. קיינמאָל האָט מען נאָך אונז ניט אָפּגעזאָגט. און איצט...

נובערג האָט אַ טראַכט געטאָן:

— מסתמא אַ מאַנעוורע. שוין לאַנג ניט געזען דער „שוואַנס" נאָמען אין די צייטונגען.

די מאַרינער האָבן אַרומגערינגלט די צוויי חברים און מיט אינטערעס געפּרואווט טרעפן מיט וואָס מ'וועט אָנהייבן מאָרגנ־דיקן טאָג. די השערה, אַז די „שוואַן" וועט אפשר מאָרגן דאַרפן דורכמאַכן אַ גרויסע מאַנעוורע האָט בײַ פיל פון דער מאַנשאַפט אַרויסגערופן צופרידנקייט. דאָס איז געווען אַ גרויסע געשעעניש. אין דעם איז געווען יום־טוב. איינער, זייער אַ צופרידענער, האָט געריבן די הענט און מיט באַגייסטערונג אויסגעשריען:

— צום טייוול! שוין צייט עפּעס צו טאָן. קיין אמת'ע מלחמה איז ניטאָ — זאָל כאָטש זיין אַן אָנשטענדיקע מאַנעוורע...

און נאָכדעם איז שוין דעם גאַנצן אָוונט אין די באַראַק־אָפּטייַ־לונגען געווען אַ לעבהאַפטע שטימונג. מ'האָט שוין גערעדט וועגן דער פאָרשטייענדיקער מאַנעוורע ווי וועגן אַ זיכערער זאַך. אייניקע האָבן זיך שוין אַביסל אויך געזאָרגט.

און איינער האָט געזאָגט:

— און איצט „שוואַנעלע", וועסטו אונז דאַרפן ווייזן נאָך אַמאָל וואָס דו קענסט טאָן. גענוג גערוט און געכאַליעט זיך... און מיר אַליין דאַרפן זיך אויך אַ שאָקל טאָן... עך, אַ לעבן!

און ס'איז שווער געווען צו וויסן צי ער האָט זיך געפרייט, צי ער האָט זיך געזאָרגט.

קאפיטל פיר

יענע נאכט איז געווען פאר דער מאנשאפט אן אומרואיקע. אין קאפ זיינען געקראכן אלערליי געדאנקען. גוטע און שלעכטע. עס האט זיך שלעכט געשלאפן. עס איז געווען אומעטיק און גוט. מ'האט זיך דערמאנט אן די היימען. אט וועט זיך ענדיקן די מאנעווערע, און ס'וועט שוין זיין וואס צו שרייבן צו די אייגענע. עס וועט פרייען די אייגענע צו לייענען די נייס פון די צייטונגען און נאך מער — פון די בריוו. די עלטערן וועלן זיך גרויסן. ברידער און שוועסטער וועלן זיך גרויסן און מקנא זיין. עס איז געווען גוט און אומעטיק.

אויך נובערגן איז אומעטיק געווען יענע נאכט. עס איז אים שווער געווען צו טראגן דאס לעבן פון א מארינער. דאס לעבן אין דעם פלאט איז אים שוין פון א צייט דערעסן. אמאל איז ער געווען א גוטער איבערגעגעבענער מארינער און איצט איז ער געווען א שונא פונם פלאט. די שנאה איז נאך דערוייל געווען א באהאלטענע. אבער, שוין איצט, האט זי זיך, פון צייט צו צייט, ארויסגעריסן אינדרויסן און באוויזן איר אמת'ן פנים. פון דעם איז געווען ביטער. פון דעם האט זיך אבער אויך געפרייט דאס הארץ און ס'האבן זיך געצונדן די בלוטן. ווייל ער איז געווען העכער פון יעדן אנדערן סובמארינער. ער האט געוואוסט מער. ער האט פארשטאנען דאס לעבן טיפער, און נאך מער: — עס האט אים געצויגן צו ניי־אויפגעוועקטע פראבלעמען פון דער וועלט, וואס האבן גערופן צו טעטיקייט. עס האט זיך אים געוואלט ארײַנוואַרפן אינם נייעם שטראם פון לעבן, וואס איז אנגעקומען פון גאר א נייער ריכטונג, אינם שטראם, וואס איז געקומען פון די טיפענישן פון די פאלקס־מאסן, האט ווי א לעבעדיקער אדער, דורכגענומען און דורכגעוועבט די סאמע עקזיסטענץ פון מענטשן און פעלקער און האט אויך דורכגעדרונגען נובערגס אייגענע עקזיסטענץ מיט נאך ניט א דערקענטער רעגעדיקער פרייד. יע.

ס'איז אָנגעקומען אַ נײַ לעבן. געקומען, און ביסלעכווייז, אַרײַנ־
געדרונגען און פאַרכאַפּט יעדן ווינקל פון דער וועלט, באַפּעסטיקט
אומעטום דעם יסוד פאַר זײַן גרויסער, נאָך ניט דערקענטער פרייד.

ער אַליין איז געקומען פון די טיפענישן פון לעבן. ער אַליין
איז געווען איינער פון די פאָלקס־כחות, וואָס האָבן זיך געיעירט
און אויפגעגאַנגען אין אַ נײַעם לעבן. זײַן לעבן איז געווען פול
מיט טויזנטער דערפאַרונגען, וואָס ער האָט אָנגעטראָפן אין זײַן
לאַנגן וועג ביז דעם פּלאַץ. ער איז געווען אַ טרוימער און אַן
אַוואַנטוריסט. ער האָט דורכגעשפּאַנט דאָס לעבן מיט האַסטיקע
טריט. אָבער ער איז אויך געווען אַ מענטש מיט קלאָרע אויגן
און מיט אַ פּראַקטישן קאָפּ. די אויגן זײַנע האָבן געזען די וועלט
און דער קאָפּ האָט באַנומען אירע וועגן. ער האָט גוט געקענט
דעם ים און דאָס לעבן אויפן ים, אָבער נאָך מער האָט ער געקאָנט
דאָס לעבן אויף דער יבשה.

ער האָט באַזוכט אַלע גרעסערע צענטערן פון לאַנד. אויס־
געווען אין אַלע שטאַטן און דורכגעקרייצט אַלע פּאַרוואַרפענע
וועגן פון אָקעאַן ביז אָקעאַן. ער האָט געקענט די ווייטסטע
געגנטן פון אַלאַסקע, טעקסעס און קאַליפאָרניע ניט ווייניקער, ווי
נויאָרק, אָדער שיקאַגאָ, מיט זייערע „סלאָמס״. ער האָט געקענט
די באָוערי און אירע מענטשן. ער האָט געקענט איר סביבה, מיט
אירע לײַדן, מיט איר פאַטעטישער שיינקייט, מיט איר בלוטיקער
טראַגישקייט, מיט וועלכער זי האָט באַשאָנקען די פאַרוואָגלטע און
אָפּגעגאַרטע, אָבער וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „מאַמע־
באָוערי״, ווײַל יעדער וואַגאַבונד איז אין איר געווען אַרײַנגע־
וואַקסן, ווי מיט אַ נאָפּל. דערפאַר האָט אַלע מאָל געצויגן צו
איר, ווי צו אַ מאַמען. פון דאָרטן האָט זיך געצויגן דאָס לעבן
און אהין האָט אַלע מאָל געצויגן דאָס לעבן.

וואָס איז געווען נובערגס לעבן אינם פּלאַץ? — אַ ליגן. ער
האָט זיך דאָ געפילט ווי אַ פרעמדער. די אַרבעט איז געווען אַ
פרעמדע און די מענטשן — פרעמדע. דאָס איז ניט געווען

דאָס לעבן — דאָס איז געווען אַ סוראגאַט, וואָס האָט באַדאַרפט פאַרבייטן און אָפּנאַרן. ער וועט אוועקגיין אין לעבן אַריין, אָפּ־רייסן זיך פונם ליגן, וואָס האָט פאַרשטעלט דעם אמת מיט קאָלירטע שלייערן פון אויפגעבלאָזענער העלדישקייט. ער וועט זיך באַפרייען פונם ליגן. ער וועט באַקעמפן דעם ליגן און ווייזן דער וועלט זיין אמת'ן פנים. ניין, זאָל נאָר די מאַנעוורע פאַרי־בער, און ער וועט אוועקגיין. ער וועט זיך אָפּגעזעגענען מיטן פלאָט אויף אייביק.

פון דעם איז געווען גוט צו טראַכטן. אין דעם איז געווען באַפרייאונג און אויך אַ פאַרענטפערונג פאַר אַלערליי פראַגעס, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות מיטן פלאָט און מיט זיין לעבן אינם פלאָט. וואָס איז געווען דער פלאָט? וואָס זיינען געווען די ריזיקע דרעדנאָוטן, סובמארינעס, מינען־וואָרפער און צעשטע־רער? און וואָס איז ער אליין געווען אין זיי? און וואָס איז געווען מלחמה? און צוליב וואָס האָבן זיך פעלקער געשלאָגן און געבראַכט די צעשטערונג און דעם שוידערלאַכן מאַסן־מאָרד? האָט ער אָנגענומען די מלחמה און די שטענדיקע צוגרייטונגען צו איר? האָט ער זי אָנגענומען אין דער פאַרגאַנגענהייט? קען ער זי אָננעמען אין דער צוקונפט?

דאָס זיינען איצט פאַר אים געווען באַצווינגנדיקע פראַגעס, און אויסמיידן זיי האָט ער שוין ניט געקענט. אַמאָל האָט ער געקענט, און איצט — ניט. ווייל די אַלע פראַגעס האָבן זיך געצויגן פון אים גופא ביז אין דער טיף פון די סאַמע פאַרפּלאָנ־טערטסטע פּראָבלעמען פון דער עקזיסטירנדיקער פּאָליטישער און געזעלשאַפטלאַכער אָרדענונג. דאָס לעבן איז איצט פאַר אים געווען פול מיט ווייזערס, ווי די ווייזערס פון די אַלערליי באַראָ־מעטערן, קאָמפּאַסן, אַמעטערן און מאַנאָמעטערן, וואָס האָבן געוויזן און באַשטימט דעם צושטאַנד פון ריכטונג, פון דרוק און פון ווידערשטאַנד. איינס האָט זיך געבונדן מיטן צווייטן. איינס איז געווען אַ רעזולטאַט פונם צווייטן. מ'האָט זיך באַדאַרפט

פאַנאַנדערקלייבן און זיך אויספּלאָנטערן פון אַלערליי ווירקונגען און פאַראורטיילן, כדי צו קענען דערזען קלאָר און באַשטימט דעם גאַנג און דעם צושטאַנד פון זאַכן אויף דער וועלט.

ניין, ער האָט זיך פריער באַדאַרפט באַפרייען פונם פּלאָט. נאָכדעם וואָלט ער שוין געקענט דערזען אַלץ אינם אמת'ן ליכט. ער וואָלט זיך באַפרייט פון טויזנטער צווייפלענישן און מאַטער־נישן. ער וואָלט אָנגעהויבן אויפסניי דאָס לעבן.

* * *

אָנטקעגן אים, אויף אַ בעטל, איז געלעגן ביל סאַיער, זיין יונגער פריינט און געהילף־מאַשיניסט. ער איז רואיק געשלאָפן. ער האָט לייכט גענומען דאָס לעבן. ווייניק געטראַכט. ער איז נאָך געווען צו יונג צו טראַכטן. דערצו איז ער געווען אַ פּאָעט. ער האָט ליב געהאַט צו זינגען און פאַרפאַסן לידער. און אין לעבן האָט ער געזען נאָר די שיינע זייטן. אין העראָאישקייט האָט ער געזען נאָר שיינקייט. אין טראַגישקייט האָט ער געזען שיינקייט. אין די נאָך ניט פאַרשטאַנענע ווידערשפּרוכן און פּלאָנטערנישן פון לעבן האָט ער געזען שיינקייט. ער האָט באַ־וואונדערט די וועלט מיט אירע שיינקייטן. דערצו איז ער געווען אַ גלויביקער. געגלויבט אינם מענטשן און זיינע אויפטואונגען. ניט געקענט זען קיין שלעכטס אינם מענטשן און אין זיינע אויפ־טואונגען. דאָס לעבן איז אין זיינע אויגן געווען אַ וואונדערלאַכער שפּיל פון כחות אינם מענטשן און אין דער נאַטור.

געקומען איז ער פון אַן אָרעמער אַרבעטער פאַמיליע. געהאַט אין דערהיים אַ ברודער אַן אינוואַליד, וואָס איז שווער פאַר־וואונדעט געוואָרן אין דער וועלט־מלחמה און איז איצט געווען אינדערהיים אַ שווערע לאַסט אויף די אָרעמע עלטערן. און אינם פּלאָט איז ער אריין צוליב עפּעס אַ קינדערשער עקשנות, צוליב אַ טונקעלן געפיל פון נקמה, וואָס ער האָט געוואָלט נעמען פאַר זיין ברודערס ליידן. ער האָט וועגן דעם עטלאַכע מאָל דערציילט נובערגן. און איין מאָל האָט ער געזאָגט:

— זיי האבן מיין ברודער אומגליקלאך געמאכט. ער קען פאר זיך די נקמה ניט נעמען, וועל איך זי פאר אים נעמען.

ווער די „זיי" זיינען געווען און ווי אזוי ער האט געקענט נעמען די נקמה האט ער נאך מסתמא אליין ניט געוואוסט. אבער זיין יוגנטלאכער אויפגעטרייסלטער געמיט האט גערופן צו העלדיש־קייט, וואס האט געזאלט זיין אן ענטפער אויף זיין ברודערס פארלארענעם לעבן.

אויף דער „שוואן" איז סאיער געווען דער אינגסטער צווישן דער גאנצער מאנשאפט. דא האט מען אים באלד ליב געקראגן. מ'האט אים ליב געהאט פאר זיין יונגקייט, פאר זיינע טרעפיקע פארפאסונגען וועגן די חברים־מאטראסן און וועגן פרויען. מ'האט אים ליב געהאט פאר זיין לוסטיקייט, פאר זיין קערפערלאכער שיינקייט און איידלקייט פון פנים, וואס האט אים אויסגעצייכנט צווישן די פארגרעבטע פנימער פון די מאטראסן. וואו ער איז געווען, איז שוין ארום אים געווען א רעדל מענטשן, וואס האט אים ארומגערינגלט מיט א באזונדער אויפמערקזאמקייט, ווי עלטערע רינגלען ארום א קלוג, געראטן קינד, וואס איז געראטן ניט נאך זיינע יארן.

און נאר נובערג האט זיך צו סאיערן באצויגן אנדערש. ער האט אויף אים געקוקט ווי אויף א גלייכן. ער האט מיט אים געקענט רעדן וועגן אלץ, וואס ס'האט געהאט א שייכות מיט זייער לעבן אינם פלאט און וועגן די שרייענדיקע קאנטראסטן, מיט וועלכע ס'איז געווען פול די ארומיקע וועלט. ער האט אים מיטגענומען אין די רייכסטע געגנדן פון שטאט און אין די ארעמסטע קווארטאלן. ער האט אים געלערנט צו פארשטיין די אורזאכן, וואס האבן ארויסגעבראכט די עקזיסטירנדיקע ארדע־נונג. עס איז ניט געווען קיין איין פראגע, וואס האט אים אליין אנגערירט, אז ער זאל זיך מיט איר ניט טיילן מיט זיין יונגן פריינט. און יענער האט מיט נייגעריקייט אלץ אויפגענומען און פארשטאנען. נובערג איז פאר אים געווען ווי א פענסטער, דורך

וועלכן ער האָט אַרויסגעקוקט צו דער וועלט און צו מענטשן. נובערגס פּשוטע רייד האָבן אין זיינע אויערן געקלונגען ווי וואונ־דערלאַכע מעשׂות פון אַן אַנדער, אומבאַקאַנטער וועלט.

און נאָר אין איין זאַך האָט נובערג ניט געקענט שלום מאַכן מיט סאַיערן. דאָס איז געווען זיין קינדישער איינפאַל צו נעמען עפּעס אַ ווייטע נקמה פון אימיצן, פאַר וועמען ער אליין האָט נאָך ניט געהאַט קיין נאָמען. ס׳איז געווען אַ נאַאיווע איינרעדעניש, וואָס האָט גערעגט דאָס יונגע געמיט און האָט געטריבן צו אומ־באַגרינדעטע טאַטן. דערפאַר האָט אים נובערג ניט איין מאָל פּרובירט אַרויפפירן אויף אַ קלאָרן ענטפער. און איין מאָל האָט ער אים אפילו, גאַנץ ברוטאַל און פּלוצלונג, אַ פרעג געטאָן:

—ביסטו, הייסט עס, אַריין אין דעם פּלאַט צו נעמען נקמה פאַר דיין ברודער, האַ?... איז ווי וועסטו זי נעמען, וואָלט איך וועלן ויסן, און פון וועמען?

סאַיער האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט זיין אָפענעם בליק און געזאָגט:

— פון וועמען? — פונם שונא. דער שונא האָט אים געמאַכט פאַר אַ קאַליקע...

— און ווער איז דער שונא?

סאַיער האָט אַ טראַכט געטאָן:

— איך וייס ניט ווער. די, וואָס האָבן זיין בלוט פאַרגאָסן...

נובערג איז געווען אומ׳ברחמנות׳דיק:

— דאָס בלוט האָט פאַרגאָסן אַן אומשולדיקער סאָלדאַט, וואָס האָט דיין ברודער אין זיין גאַנצן לעבן ניט אָנגעקוקט. אפילו אין חלום אים ניט געזען. דיין ברודער האָט אויף אים געשאָסן און ער האָט צוריקגעשאָסן. און יענער האָט אפילו ניט געוואוסט, אַז ער האָט דיין ברודער פאַרוואונדעט... ס׳איז מלחמה. מ׳הייסט שיסן — שיסט מען. און דער, וואָס שיסט און צע־שטערט אַ לעבן איז ניט שולדיק. איז ניט קיין שונא. מ׳האָט

אים געהייסן טויטן — האָט ער געטויט. מ'האָט אים געהייסן געטויט ווערן איז ער געטויט געוואָרן... ווער־זשע איז דער שונא?

סאַיער האָט ווידער אַ טראַכט געטאָן:

— דער שונא איז דער, וואָס האָט געהייסן שיסן.

— יענעם האָט געהייסן שיסן זיין לאַנד. דיין ברודער האָט געהייסן שיסן — אויך זיין לאַנד. און איצט זיינען ביידע לענדער געוואָרן פריינט. די ערד, אויף וועלכער מ'האָט זיך געמאָרדעט איז נאָך פייכט מיט בלוט, און די, וואָס האָבן געהייסן שיסן קושן זיך שוין אין די פּיסקעס... מ'פאַררופט פּאָליטישע קאָנפע־רענצן, מ'פּראַוועט באַנקעטן איינע פאַר די אַנדערע און מ'לויבט איינע די אַנדערע אין הימל אריין... און דאָס ווערט געטאָן פאַר די אויגן פון טויזנטער קאַליקעס, וואָס האָבן פאַרגאָסן זייער בלוט און אין דעם אָנדענק פון מיליאָנען, וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע לעבנס אומזיסט. איז ווער־זשע, זאָגסטו, איז פאַרט דער שונא?

סאַיער האָט געשוויגן. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער, פאַרלאָרן, געזאָגט:

— איז ווער וועט נעמען נקמה פאַר דעם ברודער?

— דו דאַרפסט נעמען די נקמה. אָבער פריער דאַרף פאַר דיר קלאָר ווערן ווער ס'איז דער שולדיקער און פון וועמען די נקמה דאַרף גענומען ווערן. דערווייל ווייסטו נאָך ניט. דו נעמסט זי פון זיך אַליין, די נקמה, כדי לייכטער צו מאַכן דיין געמיט. ביסט אַריין אין דעם פּלאַט, גרייט אָוועקצוגעבן דיין אייגן לעבן, און דו ווילסט זיך איינריידן, אַז דו גיסט אים אָוועק פאַר די ליידן פון דיין אומגליקלאַכן ברודער... וועסט פאַלן אַ קרבן, אָבער אויסקויפן דיין ברודערס ליידן וועסטו ניט קענען... ס'איז אַזוי איינגעשטעלט די וועלט. וועסט עלטער ווערן, וועסט זיך אַרומקוקן, וועסטו דערזען. און דאַמאָלט וועסטו וויסן ווער ס'איז דער אמת'ער שונא און פון וועמען די נקמה דאַרף גענומען ווערן.

סאַיער האָט געהערט און געשוויגן. נובערגס רייד האָבן ווי געטאָן. אין אָנהויב האָט ער אַפילו אים פיינט געהאַט. אָבער שפּעטער האָט ער זיך צו אים צוגעבונדן, געוואָרן נאָענט. און נאָך שפּעטער איז ער געוואָרן נובערגס אומצוטיילבאַרער פריינט. נובערג איז געוואָרן דער קאָפּ און דאָס האַרץ, מיט וועלכע סאַיער האָט אָנגעהויבן צו באַנעמען די וועלט. ביידע האָבן זיך געגרייט אָוועקצוגיין פונם פּלאַט און אַריינגיין אינם ברייטן לעבן.

און איצט איז נובערג געלעגן מיט אָפענע אויגן. געטראַכט וועגן זיך און וועגן זיין פריינט סאַיערן, וואָס איז דערביי רואיק געשלאָפן, און וועגן דער ברייטער וועלט, וואָס איז געווען פול מיט אייביקע פּלאָנטערנישן און מאָדנע ווידערשפּרוכן, וועגן דעם ביטערן מענטשלאַכן שיקזאַל, וואָס האָט זיך געריסן פון אַט די פּלאָנטערנישן און זיך קיינמאָל ניט געקענט אַרויסרייסן.

קאַפּיטל פינף

אויף מאָרגן, אַז מ'איז אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, איז אַלץ קלאָר געוואָרן. דאָס, וואָס מ'האָט פאַרדעכטיקט, איז טאַקע מקוים געוואָרן. ווייל מיט אַ טאָג פריער איז אין דער באַזע אָנגעקומען אַ ראַדיאָגראַמע פון דער פלאָטן־הויפּטקוואַרטיר, אונטערגעשריבן פון דעם אַדמיראַל פונם אַטלאַנטישן פלאָט. די טעלעגראַמע איז, מיט אַלע געהיימע פאָרזיכטיקייטן און אין גרויסער איילעניש איבערגעגעבן געוואָרן דעם קאָמאַנדיר פון דער סובמאַרין, דעם לייטענאַנט קאַלווין פאַרקער, אין דער פאָרמע פון אַ קריג־פאַראָרדענונג. לויטן באַפעל, האָט זיך די סובמאַרין „Z-1" — „די שוואַן" — אינאיינעם מיט אַ צאָל אַנדערע געקליבענע סובמאַרינען, באַדאַרפט גרייטן אויף אַ ווייטער וויכטיקער קאָמאַנדירונג. שוין אויף מאָרגן, גענוי איינס אַזייגער ביינאַכט, האָט זיך די קליינע פלאָטילע באַדאַרפט אַרויסלאָזן אויף דער אויסערגעוויינלאַכער אויפגאַבע.

אין דעם באַפעל איז נאָך ניט אַלץ געווען קלאָר. קיין דעטאַלן זיינען נאָך ניט געווען גענוי אָנגעגעבן. אָבער ס'איז שוין געווען קלאָר דער ערשטער שריט, וואָס די פלאָטיליע האָט באַדאַרפט מאַכן. דער ערשטער עטאַפּ אירער האָט באַדאַרפט זיין אַ געוויסער פונקט אין די וואַסערן פונם אַטלאַנטישן אָקעאַן, צווישן די צוויי גרעסטע סובמאַרין־באַזעס. דאָרטן האָט די פלאָטיליע באַדאַרפט אַרומקרייזן אין שטרייננגער געהיימנים, ביז דער צווייטער ענדגילטיקער פאַראָרדענונג פון דער הויפּטקוואַרטיר. עס איז געווען פינקטלאַך אָנגעגעבן דאָס אָרט — די לאָנגיטוד און די לאַטיטוד — וואו די סובמאַרינען האָבן זיך באַדאַרפט פאַרזאַמלען. עס איז אויך באַשטימט געוואָרן די צייט, ווען זיי האָבן געמוזט גרייכן צום אָנגעגעבענעם אָרט.

אַלץ איז אין דער פאַראָרדענונג געווען געוויינלאַך. אומגעוויינלאַך איז נאָר געווען די פאָרם, אין וועלכער די פאַראָרדענונג

איז געווען געשריבן. די אַלע פּאַרזיכטיקייטן און אַלע פֿאַרשריפֿטן פֿאַר געהיימקייט, האָבן דערמאָנט די פֿאַראָרדענונגען און פֿאַר־שריפֿטן פֿון דער געהיימער קריג־דיסציפּלין. און אומגעווייניך איז עס אויך געווען דערפֿאַר, וואָס גראָד אין דעם מאָמענט האָט דאָס לאַנד ניט געפֿירט קיין מלחמה. אויף דער וועלט זיינען בכלל אין דעם מאָמענט ניט געווען קיין מלחמות, אָדער ערנסטע צוזאַמענשטויסן, וואָס זאָלן גלייך, פֿון אָנהויב, פֿאָדערן די דינסט פֿון א סובמאַרין־פֿלאָטיליע. און דאָ איז די פֿאַראָרדענונג אָנגע־קומען אין דער פֿאָרם און מיט דעם אינהאַלט פֿון א מיליטערישער פֿאַראָרדענונג, מיט אַלע דעטאַלן פֿון קריגס־צייט.

איינינעם מיט דער טעלעגראַמע איז אויך אָנגעקומען אַן אָרדער פֿאַר דעם סקיפּער פֿון דער „Z-1", קאַלווין פּאַרקער, צו קומען גלייך אין דער הויפּט־קוואַרטיר זעען זיך פּערזענלאך מיט דעם אַדמיראַל פֿונם אַטלאַנטישן פֿלאָט און דורכריידן זיך וועגן דער פֿאַרשטייענדיקער אַקציע.

אָנגעקומען צו דעם אַדמיראַל איז דער סקיפּער פֿון דער „Z-1" אין אָוונט. דער אַדמיראַל האָט אים געבעטן זיצן, און אַליין איז ער זיך איין מאָל דורכגעגאַנגען איבערן צימער. ער האָט געוואָלט געווינען צייט, נאָך אַמאָל און נאָך בעסער אַרומ־טראַכטן דאָס, וועגן וואָס ער האָט באַדאַרפֿט ריידן. אין דערזעל־ביקער צייט, האָט ער מיט דעם געוואָלט אונטערשטרייכן די וויכטיקייט פֿון דער אודיענץ. נאָכדעם האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אַנטקעגן פּאַרקערן און געזאָגט:

— דער פֿלאָט וויל אויף אייך אַרויפֿלייגן א גרויסע אויפֿגאַבע, לייטענאַנט. איר דאַרפֿט זיין שטאָלץ, וואָס מיר האָבן גראָד אייך באַשטימט פֿאַר דעם הויפּט־קאָמאַנדיר פֿון א גאַנצער פֿלאָטיליע, וואָס וועט דאַרפֿן דורכפֿירן גרויסע און פֿאַראַנט־וואָרטלאַכע אויפֿטואונגען אין די אינטערעסן פֿון אונזער לאַנד.

דער לייטענאַנט האָט א נייג געטאָן דעם קאָפּ, אויסגעגלייכט זיך און מיט בלייבע אויפֿגערעגטע ליפּן געזאָגט:

— איך דאנק אייך פארן כבוד, אייער עקסעלענץ. איך וועל טריי און איבערגעגעבן דינען די אינטערעסן פון אונזער גרויסן לאנד, און האף, אז איך וועל פארדינען אייער צוטרוי.

דער אדמיראל האט קורץ געזאגט:

— גוט, איצט קענען מיר ריידן.

ער האט זיך אוועקגעזעצט אנטקעגן פארקערן, אריינגעקוקט אים אין די אויגן און האט אנגעהויבן:

— אונזער לאנד איז גרויס און איינפלוסרייך. איר איינפלוס גרייכט ווייט און ברייט אריבער די אייגענע גרענעצן. אונזערע אינטערעסן זיינען פאקטיש אין יעדן לאנד, אויף יעדן קאנטינענט פון דער וועלט. דארפן מיר אונזערע אינטערעסן האלטן אין אויג. אונזערע אוצרות, וואו זיי זאלן זיך ניט געפינען, דארפן אפגעהיט ווערן פון יעדער געפאר. און ווער דארף שטיין אויף דער וואך? — ווי אלע מאל, דער פלאט.

דער אדמיראל האט איבערגעכאפט דעם אטעם. אפגעווארט, פונקט וויפיל מ'האט באדארפט, און ווידער אנגעהויבן:

— איז אט זיינען אונזערע אינטערעסן אין א געפאר. איר האט זיכער געלייענט די נעכטיקע אויסגאבע פון דעם פלאטן זשורנאל. איר האט באמערקט, אז אויפן ווייטן מזרח איז אומ־רואיק. מ'קען נאך ניט וויסן וואס עס קען זיך פון דעם אנטוויק־לען. אבער, אז די אנטוויקלונגען וועלן זיין ערנסטע קען מען שוין איצט באשטימען אויף זיכער. אונזער פלאט דארף באצייטנס זיין גרייט צו באגעגענען דעם ערנסטן מאמענט. מיר דארפן זיין אויפן ארט. מיר וועלן דארטן ניט זיין, — וועלן אנדערע קומען און פארנעמען אונזער ארט. דארפן מיר זיין די ערשטע. מיר דארפן אלע מאל זיין די ערשטע. דער, וואס קומט שפעט — פארשפעטיקט.

נאך דער פאררעדע, האט זיך דער אדמיראל אריינגעלאזן אין דער טאקטיק, אין די דעטאלן פון דעם קאמאנדירס ווייטער־דיקע טעטיקייטן. די אודיענץ האט געדויערט א גאנצע שעה,

און דער קאָמאַנדיר פון דער „Z-1" האָט זיך אומגעקערט אהיים אַן אויפגערעגטער, אַביסל אַ דערשראָקענער מיט די נייע, אַזוי שנעל נאָך ניט פאַרויסגעזעענע, אויפגאַבן, אָבער פול מיט ווייטע האָפענונגען.

* * *

אינדערהיים האָט ער אַ לאַנגע צייט ניט געפונען קיין פּאַסיקע ווערטער, אין וועלכע איבערצוגעבן זיין ווייב די לעצטע נייעס. ער איז נאָך אַליין ניט געווען קלאָר אין די לעצטע אַנטוויקלונגען. ער האָט נאָך אַליין באַדאַרפט האָבן גענוג צייט צו באַקלערן זיך און פאַנאַנדערקלייבן זיך אין די געשעענישן פון טאָג. ער איז געווען צו אויפגערעגט צו קענען מיט איר ריידן און דערקלערן איר די באַדייטונג פון די געשעענישן.

ער האָט איר דערציילט וועגן אַלץ אין אַן איילנדיקער שפּראַך. ער האָט גערעדט וועגן זיין אָפּרייזן מיט אַ פלאָטיליע צום ווייטן מזרח, וועגן שיידן זיך מיט איר אויף אַ לאַנגער, אומבאַשטימטער צייט, און געטראַכט האָט ער נאָר וועגן זיך און וועגן דער סובמאַרין, וועגן דער גאַנצער פלאָטיליע. ניט געזען דער ווייבס אומרואיקע אויגן, ניט באַמערקט איר בלייכן פּנים און ניט מיט גרייטקייט געענטפערט אויף דער ווייבס נייגעריקע, אומרואיקע פראַגעס. געווען אין דער ווייטקייט פון די פאַרשטייענדיקע אויפגאַבן.

די נאַכט איז ער געשלאָפן אומרואיק. און גאַנץ פרי — אַזוי פרי איז ער אין פרידן-צייט נאָך קיינמאָל ניט אויפגעשטאַנען פון זיין בעט — איז ער שוין געווען אויף די פיס און געאיילט אין דער באַזע, צו זיין „שוואַן". צו זיין מאַנשאַפט. צו די גרויסע צוגרייטונגען פאַר דער רייזע.

און ווי קאַלווין פּאַרקער איז אָנגעקומען, איז שוין אויף דער סובמאַרין, גלייך פון אינדערפרי, באַלד ביי דער ערשטער אויסערארדענטלאַכער ציילונג, איינגעשטעלט געוואָרן אַ שטרייענגע קריגדיסציפּלין.

דער קאַמאַנדיר אַליין איז געווען כמורנע און צערודערט. ער האָט געקוקט שטרייננג דורך זיינע ברילן און, שוין ביי דער ערשטער ציילונג, האָט די מאַנשאַפט באַמערקט ווי שטאַרק ער האָט זיך געביטן. אַפילו זיין שטים האָט זיך געביטן. אַ טרוקענער כריפּ האָט זיך איר אריינגעריסן און איז שוין אין איר פאַרבליבן די גאַנצע צייט. ער האָט אַ בליק געטאָן אויף די צוויי רייען אויסגעשטעלטע מאַרינען, וואָס זיינען געשטאַנען אָנגעצויגן, ווי סטרונעס, און האָט געזאָגט:

— מאַרינען, אויפמערקזאַם!

אָפּגעוואַרט אַ קליינע רגע, ביז די מאַנשאַפט האָט זיך נאָך שטייפער איינגעצויגן, און, מיט אַ באַזונדער שטרייננגקייט אין זיין קול, געזאָגט:

— איך דערקלער אויף דער „Z-1", פון דער רגע און ווייטער, קריג־צושטאַנד. איר דאַרפט זיין גרייט אויף אַלץ. מיר פאַרלאָזן די באַזע היינט, איינס אַזייגער ביינאַכט. איר דאַרפט זיין גרייט פאַרן שווערסטן עקזאַמען און פאַר די שווערסטע אויפגאַבן. די שיף און די מאַנשאַפט. אַלע ווי איינער. איינער ווי אַלע. פון דעם אויסגאַנג איז אָפּהענגיק דער כבוד פון דער שיף און דער כבוד פון דער גאַנצער מאַנשאַפט. נאָך מער: דער כבוד פונם גאַנצן לאַנד איז אָפּהענגיק פון דעם, וואָס איר וועט טאָן. קיינער טאָר ניט פאַרלאָזן זיין שיף און די באַזע — אונטער קריג־שטראָף.

אָפּגעוואַרט אַ רגע און אַ פרעג געטאָן:

— האָבן אַלע געהערט?

אַלע האָבן אין איין קול אָפּגעענטפערט:

— געהערט!

און דער קאַמאַנדיר האָט ווידער אָפּגעוואַרט אַ קליינע רגע און קורץ, אָפּגעהאַקט, געזאָגט:

— גייט!

די מאַנשאַפט איז זיך, ניט איילנדיק, פאַנאַנדערגעגאַנגען צו אירע פליכטן. מ'האָט ניט געוואוסט וואָס צו טראַכטן און ווי

צו פארשטייען, וואס ס'איז געשען. ניט געוואוסט ווי צו טיילן זיך מיט די אייגענע חברים מיטן ערשטן איינדרוק. אין די אויערן האבן נאך געקלונגען די שטרענגע ווערטער פונם קאמאנדיר: — קריג־שטראף... קריג־שטראף... די ווערטער האבן שטארק א קלאפ געטאן איבערן הארצן. צעוויגט אין די אדערן די בלוטן. און ס'איז ניט געווען, וואס צו זאגן א נאענטן חבר.

אויף דער וועלט זיינען נאך ניט געווען קיין מלחמות — און אויף דער שיף איז שוין געווען מלחמה. און אפשר איז שוין די מלחמה אויך ערגעץ אנדערש געווען. אפשר האבן פון איר געוואוסט די העכערע רעגירונג־קרייזן. אפשר האט וועגן איר געוואוסט דער קאמאנדיר. און ניט געוואוסט האבן וועגן איר נאר זיי, די מיטגלידער פון דער נידעריקערער מאנשאפט? פארוואס איז פאר די פריערדיקע אזעלכע מאנעווערס ניט איינגעשטעלט געווען קיין קריג־דיסציפלין? און איצט איז זי געווען. ווער האט אויף דעם געקענט ענטפערן? — קיינער האט ניט געקענט ענטפערן.

אלע האבן זיך שוין מיט זייערע צערודערטע הערצער געצויגן, געצויגן אהיים. ווער צו אן אלטער מאמען, ערגעץ אין א פארווארפענעם שטעטל און ווער — צו ברידער און שוועסטער און צו א ווייב מיט קינדער. דאס הארץ האט זיך געריסן צו אייגענע און נאענטע געזעגענען זיך. עס האט זיך געוואלט מיט אימיצן טיילן און פארטרויען:

— מיר לאזן זיך ארויס היינט איינס אזייגער ביינאכט אין ים. מיר ווייסן נאך ניט וואס און אויף ווי לאנג. אלץ איז איינגעוויקלט אין א געהיימניס. א קריג־פארארדענונג. אפשר איז דאס מלחמה.

דאס הארץ האט געזעדט און די אויגן האבן שוין געזען די אייגענע גוטע פנימער, וואס זיינען געווען טרויעריק און פארזארגט.

און איבער אלץ און דורך אלץ האט געבויערט א געדאנק:

ווער ווייסט? אפשר איז שוין ערגעץ־וואו דערקלערט געווארן א מלחמה? אפשר הויבט זי זיך שוין אן היינט, פונקט איינס

אזייגער ביינאכט? עפּעס קומט דאָך פּאָר. די מאכט פון לאַנד האָט זיך פּלאַנמעסיק און שטענדיק געגרייט. צו אַ מלחמה האָט זיך דאָס לאַנד שטענדיק געגרייט. און אַלע לענדער פון דער וועלט האָבן זיך שטענדיק צו דער מלחמה געגרייט. דאָס בויען פון אומצאָליקע סובמארין־פּלאַטילִיעס און טאָרפּעדאָס. דאָס בויען פון ריזיקע דרעדנאָוטן — דאָס אַלץ איז געווען אַ פּאַר'עקשנטע צוגרייטונג צו דער מלחמה. אַז סובמארינען און דרעדנאָוטן שטייען, פּאַראַנקערטע, אין די באַזעס זיינען זיי סימבאָלן פון די פאָרשטייענדיקע מלחמות. זיי שטייען רואיק אין די באַזעס און וואַרטן אויף זייער טאָג. און פּלאַנמעסיק און זיכער דערנענטערט זיך שטענדיק יענער טאָג. און אויך זיי, די מענטשן פון דעם פּלאַט, וואַרטן אויף יענעם טאָג. און איצט איז אפשר געקומען יענער טאָג.

אויפן הארצן איז געווען שווער. אָבער די שווערקייט האָט יעדערער געוואָלט באַהאַלטן. די הפקר'דיקייט פונם מענטשנס לעבן האָט אָנגעהויבן געפינען אַ תיקון. מ'האָט געזוכט צווישן זיך לייכטע רייד צו פאַרדעקן די שווערקייט, וואָס איז געקראָכן פון אינוויייניק, פון דער נשמה אַרויס. מ'האָט געשפּאַסט וועגן דער פאָרשטייענדיקער נאַכט. מ'האָט מיט לייכטקייט דערמאָנט דעם פאַרדאַכט וועגן דער פאָרשטייענדיקער מלחמה. און איינער, דער קוואַרטירמייסטער, האָט טאַקע פשוט, אָן באַהאַלטנקייט, געזאָגט:

— גענוג, ברידערלאַך, געהוליעט. עס קומען אָן די שווערע צייטן אויף פּאָר אונז. עס שמעקט מיט פּולווער...

אימיצער האָט אים געענטפערט:

— ס'איז געקומען דער טאָג אַרויסצואווייזן אַביסל העלדיש־קייט. ביז איצט זיינען מיר אַלע געווען העלדן. און ווער ס'איז דער אמת'ער העלד האָט מען ניט געוואוסט. איצט וועט מען שוין נאָכן אַטעם דערקענען...

דער קוואַרטירמייסטער האָט ווייטער געצויגן זיין געדאַנק:

— ביז איצט זייט איר זיך געזעסן אין די ווינקעלאַך און, ווי זאָרגלאָזע קינדערלאַך, געשפּילט זיך מיט מעשה'לאַך וועגן אויסגעטראַכטע העלדישקייטן און נפקא'לאַך... איצט — באַווייז וואָס דו קענסט. קריג־דיסציפּלין איז דיר ניט עפּעס אַ פּיפּיקע נפקא'לע; וועסט אויף איר אַ קוק טאָן ניט וועלן. עס וועט דיר אָפּשלאָגן אַלע אַפּעטיטן.

מ'האָט געלאַכט, אָבער ניט צו הילכיק. די שווערקייט אויפן האַרצן האָט ניט געלאָזט. עס זיינען געקראָכן אין קאָפּ די געדאַנקען וועגן דער היים. אָפּגעריסענע פון זייערע היימען, האַלב היימלאָזע האָבן זיי איצט פּלוצלונג דערפילט די גרויסע מענטשלאַכע בענקשאַפט נאָך זייערע היימען, נאָך זייערע מאַמעס און טאַטעס, נאָך זייערע ברידער און שוועסטער. עס האָט געבענקט דאָס האַרץ נאָך די פּשוטסטע ווערטער, נאָך די וואַרעמסטע, אינטימסטע אויסדרוקן:

— מאַמע, דער טאָג איז געקומען. איך בין געקומען מיט דיר געזעגענען זיך. זאָרג זיך ניט פאַר מיר. איך וועל זיך צו דיר צוריקקערן אַ לעבעדיקער און אַ געזונטער. און וועל שוין פון דיר קיינמאָל ניט אַוועקגיין. אַלע מאָל זיין מיט דיר. אַלע מאָל...

אָדער:

— ווייב מיינע. קינדער מיינע. איך בין געקומען געזעגענען זיך. איך מוז גיין. גרויסע פליכטן רייסן מיך אָפּ פון אייך. מלחמה טרייבט מיך אַוועק פון אייך. אַ, איך וועל זיך צוריקקערן און שוין פון אייך קיינמאָל מער ניט אַוועקגיין. איך וועל לעבן מיט אייך און וועל שטאַרבן מיט אייך...

און עס האָט זיך געדוכט, אַז אָט ענטפערן אָפּ די אייגענע:

— זון מיינער. מאַן מיינער. טאַטע מיינער. פאַרוואָס ביסטו צו אונז געקומען אַזאַ בלייכער? און פאַרוואָס באַהאַלטסטו דיינע אויגן און קענסט ניט קוקן אונז אין די אויגן אַריין? און פאַרוואָס זאָגסטו ניט: — איך דאַרף אַוועקגעבן מיין לעבן פאַרן פאָטערלאַנד? פאַרוואָס זאָגסטו ניט: — איך וועל שטאַרבן

פארן לאנד און פארן פאלק? פארוואס זיינען שטום דיינע ליפן און פארנעפּלט דיין מארך און א פינסטערניש טונקלט דיין בליק?

מאדנע: אלע האבן געוואוסט, וואס דאס איז אזוינס — מלחמה. און קיינער האט ניט געלערנט זי פיינט צו האבן. און קעמפן קעגן איר. טאטעס האבן ניט געלערנט זייערע קינדער פיינט צו האבן בלוט־פארגיסונג און צעשטערונג און מארד. מאמעס האבן מיט זיסע שטימען געזונגען קינדער־לידער פון מלחמה־העלדן, וואס האבן פארגאסן מענטשלאכע בלוט און אליין געפאלן אין גרוילאכע שלאכטן. און ברידער האבן זיך געגרויסט און פארהייליקט אלע סימבאלן פון קריג, געטרוימט פון שטייפע אוניפארמען, גלאנציקע קנעפּ און גאלונעס.

פארוואס האט מען פון דעם קיינמאל ניט געטראכט? עס האט זיך ערשט געענדיקט דער ערשטער צענדליק יארן נאך דער גרויסער מלחמה. די מענטשהייט האט זי נאך ניט געקענט פאר־געסן. ווי האט מען זי געקענט פארגעסן? — אין מיליאנען היימען האט מען נאך געטרויערט אויפן טויט פון געפאלענע זין. מאמעס האבן נאך פארגאסן ביטערע טרערן דערמאנענדיק זייער נאמען. מיליאנען קאליקעס האבן נאך געקענט, מיט אלע איינצל־הייטן, דערציילן דעם שוידער פון די בלוטיקע שלאכטן און מיט זייערע אייגענע פארקריפלטע גלידער דערוועקן דעם גרויל פון מלחמה. און מ'האט פון דעם ניט געטראכט.

די ערד אליין האט נאך דערציילט די געשיכטע פון מענטש־לאכן עלנט, פארוויסטונג און טויט. אירע אויפגעריסענע פעלדער און פרידלאכע שטחים זיינען נאך געלעגן אפענע, אויפגעגראבענע פון קאנאנען קוילן און גראנאטן, ווי לעבעדיקע קערפערס, אויפ־געפרעסענע פון ווילדע, צעיושעטע חיות. עס איז געווען פאר־אומרייניקט די ערד, אויף וועלכער דער מענטש האט געלעבט. עס איז געווען פאראומרייניקט די ברוסט, פון וועלכער דער מענטש האט געצויגן זיין יניקה. מיט זיין טרייפענעם בלוט פאראומ־רייניקט. ער האט אויך איר פארפירט אנשטעקנדיקע לייד־

אינזעקטן און קרעץ. און גענלאָזט זי, אַ נאַקעטע, מיט די אָפענע וואונדן, מיט אַן אויפגעריסענעם בויך, ליגן קעגן דער ליכטיקייט פון הימל און זון. און עס איז נאָך פון עק לאַנד ביז צו עק לאַנד אַרומגעגאַנגען אַ געשריי פון די פאַרטיליקטע און אומגעבראַכטע.

און דער מענטש האָט פון דעם ניט געטראַכט.

און ניט געטראַכט וועגן דעם האָט אויך דער קאָמאַנדיר פון דער „שוואַן", דער לייטענאַנט קאַלווין פאַרקער, כאָטש ער אַליין האָט זיך אויך באַטייליקט אין דער גרויסער וועלט־מלחמה. ער איז נאָך דאַן געווען צווייטער אָפיצער פון אַ סובמאַרין פונם האָלאַנד־טיפּ. ער איז דורכגעגאַנגען אַלע שרעקן פון קריג. ער האָט נאָך איצט געקענט דערציילן אין די אָוונטן, אינם קרייז פון נאָענטע פריינט, פונם שוידער פון די דורכגעלעבטע עטלאַכע יאָר. און אויך ער, וואָס האָט שוין דורכגעלעבט אַלע שרעקן, האָט ניט געקענט באַנעמען דעם גאַנצן אמת פון קריג. פאַר זיינע אויגן האָט מען זיך אָפּן געגרייט צו אַ נייער מלחמה. נאָך צו אַ גרעסערער. די אַרסענאַלן זיינען פול געווען מיט געווער און די פאַרגרייטונג האָט נאָך ניט אויפגעהערט. עס זיינען געוואַקסן די אַרמייען פון יאָר צו יאָר. פלאָטיליעס זיינען געוואַקסן. אויף דעם ים און אויף דער יבשה איז אָנגעגאַנגען די גרויסע צוגרייטונג. און ער איז געווען אין מיטן פון די אַלע צוגרייטונגען איינעם מיט זיין מאַנשאַפט — און ער האָט פון דעם ניט געטראַכט.

פעלקער האָבן ניט געטרויט איינער דעם אַנדערן. מענטשן האָבן ניט געטרויט איינער דעם אַנדערן. שנאה און האס האָבן זיך, ווי אַ סם, געשפּרייט איבער דער ערד. ברודער האָט געוואָלט אָנשטעקן דעם אייגענעם ברודער מיטן קריג־משוגעת, אַריינוואַרפן אים אין אַ היפּנאָז, אַטראָפּירן אין אים דאָס האַרץ און דעם מאַרך און פאַרבלענדן, ער זאָל קענען גיין מיט אַ משונה'דיקן געזאַנג צו זיין אייגענעם טויט און זינגען אַ ליוב צו די, וואָס האָבן אים געשיקט שטאַרבן.

און קיינער האָט פון דעם ניט געטראַכט.

פונקט ווי אין סאמע מיטן פון א גרויסער מלחמה האבן זיך מענטשן באשעפטיקט, פרום און כונה'דיק, מיט דער צוגרייטונג פון טויט פאר די מיליאנען. אין יעדן לאנד זיינען מענער און פרויען, עלטערן פון קינדער, געזעסן ביי דער משונה'דיקער ארבעט פון פארגרייטן טויט און פארוויסטונג. אין דעם טויט איז געווען דער טויט פון די אייגענע קינדער, פון ברידער און שוועסטער. אין דער פארוויסטונג איז געווען די פארוויסטונג פונם אייגענעם הויז און האב. אבער דער מענטש האט קיין זאך ניט געזען. ארבעט האט געוואלט צעשטערן ארבעט. מארך האט געוואלט צעשטערן מארך און הארץ און נשמה.

ניין, קיינער האט זי ניט געזען, די מלחמה. זי איז נאך אלץ געווען פארוויקלט אין א נעפל פון עפעס א ווייטער צוקונפט.

קאַפּיטל זעקס

דער קאָמאַנדיר פון דער סובמאַרין, לייטענאַנט קאַלווין פּאַרקער, איז אַריין אין דעם הויפּט־קאָנטראָל צימער, אַוועקגע־זעצט זיך לעבן דעם גרויסן טיש, אויף וועלכן עס איז געווען אויסגעשפּרייט אַ דעטאַלירטע ים־מאַפּע. ער האָט זיך עטלאַכע מאָל, שוין צום טויזנטסטן מאָל, איבערגעבויגן איבער די באַקאַנטע פּינטעלאַך און שטריכעלאַך, אויפגעזוכט די נויטיקע ערטער, דורכ־געפירט מיטן שפּיץ פון אַ בלייפעדער איבער די ליניעס פון דעם פאַרשטייענדיקן נאַכטיקן מאַרשרוט. דורכגעטראַכט נאָך אַמאָל די עטאַפּן, וואו די שיף האָט באַדאַרפט דורכפירן אירע מאַנעוו־רעס און זיך אַוועקגעזעצט טראַכטן. אַלץ איז געווען קלאָר. דער ערשטער טייל פון זיין אַרבעט איז שוין געווען כמעט אָפּגעטאָן. ס'איז שוין געווען אויפגענומען און איבערגעגעבן דער באַפעל צו אַלע אינסטאַנצן... באַלד וועט מען אָנלאָדן די שיף מיט די טאָרפּעדאָס און אַנדערע קריגס־מאַטעריאַלן. דאָס וועט זיין זיין ערשטער זעלבסטשטענדיקער אַרויסטרעט אַלס קאָמאַנדיר פון אַזאַ גרויסער שיף, ווי די „Z-1”. דאָס איז געווען די ערשטע געלעגנהייט אויסצוצייכענען זיך, ווי עס באַדאַרף צו זיין, און אַרויסווייזן די אייגענע פעיאיקייטן. דאָ איז געווען אַ געלעגנ־הייט צו איבעראַשן דעם אַדמיראַל און אַפילו דאָס גאַנצע לאַנד. עס איז געווען אַ געלעגנהייט צו איבעראַשן זיך אַליין, אַנטדעקן אין זיך נייע קוואַלן פון קאָמאַנדירישער פעיאיקייט. איבערשטייגן זיך אַליין. אויפהייבן דעם פּרעסטיזש פון דער מאַנשאַפט און פון דער שיף אומבאַגרענעצט. אויסצייכענען זיך. אין דעם איז געווען, ווי אין אַ האַרטער ים־שאָל, איינגעשלאָסן דאָס גליק. מ'האָט נאָר באַדאַרפט עפענען יענע שאָל...

אין דעם אויפגערודערטן קאָפּ זיינען שוין אַרומגעשוואומען צעטומלטע געדאַנקען. עס האָבן זיך שוין געבונדן ווערטער און פראַזן, וואָס וועלן דאַרפן אַרויסגעזאָגט ווערן פון זיין מויל. ווער־

טער פאַר דער קאָמאַנדע און ווערטער פאַר דער העכערער מאַכט. עס האָט נאָך אין אים באַדאַרפט געבאָרן ווערן די נויטיקע האַלטונג און דער שטעל, דער מאַנער און טאַקטיק. דאָס איז געווען ווי אין דער מלחמה. אָ, דאָס איז געווען מלחמה! זי איז נאָך ניט געווען אויף דער וועלט. אָבער ביי אים אויף דער שיף איז זי שוין געווען. ביי אים אויף דער גאַנצער, נאָך ניט צוזאַמענגעשטעלטער פלאָטיליע, האָט זי באַדאַרפט זיין. ווייל אָט איז זי שוין געווען ביי אים אין האַרצן און אין דער נשמה. זי האָט באַדאַרפט איצט אויך אַריין, ווי אַ דיבוק, אין די לעבנס פון דער גאַנצער מאַנ־שאַפט. די סטרונעס פון אמת'ער מלחמה דאַרפן זיין אָנגעצויגן ביז צו דעם העכסטן גראַד. און דאַן וועט קומען דערפאָלג. פאַר אים און פאַר דער שיף און אויך פאַר דער גאַנצער מאַנשאַפט, פאַר אַלע מאַנשאַפטן.

דאָס איז געווען מלחמה. פון דעם באַפעל ביז דער קלענסטער דעטאַל אין דער אויספירונג פון באַפעל וועט זיין איינגעשלאָסן איר גייסט. אַלע אַטריבוטן פון ווייטערדיקער טעטיקייט וועלן אונטערשטרייכן איר וועזן. ער וועט ברענגען אויף דער שיף אויך די געפאַר און דעם טויט. ווייל מלחמה איז געפאַר און טויט און קאַמף פאַר לעבן.

און ערשט נאָכדעם, ווען דער זיג וועט שוין זיין פאַרזיגלט און אַלץ וועט שוין זיין אָפגעטאָן און דערגרייכט, וועט אַנטפּלעקט ווערן דער סוד פון זיין געהיימער סטראַטעגיק. אָבער דאַן וועט שוין די וועלט רעשן מיט זיינע קאָמאַנדירישע פייאיקייטן, מיט זיין איבערגעגעבענער טרייער און אויסגעפּרואווטער מאַנשאַפט, מיט דעם כח פון זיין שיף!

דער קאָמאַנדיר האָט דערפילט אַ מאָמענטאַלע שוואַכקייט אין אַלע גלידער און אַ באַרוישונג אין קאָפּ. אַזוי שטאַרק האָט אין אים געקלאַפּט דאָס האַרץ. ער האָט דערפילט אַ באַדערפעניש דורכצוגיין זיך עטלאַכע מאָל איבערן צימער.

נאָכדעם האָט ער זיך נאָך אַמאָל אָוועקגעזעצט און עס איז

אים געווארן אומעטיק. ער האט זיך פלוצלונג דערמאנט אינם ווייב. ער האט געהאט א גוטע, געטרייע ווייב, וועלכע ער האט שטארק ליב געהאט. זי איז געווען דאס גוטע אין זיין לעבן. און איצט האט ער וועגן איר פארגעסן. קוים דערמאנט זיך וועגן איר אין אזא ערנסטן מאמענט. און עס איז געווען אזוי, ווי ער וואלט זי, מיט זיך אליין, פארשטעלט. ניט געקענט דערמאנען זיך איר פנים, ווי עס באדארף צו זיין. זי איז געווען ווייטער, ווי אלע מאל. געווען ווי א פרעמדע. גאר ניט געהאט קיין שייכות צו די געשעענישן פון די פארגאנגענע עטלאכע שעה. זי האט אפילו ניט געהאט קיין שייכות צו אים אליין. וואס איז זי איצט געווען קעגן די אלע געשעענישן?

פונדעסטוועגן האט מען זיך מיט איר באדארפט געזעגענען. ער האט, אין איילעניש, ארויפגעצויגן אויף זיך דעם מאנטל און האט זיך א לאז געטאן צום דרויסן. די וועלט איז געווען די־זעלביקע. דער טאג איז געווען א גרויער. איבערן הימל האבן זיך געצויגן הויקערדיקע וואלקנס, ווי קאראוואנען אין א ווייטן, אומענדלאכן מדבר. אהיים פארן איז געווען ווייט און מ'האט זיך באדארפט איילן. דער אוטאמאביל זיינער איז געלאפן משוגענערווייז נעענטער צו דער שטאט, צו דער גאס און הויז, וואו ער האט געוואוינט. אבער איצט איז עס שוין ניט געווען זיין גאס און זיין היים. די היים איז געווען די באזע. די היים איז געווען די „Z-1". און דא, וואו עס איז פריער געווען די היים איז געווען א פוסטקייט, א פרעמדקייט און אן אומעט. עס איז וועגן דער היים שווער און אומעטיק געווען צו טראכטן. און דערפאר האט לייטענאנט קאלווין פארקער אין דער האלבער שעה, וואס ער האט פארבראכט מיט זיין פרוי, אין זיין היים, בשום אופן ניט געקענט געפינען די ריכטיקע ווערטער און די פאסיקע האלטונג. און עס איז אויך ניט געווען קיין מעגלאכקייט, ווי עס באדארף צו זיין, צו דערקלערן פארן ווייב דעם זין פון די געשעענישן.

איצט איז צווישן זיי געווען אַלץ אַנדערש. ער איז געווען אַן אַנדערער. און זי איז געווען אַן אַנדערע. זי האָט געקוקט אויף אים מיט טרויעריקע אויגן און געזאָגט:

— אוי, ווי דו ביסט פאַרזאָרגט.

ער האָט זיך גלייך ניט געפונען. ניט געקענט געפינען קיין פּאַסיקן וואָרט צו ענטפערן. געווען בלייך און צערודערט. האָט זי אָפּגעוואַרט אַ רגע און צוגעגעבן מיט אַן אַנדער טאָן:

— טו אויס דעם מאַנטל. פאַרוואָס טוסטו ניט אויס דעם מאַנטל?

ער האָט אַ שמייכל געטאָן. אַזוי מאָדנע אַ שמייכל געטאָן, אַז זי האָט דעם שמייכל ניט פאַרשטאַנען און געקוקט אויף אים מיט פרעגנדיקע אויגן. האָט ער אַ קוק געטאָן אויף איר מיט גוטע אויגן און, ווי אַ שולדיקער, געזאָגט:

— פאַרשטייסט — איך אייל זיך. איך מוז לויפן. פליכטן...

איר פּנים האָט זיך גלייך געביטן. עס איז געוואָרן שטרייִנגער. זי האָט בייזלאַך געזאָגט:

— פליכטן. אַלע מאָל פליכטן. קיינמאָל האָסטו פאַר מיר קיין צייט ניט! פאַרסט אַוועק אויף אַזאַ רייזע. גאָט ווייס, וואוהין זיי שיקן דיך... האָסט פאַר מיר קיין צייט ניט...

געזאָגט, און אָפּגעקערט זיך פון אים.

עס האָט אים פאַרדראָסן. פונדעסטוועגן איז ער צו איר צוגעטראָטן און פּרובירט זיין שפּאַסיק־צערטלאַך, ווי אַן עלטערער מיט אַ קינד:

— אַזאַ ווייבעלע ביסטו ביי מיר. איצט ליגן דיר גאָר אין קאָפּ אַזוינע נאַרישקייטן. איך בין זיך מיט דיר געקומען געזע־גענען, און דו...

זי האָט זיך אָבער נאָך אַלץ ניט געוואָלט אומקערן צו אים מיטן פּנים. האָט ער ערנסטער אָנגעהויבן ריידן:

— זי פאַרשטייט אַלץ ניט. ס'איז דאָך אַ מיליטערישער באַפעל. ס'איז אַזוי ווי אַן אמת'ע מלחמה. און ער איז אַ מאַן

פון פליכטן. אַ מאַן פון מלחמה. ווי קען ער זיך אָפּזאָגן פון פליכטן? דאָס גאַנצע לאַנד קוקט איצט אויף אים. דער כבוד פונם גאַנצן פלאָט איז איצט אָפּהיינגיק פון זיין אַרבעט. די „Z-1“ דאַרף זיגן. זיין סובמאַרין דאַרף זיגן... דאָס לאַנד שיקט.

און ווי נאָר ער האָט דערמאָנט דעם נאָמען פון זיין סובמאַרין איז ער געוואָרן נאָך שטריינגער. אין די אויגן האָט זיך אָנגעצונדן אַ טונקעלע ליכט. דאָס גאַנצע פּנים האָט באַדעקט אַ גראַקייט. ווי אַ וואָלקן וואָלט זיך איבער אים פאַרצויגן. די הויט זיינע איז געוואָרן בלייך און פינסטער, ווי פון אַן אָנפאַל פון אַן אינערלאַכן, איינגעהאַלטענעם כעס. ער איז געוואָרן קאַלט און זאַכלעך. גערעדט און גערעדט. און דאָס ווייב האָט, אַן אָפּגעקערטע, געהערט און געשוויגן. און קיין נאָענטקייט איז נאָך אַלץ ניט געווען. ער איז געווען אַ פרעמדער און זי איז געווען — אַ פרעמדע.

פּלוצלונג האָט זיך דאָס ווייב אָפּגעריסן פון אָרט, צוגעטראָטן צום פענסטער און אָנגעהויבן צו כליפּן. האָט ער, מיט פאַרדראָס אין קול, געזאָגט:

— נו, אַט וויינסטו שוין. מאַכט שווערער מיין אַרבעט. איך דאַרף דערמונטערונג. אַ גוט וואָרט. און דו — וויינסט...

זי האָט אַ קער געטאָן צום מאַן איר פאַרטרערטן בליק און געזאָגט:

— איך בין אַזוי אומרואיק, אַזוי אומרואיק...

און איידער פאַרקער האָט צייט געהאַט אַרויסצורייידן אַ וואָרט, איז זי שוין אַרויפגעפאַלן אים אויפן ברוסט און האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט. געוויינט, געוויינט... האָט זי דער מאַן צוגעפירט צו דער סאָפע, אַוועקגעזעצט זי און אויך אַליין אַוועקגעזעצט זיך לעבן איר. געוואָרט, אַ שווייגנדיקער, אַז זי זאָל איצט אַליין אויפהערן צו וויינען. אָבער זי האָט ניט אויפגעהערט ביטער צו וויינען. און ער האָט איר מער ניט געהאַט וואָס צו זאָגן. האָט

ער זי צוגעצויגן צו זיך, עטלאכע מאָל א קוש געטאָן זי אין דעם פאַרטרערטן פּנים. זי האָט זיך געלאָזט קושן, געדריקט זיך צו זיינע ליפּן און געכליפּעט. אָבער דאָס אַלץ איז אַזוי ווייניק ענלאַך געווען צו דעם, וואָס ס'האָט באַדאַרפט פאָרקומען דאָרטן, אויף דער שיף. ער האָט זיך דערמאָנט און האָט זיך גלייך אָנגע־הויבן צו איילן. געזאָגט:

נו, איך דאַרף שוין גיין.

אויפגעהויבן זיך, איבערגעבויגן זיך איבערן ווייב, נאָך אַמאָל א קוש געטאָן זי אויף די ליפּן. און דער קוש איז געווען א קאַל־טער, א צוריקגעצויגענער. און זי האָט ניט אויפגעהערט צו וויינען און ווישן די טרערן.

לייטענאַנט פּאַרקער האָט נאָך אַמאָל א קוק געטאָן אויפן ווייב און, אַזוי, ווי ער איז געווען אָנגעטאָן אין מאַנטל, האָט ער זיך אַרויסגערוקט פון צימער. אַריינגעקליבן זיך אין דעם אוטאָ־מאָביל און שנעל אַרויסגעפאָרן פון דער אייגענער גאַס. און ניט געוואוסט, אַז דאָס ווייב איז געשטאַנען, א צוגעקלעפּטע, צום פענסטער און נאָכגעקוקט ביז ער איז פאַרשוואונדן. ווייל איצט איז ער שוין ווידער אינגאַנצן געווען אין דער סובמארין. און עס איז שוין ווידער ווייט געווען די היים. נאָך ווייטער ווי פריער. און ווייט זיינען געווען אַלע נאָענטע. און נאָענט איז געווען בלויז די פליכט און די מאַנשאַפט און דער סוד, וואָס האָט אים געטריבן, געטריבן צו דער באַזע.

קאַפּיטל זיבן

אויף דער שיף איז אַלץ געווען אין דער שטרייגסטער אָרדע־נונג. די דיסציפּלין איז אַפּגעהיט געוואָרן ביז דער לעצטער פּינקט־לאַכקייט. אַלע זיינען געווען אויף די ערטער. און די אַרבעט איז געטאָן געוואָרן געטריי, לויט אַלע פּאַרשריפטן פון אַ קריג־דיסציפּ־לין. איז דער קאָמאַנדיר פּאַרקער געווען זייער צופרידן. די לעצטע צוגרייטונגען זיינען צוגעגאַנגען שנעלער, ווי מ'האָט געקענט דערוואַרטן. איין באַפעל נאָכן צווייטן זיינען, דורך סיגנאַל און דורך וואָרט, פון דעם קאָמאַנדירס אָפּטיילונג ארויסגעשיקט געוואָרן דירעקט אין די פאַרשיידענע אָפּטיילונגען פון שיף. די קאָמאַנדע און די גאַנצע מאַנשאַפט האָט געאַרבעט פלייסיק און ערנסט. אַרום די אַקומוליאַטאָרן, אַרום דער רעקאָמפּרעסיע און דער מאַשין־אָפּטיילונג. אַרום די דיזעלן און מאָטאָרן, איז אָנגע־גאַנגען אַן אָנגעשטריינגטע אַרבעט. נאָך אינטענסיווער האָט מען געאַרבעט אַרום די טאָרפּעדאָס. מ'האָט זיי צוזאַמענגעשרויפט און אויסגעלייגט אין דער געהעריקער אָרדענונג.

עטלאַכע מאָל האָט זיך דער קאָמאַנדיר ארויסגעלאָזט אויף אַ טיילווייזער אינספּעקציע. אַרומגעגאַנגען פון איין אָפּטיילונג אין דער צווייטער, איבערצייגט זיך מיט די אייגענע אויגן, אַז די אַרבעט איז אָנגעגאַנגען ווי עס באַדאַרף צו זיין, אַז יעדן איינעם פון זיין מאַנשאַפט באַהערשט דער זעלביקער געפיל פון פאַר־אַנטוואָרטלאַכקייט און פּינקטלאַכקייט פאַר דער גרויסער פּראָבע. דאָס האָט דעם קאָמאַנדיר געפרייט. און ער האָט פאַר זיך אַליין געזאָגט:

— וואוילע יאַטן. העלדישע בחורים. מיט זיי וועלן מיר זיגן!

עס האָט אים בלויז איין ביסעלע פאַרדראָסן, וואָס פאַר אים אַליין איז שוין איצט קיין אַרבעט ניט געבליבן. איז ער אַרוים

צום קאנטראל־צימער, זיך, איבער די טרעפלאך, ארויסגעקליבן צום דרויסנדיקן רודער־בריקל און ארומגעקוקט זיך.

עס איז שוין געווען אונטלאך. אין דער ווייטקייט, וואו עס האבן זיך געשווארצט די טונקעלע שטיינערנע מאלן, איז שוין געווען פינסטער. פון דארטן, פון אהינטער די מאלן, איז אנגע־קראכן די נאכט און האט זיך פארשפרייט איבערן ים, ווי א טונקעלער צודעק. די נאכט איז געגאנגען א פינסטערע, מיט ווינט און מיט וואלקנס. דער קאמאנדיר האט שוין טאקע עטלאכע מאל געווארפן זיין אומרואיקן בליק אויף דעם באראמעטער. דער באראמעטער האט קלאר געוויזן, אז דער ים וועט זיין אומרואיק. עס איז שווער געווען צו טראכטן וועגן דעם, וואס דער באפעל איז גראד געקומען אין אזא צייט. אין דער הויפט־קווארטיר איז געווען איינגעשטעלט אן אייגענע מעטעאראלאגישע סטאנציע. זיי האבן דארטן געוואוסט דעם צושטאנד פון וועטער אין אלע ריכטונגען פון ים. אבער וואס מ'האט באשלאסן דארט איז געווען געזעץ. ער וועט אפילו ניט פרואוון אפלייגן די אויסגע־ארבעטע מאנעווערע. באשלוס איז באשלוס. וואס שווערער — אלץ מער אנערקענונג. אלץ גרעסער דער זיג.

און די צייט האט זיך דערנענטער. געציילטע שעה'ען זיינען פארבליבן. די שיף וועט זיך דארפן אפרייסן פון איר פיער, ארומ־בויגן די מאלן און ארויסשלייכן, אומבאמערקט פאר א פרעמדן אויג, ארייננווארפן זיך אין די ברוויזנדיקע ארעמס פון ים.

אין די אפענע איבער־דעק־ליוקן זיינען ארויף־און־אראפ־געלאפן איילנדיקע טריט. מ'האט אויף די הויב־מאשינעס ארונטערגעלאזט אלערליי מאטעריאלן און שפייז־פראדוקטן אויף א לענגערער צייט. עס איז געשטאנען א גערודער וואס האט דערמאנט אן אויסערגעוויינלאכקייט. אלץ איז אין דעם טאג געווען אויסערגעוויינלאך: — די מיסיע פון דער „Z-1" איז געווען א שווערע און א פאראנטווארטלאכע. דער ים האט זיך געהויבן א דראענדיקער, א שטורעמדיקער. מ'האט באדארפט

האָבן אַ גרויסן כח אין זיך און אין דער סובמאַרין. עס איז געווען ער אַליין און זיין סובמאַרין. ער און זי.

זי איז געווען אַ גרויסער קאָמפּליצירטער מעכאַניזם. זי איז געווען, ווי אַ לעבעדיקע באַשעפעניש, וואָס ווערט קאָנטראָלירט דורך כח, מאַרך און האַרץ. זי האָט פאַרמאָגט אַלע נויטיקע אָרגאַנען פון אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם. זי האָט געהאַט אויגן, וואָס האָבן געזען אויף מיילן ווייט אַרום און אַרום — אירע דריי גרויסע פּעריסקאָפּן. זי האָט געהאַט אויערן, וואָס האָבן אין זיך געהאַט דעם כח אויפצונעמען קלאַנגען אויף טויזנטער מיילן אַרום — דעם ריזיקן ראַדיאָ־אַפּאַראַט. זי האָט געהאַט רודערס און פּראָפּעלערן, וואָס האָבן באַשטימט איר יעדן קער און ווענד. זי האָט פאַרמאָגט ריזיקע דיזעלן און מאָטאָרן. דעם גרויסן קוואַל פון ענערגיע און קראַפט, וואָס האָבן אויסגעפירט דעם ווילן פון איר מאַרך און האַרץ — דעם ווילן פון דעם הויפּט קאָנטראָל צימער, וואָס האָט געטריבן, ווי עס טרייבט אַ געזונט האַרץ קאָכעדיקע בלוט־שטראָמען, שטראָמען ענערגיע איבער די טויזנ־טער דראָט־אָדערן און פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער סטרוקטור געזונט לעבן און באַוועגונג. זי האָט געצויגן איר אָטעם דורך די שלינגענדיקע עפענונגען פון די לופט־ציערס אין אירע דיזעל מאַשינען, וואָס האָבן געאַרבעט פּונקט אַזוי פּינקטלאַך, ווי לעבעדיקע לונגען פון אַ חיה. אין איר בויך זיינען געווען איינגע־שטעלט גאַנצע מאַניפאָלדן פון רערן און עפענונגען פאַר די דרע־נאַזשן און טאַנק־עפענונגען, וואָס האָבן אַריינגענומען אין זיך באַלאַסטן און זיי אַרויסגעוואָרפן, ווי געדערים פון אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם. איבער איר קיל, צווישן דעם קילסאָן, אין דער גאַנצער לענג, ווי אין אַ חוט־השדרה, זיינען געווען איינגעוויקלט און פאַרקניפּט די טויזנטער נערוון פון דער שיף, די עלעקטרישע דראָטן, וואָס האָבן געטריבן לעבן און באַוואוסטזיין צו די פאַר־באָרגנסטע ווינקעלאַך אירע.

די שיף האָט געקענט שטיין אויף אַן אָרט און לויפן, אַנפאַלן

און פארטיידיקן זיך. זי האט געקענט יאגן און אניאגן. אנטלויפן און באהאלטן זיך. זי האט זיך געקענט, ווי א לעבעדיקע, צוטוליען צום באדן פון ים, און פון דארטן טשאטעווען אויף דעם שונא. פלוצלונג אנפאלן אויף אים מיט א שוידערלאכן פייער פון טארפעדאס, צעשטערן אויף שטויב ריזיקע בנינים פון גרויסער קראפט און ווידערשטאנד, שטאלענע שיפן און דרעדנאוטן, וואס זיינען הונדערט מאל גרעסער פון איר אליין, צעשטערן אינאיינעם מיט טויזנטער לעבנס.

אלץ אין איר איז געווען צוגעטראכט און צוגעפאסט צו די סאמע מעגלאכסטע באדינגונגען פון ים און מלחמה. יעדער טייל אין איר איז, פון פריער, געווען פארויסגעזען און פארויסגעטראכט דורך מענטשלאכן אויג און מארך אזוי, אז זי איז געווען באווארנט קעגן יעדן מעגלאכן צופאל, וואס האט איר געקענט דראען אין פארשיידענע צייטן פון איר לעבן.

איצט האט די שיף באדארפט אונטערפירן א גרויסן חשבון. די האפענונגען, וואס מענטשן האבן אויף איר ארויפגעלייגט האבן באדארפט מקוים ווערן. דורך מאשין און קראפט און מענטש־לאכן מארך האט זי באדארפט מקוים ווערן. ווייל די נשמה און דאס הארץ פונם מענטשן האבן זיך פאראייניקט מיטן הארצן און מיט דער נשמה פון סובמארין אין דער יאגעניש אנטקעגן איין און דעמזעלביקן שיקזאל.

לייטענאנט קאלווין פארקער האט זיך עטלאכע מאל דורכגע־שפאצירט איבער דער אויבערשטער דעק. דער ווינט האט אים פאנאנדערגעבלאזן די פאלעס פון זיין מאנטל, פון דיקן, טונקל־בלויען געוואנט, געקראכן אים העזה'דיק אין פנים אריין און געשטערט דעם גאנג. דערמאנט וועגן מעגלאכן שטורעם אויפן ים. ניט געלאזט זיך פארגעסן אין די רעגעדיקע געדאנקען וועגן א זיג. ער האט זיך אויף א רגע אפגעשטעלט, נאך אמאל א קוק געטאן אין דער ווייטקייט. אריבער די פינסטערע מאלן, און הויך, אויפן קול, געזאגט:

— צום טייוול! מיר וועלן אויך דעם שטורעם אריבערקומען!

מ'האָט נאָך געקענט, דורך אַ פאַרבינדונג מיט דעם אַדמיראַל, אַפּלייגן אויף אַ טאָג די מאַנעוורע. מ'האָט זיכער געקענט זי אָפּלייגן ביז אינדערפרי. אָבער דאָס וואָלט געווען די ערשטע קליינע נידערלאַגע פאַר דעם שיף. דאָס וואָלט גלייך, אין אָנהויב, פאַרקלענערט איר באַדייטונג און איר ווידערשטאַנד קראַפט. און דער קאָמאַנדיר האָט נאָך אַמאָל געזאָגט צו זיך אַליין:

— עס איז מלחמה. עס טאָר ניט זיין קיין אָפּהאַלט. לעבן און טויט — אַלץ איינס.

און ער האָט שוין ווייניקער פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון די אייגענע ווערטער, ווי דערפילט זייער באַצווינגנדיקע קראַפט. און ווען ער איז שוין געווען אונטן אינם הויפּט קאָנטראָל־צימער און דער צווייטער אָפיצער האָט אים, אַביסל מיט צעטומלעניש אין דער שטימע, געזאָגט, אַז ס'איז אפשר ניט פּראַקטיש אַוועקצולאָזן זיך אַנטקעגן שטורעם, האָט דער קאָמאַנדיר אויף אים בייז אַ קוק געטאָן און געזאָגט:

— איר האָט פאַרגעסן, אַז דאָס איז מלחמה. פאַרגעסט. דאָס איז ניט קיין געגנעראַלע פּראָבע. עס איז מלחמה. וואָלט איר זיך אָפּגעשטעלט צו גיין אינם גרעסטן פייער אין צייט פון מלחמה, צוליב אַ וועלכער עס איז שטערונג?

און, אָפּקערנדיק זיך, ווי פון אַ שטערונג, האָט ער צוגעגעבן:

— איך בעט אייך, רעדט מער ניט פון דעם. די „Z-1" וועט איבערקומען דעם שטורעם. די „Z-1" וועט איבערקומען אַלץ. מיר וועלן ארויס די זיגער.

דער צווייטער אָפיצער האָט זיך אָפּגעקערט און אַוועק צו זיינע פליכטן. אָבער אין דער לופטן איז שוין געבאָרן געוואָרן אַן אומצופרידנקייט און אַ צווייפל, וואָס האָט זיך פאַרזעצט אינם קאָמאַנדירס האַרצן און גענאָגט, גענאָגט.

* * *

און אונטן, אין די אָפּטיילונגען, האָבן אַרבעטער צווישן זיך געפירט זייערע אייגענע געשפּרעכן וועגן די געשעענישן פון טאָג.

ארום די דיזעלן, וואו די צוויי מעכאניקער, נובערג און סאיער, האבן געארבעט, האט מען אויך גערעדט וועגן די געשעעענישן. נובערג האט געזאגט:

— וואס מיינט אט דאס אלץ, ווייסטו?

סאיער האט א טראכט געטאן און געזאגט:

— עס קען זיין, אז עס איז טאקע מלחמה.

— ניט — עס קען זיין, נאר טאקע מלחמה.

— און אפשר איז דאס אזוי, א זיכערונג־מאנעוורע, א שטריינגע.

נובערג האט זיך ארומגעקוקט און שטיל געזאגט:

— ביסט געווען אין דער טארפעדא אפטיילונג? גיי, גיב א קוק וואס דארטן טוט זיך. עס זיינען ניט פרואוון־טארפעדאס, נאר אמת'ע טארפעדאס מיט די פיוזן און פוידער. ס'איז צום שיסן, ברודערקע. מ'ארבעט ארום זיי דעם גאנצן טאג. מ'גרייט צו די ביקסן און קאנאנען. קוילן זיינען אנגעלייגט גאנצע בערג. ניין, ס'איז ניט קיין מאנעוורע. ס'איז מלחמה.

— אבער וואו האסטו זי גענומען, דיין מלחמה?

— ניט מיר דערקלערן מלחמות. פרעג יענע, וואס דערקלערן. מיר דארפן אויספירן פאראָרדענונגען — דאס אלץ.

— אבער ס'איז ערשט געווען א מלחמה. ס'איז שוין געשלאסן געווארן פרידן. און ס'איז נאך ניטא פארוואס צו שלאגן זיך.

נובערג האט זיך צעלאכט:

— דו ווייסט, ביל? — דו רעדסט, ווי א קינד. ניטא פאר־וואס צו שלאגן זיך? — מ'וועט שוין געפינען פארוואס. ס'איז א פראזע בלויז. א קלוגער מענטש, וואס פארשטייט זיך אויף געשעפט, וועט דיר אזא פראזע אין איין מינוט געפינען...

— ניין, עס דארף אבער זיין פארוואס צו שלאגן זיך.

— עס איז קיינמאל ניט געווען פארוואס צו שלאגן זיך. פונדעסטוועגן האט מען זיך געשלאגן און איינגעלייגט מיליאנען. אט וועסטו אפשר היינט, מארגן, איבערמארגן דער'הרג'עט ווערן, וועסטו וויסן פארוואס דו האסט פארלארן דיין לעבן?

— איך ווייס ניט. אבער דאס לאנד ווייס. און דער קאמאנ־דיר ווייס. די, וואס שיקן מיך שלאגן זיך, ווייסן. זיי מוזן וויסן און דעריבער דארף איך זיי אויספאלגן. איך בין א סאלדאט, צי ניט?

— אט דאס איז דאס. דו ווייסט ניט. און וועסט ניט וויסן, כאטש דו ביסט גרייט צו פארלירן דיין לעבן בלינדערהייט. און אז דו וועסט אפילו איינשטעלן דיין לעבן און וועסט זיך אומ־קערן צוריק, וועסטו נאך אויך ניט וויסן פארוואס דו ביסט געווען גרייט צו שטארבן. מיר זיינען, ווי בהמות, וואס מ'טרייבט זיי צו דער שחיטה. מיר ווייסן גארניט.

ביידע חברים האבן זיך פארטראכט. דער געשפרעך האט זיי אביסל צו ווייט פארפירט. אין אזא צייט איז דאס געווען אומ־געוויינלאך. האבן ביידע ניט געוואלט ווייטער דערוועקן דעם געשפרעך. עס איז ניט געווען אזא צייט. איצט האט מען זיך באדארפט פארטיפן אין דער ארבעט. איצט האט מען באדארפט ווייניקער ריידן און מער טאן.

פונדעסטוועגן האט נובערג געפונען פאר נויטיק נאך אמאל פארטרויען זיין חבר דעם פארלאנג, וואס האט שוין א לאנגע צייט ניט געלאזט רוען זיין געמיט. ער האט זיך איינגעבויגן צו אים און געזאגט:

— וועסט האלטן ס'מויל, ביל?

— כ'שווער.

— נו, איז ווייס: — באלד ווי מיר וועלן זיך אומקערן צוריק, וועל איך זיך באפרייען. איך קען מער ניט. ס'איז געווארן קעגן מיר. איך וועל שוין ניט קענען זיין קיין ערלאכער סאלדאט. ס'איז קעגן אלע מיינע איבערצייגונגען. איך בין קעגן דעם אלעמען. נאך מער: מיר ווילט זיך קעמפן קעגן דעם. ס'איז וועלט־משוגעת. און איך ווייס עס.

סאיער האט געשוויגן. נובערג האט ווידער געזאגט:

— און דיר קען איך קיין עצות ניט געבן. טו ווי דו פאר־

שטייסט. אָבער אויך דו האָסט זיך באַדאַרפט באַפרייען. ביסט נאָך יונג. פאַר דיר איז די וועלט אָפן. דערצו האָסטו פּייאַ־קייטן. ביסט פול מיט לעבן. עך, ווען איך בין איצט אין דיינע יאָרן! איך וואָלט געוואוסט ווי אַנצוהייבן מיין לעבן.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. סאָיער האָט ניט געפונען וואָס צו ענטפערן, אָבער פון דעם חברס רייד איז אים שווער און אומעטיק געוואָרן.

אַרום זיינען געווען פינסטערע מאַשינען אין אַ טונקעלער לאָך, אינם בויך פון אַ סובמאַרין. אין די ווינקלען און אונטערן באַלקן האָבן זיך געצויגן רערן און קונציק צונויפגעפלאָכטענע קאַבעלן. זיי האָבן זיך געצויגן דורך די ווענט אין ווייטערע, אויך אַזעלכע טונקעלע, אָפּטיילונגען, ווי די. אין ספּעציעלע גראַטעס האָבן גערוט די מיט לופט אָנגעלאָדענע צילינדערן, אַלערליי אַקומוליאַטאָרן.

עס איז אָנגעקומען אַ נאַכט. אַ שווערע נאַכט מיט אַ פרעמדן געראַנגל. און קיין סוף צו דעם איז ניט געווען אין פאָרויס. עס איז שווער געווען צו זען אַ סוף. דאָס איז געווען דאָס לעבן. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן זיין יונג לעבן. און עס איז גאָר ניט קלאָר געווען פאַרוואָס זיין לעבן האָט זיך גראָד אָט אַזוי אָנגעהויבן.

ביידע האָבן געאַרבעט שווייגנדיק.

אין דערזעלביקער צייט האָט מען אין די אַנדערע אָפּטיילונגען אינגאַנצן ניט געצווייפלט אין דעם, אַז די מאַנעוורע איז אַן אָנהייב פון אַ גרויסער מלחמה. די אַלע אייליקע צוגרייטונגען האָט מען אָנגענומען ווי אַ פאַקט פון מלחמה. מ'האָט צווישן זיך גערעדט פאַרזיכטיק־איינגעהאַלטן. מ'האָט זיך באַמיט צו זיין פריילאַך און מונטער. איינער האָט באַהאַלטן פונם צווייטן זיין צערודע־רונג דורך פריילאַכע רייד און באַמערקונגען.

איינער האָט, גאָר אַזוי זיך, אַ זאָג געטאָן:

— אָט איז דיר גאָר. — מלחמה.

— מלחמה? און פון וואַנען ווייסטו, אַז דאָס איז מלחמה?

— וואָס דען, מיינסטו, איז עס? אַ זיכערונג־מאַנעוורע? האָסטו שוין ווען געזען, אַז זיכערונג־מאַנעווערס זאָלן זיך אָט אַזוי אָנהייבן? אפשר דו, איך — ניט.

— צופיל געהוליעט. איצט גיי אָקאָרשט און באַווייז, וואָס דו קענסט טאָן אויף אַן אמת.

— און מיר וועלן טאַקע באַווייזן. מיר זיינען ניט ערגער פון אַנדערע. און די „שוואַן" איז אויך ניט קיין שליופּקעלע.

— ס'וועט קומען צו עפּעס — וועסטו זיך דערשרעקן. נישקשה.

— כ'וועל זיך ניט דערשרעקן.

— האָסט גאָר קיין מורא ניט?

— איך דאַרף ניט מורא האָבן. אפשר דו. איך בין שוין געווען אויף מלחמה. געשלאָגן זיך. און נאָך ווי געשלאָגן זיך.

— ביסט מסתמא געזעסן ערגעץ פאַררוקט אין אַ טרום־לעכל מיט פאַרשטאָפּטע אויערן, כדי ניט צו הערן די קאַנאָנאַדע...

— ניט איך, ברודערקע. מיר, אַז מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן אַן דעם שונא, איז דאָס שוין געווען איינמאָל אַ שלאַכט. עס איז געווען לעבן און טויט. מיר זיינען אַרויס מיט אָנטבלויזטע קעפּ קעגן דעם שונא'ס קוילן און ניט מורא געהאַט. און געזיגט.

— נו, דאָס באַרימסטו זיך.

— כ'שווער מיט אַלץ, וואָס ס'איז מיר הייליק!

אימיצער, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט צוגעהערט צו די געשפּרעכן, האָט געפונען פאַר נויטיק אויך צו זאָגן עפּעס:

— און איך בין אויך געווען אין דער מלחמה. און גאָרניט. ס'איז ניט געווען וואָס צו טאָן... מיר זיינען אַרומגעשוואָומען, אַרומגעשמייעט איבער ימען. געזוכט דעם שונא. אַזוי, פאַרטריבן די צייט, און קיין מלחמה, ווי עס באַדאַרף צו זיין, ניט געזען.

— נו, וועסטו זי איצט זען, ווי עס באַדאַרף צו זיין. עס איז אויך דיין טאָג געקומען.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

— איך שרעק זיך ניט. מלחמה איז מלחמה. וואָס איינעם
— דאָס אַלעמען. איך בין גרייט.

— אַלע זיינען מיר גרייט. דערפאַר זיינען מיר אין דעם פלאָט. אָבער אז ס'וועט קומען די צייט — ערשט דעמאָלט וועלן מיר זעען — ווער וואָס...

— אַט איז דיר די צייט געקומען.

— געקומען איז געקומען. מיר וועלן זיך שלאָגן.

— מיר זיינען אין דעם פלאָט.

— אויף דער „שוואַן" האָב איך פאַר קיין זאַך קיין מורא ניט.

— אונזער „שוואַן" וועט אונז דורכטראָגן דורך פייער און וואסער.

אזוי האָבן מענטשן גערעדט צווישן זיך וועגן דער אָנקומענ־דיקער נאַכט. אַלע האָבן פּרובירט ריידן דערהויבן, מונטער און פרייליך. אָבער אין די הערצער איז ניט געווען קיין פרייד. עס האָט גענאָגט א בענקשאַפט. עס האָט זיך ניט געוואָלט אָפּרייסן פון ברעג אין דער אַטמאָספערע פון אומקלאָרקייט. און די שעה'ען זיינען געגאַנגען און געגאַנגען און יענע גרויסע שעה איז אָנגעקומען נעענטער און נעענטער.

קאפיטל אכט

די „Z-1“ איז געווען די גרעסטע פון די ביז איצט עקזיסטירנדיקע סובמארינען. זי איז געווען די סאמע קאמפליצירטסטע און אויך די סאמע זיכערסטע אינם גאנצן פלאט.

די איבער דריי טויזנט טאן וואסער־אויסטיילונג זיינען געווען איינגעפאסט אין א שטאלענעם קארפוס, וואס איז געווען שטארק ענלאך צו דעם קארפוס פון א קריג־שיף. אבער אין עצם איז זי געווען א קאמבינאציע פון דריי באקאנטע סובמארין־טיפן — דער לעיק־האלאנד־דעקוועווילעי טיפ. זי האט געקענט אויף דער אויבערפלאך פון ים אנטוויקלט א שנעלקייט, וואס האט זיך געקענט פארגלייכן מיטן גאנג פון די שנעלסטע דרעדנאוטן. אויך אין דער טיף האט זי געקענט גייען מיט דער שנעלקייט פון צוועלף ים־קנאטן א שעה. אירע שטאלענע ווענט און רוקן האבן זיך געקענט אנטקעגנשטעלן דעם שווערסטן דרוק פון ים, אויסהאלטן א טיפקייט פון גאנצע אכט הונדערט פוס.

אויך איר אינווייניקסטע סטרוקטור איז געווען דאס לעצטע ווארט אין דער סובמארין־טעכניק. אין איר בויך זיינען געווען איינגעשטעלט ריזיקע באלאסט־טאנקען, וואס האבן זיך, דורך דעם הויפט־טאנק, אין סאמע מיטן פונם אונטערשטן טייל, אנגעפילט מיטן ים־וואסער אין פארלויף פון איין מינוט, און, נאכדעם, פארשפרייט זיך רעגלמעסיק איבער די איבעריקע, אוקזילעריטאנקען און ארופגעזונקען די שיף אין די טיפענישן מיט דער לייכטקייט פון א רינג. און עס איז דערביי גאר ניט געווען קיין געפאר. די הידראפלאן־רודערס און דער גיראסקאפ האבן די שיף געהאלטן אין א שטענדיקן באלאנס, פאראלעל מיט דער אויבערפלאך פון ים. האבן ניט געלאזט דער שיף בייטן די פאזיציע, אדער איבערקערן זיך. און פונקט אזוי שנעל און לייכט האט זיך אויך די שיף געקענט ארויפהייבן אויף דער אויבערפלאך. מ'האט נאר באדארפט א לאז טאן די קראפט פון דער

צוזאמענגעפרעסטער לופט פון די לופט־אקומוליאטארן אין די טאנקען אריין, און זי האט שוין אויסגעבלאזן ביזן לעצטן טראפן וואסער פון די באלאסט־טאנקען, און די שיף איז ארויסגעשטיגן, ווי א לעבעדיקע, צו דער אפענער וועלט.

אין דער מאשין־אפטיילונג זיינען געשטאנען זעקס גרויסע דיזעל־קראפט מאשינען. יעדער איינע פון זיי האט געקענט אנט־וויקלען נאענט צו צוויי טויזנט פערד־כחות. די דיזעלן האבן געטאן זייער ארבעט בלויז אויף דער אויבערפלאך פון ים. פאר אונטערוואסערדיקער נאוויגאציע האט מען באנוצט די עלעקטרישע מאטארן, וואס האבן געצויגן זייער ענערגיע פון די עלעקטריק־אקומוליאטארן, אין דער באטאריי־צימער. ווען די דיזעלן האבן געארבעט האבן זיי אין דערזעלביקער צייט אקומולירט עלעקטרישע קראפט פאר די אקומוליאטארן. און אזוי איז די סובמארין, אין זיך גופא, געווען אן אומדערשעפלאכער קוואל פון ענערגיע און קראפט.

די מאטארן פון דער סובמארין האבן אין זיך אויך געהאט די מעלה, וואס זיי האבן, בעת דער נאוויגאציע, ארויסגעגעבן א שוואכן גערויש און האבן געקענט די שיף, אן איבעריקן טומל, דורכטראגן, אין דער נאענטקייט פון שונא, אומבאמערקט, ניט ציענדיק אויף זיך די מינדסטע אויפמערקזאמקייט.

די וויכטיקסטע אפטיילונג אויף דער שיף איז געווען דער הויפט־קאנטראל צימער. דער צימער האט זיך געפונען אין סאמע מיטן, אין דעם אויבערשטן טייל פון שיף, סאמע אונטער דעם רודער־בריק. פון דאנען איז געקומען די הויפט־לייטונג פאר דער גאנצער שיף. פון דאנען האט זיך באדארפט הערן די קאמאנדע פונם ערשטן אפיצער, פונם קאמאנדיר פון דער סובמארין. דאס איז געווען די צענטראלע פון דער שיף. דער צימער איז געווען פול מיט אפאראטן און איינריכטונגען. דא האבן זיך געפונען די עלעקטרישע שאלטערס פאר אלע מאטארן, די טויך־גירן, וואס קאנטראלירן דאס טויכן און דאס ארויסשטייגן, א גרויסע צאל

אממעטערן, וואָס ווייזן דעם דרוק און די באַוועגונג פון וואַסערן און צייכענען זיך אָפּ אויף דעם גרויסן גיראָ־קאָמפּאַס. דאָ האָבן זיך געפונען די קאָנטראָלן פאַר די גרויסע גיראָסקאָפּן, אַ גרויסע צאָל מאַנאָמעטערן, וואָס האָבן געוויזן דעם צושטאַנד פון דער לופט אין אַלע אָפּטיילונגען. אַלערליי כראָנאָמעטערן, טערמאָ־מעטערן און באַראָמעטערן האָבן געמאָסטן אַלערליי צושטאַנדן פון לופט און וועטערן. אַ גרויסע צאָל קאָמפּאַסן פון קלענערן און גרעסערן קאַליבער און גאַנצע מאַניפּאָלדן פון קלאַמערן פאַר לופט און סיגנאַליזאַציע האָבן אויסגעלייגט זייערע אויזערן אויף די ווענט, דילן און טישעלאַך. אומעטום האָבן אַרויסגעשטעקט הענטלאַך, קנאָפּן, קלאַמערן און רעדעלאַך, דורך וועלכע מ'האָט געקענט קאָנטראָלירן יעדן ווינקל, אין די סאַמע פאַרבאָרגנסטע ערטער פון דער סובמאַרין. ווי אין אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם, איז דאָס געווען דער קאָפּ פון דער שיף. די צענטראַלע מאַרך־סטאַנציע פאַר אַלע וויכטיקע אָפּעראַציעס. פון דאַנען האָבן זיך פאַרשפּרייט אַלע נערוון פאַר דער גאַנצער סטרוקטור.

אהערצו האָבן זיך אַרונטערגעלאָזן די דריי פּעריסקאָפּן, אַראָפּ־געהאַנגען מיט זייערע קוק־אויגן און, דורך אַ באַזונדער ליכט־וואַרפער, געוואָרפן רעפלעקטישע בילדער אויף אַ טישל אונטן. און די בילדער זיינען ענלאַך געווען צו פאָטאָגראַפישע בילדער אויף אַ געוויינלאַכן עקראַן.

רעכטס פון דעם קאָנטראָל־צימער, אויף עטלאַכע טרעפּלאַך העכער האָט זיך געפונען דער ראַדיאָ־צימער, וואו עס איז געווען איינגעשטעלט אַ מעכטיקער אַפּאַראַט. דער צימער איז געווען ניט איבעריק גרויס, אָבער איינגעאָרדנט מיט אַלע נויטיקע באַקוועמ־לאַכקייטן און פאַר אַלערליי מעגלאַכע ראַדיאָ־אָפּעראַציעס. דער אַפּאַראַט האָט געקענט אויפנעמען ראַדיאָ כוואַליעס פון די ווייטסטע ווינקלען פון דעם ערד־קוגל.

פון ביידע זייטן פונם קאָנטראָל־צימער האָבן זיך געצויגן צימערן, אָפּגעטיילטע איינע פון די אַנדערע מיט טירן, איינגע־

פאסטע מיט לופט־שלעסער פאר פאלן פון פארפלייצונג. דאס זיינען געווען טאפלטע טירן מיט צוזאמענגעדריקטער לופט, וואס האבן געקענט אפהאלטן דעם וואסער־שטראם. יעדער אפטיילונג האט דא געדינט איר צוועק. די באטאריי־אפטיילונג איז געווען אנגעפילט אויסשליסלאך מיט די עלעקטריק־אקומוליאטארן און די נויטיקע אקומוליר־מכשירים. הארט לעבן דעם צימער איז געווען דער באטאריי־קאנטראל צימער, וואס האט קאנטראלירט די קראפט פאר די מאטארן, די באלייכטונג, די באהייצונג און באטרייבונג פון פארשיידענערליי אפאראטן און געהילף־מאטארן.

זייער א גרויסן טייל פון דעם שיף־חלל האבן פארנומען די צוויי גרויסע טארפעדא־אפטיילונגען, וואס האבן זיך געפונען אין נאז און אין עק פון דער שיף. דא זיינען געווען די טארפעדא־רערן, צו זעקס אין יעדער אפטיילונג. דורך די רערן זיינען עס ארויסגעשאסן געווארן, אין צייט פון מלחמה, די טארפעדאס.

די „Z-1" איז געווען אויסשליסלאך — א קריג־שיף. אין דעם איז געווען דער זין פון איר עקזיסטענץ. אין דעם איז געווען איר ציל. נאך מער: — זי איז געווען א מוסטער פאר מאדערנער קריג־פירונג. זי האט פארמאגט גרעסערע טארפעדא־רערן און צוליב איר זיינען אויסגעבויט געווארן אויך גרעסערע און מעכטי־קערע טארפעדאס. אירע טארפעדאס זיינען געווען איבער פינף און צוואנציק פוס אין דער לענג און ארום דריי פוס אין דיאמעטער. די טארפעדאס האבן פארנומען כמעט דעם גאנצן ליידיקן פלאץ און האבן געלאזן אין דער אפטיילונג נאר אזוי פיל ארט, וויפיל עס איז נויטיק געווען פאר דער דורכפירונג פון דער פייער־אפעראציע.

דאס אויסשיסן פון א טארפעדא איז פארגעקומען דורך דער קראפט פון שטארק צוזאמענגעפרעסטער לופט אין גרויסע, נאט־לאזע אקומוליאטארן פון א צילינדער־פארמע, וואוהין עס ווערט איינגעפרעסט די לופט מיט דער שטארקייט פון דריי טויזנט קוביק אינטשעס אין יעדן קוביק אינטש חלל.

די טאָרפּעדאָס זיינען געווען מערקווירדיק ענלאַך צו דער סובמאַרין אַליין. זיי האָבן געהאַט אייגענע פּראָפּעלערן, טרייב מאַשינען און רודערס פאַר זייער אייגענעם קאָנטראָל. זי איז קאָנטראָלירט געוואָרן אין איר גאַנג דורך די זעלביקע געזעצן, וואָס די סובמאַרין, מיט דעם איינציקן אונטערשייד, וואָס זי איז אַרויסגעשאָסן געוואָרן פון אַ דרויסנדיקער קראַפט, פון דער סובמאַרין, און ניט פון זיך אַליין. אָבער דערפאַר האָט שוין די טאָרפּעדאָ שפּעטער אַליין אַנטוויקלט איר קראַפט און אַוטאָמאַטיש קאָנטראָלירט דעם אייגענעם גאַנג. די טאָרפּעדאָס זיינען געווען דאָס הויפּט געווער פון דער סובמאַרין. אָבער אַחוץ זיי זיינען פון ביידע זייטן פון די פּעריסקאָפּן, אויף דער אויבערשטער דעק געווען איינגעשטעלט אַ צאָל קאַנאָן-ביקסן פון מיטעלן קאַליבער, וואָס זיינען געווען אַזוי קונציק איינגעאָרדנט, אַז אין פאַל פון געפאַר, זיינען זיי, דורך אַ דריי פון אַ שרויף, פאַרשוואונדן אין באַזונדערע קאָמפּאַרטמענטן, אין דער שאָל פון שיף. דאָס זיינען געווען די „פאַרשווינדנדיקע ביקסן", ווי מ'האָט זיי גערופן. נאָך אין אַ צימער, שוין אינווייניק, זיינען, אין גראַטקעס, געשטאַנען מאַשין-ביקסן און אַ גרויסע צאָל געווייןלאַכע אינפאַנטעריע-ביקסן.

אַ גרויסע ראָלע אויף דער סובמאַרין האָבן געשפּילט די דריי פּעריסקאָפּן, די אויגן פון דער סובמאַרין, וואָס האָבן זיך מיט זייערע אויבערשטע טיילן דערהויבן הויך, איבער דער שיף. יעדער פון די פּעריסקאָפּן האָט געהאַט זיין באַזונדער אויפגאַבע. דער ערשטער, דער סאַמע נידעריקסטער, דער זעניט-פּעריסקאָפּ, איז באַשטימט געווען פאַר הימל אָבזערוואַציעס. זיין אויפגאַבע, אין צייט פון מלחמה, איז באַגרענעצט מיטן נאָכפאָלגן די באַוועגונגען פון פיינטלאַכע עראָפּלאַנען. דער צווייטער, העכערער פּעריסקאָפּ, איז געווען אין דעם געברויך פונם רודער אָפיצער, ביים הויפּט רודער-שרויף, וועלכער זעט דורך אים דעם וועג פאָראויס. ער האָט זיך דערהויבן אַרום פופצן פוס איבער דער דעק. דער דריטער פּעריסקאָפּ, דער סאַמע העכסטער, האָט זיך

דערהויבן ביז פינף און צוואנציק פוס איבער דער דעק. דאָס איז געווען דעם קאָמאַנדירס פעריסקאָפּ. דורך אים האָט מען געקענט, אין דערזעלביקער צייט, זען דעם גאַנצן האָריזאָנט, ארום און ארום. דער פעריסקאָפּ האָט אויך פאָטאָגראַפירט די גאַנצע געגנט דורך צוויי טריאַנגולאַרע פריזמען און די בילדער רעפלעקטירט אויף א פירקאַנטיקן טישל, ווי אויף א האָריזאָנטאַלן עקראַן.

די פעריסקאָפּן האָבן געקענט אויפהויבן זיך העכער, אָדער, אין א נויטפאַל, פאַרשווינדן אינווייניק, אין דער שיף. אָפּגעפּאַרבטע אין די קאָלירן פון ים, ווי די שיף אַליין, האָבן זיי באַדאַרפט אָפּנאַרן דאָס אויג פונם שונא.

אויף דער „Z-1", פונקט ווי אויף דער יבשה, איז געווען א שטרענגע צעטיילונג. פאַר די אָפיצערן זיינען געווען באַזונדערע אָפּטיילונגען. פאַר דער איבעריקער מאַנשאַפט — ווידער באַזונדערע. די אָפיצערן האָבן פאַר זיך געהאַט קאַבינעס, מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן פאַר א רייזנדיקן אויפן ים: — א בעט, א ביוראָ, א וואַש־אַלמער, א טיש מיט שטולן און אַן אַלמער פאַר קליידער. די איבעריקע מאַנשאַפט, פיר און צוואַנציק אין צאָל, צו אַכט מענטשן פאַר יעדער וואַכט, זיינען געווען איינגעטיילט אין עטלעכע אַלגעמיינע אָפּטיילונגען. פאַר זיי זיינען אין די ווענט געווען איינגעאָרדנט הענגענדיקע בעטלאַך, וואָס פלעגן זיך צושליסן און אָפּשליסן, ווען נויטיק. יעדער פון זיי האָט אויך געהאַט א מעטאַלענע שאַפקעלע פאַרן מינימום קליידער, וואָס יעדער האָט מיטגענומען.

דער מעכאַניזם פון דער שיף איז געווען זייער א קאָמפּליצירטער. אויף איר האָט יעדער פון דער מאַנשאַפט געקענט מאַכן א טעות און דורך דעם אָוועקשטעלן די גאַנצע שיף אין א געפאַר אונטערצוגיין. דורך יעדן קליינעם טעות האָט די שיף געקענט אונטערגיין, באַזונדערס, ווען זי איז אונטערן וואַסער. דערפאַר האָט מען זיך פאַרטראַכט וועגן פאַרשיידענע רעטונג־מיטלען. יעדער מיטגליד פון דער מאַנשאַפט האָט פאַר זיך געהאַט א

רעטונג־העלמעט, אין וועלכן אַ מענטש קען אָטעמען עטלאַכע שעה נאָכאַנאַנד, אַפּילו אונטערן וואַסער, צוליב די כעמישע שטאָפן, וואָס דער העלמעט האָט אין זיך פאַרמאָגט. די שטאָפן האָבן עטלאַכע מאָל רעגענערירט די איבערגעאָטעמטע לופט. פאַר יעדער אָפּטיילונג באַזונדער זיינען געווען איינגעשטעלט באַזונ־דערע לופט־רעגענעראַטאָרן. אין אַלע צימערן זיינען אויך געווען, אין אַ גענוגנדער צאָל, איינגעשטעלט כלים מיט צוזאַמענגע־פּרעסטער פרישער לופט און באַזונדערע זויער־שטאָף אַקומוליאַ־טאָרן, אין אַ פאַל ווען די שיף זאָל געצוואונגען זיין צו פאַרבלייבן אַ לענגערע צייט אין די טיפענישן.

צוליב רעטונגס־צוועקן זיינען אויף דער שיף אויך געווען איינ־געשטעלט עטלאַכע אָסצילאַטאָרן, וואָס ווערן באַנוצט פאַר אונטער־וואַסער סיגנאַליזאַציע, באַזונדערס — ווען די שיף איז אין אַ געפאַר. צוליב דעם זעלביקן צוועק זיינען דאָ געווען עטלאַכע טעלעפאָן־„באָיעס", וואָס ווערן אויף דראָטן ארויסגעלאָזן צו דער אויבערפלאַך, זיי וויגן זיך אויף די כוואַליעס און מיט זייער קלינגען ציען זיי צו די אויפמערקזאַמקייט פון די פאַרבייגייענדיקע שיפן. דאָס איז אַזאַ מאָרס־טעלעפאָן איינריכטונג, דורך וועלכער מ'קען קומען אין אַ פאַרבינדונג מיט די מענטשן פון אַ געזונ־קענער סובמאַרין, אויסגעפינען די סיבות פון זינקען און, אויב מעגלאַך, דורכפירן די רעטונג אַרבעט.

פון די נייעסטע איינריכטונגען פאַר סיגנאַליזאַציע אויף דער „Z־1" איז געווען אַזאַ אַפּאַראַט, וואָס האָט אוטיליזירט דאָס וואַסער, ווי אַ קאָנדוקטאָר פון עלעקטריציטעט. דאָס איז געווען דער ראַדיאָ־עלעקטריק אַפּאַראַט, וועלכער האָט געקענט פאַר־שפּרייטן עלעקטרישע כוואַליעס אויף אַ ווייטן מהלך, האָט זיך אונטערשיידט פון אַ געוויינלאַכן אָסצילאַטאָר דורך דעם, וואָס ער האָט געגעבן אַ מעגלאַכקייט צו סיגנאַליזירן און אויך צונויפ־ריידן זיך געוויי וועגן אַלע נויטן און וועגן אָרט און צושטאַנד פון דער געזונקענער שיף מיט אַלע איינצלהייטן.

אַלץ איז דאָ געווען פאַראויסגעזען. אַלץ איז דאָ געווען צוועקמעסיק. עס איז דאָ ניט געווען קיין איבעריקער, ניט נויטיקער דעטאַל. שטח איז געווען אויסגעמאָסטן און זאַכן האָבן דאָ באַדאַרפט האָבן זייער וואָג. ווייל אַלץ האָט נאָר באַדאַרפט פאַרענטפערן דעם צוועק און די זיכערקייט פונם מענטשן. די רייכע מאַניפאָלדן פון אַלערליי קלאַמערן פאַר לופט, עלעקטריציטעט און קאָנטראָל, די אַלערליי רערן און דראָטן, וואָס האָבן זיך געצויגן דורך די ווענט, איבער באַלקנס און אונטער די דילן, האָבן פאַרבונדן יעדע אָפּטיילונג מיט ליכט און לופט און לעבן. אומעטום האָבן געגלאַנצט די קופּערנע און מעשענע קלאַמערן, הענטלאַך, קראַנען און שליסלען, וואָס האָבן פאַרבונדן אָפּטיילונגען און מענטשן מיט דער לייטונג פון דעם קאָנטראָל צימער. דער מענטש איז אין ערגעץ ניט געווען אַליין. אַלע זיינען געווען איניינעם מיט דער שיף.

אָבער די געפאַר איז געווען. זי איז געווען אין אַלץ, און נאָך מער איז זי געווען אין דעם, וואָס האָט געזאָלט פאַרזיכערן קעגן איר. זי איז געווען אומפאַרמיידלאַך. זי איז געווען איינגעבויט אין דעם יסוד פון דער שיף. די גאַנצע סובמאַרין, מיט יעדן טייל אירן האָבן געשריען וועגן דער געפאַר און וועגן דעם גרויסן ווידערשפּרוך פון מענטשלאַכן לעבן אויף דער וועלט, וועגן אַ מורא׳דיקער שפּיל, וואָס האָט ניט געהאַט פאַר זיך קיין נאָמען.

אַלץ האָט דאָ פאַנאַנדערגעשריען די געפאַר: — די לופט־רעגענעראַטאָרן, די אָזאָנאַטאָרן, האָבן געוואָרנט קעגן דערשטיקונג. די אַקומולאַטאָרן — קעגן מאַנגל אין קראַפט און ליכט און וואַרעמקייט. די קאָנסערווירטע שפּייזן אין די עלעקטרישע רעפריגעראַטאָרן — קעגן מאַנגל אין שפּייז, קעגן הונגער. און עס איז ניט געווען קיין גאַנצע זיכערקייט אין די אַלע זיכערונג מיטלען קעגן אַ פּלוצלאַכער צעשטערונג. ווייל עס זיינען ניט געווען געזיכערט די מאָטאָרן קעגן אייגענעם טויט און עס זיינען ניט געווען געזיכערט די דיזעלן צו געבן קראַפט און אָפּגעהיט צו

ווערן פון אַ פּלוצלאַכער עקפּלאָזיע, און עס איז אַפילו ניט געווען געזיכערט דער גאַנצער קאָרפּוס פון דער סובמארין בייצושטייען דעם מעכטיקסטן דרוק פון ים. און קעגן אַט דער גרויסער געפאַר זיינען קליין און נישטיק געווען אַלע זיכערונג־מיטלען פונם מענטשן. די אָסציליאַטאָרן און מאָרס־טעלעפאָנען און די הונדערטער אַפּאַראַטן זיינען געווען ווי קליינינקע שפּילצייג פאַרן אָנזיכט פון דער געפאַר, וואָס האָט געלויערט אויפן מענטשן איניינעם מיט דער שיף פון פאַראויסגעזעענע און נאָך מער — פון ניט פאַראויסגעזעענע שונאים.

דאָס פּנים פון דער געפאַר איז געווען אָפן. אָבער די, וואָס האָבן געאַרבעט אין די אָפּטיילונגען, אַרום דער גרויסער צוגרייטונג, האָבן זי ניט געזען. זיי זיינען געווען, ווי בלינדע, וואָס האָבן געזען די זאַכן נאָר דאַן, ווען זיי זיינען ממשות׳דיק געקומען צו זיי און באַרירט זייערע הוילע הענט, זייער הויט און פלייש. דאָס קול פון דער געפאַר איז געווען קלאָר, אָבער זיי האָבן אים, ווי טויבע, ניט געקענט באַנעמען. שטומע און נאָכגיביקע, ווי פאַרטויילטע שקלאַפן, האָבן זיי זיך אונטערגעגעבן אַן אייביקן באַפעל. אַ כח, וואָס איז געקומען פון אויבן. און עס איז ניט געווען קלאָר דער באַפעל און אומבאַוואוסט איז געווען דער כח, וואָס האָט געצוואונגען איניינעם מיט דער גאַנצער מאַשין־סטרוקטור, מיט די שרויפן און מאָטאָרן, בלינד און שטום, טאָן די אַרבעט, יאָגן זיך צו אַ ציל, וואָס זיין כח איז געווען אין דער אומבאַוואוסטקייט און זיין זין — אין דער אומבאַגרייפלאַכקייט פון אמת.

קאפיטל ניין

דער קאמאנדיר קאלווין פארקער איז געזעסן אין דעם הויפט קאנטראל־צימער. געזעסן איבער די מאפעס, שטודירט זיי און איבערגעשטודירט. עס איז שוין געווען קלאר יעדעם פינטעלע. עס איז געווען קלאר יעדער צוג פון דער „Z-1" איבער די פינטע־לאך און שטריכעלאך. אט פון דעם צימער וועט ער ארויסלאזן דאס ערשטע ווארט פון דער גרויסער קאמאנדע. פון דאנען וועט זיך דערהערן זיין ווארט און וועט אויפלעבן אין באוועגונג און טאט דעם גרויסן ארגאניזם פון זיין שיף און זיין מאנשאפט. ער וועט פארקניפן א ניי שטיק לעבן, און וועט פאנאנדערקניפן. ער וועט פארבינדן דאס לעבן מיטן טויט, און וועט פאנאנדערבינדן.

ער איז געווען ווי א קעניג. אין די קנייטשן פון זיין מארך איז געווען פארוויקלט דאס גוטע און דאס שלעכטע, וואס האט געפירט און רעגירט איבער דעם שיקזאל פון מענטשן, גלייך ווי איבער דעם שיקזאל פונם טויטן געשפענסט פון דער „Z-1". דער ים איז געווען ריזיק־גרוים און מעכטיק און האט געוועלטיקט איבער אלע קאנטינענטן. אבער די סובמארין האט ניט מורא געהאט פאר זיין מאכט און עס האט ניט מורא געהאט איר קאמאנדיר, לייטענאנט קאלווין פארקער.

אין קאפ פונם קאמאנדיר האט א שווינדל געטאן. ניט געקענט, ווי עס באדארף צו זיין, באנעמען די אייגענע אויפגעברויזטע עמאציעס. ווייל עס איז שוין געלעגן אויף אים אן אומגעהויערער חוב אפצורייסן פון דער לעבעדיקער וועלט א שטיק לעבן און געבן אים א נייעם זין און א נייעם אינהאלט. און פון דעם איז געווען שווער. שווער און אומעטיק. ער איז געווען איבערגעפילט ווי מיט נייע בלוטן, וואס זייער ווירקונג אויף זיין לעבן איז נאך געווען ניי און אומבאקאנט.

פונקט צוועלף אזייגער איז פארענדיקט געווארן די לעצטע אינספעקציע. זי האט געדויערט שעה'ען. דאס איז געווען דער

לעצטער עקזאַמען פון אַלע טיילן פון דער סובמארין. אַלע ווינקע־לאַך זיינען אינספּעקטירט געוואָרן. יעדער רער און דראָט, יעדער קלאַמער און ליוק איז אויסגעפּרוּווט געוואָרן. ס'איז ניט אויס־געלאָזט געוואָרן קיין איינציקער פּונקט פונם לאַנגען קאָדעקס פון פאַרשריפטן פאַר דער זיכערקייט פון דער סובמארין, וואָס איז גרינטלאַך ניט פאַרענטפערט געוואָרן. אַלץ איז פון פריער באַטראַכט געוואָרן אינם ליכט פון אַלערליי מעגלאַכע צופאַלן.

אינזשענירן און טעכניקער האָבן דעם גאַנצן טאָג געאַרבעט. אַלערליי ספּעציאַליסטן האָבן געפאָרשט און געמאָסטן די אַפּאַראַטן. און צום סוף איז אַלץ געווען אין דער שטרייננסטער אָרדענונג.

נאָכדעם איז געגאַנגען די צוגרייטונג מיט גרויסער שנעלקייט. דער קאָמאַנדיר האָט געהאַט אַ קורצע באַראַטונג מיט די געהילף־אָפיצערן וועגן פאָראויסגעזעענע און נאָך ניט פאָראויסגעזעענע צוגן פון דער סובמארין. נאָכדעם איז געווען די לעצטע ציילונג פון דער מאַנשאַפט. דער קאָמאַנדיר האָט נאָך אַמאָל גערעדט צו דער מאַנשאַפט. גערעדט שווערע, באַצווינגענדיקע רייד. אין זיי איז געווען קאַלטע פאָדערונג און שווערע דראָאונג. די מענטשן איז פון דעם געווען שווער, אַזוי ווי שווערע גרויע ווענט וואָלטן זיך אויף זיי אָנגערוקט און ס'וואָלט אין זיי ניט געווען קיין שפּעלטעלע פאַר ליכט און וואַרעמקייט. דאָס לעבן איז איינגע־שמידט געוואָרן נאָך שטאַרקער און שטאַרקער אין די שטאָלענע רייפן פון געזעץ. דער קאָמאַנדיר איז געוואָרן שטרייננגער און דאָס לעבן איז געוואָרן שטרייננגער. די פּנימער זיינען געוואָרן בלייכער, גרויער און עלטער. די אויגן — פינסטערער. דער טראָט — שווערער.

קיינער האָט ניט געוואָלט אין אַזאַ נאַכט אָפּרייסן זיך פון ברעג און אַוועקלאָזן זיך אין דער פינסטערניש פון ים און נאַכט. אויך דער קאָמאַנדיר איז געוואָרן אַן אַנדערער. ער האָט אויך אויסגעקוקט עלטער, און אין זיינע גרויע אויגן איז שווער געווען צו דערזען דעם אמת. האָט ער געזען דעם אמת'ן זין פון די

געשעעניש? האָט ער געוואוסט, וואוהין און נאָך וואָס עס האָט זיך די שיף ארויסגעלאָזט אין אָפענעם ברוגז'ן ים, אין אזא נאכט?

אזא פינסטערע נאכט געווען און אזא אומרואיקע. עס איז געווען פינסטער אַרום און נאָך פינסטערער איז געווען אויפן ים. און עס איז געווען אויסערגעוויינלאָך און מאָדנע. אפילו פאר די געניטע ים־מענטשן, וואָס די סובמארין וועט זיך דארפן אוועקלאָזן אין ים אריין דורכצושלאָגן זיך אַ וועג, דורך טיפעניש און שרעק, צו עפּעס אַ ציל, וואָס איז געלעגן פון יענער זייט פון לאָגיק און קאָנקרעטער וויזיע.

עטלאָכע מינוטן פאַר איינס אזייגער ביינאכט איז געווען די ערשטע קאָמאַנדע פון דעם קאָמאַנדירס אָרט, אויפן בריקל:

— באפרייען די שיף פון די פיער־קאַבעלן!

און נאָכדעם די צווייטע קאָמאַנדע:

— אַלע אויף די ערטער! זייט גרייט פאַרן סיגנאַל!

עפּעס האָט, אין איינגעהאַלטענער שרעק, אַ ציטער געטאָן און אַנגעהויבן פיבערדיק צו לעבן. אין אַ רגע זיינען שוין אַלע געשטאַנען אויף די פּאָסטנס. מיט קלאַפּנדיקע הערצער געוואַרט אויף דער דריטער קאָמאַנדע.

עס האָבן שוין געאַרבעט די דיזעלן. די סובמארין האָט עטוואָס געציטערט. זי איז געווען ווי אַן אויפגעוועקטע פון שלאָף. אַ באַפרייטע פון די אַלע צובונדן, האָט זי זיך לייכט געוויגט אויף די שטילע, איינגעצאַמטע באַזע־וואַסערן, און אויך געוואַרט אויף די ווייטערדיקע סיגנאַלן. נאָך עטלאָכע רגע'ס, און דער לעצטער סיגנאַל האָט אַ ציטער געטאָן און האָט זיך צעטראָגן דורך אַ נערוועזן, ציטערדיקן געקלאַנג, פאַנאַנדערגעלאָפן זיך, אין איילעניש, איבער דראָטן, איבערן גאַנצן איינגעווייד פון דער שיף און געבליבן שטעקן אין די הערצער פון זיבן־און־צוואַנציק מענטשן: עס האָבן אַ ציטער געטאָן, אין ווייטיק, די הערצער, און גלייך האָט זיך די סובמארין, לאַנגזאַם געגומען אָפּרוקן פונם ברעג. נאָך אַ מינוט, און זי האָט שוין פאַרשנעלערט איר גאַנג צו דער

פינסטערניש, דערנענטערט זיך צו די שוואַרצע מאַלן, אַרומגע־בויגן זיי מיט אַ ריכטיק־אָפּגעצייכנטן קרייז, און אַוועקגעגאַנגען גלייך אַנטקעגן די כוואַליעס.

די כוואַליעס, אויפגעריסענע פון שטאַרקן ווינט, האָבן זיך, ווי אויפגערייצטע וועלף, אַ וואָרף געטאָן אויף דער „Z-1", ניט געוואָלט אַריינלאָזן זי אין ים אַריין. אָבער די שיף האָט זיך אַ וויג געטאָן, פאַנאַנדערגעלאָפן זיך אויף זיי און געקראָכן, געקראָכן און אָן מורא געשניטן די וואַסערן, אָפּקלייבנדיק פאַר זיך אַ וועג צווישן די קאַמען, ווי אַ חיה, וואָס קלייבט זיך דורך אַ וועג צווישן ביימער און פעלזן, אין אַ געדיכטן וואַלד. הינטער איר האָט זיך געצויגן, אין דער טונקלקייט, אַ ברויזנדיקער ברומענדי־קער קילוואַטער.

פון ווייטן האָט נאָך געפינקלט דאָס לעשנדיקע ליכט פון דער שטאָט. דאָ און דאָרטן האָבן זיך געלאָשן און געצונדן רויטע און בלוי־גרינע עלעקטרישע סיגנאַלן. ביסלעכווייז האָט זיך געלאָשן דאָס לעבן אַרום. וואָס ס'איז געווען ביז איצט איז פאַר־שוואונדן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי לעבן. אַ שווער לעבן מיט שווערע דערוואַרטונגען.

דער ים איז געווען זייער שטורעמדיק. די שיף האָט זיך געראַנגלט מיט די כוואַליעס, ווי אַ יונגע חיה, וואָס האָט זיך איינגעפלאָכטן אין נעצן און ניט געקענט פון זיי אַרויס. עס איז שוין לאַנג פאַרשוואונדן די שטאָט און עס זיינען שוין פאַר־שוואונדן די ברעגיקע סיגנאַל־פייערן. דאָס לעבן איז פאַרבליבן ווייט פון הינטן, איינגעהילט אין דער פינסטערניש. די שיף האָט זיך געדראַפּעט איבער די ברויזנדיקע קאַמען פאָרויס און די מאַנשאַפט אינווייניק האָט געאַרבעט שווער צו געבן איר כח, באַלאַנס און זיכערן גאַנג.

דער קאָמאַנדיר איז די גאַנצע צייט געווען אויף זיין פּאָסטן. זיין קול האָט ניט אויפגעהערט צו גרייכן אין אַלע אָפּטיילונגען. ער האָט יעדע ווייַלע געוואָרפן זיינע בליקן צום באַראָמעטער.

אַפּט דורכגעקליבן זיך דורכן שמאָלן דורכגאַנג צו דעם שרויף־בריק, אויבן, געשפּיזט די בליקן אין דער ווייטקייט אַריין. געזוכט אַן ענטפער פאַר דער לייזונג פון דער שטורעם־פּראָבלעם. די כוואַליעס האָבן ניט אויפגעהערט אַרומצוואַרפן די שיף, שרייען און ברומען. איבער דער שיף האָט זיך געטראָגן אַ שטורעם־ווינט. ווי אַ שוואַרצער פויגל, ניין, ניט ווי אַ פויגל, נאָר ווי אַ מחנה פון טויזנטער פויגל, וואָלט זיך צעפּאָכעט מיט זייערע פליגלען איבער דער איינזאַמער, פאַרוואָגלטער סובמארין. און אין דער סובמארין האָט אַלץ געקרעכצט פון גרויסער אָנשטריינגונג.

און אַזוי שעה נאָך שעה, אין דער נאַכט אַריין. זי איז שוין מער ניט געווען שיין, די „שוואַן". ווי די מענטשן אין איר, איז זי שוין געווען אויסגעמאַטערט. זי איז שוין, צום טויזנטסטן מאָל, געווען אַפּגעגאַסן, ביז אַריבער די אָנגעצויגענע אַנטענעס, מיט די שוואַרצע פרעסנדיקע ים־שטראָמען און ווידער אַרויסגעקלעטערט ביז צו די שפּיצן פון די ים־בערג. און די געפאַר איז געווען גרויס. ווייל די שיף איז געגאַנגען אין סאַמע מיטן פונם שטורעם־וועג.

די ראַדיאָ האָט אַרויסגעשיקט באַריכט־נאָך־באַריכט צו דער הויפּט־קוואַרטיר און צו דער אייגענער באַזע. אָבער עס איז אין די באַריכטן ניט געווען קיין וואָרט וועגן דער דראָענדיקער געפאַר:

„... אין די וואַסערן צפון־מזרח פון ברעג. 12° לאַטיטוד, 30° לאָנגיטוד. אַלץ איז אין אָרדענונג. די שיף רוקט זיך פאָרויס מיט אַ שנעלקייט פון פינף און צוואַנציק קנאָטן ..."

„... די „Z-1" גייט אַלץ פאָרויס. קעמפט מיט די אומרואיקע וואַסערן גלענצנדיק. די שנעלקייט די זעלביקע. קאָמאַנדיר איז רואיק ..."

„... די שיף האַלט אויס דעם דרוק פון ים גלענצנדיק. אין צען מינוטן אַרום בייט זיך די ערשטע וואַכט ... אַלץ איז אין בעסטער אָרדענונג. דער ים שטילט זיך ניט איין ..."

* * *

אין דער אינגעווייד האָט די מאַנשאַפט שווער געאַרבעט. מיט אויסגעמאַטערטע נאַכטיקע פּנימער זיינען מענטשן געשטאַנען ביי די דיזעלן, ביי די קאָנטראָל־אַפּאַראַטן, ביי דעם רודער־גיר, געהיט די באַוועגונג פון דער שיף, איר באַלאַנס אין די שווידערלאַכע וואַסערן. און די קאָמאַנדע האָט ניט אויפגעהערט צו הילכן:

— אכטונג — די האָריזאָנטאַלע רודערס!

— אַכטונג! — גיראָסקאָפּ!

— ברען־אויל פאַר די דיזעלן!

— אַכטונג! אַכטונג! אַכטונג!

מענטשן האָבן פון אומעטום באַריכטעט:

— אין אָרדענונג!... אין אָרדענונג!... אין אָרדענונג!

אָבער עס איז ניט אַלץ געווען אין אָרדענונג. עס האָבן ניט געאַרבעט, ווי עס באַדאַרף צו זיין, די אויסגעמאַטערטע דיזעלן. עס האָט מיט שווערקייט איינגעהאַלטן דעם באַלאַנס דער גיראָסקאָפּ. עס איז שווער געווען אָנצוהאַלטן די ריכטונג. דער גרויסער גיראָ־קאָמפּאַס האָט זיך געוואָרפן אין אַלע זייטן, ווי אַ ווילד געוואָרענע, אויפגעשראָקענע חיה. צווישן די מענטשן האָבן זיך גענומען שלענגלען אומצופרידענע רייד. אימיצער האָט מיט אַ וואָרט געבראָכן דאָס לאַנגע שווייגן, און גלייך האָבן זיך גענומען טראָגן פון איין אָפּטיילונג צו דער צווייטער אויפגערעגטע רייד. מ׳איז געווען אויסגעמאַטערט און אומצופרידן. אומצופרידן מיט דער קאָמאַנדע. איינער מיטן אַנדערן, און מיט זיך אַליין. און עס איז געווען אַזוי, ווי גלייך פון אָנהויב אָן, איז אַלץ געווען קעגן די מענטשן. עס האָט זיך געדוכט, אַז די פינסטערע נאַכט און דער שטורעם וועט זיך קיינמאָל ניט ענדיקן.

— צום טייוול!

— ווען וועט שוין זיין אַ סוף צו דעם?

— מ׳לאָזט זיך אַרויס מיט אַ סובמארין אין אַזאַ נאַכט.

— העי, רעד ווייניקער! ביסט אונטער קריג־דיסציפּלין.

— צום טייוול מיט דעם אַלעם!

— שווייג, זאָג איך דיר, דו וועסט זיך נאָך אָנרייסן...

— זיי וועלן דיך אַריינוואַרפן צום טייוול אין מויל, און דו שווייג.

— אין אַזאַ וועטער לאָזט מען די שיף יאָגן פינף און צוואַנציק קנאָטן. זיי זיינען דאָרטן, אין דער קאָמאַנדע, משוגע. אַזוינס איז נאָך ניט געהערט געוואָרן. פינף און צוואַנציק קנאָטן אין סאַמע מויל פון אַזאַ שטורעם!... דאָס איז דאָך שפּילן זיך מיטן טייוול אַליין!...

— עך, עס וועט פאַרלאָרנגיין די „שוואַן" — פּאַר גאָרנישט און פאַר נישט!

— האָב קיין מורא ניט: — וועסט אויך, מיט איר אינאיינעם, פאַרלאָרנגיין.

די שיף איז געווען אויסגעמאַטערט און די מאַנשאַפט איז געווען אויסגעמאַטערט. מ'האָט זיך מיט שוועריקייט געהאַלטן אויף די פיס. מיט שוועריקייט קאָנטראָלירט די אייגענע רייד און די געדאַנקען. דער צווייטער אָפיצער האָט מורא געהאַט צו ריידן. אויסגעמידן דעם קאָמאַנדירס אויגן. אויסגעמידן די בליקן פון דער מאַנשאַפט. אַרומגעוואַנדערט איבער די אָפּטיילונגען, גע־וואַקלט זיך אויף זיינע מידע פיס, ווי אַ שיכור'ער, און ניט געוואוסט ווי אַזוי אָנצוהויבן צו ריידן מיטן קאָמאַנדיר.

נאָכדעם, ווי עס איז געביטן געוואָרן די ערשטע וואַכט, האָט שוין לייטענאַנט פּאַרקער אַליין צונויפגערופן די אָפיצערן אויף אַ קורצער באַראַטונג. ער האָט געזאָגט:

— אָפיצערן, מיר געפינען זיך אין אַן ערנסטער לאַגע. וואָס איז אייער מיינונג? וואָס דאַרף געטאָן ווערן?

געזאָגט, און ניט געקוקט דיביידע שווייגנדיקע אָפיצערן אין די אויגן. האָט דער צווייטער אָפיצער אָפּגעוואַרט אַ רגע און געזאָגט:

— לייטענאַנט, מיר טאָרן ניט ריזיקירן מיט דער שיף. אַזאַ

שנעלקייט און אין אַזאַ ים וועט צערייסן די „Z-1". איר האָט צופיל גלויבן אין איר ווידערשטאַנד־פייאיקייט. די רודערס זיינען אין געפאַר...

דער קאָמאַנדיר האָט זיך אַריינגעריסן אין זיינע רייד:

— איך האָב צופיל גלויבן אין דער „Z-1"ס ווידערשטאַנד. און איר — צו ווייניק. איר האָט פאַרגעסן אונזערע צילן. איר האָט פאַרגעסן די באַדייטונג פון אָט דעם מיליטערישן צוג. פאַרלאַנגזאַמען דעם גאַנג — מיינט פאַרלירן צייט. און דאָס מיינט — דורכפאַל. איר וועט דעם פלעק ניט אָפּרייניקן פון דער „Z-1" אין צען שפּעטערדיקע געלונגענע אַקציעס.

איצט האָט ער שוין אָדלערדיק געקוקט דעם בלייכן אָפיצער אין די אויגן אַריין. ניט אַראָפּגעלאָזט פון אים זיין אויג, ווי מורא האָבנדיק צו פאַרלירן אים פון זיין פּערספּעקטיוו. ער האָט איבערגעכאַפּט דעם אויפגערעגטן אָטעם און ווידער געזאָגט:

— און נאָך האָט איר פאַרגעסן, אַז דאָס איז אַן אויסעראָרדענטלאַכע מיסיע. מיר מוזן קומען אין אַ באַשטימטער צייט צו אַ באַשטימטן אָרט. אויב ניט — איז דער ציל ניט דערגרייכט. אונזער אַרבעט איז גאַרניט ווערט און די אַלע האָפענונגען אויף דער שיף זיינען — אַ ליגן!

ביידע אָפיצערן האָבן געשוויגן. דער קאָמאַנדיר האָט זיך אַ וואַקל געטאָן עטלאַכע מאָל איבער דער אָפיצערן־קאַיוטע און האָט דראָענדיק געזאָגט:

— איר האָט ווייניק גלויבן אין אייער שיף, אָט וואָס! איר האָט ווייניק גלויבן אין דער שטאַרקייט און אויסגעהאַלטנקייט פון דער מאַנשאַפט. און נאָך ווייניקער גלויבן האָט איר אין זיך. און איר האָט אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז דאָס איז מלחמה. אויסגעהאַלטנקייט פון גייסט — דאָס פאָדערט מלחמה. אומדערשראָקנקייט — דאָס פאָדערט מלחמה. און איר זייט שוין פאַרצווייפלט. איר האָט נאָך ניט געזען די געפאַר, און איר זייט שוין דערשראָקן.

דער קאָמאַנדיר איז אַליין אַריינגעכאַפּט געוואָרן אין דער נעץ

פון די אייגענע באגייסטערטע רייד און האט שוין אינגאנצן פארגעסן דעם ציל פון דער בארעטונג. ער האט לאנג גערעדט וועגן דיסציפלין און ערע און האט פארענדיקט מיט בייזקייט אין קול:

— מיר בייטן ניט אונזערע באשלוסן. מיר פאלגן אויס דעם באפעל ביז דעם לעצטן פינטל. די „Z-1" מוז זיגן.

און ער האט זיך, דער ערשטער, אפגעריסן פון ארט, אוועק מיט שנעלע טריט צו דעם ראדיא־צימער און געהייסן ארויסשיקן א מעלדונג צו דער הויפט־קווארטיר:

„...אין די וואסערן צפון־מזרח. 15° — לאטיטוד, 31° — לאנגיטוד. די „Z-1" האלט אויס דעם דרוק פון שטורעמדיקן ים גלענצנדיק. מיר גייען פארויס מיט דער גרעסטער מעגלאכער שנעלקייט נענטער צום ציל..."

פון דעם ראדיא־צימער איז דער קאמאנדיר ארויס א בלייכער. אבער זיין אויג איז געווען טונקל. ער איז מיט שנעלע טריט אוועק אויף א פערזענלאכער אינספעקציע איבער די אפטיילונגען. אומעטום האבן אים באגעגנט שטומע, אויסגעמאטערטע בליקן פון דער מאנשאפט. מענטשן האבן טריי געטאן די ארבעט, פינקטלאך דורכגעפירט יעדן באפעל פון דער קאמאנדע, אבער עס איז ניט געווען דער גייסט פון אונטערנעמונג אין זייערע באוועגונגען. דאס האט גערעגט דעם קאמאנדיר. ער האט זיך עטלאכע מאל פרובירט צוצושעפן מיט אומפריינטלאכע באמערקונגען אויפן אדרעס פון אייניקע פון דער מאנשאפט. יענע האבן שטום אויסגעפאלגט. אבער ניט געענטפערט מיט קיין ווארט און מיט יענער גרייטקייט, וואס דעם קאמאנדירס באפעל פלעגט אלע מאל ארויסרופן. דער קאמאנדיר איז געגאנגען אלץ ווייטער און ווייטער.

פלוצלונג האט די שיף א שטארקן וואקל געטאן, א ריס געטאן זיך אן א זייט, ווי פון א שטארקן שטויס, און האט גענומען מאכן דערגענדיקע באוועגונגען פאראויס. די מענטשן, וואס זיינען

געשטאַנען אַן אַן אָנשפּאַר האָט אָפּגעשליידערט אַן אַ זייט. דעם קאָמאַנדיר אַליין האָט אויך אַ שטאַרקן שליידער געטאָן צום דיל, אָפּשלאָגנדיק אים דעם לינקן אָרעם. פון אַלע זייטן האָבן זיך דערהערט קולות. מענטשן האָבן עפּעס געשריען. עטלאַכע זיינען געלאָפן אין דער ריכטונג פון דער מאַשין־אָפּטיילונג. דער קאָמאַנדיר האָט זיך אויפגעהויבן און אַ לאָז געטאָן זיך איניינעם מיט די לויפנדיקע, אין צעטומלעניש פאַרגעסן דעם ווייטיק אין אָרעם, און נאָכגעשריען:

— הע, וואָס האָט פּאַסירט!

אימיצער האָט, ניט אָפּשטעלנדיק זיך, אין איילעניש, צוגע־וואָרפן:

— עפּעס אין דער מאַשין־אָפּטיילונג.

אָפּגעריסענע אויסגעשרייען אין אַלע ריכטונגען האָבן געהילכט אין דער שטיקנדיקער, מיט ברען־אויל שמעקנדיקער לופט. אין נאָז זיינען געקראָכן אומאַנגענעמע גאַזן און דער קאָפּ האָט זיך געטשאַדעט און געוועז פאַרנעפּלט. די שיף האָט זיך געטרייסלט. עס איז שווער געווען צו באַשטימען צי זי גייט, אָדער זי האָט זיך גאָר אָפּגעשטעלט און דרייט זיך, דרייט זיך אויף איין אָרט. דער קאָמאַנדיר האָט זיך מיט שוועריקייט דערקליבן ביז דער מאַשין־אָפּטיילונג. אַרום די דיזעלן זיינען געשטאַנען אין אַן אויפגערעגטן געזעמל אַ פינף מענטשן. דער קאָמאַנדיר איז צו זיי צוגעטראָטן:

— וואָס האָט פּאַסירט?

בלייכע פּנימער האָבן זיך אַ קער געטאָן צו אים:

— די אויל־פּאָמפּן האָבן אויפגעהערט צו אַרבעטן. עפּעס איז קאַליע געוואָרן. מיר האָבן געמוזט צוויי דיזעלן אָפּשטעלן. אויך די איבעריקע...

דער קאָמאַנדיר האָט אַ גלאַנץ געטאָן מיט די אויגן:

— פאַרריכטן די מינוט די פּאָמפּן!

איינער פון די מעכאַניקער האָט ניט אַנטשלאָסן פאַרגעלייגט:

— אפשר א לאז טאן די מאטארן?

דער קאמאנדיר האט ניט געענטפערט. אבער א בייזער פארדראס אויף דעם מענטשן, וואס האט געוואגט צו געבן אן עצה, האט א ברען געטאן אין אים, ווי מיט פייער. ער האט איבערגעכאפט דעם אטעם און מיט כעס געזאגט:

— וואסווארט איר? איך האב געזאגט: פארריכטן די פאמפן!

עטלאכע האבן זיך, אן ווערטער, א לאז געטאן מיט דעם אונטערגעכאפטן געצייג, צו די פאמפן.

דער קאמאנדיר האט זיך, ווי א שטורעם, אוועקגעלאזט צו דעם הויפט־קאנטראל צימער. אויפן וועג האט ער זיך אנגעשטויסן אן דעם צווייטן אפיצער. יענער האט אים אפגעשטעלט:

— לייטענאנט, די געפאר ווערט גרעסער...

דער קאמאנדיר האט אים אפגעשטעלט:

— פארוואס זיינען די פאמפן ניט געווען אין ארדענונג? ווער האט געמאכט די אינספעקציע? פארוואס זייט איר ניט אויפן ארט, ווען עס פאסירט עפעס? ווייסט איר, אז צוויי דיזעלן זיינען שוין אפגעשטעלט? ווי קענט איר דערווארטן, אז די שיף זאל דורכברעכן דעם שטורעם?!...

דער צווייטער אפיצער האט נאך ניט צייט געהאט צו ענטפערן, ווי דער קאמאנדיר איז שוין פון אים פארשוואונדן. ער האט בלויז דערהערט זיין שטימע, ווייט הינטער זיך:

— איך וועל אייך אלעמען צוציען צו דער שטרייננסטער פאראנטווארטלאכקייט. איר וועט צאלן פאר יעדער טעות אייערן!...

אויף דער שיף איז אנגעפאלן צערודערונג, אומזיכערקייט און באהאלטענע מורא. מענטשן זיינען ארומגעלאפן פון איין אפטייל צו דער אנדערער. ניט אפגעשטעלט זיך. ניט געזוכט צו פארבינדן א געשפרעך. בלויז איבערגעווארפן זיך מיט שטומע בליקן, מיט האלבע ווערטער און פראזן.

מיט צוויי אָפּגעשטעלטע דיזעלן איז שווער געווען אָנצוהאַלטן די נאַוויגאַציע אויף דער שטורעמדיקער אויבערפלאַך. און צו פאַרריכטן די קאַליע־געוואָרענע מאַשינעס האָט מען באַדאַרפט האָבן צייט. דערווייל האָט מען געמוזט לאָזן די קראַפט פון די מאָטאָרן. מ׳האָט זיך באַדאַרפט אַרונטערלאָזן אין דער טיפעניש. די לאַגע וואָלט געווען אַ זיכערערע, אָבער דער גאַנג פון דער „Z-1" וואָלט צוליב דעם געמוזט פאַרקלענערט ווערן ביז אַ מיני־מום. די אונטער־וואַסערדיקע נאַוויגאַציע איז אַ לאַנגזאַמע. די „Z-1" וואָלט זיך פאַרשפּעטיקט. אָבער קיין אַנדער אויסוועג איז ניט געווען.

לייטענאַנט קאַלווין פּאַרקער האָט עס פאַר זיך געזעען מיט דער גאַנצער קלאָרקייט, מיט דער גאַנצער גרויזאַמקייט פון אַ ביטערן אמת. און אין דעם איז געווען די צעשטערונג פון אַלע זיינע פּלענער. אַזאַ טויכן ,איז געווען אַן אומגליק. עס איז געווען קאַטאַסטראָפאַל. עס איז געווען אַ שווערע לאַגע. עס וואָלט פאַר אים לייכטער געווען צו באַגעגענען דעם אייגענעם טויט, איידער צו שטייען אַנטקעגן דער גרויזאַמער ווירקלאַכקייט.

ער איז געווען אין דער העכסטער שטופע פון אויפרעגונג און פאַרצווייפלונג. און ער האָט עס ניט באַהאַלטן. ער איז אַרומגע־לאָפן איבער די אָפּטיילונגען. און זיין קול האָט זיך צעטראָגן איבער אַלע ווינקלאַך, ווי דאָס קול פון אַן אויפגערייצטער, פאַר־יאָגטער און פאַרצווייפלטער חיה.

מעכאַניקער־מאַשיניסטן האָבן געאַרבעט אין דער מאַשין־אָפּטיילונג. אַלע טעכנישע קרעפטן האָבן זיך קאָנצענטרירט אויף דעם קראַנקען פונקט. אָבער עס האָט באַדאַרפט נעמען צייט. מ׳האָט געמוזט צונויפרופן אַן אויסערגעוויינלאַכע באַראַטונג פון דער העכערער לייטונג.

פּאַרקער איז אַרומגעגאַנגען, אַן אויפגערעגטער, פון ווינקל צו ווינקל. אַזוי ווי אין צימער וואָלט ער געווען אַליין. ער האָט פאַר זיך קיינעם ניט געזען. די שיף האָט זיך געוואַקלט. איבער־

גריסן זיינע טריט, געשליידערט אים פון אָרט. ער האט געשוויגן. ער האָט, דער ערשטער, די באַראטונג ניט געוואָלט אָנהויבן.

ענדלאָך האָט איינער פון די אָפיצערן געזאָגט:

— לייטענאַנט. מיר טאָרן ניט פארלירן קיין איבעריקע מינוט. די לאַגע איז אַ געפערלאַכע און...

ערשט דאַן האָט זיך דער קאָמאַנדיר אָפּגעשטעלט, אַ קוק געטאָן אויפן אָפיצער מיט אַ שאַרפן קוק, ווי ער וואָלט געוואָלט איבעררייסן זיינע רייד:

— מיר ווייסן די לאַגע. איז וואָס־זשע איז אייער מיינונג?

— מיין מיינונג איז, אַז מ'דאַרף לאָזן די מאָטאָרן און וואָס שנעלער אַריבערגיין אויף דער אונטערוואַסערדיקער נאַוויגאַציע. אַמווייניקסטן — ביז די דיזעלן וועלן פאַרריכט ווערן. און אפשר טאַקע ביז דער שטורעם וועט פאַריבער.

דער קאָמאַנדיר איז אויפגעשפּרונגען, ווי אַ פאַרוואונדעטער:

— אהאַ! איך האָב געוואוסט, אַז איר וועט עס זאָגן. דאָס איז אייער עצה. און קיין בעסערע עצה האָט איר ניט? ווייסט איר נאָך אפשר ניט, אַז דאָס וועט זיין קאַטאַסטראָפאַל פאַר דער גאַנצער אונטערנעמונג? איר ווילט דאָך אוועק'הרג'ענען די אונטערנעמונג נאָך אין סאַמע אָנהייב!

ער האָט זיך נאָך אַמאָל אָפּגעריסן פון אָרט און פּרובירט אַרומגיין.

דער צווייטער געהילף־אָפיצער האָט זיך אויך אָפּגערופן:

— איר זייט גערעכט, לייטענאַנט. אָבער קיין אַנדער ברירה איז ניטאָ. אַזוי לאָזן ווי עס איז — איז אַ ריזיקע, וואָס האָט הינטער זיך ניט קיין לאָגיק.

דער קאָמאַנדיר האָט ניט געענטפערט. צוגעגאַנגען צו אַ שטול און, מיט שווערקייט, אַריינגעזעצט זיך. געזאָגט:

— אַלע זינגט איר דאָס זעלביקע לידל. אַזוי ווי איר וואָלט זיך צונויפגערעדט. דערזעלביקער גייסט הערשט אויך צווישן דער נידעריקערער מאַנשאַפט. איר זעט נאָר די געפאַר. מער

זעט איר ניט. איר פארגעסט אלע, אז ס׳איז מלחמה. איך וואלט וועלן זען, ווי איר וועט אויסקלייבן אייערע ברירות און ווי ווייט אייער לאגיק וועט נאכקומען אלץ, וואס איר וועט טאן, ווען איר וועט זיין אין סאמע מיטן פון דער מלחמה.

א ווײַלע האבן אלע געשוויגן. צווישן דעם קאמאנדיר און די איבעריקע אפיצערן איז געשטאנען א וואנט. צווישן זיי איז געווען א פײַנטשאפט, וואס איז אין אט דער אומרואיקער נאכט געבארן געווארן און ניט געוואלט אויסגעלאשן ווערן. ער איז שוין מער ניט געווען זייער עלטערער קאלעגע, לייטענאנט קאלווין פארקער, מיט וועמען זיי האבן געדינט אין דעם פלאט און געשטרעבט צו די זעלביקע צילן. ער איז שוין ניט געווען דער פריערדיקער מענטש, מיט וועלכן מ׳האט ניט זעלטן פארבראכט אין די אייגענע אפיצערישע קרייזן. ער איז געווען א פרעמדער דעספאטישער קאמאנדיר, וואס איז געשטאנען איבער דעם לעבן פון א גאנצער מאנשאפט מיט א פרעמדער, פאר׳עקשנטער דעספא־טישקייט.

פלוצלונג האט זיך דער קאמאנדיר אויפגעהויבן און מיט שנעלע טריט אוועקגעלאזט זיך צו דער טיר. און ווידער איז געווען אזוי, ווי ער וואלט דא געווען אליין און וואלט דא קיינעם ניט געז־זען. און אין א ווײַלע ארום זיינען די צוויי אפיצערן, שווייגנדיקע און בייזע, אויך ארויס. פארקער איז געגאנגען פאראויס און זיי, אפגעטראטן, פון הינטן. גלייך ווי זיי וואלטן איצט געהיט זיינע טריט. אבער דער קאמאנדיר האט זיי ניט געזען. ער איז אריין אינם קאנטראל־צימער און גלייך איבערגענומען די אויסערגע־וויינלאכע קאמאנדע. אין א רגע ארום האט מען געהערט זיינע באפעלן אין די ווײַטסטע ווינקעלאך פון דער שיף.

די קאמאנדע איז געווען: צו לאזן די מאטארן, גרייטן זיך צו טויכן.

גלייך האבן זיך אפגערופן אויף דעם באפעל צענדליקער פונק־ציעס: די קאמפרעסארס האבן אנגעהויבן צו ארבעטן. אנלאדן

מיט רעזערוו־לופט די צילינדערן. די דיזעל־מאָטאָרן האָבן זיך א ריר געטאָן מיט א גרילץ און אָנגעהויבן יאָגן די טרייב־רימענס אָנלאָדן די אַקומוליאַטאָרן. אַלץ איז גרייט געווען צו ענטפערן אויף דער אויסעראָרדענטלאַכער קאָמאַנדע פון אויבן.

א ראַדיאָ־מעלדונג איז אַרויסגעשיקט געוואָרן צו דער הויפּט־קוואַרטיר, אַז צוליב דעם וועטער און אַנדערע, קלענערע קאָמפּלי־קאַציעס, איז די „Z-1" געצוואונגען אַרונטערצולאָזן זיך אויף א קורצער צייט אין די טיפענישן.

עס זיינען דורכגעקוקט געוואָרן די מאַפּעס פונם אָרט, וואו מ'איז געווען. עס איז גענוי באַשטימט געוואָרן די טיף איבער א היבשן טייל פון דער פאָראויסגייענדיקער ריכטונג.

די טיף איז דאָ געווען אַרום פופציק פאַטאָמען.

און ענדלאַך האָט זיך צעטראָגן די לעצטע קאָמאַנדע:

— שטעלן זיך גרייט צום טויכן!

אַלע האָבן זיך אויסגעשטעלט, גרייט, אויף זייערע ערטער.

די לופט־קאָמפּרעסאָרס האָבן אויפגעהערט צו אַרבעטן. ס'איז געוואָרן שטיל. בלויז די אויפגעוועקטע מאָטאָרן האָבן שוואַך וויברירט די לופט אין דער מאָטאָרן־אָפּטיילונג.

נאָך אַמאָל האָט זיך דורכגעטראָגן די קאָמאַנדע:

— שטעלן זיך גרייט צום טויכן!

ווידער אַמאָל זיינען אַלע סטאַנציעס געווען פאַרנומען אין דער שטרייַנגסטער אָרדענונג. מענטשן זיינען געשטאַנען ביי ליוקן און ווענטן, ביי די אַמעטערן און ביי דעם גיראָסקאָפּ.

איצט איז שוין די קאָמאַנדע געקומען נאָך דער ריי, שנעל, איין קאָמאַנדע נאָך דער אַנדערער:

— צומאַכן די ליוקן!

— פאַרמאַכן די „א" און „ב" ווענטן!

— גרייט!

— אַרונטערלאָזן די פּעריסקאָפּן!

— אין אָרדענונג דעם גיראָסקאָפּ!

און אַן ענטפער פון אונטן האָט זיך דערטראָגן, ווי אַ נאָענטע עכאָ:

— פאַרטיק!... פאַרטיק!... פאַרטיק!...

— אכטונג די האָריזאָנטאַלע רודערס!

און ווידער עכאָס:

— הידראָפּלאַנען גרייט!

— גרייט! גרייט! גרייט!

פון אונטן האָט זיך געטראָגן אַן אומגעוויינלאַכער: טאַ־טאַ־טאַ!! נייע קלאַנגען האָבן זיך צעטראָגן. אַ ניי לעבן איז געבאָרן געוואָרן אין דער אינגעווייד פון דער „Z-1". טאַ־טאַ־טאַ!!!

און נאָכדעם דער לעצטער סיגנאַל און די לעצטע קאָמאַנדע:

— טויכן!

— עפענען די באַלאַסט טאַנקען!

— הויפּט באַלאַסט־טאַנק!

— אָקזילערי־טאַנקען!

און ווידער סיגנאַלן:

— פאַרטיק!... פאַרטיק!... פאַרטיק!...

צענדליקער שרויפן און הענטלאַך האָבן זיך אַ ריר געטאָן. די שיף האָט זיך אַ וואַקל געטאָן אויף די אויבערשטע כוואַליעס און גענומען זיך אַרונטערלאָזן. געזונקען נאָכגיביק. געזונקען שנעל. אין עטלאַכע סעקונדן שוין געווען אונטער אַ דיקער שיכט ים. און אין אַ פּאָר מינוטן אַרום שוין געווען זעקס פאַטאָמען טיף. עס האָט געפייפט און וויברירט די לופט אין די קינגסטאַנען. די לויפנדיקע־אַנטלויפנדיקע שטראָמען לופט האָבן זיך געשלענגלט דורך די אויבערשטע קלאַמערן, פון שנעל אָנפילנדיקע באַלאַסט־טאַנקען, געשריען און צעשריען אַ נייע שטימונג אין די הערצער פון מענטשן. אַזאַ מורא'דיקער געשריי איז דאָס געווען, ווי פון אַ דערשראָקענער חיה, וואָס צעשרייט איר געפאַר. סעקונדן האָבן זיך געצויגן. דאָס דרייענדיקע זשומען פון דער לופט און איר שלענגישער געשריי אין די אויערן האָט גענאָגט דאָס האַרץ מיט אַ נייער נאָגעניש.

און נאָכדעם האָט זיך דערהערט אַ געשריי צו דעם מענטשן, ביים טויך־גיר:

— ווי טיף איז דער דרוק פון וואסער?

און אַן ענטפער:

— זיבעציק, דריי־און־זיבעציק, זיבן־און־זיבעציק, אכציק... דריי־און־אכציק דעצימעטער...

— גענוג! שטעל אָפּ דאָס טויכן!...

— לאָז אַראָפּ די קלאַמערן!

און אַן ענטפער:

— פאַרטיק!...

אינווייניק, אין דער שיף, איז גלייך געוואָרן וואָרעמער. אַ שטילקייט האָט זיך אָנגערוקט אויף אַלץ און אַלעמען, ווי אַ טויבע היטל. די מאָטאָרן האָבן קוים וויברירט די איינגעשטילטע לופט. דאָס געשריי אין די קינגסטאָנען איז שטום געוואָרן, אָבער אין די אויערן האָט נאָך געקלונגען, ווי אַ ווייטער געקלאַנג, דער איינגע־שווינגענער בויערנדיקער געשריי פון אַנטלויפנדיקער לופט. די שיף האָט זיך ניט געוואָרפן, אָבער די אונטער־וואַסערדיקע שטראָמען האָבן זי ניט אויפגעהערט אַראָפּצושלאָגן פון דער ריכטונג. מ'האָט געמוזט פאַרלאַנגזאַמען איר גאַנג. דער באָדן אונטן איז ניט געווען אינגאַנצן באַקאַנט. עס איז ניט געווען קיין זיכערקייט. דאָ האָט מען זיך געקענט אָנשטויסן אָן ריפן.

איצט איז אויף דער שיף געוואָרן גאָר אַנדערש. מ'האָט געקענט וויסן וועגן דעם לעבן פון דער סובמארין בלויז דורך דער הילף פון אַפּאַראַטן, און באַזונדערס, דורך די אָנווייזונגען פון דעם גרויסן גירא־קאָמפּאַס, וואָס האָט געוויזן די ווענדונג און דעם דרוק פון קראַפט פון די אונטערוואַסער שטראָמען. די איבעריקע אַפּאַראַטן האָבן דערציילט וועגן דעם צושטאַנד פון לופט און קראַפט. די כראָנאָמעטערן און ראָמבן האָבן געמאָסטן און אָפּגע־צייכנט דעם אָפּגעגאַנגענעם שטח און די שנעלקייט פונם גאַנג. אָפּגעצייכנטע גראַדוסן, מינוטן און סעקונדן, זיינען געווען דער

פּולס, וואָס האָט באַצייכנט דעם לעבן פון דער סובמאַרין. איין אַפּשטעל אין די טיפענישן, איין אַפּשטעל פון אַלע אירע טעטיקע ווייז־טיילן, אַפילו אויף אַקורצער ווײַלע, און די שיף וואָלט פאַרלאָרן איר ריכטיקע צייט־מאָס, איר באַשטימטע פּאָזיציע און איר ריכטונג. וואָלט „פאַרבלאָנדזשעט”. און כדי נאָך אַמאָל אַלץ גענוי צו באַשטימען, וואָלט די סובמאַרין באַדאַרפט זיך נאָך אַמאָל אויפהויבן אויף דער אויבערפלאַך פון ים.

די אונטערוואַסער־שטראָמען האָבן ניט געלאָזט גיין שנעלער ווי זעקס קנאָטן אַ שעה. אָבער די שיף האָט ניט געקענט אָנהאַלטן דעם רעגלמעסיקן גאַנג. עפּעס איז אין איר געווען ניט מיט אַלעמען. זי האָט ניט אינגאַנצן אָנגעהאַלטן דעם באַלאַנס. דער גיראָסקאָפּ האָט געאַרבעט און די האָריזאָנטאַלע רודערס האָבן באַדאַרפט זיין אין אָרדענונג. אָבער די שיף האָט זיך באַוועגט, ווי אַ הינקעדיקע. די אַפּאַראַטן האָבן געוויזן די אומרעגלמע־סיקייט און די פאַלשקייט פון איר גאַנג. מעכאַניקער האָבן געאַרבעט אין אַלע אָפּטיילונגען, וואָס האָבן נאָר געהאַט אַ שייכות מיט דער באַטרייבונג פון דער שיף.

די לופט איז פול געווען מיט דעם געמישטן ריח פון בענזין, גומי און שווייס פון אויסגעמאַטערטע מענטשלאַכע קערפּערס. אונטערן באַלקן זיינען אַרומגעשוואומען רויכלאַך פון איבערגע־ברענטע אײלן, וואָס האָבן זיך נאָך אַלץ געטראָגן פון די אָפּגע־שטעלטע דיזעלן. עס איז געווען שטיקנדיק הייס. און די שיף האָט געמאַכט מאָדנע באַוועגונגען. זי האָט זיך געשטויסן אין אַלע זייטן, געריסן זיך אומרעגלמעסיק פאָרויס, ווי געשטויסן, פון הינטן, פון עפּעס אַן אומבאַקאַנטער קראַפט. פון דעם האָט שטאַרק געאיבלט. די גלידער האָבן זיך אָנגעפילט מיט אַ פויל־קייט און מיט מאָדנער קרענקלעכער אַפּאַטיע.

די אָמעטערן האָבן נאָך אַלץ ניט געוואָלט באַוויזן קיין ענדערונג אין דער באַוועגונג פון וואַסער. דער ים האָט זיך ניט

געשטילט. דער דרוק פון אויבן און פון די זייטן האט זיך ניט געביטן. דער שטורעם אויבן האט נאך געבושעוועט. דער ים האט אריינגעכאפט אין זיינע נעצן די „שוואן״ און זי ניט געוואלט ארויסלאזן. געוואלט זי פארטיליקן און אומברענגען. אלעמען האט ארומגענומען א שוויַיגעניש. און בלויז די קאמאנדע האט געוועקט די שטילקייט מיט אירע סקארבאווע אויסרופן:

— אכטונג — אמעטערן!

— לופט — לופט!

— די רעגענעראטארן!

— קראפט! קראפט! קראפט!

— פארטיק! פארטיק!

אדער:

—באלאסט, באלאסט!

— אכטונג — די קינסטאנען!!

— עפענען קלאמער „א״! פארמאכן קלאמער „ב״.

— פארטיק, פארטיק!

— טא־טא־טא!

קולות האבן זיך אויפגעכאפט פון שטילקייט, אויפגעלעבט און, נאכדעם, פארשוואונדן אין טיפעניש פון אפטיילונגען.

די אויסגעשמירטע אין אויל, האלב אנגעטאנענע מעכאניקער, זיינען ארומגעגאנגען פון איין אפטיילונג אין דער צווייטער. די מאטארן האבן געארבעט. עס האבן זיך, אין א משוגענעם געלאף, געדרייט און ארומגעלאפן די וואלן, פריקציעס און ריטשאגן, באוועגט און נאכגעשלעפט מיט זיך כוואליעס קראפט. טויזנטער פערד־קרעפטן זיינען ארומגעלאפן, געשטויסן און געשלעפט, ווי אין א כישופדיקער מיסטעריע, די פארוואגלטע סובמארין. די סובמארין האט זיך דורכגעקליבן בלינדערהייט, געגאנגען פארזיכטיק, ווי מורא האבנדיק אנצושלאגן זיך אן עפעס.

דער קאמאנדיר האט זיך ארויסגעלאזן אויף אן אייגענער אינספעקציע. אליין געוואלט בייוואוינען יעדע אפעראציע. ניט

געוואַלט זיך פאַרלאָזן אויף דער מאַנשאַפט. ניט געהאַט קיין צוטרוי. אין די שלייפן האָבן אים געקלאַפּט, ווי האַמערס, שווערע געדאַנקען:

— דורכפאַל, דורכפאַל!

קאָמאַנדעס האָבן זיך ווידערהאַלט און געביטן, און זיי האָט אָפּגעענטפערט אַ זשומען אין די קינגסטאָנען און עלעקטרי טרייב־מאַשינען. און אַלץ איז, דוכט זיך, געווען ווי עס באַדאַרף צו זיין. אָבער דער קאָמאַנדיר האָט שוין געוואוסט, אַז אַלץ, אויף וואָס ער האָט געבויט, איז זיך צעפאַלן. ער איז שוין ניט געווען דערזעלביקער לייטענאַנט־קאַלווין פאַרקער און זיין שיף, די וואונדערלאַכע „Z-1", איז שוין ניט געווען יענע סובמארין. אַלץ איז געווען אַנדערש. און אויך די מאַנשאַפט איז געווען אַן אַנדערע. ווער זיינען געווען אָט די מענטשן, מיט וועלכע ער האָט אַזוי שטאָלצירט? וואָס זיינען זיי איצט געווען? אַ גרופּע צעשראָקענע, אומצופרידענע מענטשן, וועלכע ער האָט מער ניט געקענט!

אויף אים און אויף דער שיף און אויף זיין מאַנשאַפט איז געלעגן אַ פּגימה. און איצט איז שוין געווען כמעט אַלצאיינס צי מ'וועט אַמאָל קומען צו אַ וועלכן עס איז ברעג. אַלצאיינס.

אין אים האָט געברענט די שנאה. אַז ער איז פאַרבייגעגאַנגען אַ מענטשן האָט ער ניט גערעדט. און אַז ער האָט גערעדט, איז זיין וואָרט געווען — שאַרפע פאָדערונג, באַפעל. ער האָט זיך געטשעפּעט צו קלייניקייטן. ניט געווען צופרידן. געזוכט חסרונות, געניטשטערט. ביים גיראָסקאָפּ איז געשטאַנען אויף דער וואַך אַן אויסגעמאַטערטער מאַרינער. זיין אויסזען איז דעם קאָמאַנדיר ניט געפעלן געוואָרן. אָפּגעשטעלט זיך און אריינגע־שריען אים אין פּנים אריין:

— האַלט וואַך! וואָס שטייסטו, ווי אַ ליימענער!

און עס האָט זיך אים שטאַרק געוואָלט צוגיין צו דעם מענטשן און, אפילו אָן אַ וועלכער עס איז אורזאַך, אַ זעץ טאָן אים אין דעם

אויסגעמאטערטן פנים אריין. עס האט זיך אויך געוואלט ביטער שרייען און אויסשרייען משונה׳דיק דעם איינגענעם כעס. דערפאר האט דער, צו וועמען דער קאמאנדיר האט זיך געווענדט, זיך געצויגן, ווי א סטרונע, פאר זיין אויפגערעגטן שטעל, געפינטלט מיט די אויגן ביי זיין יעדער פראגע. אבער אונטער דער מארינע־שער בלוזע האט זיך שוין געצאפלט אן אויפגערעגט הארץ, וואס האט געשריען קעגן זיין חוצפה׳דיקן בליק מיט צענפאכער שנאה. אבער ער האט מיט קיין איינציקן ווארט ניט ווידערשפעניקט. געשטאנען פארגליווערט.

— וואס שטייסטו, ווי א ליימענער, זאג איך? זעסטו ניט די געפאר? ביז דו וועסט ניט אראפפאלן אין אפגרונט אריין, וועסטו די געפאר ניט זען... וואס וועט מען וועגן אונז זאגן? ווייסטו וואס מ׳וועט זאגן? — מ׳וועט זאגן, אז מיר זיינער טויגעניכצן. מיר זיינען ניט קיין מארינער. מיר קענען ניט אויס־פאלגן דעם קלענסטן באפעל, ווען דאס לאנד דארף אונז! אט וואס מיר זיינען!

— איך טו מיין פליכט, קאמאנדיר.

— ער שטייט, ווי א גולם, פינטלט מיט די אויגן און זאגט מיר: איך טו מיין פליכט! ניין אזייגער דארפן מיר זיין אויף א קריג־פונקט, און ער דערציילט מיר וועגן עפעס א פליכט וואס ער טוט... האסטו אמאל אויסגעפירט א מיליטערישן באפעל? האסטו אמאל געהערט וועגן מיליטערישער פינקטלאכקייט?

זיינע גרויע אויגן האבן זיך ארייגעשטאכן אין דעם טונקעלן בליק פונם מארינער. זיינען דארט א ווייל פארלארנגעגאנגען און ווען ער האט זיך אפגעקערט איז שוין אין זיינע אויגן געוועזן מער שנאה און פאראכטונג. אבער דאס מאל האט דעם מארי־נערס בליק אויסגעהאלטן. ער האט אפילו ניט א פינטל געטאן מיט קיין אויג. דעם קאמאנדיר האט עס פארדראסן. האט ער בלויז, דורך די ציינער, געזאגט:

— כאם!

און איז מיט שנעלע טריט אפּגעטראָטן אין דער ריכטונג פון דער מאַשין־אָפּטיילונג. דאָרטן האָבן געאַרבעט די מעכאַניקער ארום די דיזעלן. דאָ איז געווען אויך נובערג און סאָיער. מיט זיי האָבן געאַרבעט נאָך צוויי מעכאַניקער. זיי אַלע זיינען געווען אָן בלוזעס. זייערע לייבער זיינען געווען אויסגעשמירט אין שוואַרצע, איבערגעברענטע אייל. זיי זיינען געווען פאַרטיפט אין דער אַרבעט. זיי האָבן ניט גערעדט. זיי האָבן בלויז איבער־געוואָרפן זיך פון צייט צו צייט מיט באַמערקונגען וועגן דער אַרבעט.

דער קאָמאַנדיר איז אַריינגעלאָפן ווי אַ שטורעם.

די אַרבעטער האָבן ניט אויפגעהערט צו אַרבעטן. דאָס האָט אַריינגעבראַכט דעם קאָמאַנדיר אין אַ כעס:

— אויפשטיין!

זיי זיינען אויפגעשטאַנען און געשטעלט זיך אויפמערקזאַם.

דער קאָמאַנדיר איז מיט האַסט צוגעטראָטן נאָענט צו די גרויע פּנימער און געזאָגט, העכער, ווי עס איז געווען נויטיק:

— איך וויל, אַז די מאַשינען זאָלן זיין פאַרטיק אין דער קורצסטער צייט. גיט זיך אַ ריר!

— מיר זיינען גרייט, קאָמאַנדיר.

— און ווי לאַנג וועט עס אייך נעמען צו פאַרענדיקן די אַרבעט?

נובערג האָט זיך אָפּגערופן:

— עס וועט נעמען עטלאַכע שעה, קאָמאַנדיר.

דעם קאָמאַנדירס אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט פייער:

— וואָס? נאָך עטלאַכע שעה?! עס קען ניט זיין! דו ווייסט ניט וואָס דו רעדסט!... מיר קענען ניט וואַרטן אַזוי לאַנג. מיר פירן אויס אַ מיליטערישע פאַראָרדענונג. איך פיר זי אויס. און איר פירט זי אויס! איר דאַרפט עס וויסן. אונטער קריג־דיסציפּלין, צו דער אַרבעט!

די מאַשיניסטן האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט. קיינער

האט ניט געענטפערט מיט קיין ווארט. ארונטערגעלאזן זיך צו דעם געצייג און גענומען ארבעטן. ניט א קוק געטאן אינם קאמאנדירס זייט. ניט געענטפערט מיט קיין גרייטן ווארט, אדער באוועגונג.

איצט האט דער קאמאנדיר באמערקט, אז די מענטשן, זיין געטרייע מאנשאפט, זיינען געווען פרעמדע מענטשן. זיי האבן אים פיינט געהאט. ער האט זיי פיינט געהאט. די פרעמדקייט איז געווען פיינלאך. אבער מ'האט זי ניט געקענט אויסמיידן. זי איז אין דעם אומגליקלאכן טאג געבארן געווארן. זי איז געקומען אין איין צייט מיט אלע זיינע מיספאלגן. און זי וועט ניט קענען שטארבן ביז אלץ וועט זיך אומקערן צום גוטן.

ער האט זיך נאך אמאל אומגעקוקט אויף די שווייגנדיקע מארינען ארום די מאשינען און איז מיט שנעלע טריט ארויסגע־גאנגען, דורכקלעטערנדיק דורך דער שמאלער שלאס־טיר.

איצט האבן שוין די מעכאניקער ניט געקענט איינשטילן זייערע געמיטער. זיי האבן זיך געוואלט אויסדריקן.

נובערג האט געזאגט:

— אט איז דיר פאר דיינע צוואנציק שעה ארבעט, וואס דו האסט אריינגעלייגט. ער שלעפט דיך אין אזא נאכט צום טייוול אין מויל אריין, און דו גיי און שווייג. ווייל ביסט א שקלאף.

א מאשיניסט האט זיך אפגערופן:

— אט דאס איז דיר מלחמה. דו פרעג מיך, — איך וועל דיר זאגן. ווען ס'קומט די מלחמה איז א מענטש ביליקער פון א פליג. וואס ערגער דיר איז, אלץ ערגער איז צו דיר דיין העכערער אפיצער. דו ליידסט די שרעקלאכסטע יסורים, און ער וועט דיר נאך א זעץ טאן אין מארדע אריין, אלס צוגאב. מלחמה איז מלחמה... און אז עפעס איז ניט אזוי, ווי דער אפיצער וויל, איז אלעמאל שולדיק דער פראסטער סאלדאט. אזוי איז עס אויף דער יבשה און אזוי איז עס אויפן ים. איין שווארץ־יאר. טפו!

ער האט א שפיי געטאן אן א זייט.

אלע האבן א ווײלע געשוויגן. אבער אין די הערצער האט גענאגט א ווייטיק. ניט געלאזט פארגעסן זיך. עס האבן זיך געשטויסן אומרואיקע געדאנקען צום קאפ און ווערטער האבן געוואלט קומען צום אויסדרוק. ביטערקייט האט ניט געלאזט רוען.

דער יונגער סאיער האט געזאגט:

— אין אזא נאכט לאזט מען זיך ארוים מיט א נייער, ניט אויסגעפּרואווטער סובמארין!... טײוואלים.

נובערג האט אויף אים א קוק געטאן און געזאגט:

— ס'איז מלחמה. אין אזא צייט, אז מ'הייסט, מוז מען גיין אפילו דעם טייוול אין מויל אריין.

סאיער איז אבער געווען איינגעשפּארט:

— אז ס'איז מלחמה דארפן מיר פון דעם וויסן. מיר דארפן וויסן די ערשטע. און מיר ווייסן גארניט. מיר ווייסן ניט וואוהין מ'שיקט אונז און נאך וואס. און פארוואס ווייסן מיר קיין זאך ניט? מיר גיבן אוועק אונזערע לעבנס. און איך וויל וויסן פארוואס איך גיב אוועק מיין לעבן. איך וויל ניט אוועקגעבן מיין לעבן אומזיסט־אומנישט...

ער איז געווען זייער אויפגערעגט. נובערג האט ווידער אויפגעהויבן דעם קאפ אויף זיין יונגן חבר און אביסל מיט חוזק געזאגט:

— אט ווארט. וועסט אפּשווימען אוועלכע ניט איז צוויי־דריי הונדערט קנאטן וועט מען דיר אפשר אויסזאגן. אבער וואס איז ניט אלצאיינס, צי דו ווייסט, צי דו ווייסט ניט וואוהין מ'פירט דיך. קלאר איז דיר שוין, אז דו גייסט מלחמה האלטן און אפשר שטארבן. וואס נאך דארפסטו וויסן?

— עס איז שוין גאר ניט אלצאיינס! מיר דארפן וויסן די ערשטע. ניטא וואס צו שפּילן אין באהעלטעניש. מיר ווערלן דארפן פירן די מלחמה. מ י ר וועלן דארפן איינשטעלן אונזערע לעבנס. ווילן מיר וויסן פארוואס און צוליב וואס...

נובערג האט זיך ביטער פאנאנדערגעלאכט:

— אך, דו, פּאַפּאַ מײנער... טרױמער מײנער! ער װיל װיסן פאַרװאָס ער גיט אַװעק זײן לעבן. ער װיל אומבאַדינגט װיסן!... נו, װעל איך דיר זאָגן: — אין דער װעלט־מלחמה האָבן מיר זיך געשלאָגן „פאַר דעמאָקראַטיע" און פאַר „דער פאַר־זיכערונג פון װעלט פרידן". ס'זאָלן מער, הײסט עס, קײן מלחמות ניט זײן... און אַט איז דיר דער רעזולטאַט. די דעמאָקראַטיע איז דיזעלביקע און די מלחמה איז דיזעלביקע.

סאָיער איז נאָך אַלץ געװען פאַר'עקשנט:

— נײן, איך װיל װיסן פאַרװאָס איך שטאַרב.

— דאָס דאַרפן װיסן די, װאָס דערקלערן קריג. און זײ װײסן גוט. אָבער פאַר אַזױנע װי דו און װי איך, — פאַר אונדז טראַכט מען אױס אַ פראַזע... אַזאַ װאָרט... און מיר שלאָגן זיך פאַר דער פראַזע.

סאָיער האָט נאָך אַלץ געטענהט זײנס:

— איך װיל װיסן.

— איך האָב שױן דיר געזאָגט, אַז קײנער האָט נאָך קײנמאָל ניט געװאוסט פאַרװאָס ער שלאָגט זיך. עס איז בלױז אַ פראַזע אַזאַ. װאָס איז דער אונטערשײד — אַזאַ פראַזע, אָדער אַן אַנדערע? דאָס לעבן גיסטו אַװעק סײ װי סײ.

ביל האָט זיך נאָך אַלץ ניט געקענט באַרואיקן:

— איך פאַרשטײ — שטאַרבן אין קאַמף. אין מלחמה. און דאָ, אין אַזאַ נאַכט, װעסטו נאָך אונטערגײן אינײנעם מיט דער שיף, אומזיסט און אומגישט.

— אויב ס'איז ניטאָ קײן זין אינם טױט איז שױן אַלץ אײנס װי צו שטאַרבן. דער טױט האָט דעם זעלביקן פּנים אומעטום.

— נײן. ניט דעם זעלביקן. אַז אַ מענטש שטאַרבט גלאַט אַזױ, צוליב אַ נאַרישער נאַכלעסיקײט — איז דאָס אומזין!

— איך פאַרשטײ: — דו װילסט שטאַרבן װי אַ העלד און אַ מאַרטירער. איז אַז די שיף װעט איצט אונטערגײן װעסטו סײ װי זײן אַ מאַרטירער.

— אָבער ניט קיין העלד.

— צו וואָס באַדאַרפסטו האָבן די הלעדישקייט, אַז דו קענסט פון איר ניט געניסן?

— וועט אַן אַנדערער געניסן. די וועלט וועט געניסן. די נאָענטע. אַ מאַמע. אַ שוועסטער. אַ ברודער. מ'לעבט ניט צוליב זיך. מ'לעבט צוליב אַנדערע. מאַכט ניט אויס, אַז מ'שטאַרבט צוליב אַנדערע.

נובערג האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט. זײַן חבר האָט געזאָגט אַן אמת. אָבער אים האָט געברענט אַן אַנדער געדאַנק. ער האָט געזאָגט:

— און איך זאָג, אַז זאָל נאָר פּאַסירן עפּעס אַן אומגליק. למשל, מיר זאָלן ניט קענען אַרויס פון די טיפענישן, אָדער עפּעס אַנדערש... דאָס פּאַסירט מיט סובמאַרינען אָפט. נו, וועט מען איבער דער גאַנצער וועלט צעפּויקן וועגן דעם טראַגישן סוף פון דער שיף. און קיינער וועט אַפילו ניט דערמאָנען דיך, אָדער מיך, אָדער אַן אַנדער מענטשן, וואָס האָט פאַרלאָרן זײַן לעבן. וועגן דער שיף וועט אַ גאַנצע וועלט ריידן. און וועגן די מענטשן וועט אפשר וואו אַ מאַמע אַרויסלאָזן אַ טרער, און דאָס — אין אַ באַהאַלטענעם ווינקל. און דאָס אַלץ. אפשר וועט מען אויך ריידן וועגן דעם קאָמאַנדיר. אָבער וועגן דיר און מיר...

זײַן חבר האָט אָפּגעוואַרט אַ ווײַלע און האָט זיך געהאַלטן בײַ זײַנס:

— ניין. איך זאָג מײַנס: אַ מענטשן, אַז ער שטאַרבט, דאַרף ער שטאַרבן ווי אַ העלד. וועט שוין אויך די וועלט זײַן טויט ניט פאַרגעסן.

— די וועלט וועט פאַרגעסן. אָט וועגן דער שיף וועט מען ריידן. אין אויסלאַנד וועט מען אויך צעשמירן די געשעעניש. מ'וועט אַפילו איבערדערציילן איר געשיכטע און אירע וואונדער און וועגן אונז — ווי ניט געווען.

— נישקשה, מ'וועט אונז אויך דערמאָנען.

— אפשר פארבייגייענדיק, אלעמען איינעם. פארשטייסטו?

— זיבן און צוואנציק מענטשן זיינען אונטערגעגאנגען אייננעם מיט דער שיף. דאס אלץ. און דער מאמען וועט מען אוועקשיקן פון דער באזע א בריוועלע: דיין זון איז אונטערגעגאנגען מיט דער „Z-1". טו תפילה פאר זיין זינדיקער נשמה... און מיט דעם וועט זיך עס ענדיקן.

— גיי. דו ווייסט ניט וואס דו רעדסט! מיר זיינען דאך סאלדאטן. מיר זיינען די בעסטע זין פון לאנד. מיט אונז שטאלצירט דאס לאנד...

נובערג האט זיך ווידער ביטער פאנאנדערגעלאכט. געזאגט:

— ביסט א שוטה!

— ניין. מיר זיינען גרייט אוועקצוגעבן אונזער לעבן פאר אונזער לאנד. און דאס פארגעסט ניט דאס לאנד.

נובערג האט א מאך געטאן מיט דער האנט אויף זיין חבר און גענומען זיך פאר דער ארבעט. אין א ווײַלע ארום האט ער זיך א קער געטאן צו אים און געזאגט:

— האלט זיך, ברודערקע, ביי דיין בליק. עס וועט דיר לייכטער זיין צו שטארבן... דאס איז אויך עפעס ווערט.

און ווידער האבן זיי געארבעט אן ווערטער. עס איז געווען שטיל און אומעטיק. עס איז ניט געווען קיין רעאלע וועלט. דאס איז אלץ געווען אן אויסגעטראכטע וועלט. עס איז בלויז ניט געווען פארשטענדלאך, פארוואס מ'האט גענומען און גראד אויסגע־טראכט אזא שרעקלאכע וועלט, אזא אומזיניקע און שווערע וועלט.

* * *

און דער קאמאנדיר איז אין יענער צייט ארומגעלאפן איבער אלע אפטיילונגען. ער האט ניט גערוט. אומעטום איז ער געקו־מען, און מיט זיין בייזן אויג אויפגעוועקט א פרעמדקייט צווישן די מענטשן.

צום סוף האט ער זיך אומגעקערט צוריק אינם קאנטראל צימער.

דאָרטן האָט ער זיך אָנגעשטויסן אָן דעם קוואַרטירמייסטער, מאַרטין. אָפּגעשטעלט זיך און געזאָגט:

— וואָס טוט זיך ביי דיר? איז אַלץ, ווי עס באַדאַרף צו זיין?

— ביי מיר איז אַלץ אין אָרדענונג. אָבער די שיף... און די מאַנשאַפט איז אויסגעמאַטערט...

— ניט דיין דאגה. ניט דו פירסט די שיף. איך פיר זי!

דער קוואַרטירמייסטער האָט אַ פינטל געטאָן מיט די אויגן, פאַררויטלט זיך, ווי אַ דערשראָקן קינד, און געזאָגט:

— איך טו מיין פליכט, קאָמאַנדער.

— טאָן אַ פליכט, מיינט אויך: ניט מישן זיך אין פרעמדע געשעפטן.

— אָבער די שיף איז ניט אין אָרדענונג, לייטענאַנט. איך קען ניט דערקענען אונזער שיף. עס איז מיר פיינלאַך צו זאָגן, אָבער...

פאַרקער האָט אַ פּלאַם געטאָן און מיט אַ הייזעריקלאַכער שטימע אַ געשריי געטאָן:

— שווייג!

דער קוואַרטירמייסטער האָט געשוויגן. געזען, ווי עס הויבט זיך דעם קאָמאַנדירס ברוסט מיט רעגונג, ווי עס צינדט זיך אין זיין בליק מיט משוגעת, האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט און געוואַרט. אָבער עס איז שוין אין אים ניט געווען די מורא און די גרייטקייט אַזוי לייכט אונטערצוגעבן זיך. עס איז שוין אין אים אַליין געוואַקסן אַ שטייפקייט, אַ פּאַר׳עקשנטקייט און אַ שטומע דראָאונג. האָט ער געקוקט מיט אַן אָפענעם בליק דעם קאָמאַנדיר גלייך אין די אויגן. דעם קאָמאַנדירס אויגן האָבן זיך איינגעבויערט אין דעם קוואַרטירמייסטערס אויגן, האָבן געבויערט מיט ווייטיק קעגן ווייטיק, אַזעלכע משוגענע און פיינלאַכע, גלייך אין דער נשמה אַריין. אָבער דעם בליק האָט דער קוואַרטירמייסטער אויך אויסגעהאַלטן. פיין האָט אויסגעהאַלטן פיין. און דאָס איז געווען וואונדערלאַך.

דער קאָמאַנדיר האָט געזאָגט:

— אַנטשולדיק, מאַרטין.

יענער האָט געשוויגן. בלויז זיין האַרץ האָט געשריען אַ ווייטיקדיקן געשריי און די ברוסט האָט זיך געהויבן אויפגערעגט. ביידע זיינען געשטאַנען, גלייכע איינער קעגן דעם אַנדערן. דער קאָמאַנדיר האָט געזאָגט:

— טו אַ קוק, מאַרטין, ווי אונזער „שוואַן" קוקט אויס. גיב אַ קוק אויף זיך און אויף די מענטשן. גיב אַ קוק אויף מיר. זע, ווי מיר קוקן אַלע אויס. וואָס טוט זיך דאָ מיט אונז? וואו זיינען מיר? וואוהין גייען מיר? פאַרוואָס זיינען מיר אונטן? נאָך וואָס? קיין שונא איבער אונז איז ניטאָ. און די וואַסערן זיינען ניט געמינעוועט. ניטאָ קיין פיינטלאַכע קריג־שיפן און ניטאָ קיין פיינטלאַכע עראָפּלאַנען. און מיר זיינען פאַרטריבן אין די טיפעניש. גייען זעקס קנאָטן... פאַרשטיי: — מיר האָבן באַדאַרפט מאַכן דעם מינימום — פינף און צוואַנציק, און מיר באַוועגן זיך בלויז זעקס קנאָטן... איך ווייס איצט גאָרניט. איך פאַרשטיי איצט גאָרניט, מאַרטין...

דער קאָמאַנדיר האָט אַ שאַר געטאָן איבערן בלייכן שטערן. מאַרטין האָט געשוויגן. אָבער די ווערטער, די ניט אַרויסגעזאָגטע ווערטער זיינע, זיינען אַרומגעלאָפן אין לעבעדיקע, קוים באַמערק־באַרע, קאָנוואולסיעס איבער דער אויבערשטער צוגעדריקטער ליפּ און אין די ווינקלען אַרום מויל. און עס איז געווען אַזוי ווי ער וואָלט טאַקע גערעדט. און אויך דעם קאָמאַנדיר האָט זיך אויס־געדוכט, אַז ער האָט גערעדט, און אַז ער האָט אַפילו פאַרשטאַנען דעם באַדייט פון יענעמס ווערטער. האָט ער דערפאַר טאַקע געזאָגט:

— אָ, דו פאַרשטייסט ניט, מאַרטין. דו פאַרשטייסט ניט. און קיינער פון די מענטשן פאַרשטייען ניט. די שיף מוז קומען אויף אַן אָרט, לויט דעם באַפעל. מיר מוזן אויספירן אַ באַפעל. אַ גאַנצע פלאָטיליע וועט אויף אונז וואַרטן. וויפיל איז איצט דער זייגער, מאַרטין?

מאַרטין האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין זייגער. עס איז געווען זיבן אַזייגער אינדערפרי. דער קאָמאַנדיר האָט געזאָגט:

— אָט זעסטו? עס איז שוין זיבן. און ניין אַזייגער מוזן מיר זיין אויף אַן אָרט. ווי וועלן מיר אַהין גרייכן? האָסטו געטראַכט?

מאַרטין האָט געזאָגט:

— די אומשטענדן זיינען אַזעלכע, אַז מען מוז זיך פון דעם אָפּזאָגן...

דער קאָמאַנדיר איז ווידער רויט געוואָרן פאַר כעס:

— וואָס האָסטו געזאָגט? אומשטענדן?! אָפּזאָגן זיך?! מיר האָבן אַ קריג־באַפעל, און ער זאָגט — „אָפּזאָגן זיך!"... אין קריג מוז אַ באַפעל אויסגעפירט ווערן, אפילע ווען מען דאַרף פאַרלירן דאָס לעבן. אפילו ווען מען דאַרף פאַרלירן טויזנט לעבנס! ווען עס ריידן פליכטן — וואָס איז דאַן דעם מענטשנס לעבן, מאַרטין? וואָס איז מיין לעבן און דיין לעבן און אַלעמענס לעבן אין אַנזיכט פון אַ מלחמה?

דער קוואַרטירמייסטער האָט געדולדיק איבערגעוואַרט און אַליין דערשראָקן אַרויסגערעדט:

— אָבער ווי קען מען זיך לאָזן אין אַזעלכע וואַסערן?...

דער קאָמאַנדיר האָט שוין כמעט אויסגעשריען:

— דאָס איז ניט אונזער זאַך! דאָס לאַנד הייסט — לאָזן מיר זיך! מיר טוען וואָס מ'הייסט אונז. איך טו, מוזט איר אויך טאָן. אַז ניט זיינען מיר פאַררעטער און דאָס לאַנד דאַרף אונז אויסשיסן, ווי פאַררעטער!

ער האָט געשריען, אָבער זיינע ווערטער האָבן שוין ניט געהאַט קיין מאַכט. זיי זיינען געווען שוואַך קעגן דער אַנזיכט פון דער גרויסער סטיכיע, וואָס האָט אַריינגעכאַפּט די „Z-1" און די געמיטער פון די מענטשן, און דאָס גאַנצע לעבן אויף דער שיף. האָט ער אָפּגעוואַרט אַ רגע און, מיט אַן אַנדער טאָן, געזאָגט:

— דענקסטו, מאַרטין, אַז עס איז שוין טאַקע אַזוי שלעכט?

— איר ווייסט אַליין, סקיפּער. די שיף וועט קיין שטורעם ניט אויסהאַלטן מיט צעבראָכענע טיילן. אַ פּראָפּעלער איז איר אָפּגעריסן... זי איז ניט אין אָרדענונג. זי האַלט קוים אויס די אונטערוואַסערדיקע שטראָמען. גיט אַ קוק אויף די אַמעטערן. גיט אַ קוק אויפן גיראָ־קאָמפּאַס. מיר זיינען אין דער גרעסטער געפאַר איצט. און איר רעדט וועגן אַרויסגיין אויבן...

דער קאָמאַנדיר האָט קוים אויסגעהאַלטן דעם קוואַרטיר־מייסטערס ווערטער. זיי האָבן אים גענאָגט דאָס האַרץ. ער האָט, כמעט פאַרשטיק, אַרויסגעכריפּעט:

— שווייגן! שווייגן! איר ווייסט קיינער ניט וואָס איר רעדט! איר זייט דערשראָקענע האָזן! איך וועל אייך לערנען קריג־דיסציפּלין. איך וועל אייך לערנען!...

ער האָט זיך אָפּגעריסן פון אָרט און אַוועקגעגאַנגען, כמעט אַוועקגעלאָפן, אין דער ריכטונג פון זיין אייגענעם צימער. אויפן וועג האָט ער באַגעגנט מידע, אויסגעמאַטערטע מענטשן, מיט פינסטערע פּנימער. אייגענע מידקייט און אייגענע פינסטערקייט האָט זיך אָנגעשטויסן אָן דער מידקייט און פינסטערקייט פון מענטשן. פון דעם איז געוואַקסן די געפאַלנקייט. פון דעם איז געווען שווער, ניט אַריבערצוטראָגן.

קאַפּיטל צען

די מאַנשאַפט האָט זיך גרופּירט אַרום די אַפּאַראַטן, אַרום די מאָטאָרן און אַרום די סאַמע וויכטיקסטע איינריכטונגען. געהיט די באַוועגונגען פון דער שיף, ווי באַרמהאַרציקע שוועסטער היטן אָפּ די טעמפּעראַטור און דעם פּולס פון אַ קראַנקן. ס'איז געווען אַנגעשטרענגט שווייגן און אַן אָנגעשטרענגטע אַרבעט. דער אַרבעט האָט מען אָוועקגעגעבן די לעצטע כחות. דורך איר אַליין האָט געקענט קומען די רעטונג. דורך דער אַרבעט און פאָרזיכטיקער אַנווענדונג פון אייגענע און מאַשינישע קרעפטן האָט מען אפשר געקענט אויסמיידן די לויערנדיקע געפאַר. דערביי האָט יעדער געפילט, אַז די געפאַר קען קומען יעדע מינוט. אַלע האָבן געוואוסט, אַז זי קען קומען פּלוצלונג, דורך אַ וועלכער עס איז, גאָר ניט אַ פאָראויסגעזעענער קאָמפּליקאַציע. און אַז אַ קאַטאַסטראָפע וואָלט געקומען, וואָלט זי גאָר קיינעם ניט איבעראַשט.

אַלץ האָט זיך אָפּגעשטעלט אינם באַוואוסטזיין פון מענטשן, קאָנצענטרירט זיך נאָר אויף דעם קומענדיקן מאָמענט, אויף דער רגע, וואָס האָט אָפּגעטיילט אָרדענונג פון כאָאָס. געוואָרט אויפן אומקלאָרן. קיינער האָט שוין ניט געוואָרט אויף אַ וועלכער עס איז קאָמאַנדע. יעדער האָט געטאָן די אַרבעט אויף זיין אייגענער אָנגעשטרענגטער אכריות. די וואַכטן האָבן זיך ניט געביטן. אַלע זיינען געווען אויף דער וואַך. די באַנקן זיינען אַזוי געבליבן צוגעשלאָסענע צו די ווענט און קיינער האָט זיי ניט אָפּגעשלאָסן, באַטש די אויסגעמאַרטערטע גלידער האָבן געוואָלט רו.

אינם סקיפּערס אָפּטיילונג זיינען פאָרגעקומען געהיימע באַראַטונגען פון די אָפיצערן. קיינעם האָבן זיי איצט ניט געאַרט. ווער האָט איצט געקענט ענדערן די לאַגע? איצט האָט מען זיך באַדאַרפט אָפּגעבן דעם צופאַל. וואַרטן.

קיין קאָמאַנדע האָט מען ניט דערוואַרט. פון וועמען האָט זי איצט געקענט קומען? און צוליב וואָס? ווי האָט מען געקענט

אויספירן וועלכע עס איז פאראָרדענונגען? די, וואָס זיינען פארביינעגאנגען די אָפיצערן־אָפטיילונג האָבן הינטער דער טיר געהערט אויפגערעגטע רייד. דאָרטן האָט מען עפּעס געפּלאָנט און איבער עפּעס געקעמפט. אָבער אויך דאָס האָט ניט געאַרט. אין די גלידער איז געווען אַן אָפּגעלאָזנקייט און אין די געמיטער — ביטערע אַפּאַטיע.

די וועלט איז נאָך אַלץ געווען טונקל און אומפארשטענדלאָך. איין טונקלקייט האָט פארביטן די צווייטע. דערפאַרענע ים־מענטשן זיינען געווען פארלאָרן. דערפאַרענע מאַנשאַפט האָט זיך געפילט ווי אומדערפאַרענע, ניט זיכערע מאַרינער ביי דער ערשטע סובמארין־פּראָבע.

ס'איז געווען אַ מאָדנע־אומפארשטענדלאַכע דערפאַרונג אין אַ טונקעלער וועלט, אין וועלכער דער מענטש האָט געבלאָנדזשעט, ווי אין אַ לאַבירינט, און קיינמאָל ניט געקענט ארויסגיין אויף דער פריי. עס איז ניט קלאָר געווען ווען אַט די בלאָנדזשעניש האָט זיך אָנגעהויבן און ווען זי וועט זיך פארענדיקן.

די העכערע לייטונג איז אָפט אריינגעקומען צו די ארבעטנדיקע מעכאַניקער, פאַנאַנדערגעפּרעגט וועגן דעם צושטאַנד פון די פּאָמפּן און מאַשינען, געאיילט די ארבעט. געשטאַנען אומגעדולדיק איבער די מענטשן און געאיילט, געאיילט. נאָכדעם זיינען זיי, אויך אומעטיקע, צעטראָגענע, געגאַנגען ערגעץ אין איילעניש, אהין, וואו עס זיינען פאַר זיי אויך געווען אָנגעגרייט אַלערליי זארגן. און עס איז געווען אומפארשטענדלאָך די איילעניש מיט וועלכער מ'האָט געטריבן די ארבעט און דאָס לויערן פון דער העכערער מאַנשאַפט איבער דער מאַשין־אָפּטיילונג. וואָס פאַר אַ נייע פּלענער האָבן זיי פארפאַלגט? וואָס האָבן זיי זיך געקליבן צו טאָן מיט דער „Z-1" אין אַזאַ נאַכט? האָבן זיי געפּלאָנט ארויס־צוטויכן צו דער אויבערפלאַך? האָבן זיי געוואָלט נאָך אַמאָל די שיף אריינשליידערן אין שטורעם אריין?

ענדלאָך זיינען די מאַשינען פאַרריכט געוואָרן. מ'האָט גע־

מאַלדן דעם קאָמאַנדיר. באַלד האָט זיך די אינספּעקציע גענומען אַרבעטן איבער די מאַשינען. אַלץ איז געווען אין דער בעסטער אָרדענונג. די אויסגעמאַטערטע מעכאַניקער האָבן זיך געלאָזט גיין צו זייערע באַנקן. זייערע קערפּערס האָבן געפאָדערט רו. זייערע געמיטער האָבן געפאָדערט רו.

פלוצלונג האָבן זיך אין אַלע אָפּטיילונגען צעטראָגן אומקלאָרע קלאַנגען. קיינער האָט ניט געוואוסט פון וואַנען זיי זיינען געקומען און וואָס איז, אין דער ווירקלאַכקייט, געווען זייער באַטייטונג. די קלאַנגען זיינען געווען ווידערשפּרעכנדיקע, האָבן זיך ניט געלאָזט אָננעמען. אָבער איינמאָל אַרויסגערונען פון ערגעץ, פון אַ העכערן באַאַמטן, האָבן זיי זיך שנעל פאַרשפּרייט און אויפגע־רודערט די געמיטער, ווייל עס איז שוין געווען קלאָר, אַז עפּעס משונה׳דיקס האָט די לייטונג פאַרטראַכט דורכצופירן מיט דער שיף און מיט איר מאַנשאַפט. און וואַרטן לאַנג איז אויך ניט אויסגעקומען.

איבער אַלע אָפּטיילונגען האָט זיך באַלד צעטראָגן אַ לאַנגער סיגנאַל. דאָס איז געווען דער אָנזאָג פון אַ נייער קאָמאַנדע. די מאַנשאַפט האָט אויפגעציטערט פון איבעררעשונג. פאַרגליווערט געוואָרן אין אָנגעשטריינגטער דערוואַרטונג.

— אַרויסטויכן צו דער אויבערפלאַך!

איז דאָס מעגלאַך? מ׳האָט ניט געגלויבט די אייגענע אויערן. נאָכגעפרעגט זיך ביי די נעענטערע חברים. דאָס אַלץ איז מאָדנע ענלאַך געווען צו געוויינלאַכער משוגעת. אַלץ אין דער שיף האָט געוואָרנט קעגן פריצייטיקן אַרויסטויכן. די אַמע־טערן און דער גרויסער גיראָקאָמפּאַס האָבן געשריען אַ ווילדן געשריי: — אויבן האָט זיך געקערט הימל און ים.

איבער די בלייכע פּנימער פון די מענטשן האָבן זיך געמיניעט מאָדנע אומבאַקאַנטע שאָטנס. אומצופרידנקייט האָט זיך צעטראָגן איבער די אָפּטיילונגען:

— ער איז משוגע!

— ער ווייסט ניט, וואָס ער טוט.

— ער וויל אונז באַגראָבן אין דער טיפעניש פון ים, דער משוגענער.

אָבער די קאָמאַנדע האָט ניט אויפגעהערט צו דונערן:

— לאָזן די דיזעלן!

— אכטונג — האָריזאָנטאַלע רודערס!

— פּאַרטיק, פּאַרטיק, פּאַרטיק!

— אָפּשטעלן די מאָטאָרן!

עס איז אַנטשטאַנען אַ נייע באַוועגונג. אַ גערודער און אַ געקלאַפּ פון הענטלאַך און רעדער. אַ געקלאַנג פון סיגנאַל־גלעקער.

— טאַ־טאַ־טאַ!!! טאַ־טאַ־טאַ!!!

און ווידער:

— אויסבלאָזן די טאַנקן!

יע. דאָס איז געווען אמת! מ'בלאָזט שוין אויס די באַלאַסט־טאַנקען. נאָך אַ מינוט, און די „Z-1" וועט זיך אויפהויבן צו דער אויבערפלאַך. עס האָט שוין געשריען דאָס וואַסער אין די באַלאַסט־טאַנקען. עס האָט שוין געהוזשעט די לופט, יאָגנדיק זיך דורך די קינגסטאָנען און עס האָבן געקלאַפּט די מאַשינען:

— טאַ־טאַ־טאַ! זש־זש־זש־זש!

די נעפּרעסטע לופט האָט זיך געריסן מיט אַ שווינדערלאַכער קראַפט, באַפאַלן דאָס וואַסער אין די באַלאַסט־טאַנקען מיט אַ געשריי אויפגעבראַוזט דאָס ברומענדיקע וואַסער און פאַריאָגט, פאַריאָגט אין ים אַריין. און די שיף האָט זיך געהויבן, געהויבן.

מענטשן האָבן נאָך, צווישן דער אַרבעט, צווישן יעדער באַוועגונג, צייט געהאַט צו זאָגן אַ וואָרט, אויסדריקן זייער אַנטריסטונג:

— ער ווייסט ניט, וואָס ער טוט, אונזער סקיפּער.

— ער איז משוגע!

— האָסטו געזען זיינע אויגן? — איך זאָג דיר: עפּעס איז ניט גלאַט.

— מיר וועלן אומקומען פאַר גאָרנישט און פאַר נישט!

— צו אַלע טייוואַלים!
— ווען איך זע אים איצט לעבן זיך!
— שווייגט, חברים!
— מ׳וועט אונז דערהערן!
— איך וויל ניט שטאַרבן צוליב זיין משוגעת!

אָבער לאַנג ריידן איז שוין ניט געווען קיין צייט. די שיף האָט זיך געהויבן, געהויבן. די ווייזערס אויף די ציפערבלעטער האָבן זיך שנעל געדרייט אויף צוריק, אויף צוריק. דער דרוק פונם וואַסער איז געוואָרן לייכטער און לייכטער. נאָך אַ רגע און נאָך אַ רגע, און די שיף וועט זיין אויבן.

וואָס וועט זיין אויבן? וועט מען באַגעגענען טאָג? די וועלט? איז נאָך דאָרט דיזעלביקע וועלט? עס איז געווען שרעקעדיק אַרויסצושטייגן צו דער אויבערפלאַך פון אַ שטורעמדיקן ים. אָבער עס איז געווען אויך אַ פרייד אַרויסצורייסן זיך פון דער טיפעניש, פון דער ווירקונג פון דער פרעמדער וועלט.

און אָט — מ׳איז שוין אויבן! אויבן, אויבן!
— עפענען די ליוקן!
— עפענען די ווענטן!
— טאַ־טאַ־טאַ!
— עפענען די ווענטן „א" און „ב".
— פאַרטיק!

געשרייען פון אונטן און פון אויבן. אַלע שרייען. די געשרייען שניידן זיך איבער, ווי שווערדן. אַ צעטומלעניש פון פרייד און פון שרעק מישט זיך אין אַ קנויל. געאייל̇טע, געטריבענע אַרבעט טרעפט און טרעפט ניט אין ציל. איבערן ים איז אַ גרויע ליכט. איבערן ים איז שוין אַ גרויער פרימאָרגן. וויפיל איז דער זייגער? — קיינער ווייסט ניט וויפיל עס איז דער זייגער! די וועלט איז נאָך אַ וועלט. אָבער דער ים איז נאָך שטורעמדיק. און די שיף דרייט זיך, ווי אין אַ ווירבל. די שיף וואַרפט זיך, ווי אַ געשטויסענע. רויבט אַוועק די טריט ביי די מענטשן. פּלאָנטערט און

פארפלאָנטערט, צעשליידערט מענטשלאָכע כחות, ניט אויפצור־קלייבן. און עס ווייטיקן הערצער מיט האָפענונג:

— אפשר, אפשר...

דער שטורעם איז מורא׳דיק. עס קערט זיך איבער דער ים מיט זיין אינגעווייד אינדרויסן ארויס. אַ שטאַרקער שטראָם פון פרישער לופט גיט זיך אַ יאָג איבער אַלע אָפּטיילונגען דורך די אָפענע ליוקן און דרינגט אריין אין די אָפּגעשמאָכטע גלידער, אין די אָדערן, אין די בלוטן. און עס ווערן פול די קראַנקע אָדערן מיט נייע בלוטן. לופט, לופט!

און איידער וואָס־ווען, אַ נייע קאָמאַנדע:

— שנעלער גאַנג!

דער קאָמאַנדיר לויפט ארום אַ ווילדער. ער איז אויבן און אונטן. ער פאַרנעמט, ווי אַ שטורעם, אַלע טרעפּלאַך. ער איז אַליין אומעטום. אין זיינע אויגן ברענען פייערלאַך. לויפן ארום און צעצינדן שרעק און מורא אין יעדן שווייגנדיקן מענטשן.

— שנעלער גאַנג פאָראויס! מינימום — פינף און צוואַנציק קנאָטן!

אַ דערשראָקענע שטימע זאָגט:

— אָבער, לייטענאַנט...

דאָס רעדט דאָס געהילף. ער רעדט און עס ציטערן אים די ליפּן און עס פינטלען די אויגן.

— איך הייס! פאָלג אוים די קאָמאַנדע!

עס איז געווען איין ריזיקער דרייען פון רעדער. עס האָבן זיך געעפנט און פאַרמאַכט קלאַמערן. עס האָבן זיך אָנגעשטריינגט די דיזעלן צו געבן קראַפט. אָנגעגאָסן זיך מיט ענערגיע. עס האָבן געאַרבעט די אָקזילערי־פּאָמפּן. געפּאָמפּעט, געפּאָמפּעט. און עס האָבן שוין מאַשינען, די לופט־קאָמפּרעסאָרס, אָנגעלאָדן די לופט־צילינדערן. און עס האָבן זיך שוין אָנגעלאָדן די עלעקט־רישע אַקומוליאַטאָרן דורך דער יאָגנדיקער קראַפט פון די דיזעלן, פון צילינדער אין צילינדער, פאַרשפּרייט פונקען. מ׳האָט שוין

געזאמלט ענערגיע. איצט האָבן מענטשן נאָך שווערער געאַרבעט. מינוטן האָבן פאַרביטן מינוטן. און אין די מוחות האָט נאָך אַלץ געעקבערט אַ פאַר׳עקשנטער געדאַנק:

— וואָס וועט עס זיין? וואָס וועט עס זיין?

ווייל עפּעס איז ניט געווען די שיף אין אָרדענונג. ניין. זי איז געווען ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה, דערשראָקן און אָפּגעשוואַכט. זי איז געווען, ווי אַ קליין שיפל אין די אָרעמס פון שטורעמדיקן ים. אַלע אירע איינריכטונגען און איר גרויס צווישן די סובּמאַרינען זיינען איצט געווען קליין און נישטיק. דערצו איז איר גאַנג געווען אומרעגלמעסיק און ניט זיכער. ניין, דאָס איז שוין מער ניט געווען די פריערדיקע „Z-1".

און, נאָך אַ קורצער אונטערזוכונג, איז קלאָר געוואָרן, אַז די שיף האָט פאַרלאָרן איינעם פון אירע רודערס. אָבער ניט אַלע האָבן נאָך געוואוסט פונם אומגליק. און ניט אַלע, וואָס האָבן געוואוסט, האָבן פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון דעם אומגליק. די, וואָס האָבן געוואוסט אַלע איינצלהייטן האָבן געהאַלטן אַלץ, וואָס האָט פּאַסירט מיט דער שיף, אין שטרייִנגער געהיימנים. דעם אמת האָבן געוואוסט געציילטע מענטשן. צווישן דער איבעריקער מאַנשאַפט האָבן זיך אַרומגעטראָגן אומקלאָרע קלאַנגען.

ווייניקער פאַרשטענדלאַך איז געווען דעם קאָמאַנדירס טאַקטיק. ער איז שוין מער ניט אַרומגעלאָפן איבער די אָפּטיילונגען. מ׳האָט אים ווייניק געזען. ער איז געווען מיט דער העכערער לייטונג און מיט דעם הויפּט-אינזשענער פון דער שיף. זייערע פּלענער זיינען געווען אַ געהיימנים. אָבער עס איז שוין געווען קלאָר פאַר אַסך פון דער מאַנשאַפט, אַז אין דער לייטונג איז ניט געווען קיין איינקייט. עס זיינען אָנגעגאַנגען גרויסע מיספאַרשטענדענישן. עס איז אָנגעגאַנגען אַ קאַמף מיט דעם קאָמאַנדירס פאַר׳עקשנטקייט. אויף דער שיף איז פאַרגעקומען אַ סקאַנדאַל, וואָס וועט שפּילן אַ גרויסע ראָל אינם אויסגאַנג פון דער אונטערנעמונג.

און איבער אַלץ איז געווען דער שטורעם. ער איז אָנגעפאַלן

אויף דער שיף פון אלע זייטן. א, ווי זי האט געקעמפט! ווי א לעבעדיקע, האט זי זיך געוואָרפן אויף די אנפאלנדיקע כוואליעס און מיט זיי געקעמפט. אין איר אינגעווייד האט געברומט. זי האט געקרעכצט. ערגעץ האט איר ווי געטאן. זי איז געווען פארוואונדעט און אויסגעמאטערט. אבער זי האט ניט אויפגע־געבן איר קאמף. זי איז געגאנגען לאנגזאמער, ווי איר קאמאנדיר האט פאר איר באשטימט, א כח האט זי געשטויסן צוריק. אבער זי איז געווען גאר נאענט צו זיינע ציל. און ס'איז בלויז געווען ניט קלאר ווי לאנג זי וועט קענען אט אזוי קעמפן קעגן שטורעם.

די קאמאנדע איז געווען א שטענדיקע. די סיגנאליזאציע האט ניט אויפגעהערט. אבער דעם קאמאנדיר אליין האט מען ווייניק געזען. וואו איז ער געווען? וואס האט ער געטאן? קיינער האט ניט געוואוסט. די איבעריקע אפיצערן זיינען געווען אומעטיקע און צעטראגענע. זיי האבן מיט קיינעם ניט גערעדט. זיי זיינען געווען בלייך און דערשלאגן. שווייגנדיקע. געהויבן זיך צום רודער־בריק, אדער געקראכן דורך די שמאלע דורכגאנגען צו די ווייטע אפטיילונגען. זיי זיינען ניט געווען אויף זייערע פאסטנס. זיי זיינען ניט געווען פארנומען מיט זייערע געוויינ־לאכע פליכטן. ס'איז געווען אזוי, ווי זיי וואלטן געווען פרייע פאסאזשירן אויף דער שיף און וואלטן בלויז אבזערווירט די איינריכטונגען פון דער שיף. דאס איז געווען מאדנע אומפאר־שטענדלאך. און זייער פיל פון דער נידעריקער מאנשאפט האבן געקוקט אויף זיי מיט פארדאכט. ניין, דא איז עפעס ניט גלאט געווען!

די שיף איז איצט געווען אין די הענט פון דעם קאמאנדיר און דעם הויפט־רודערמאן. איצט זיינען ביידע געווען איינזאם. דער קאמאנדיר איז פון אים ניט אפגעטראטן. ער האט מיט אים גערעדט און איינגע'טענהט. און ווידער האט קיינער ניט געוואוסט וואס.

אין דער אינגעווייד פון דער שיף איז אנגעגאנגען א שטענ־

דיקער ברומען. די שיף האָט געשריען. זי איז געקראָכן אויף די כוואַליעס מיט אַ געשריי. געשוויגן האָבן נאָר די מענטשן. זיי זיינען איצט געווען אַפּאַטיש. זיי האָבן געטאָן די אַרבעט אָן איבעריקן ווילן. די אַרבעט איז געווען איבער די כחות. זי איז געווען אַ צוואַנג. אַ מאַטערניש.

מיטאַמאָל האָבן אַלע דערהערט אַ קראַך. פּונקט ווי אַ דונער וואָלט זיך דורכגעקייקלט איבער די ווייטסטע אָפּטיילונגען פון דער שיף. די שיף האָט אַ ציטער געטאָן און זיך אָפּגעשטעלט. גלייך ווי זי וואָלט זיך אָן עפּעס אָנגעשטויסן און געבליבן שטיין אויף אַן אָרט. קיינער האָט ניט נאָך פאַרשטאַנען וואָס אין דער רגע האָט פּאַסירט. אָבער די צעטומלעניש איז געווען גרויס. ס'איז געווען מאָדנע. וואָס איז דאָס געווען? אַן עקספּלאָזיע? האָט זיך די שיף אָנגעשטויסן אָן אַן אונטערוואַסערדיקן פעלז? און וואו איז פאַרגעקומען דער אומגליק? און אפשר איז גאָר קיין זאַך ניט פאַרגעקומען? אפשר האָט זיך עס אויסגעדוכט?

און נאָך איידער מ'האָט צייט געהאַט עפּעס צו פאַרשטיין, האָבן זיך פון די ווייטערע אָפּטיילונגען גענומען דערטראָגן אַן אומפאַרשטענדלאַכער געשריי, אַ פאַרדעכטיקער זשומען פון מאַשינען און אַ קראַכן, וואָס האָט אויפגעציטערט דעם גאַנצן קאָרפּוס פון דער שיף מיט אַלע אירע אינווייניקסטע אָפּטיילונגען. מענטשן האָבן זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט אין אַ פּאַנישן שרעק. קיינער האָט נאָך ניט באַנומען. קיינער האָט נאָך ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. אָבער אין די אויפגעשראָקענע בלוטן האָט שוין געשריען:

— ראַטעווען זיך! ראַטעווען זיך!...

אין איין רגע האָט זיך די שיף אַ וואַקל געטאָן, איין מאָל און אַ צווייטן מאָל, און פּלוצלונג, אָן אַ וועלכער עס איז וואָרנונג, האָט זי זיך גענומען אַרונטערלאָזן, זינקען, זינקען. פריער לאַנג־זאַמער און נאָכדעם — שנעלער און שנעלער. און די, וואָס זיינען געווען אין די צענטראַלע קאָנטראָל־אָפּטיילונגען האָבן נאָך עטלאַכע

רגעם ניט פארשטאנען וואס דא האט פאסירט. זיי האבן זיך, אין א משונה'דיקער איילעניש געווארפן, פון איין אפאראט צו דעם צווייטן. און עס האט פאסירט אין איין רגע, אז עטלאכע הענט האבן זיך, אין ווילדן געלאף, געכאפט פאר איין און דערזעלביקער רעדל, אדער שרויף. עס האבן זיך, צווישן געשריי און פארשטיקטן טומל, געעפנט און פארמאכט רערן און קלאמערן. עס האבן זיך באוועגט די ווייזערס פון אפאראטן. מענטשן זיינען געלאפן און געפאלן, געהויבן זיך און געפאלן, מיט א געשריי פון ווארנונג און גרויל און די שיף איז געזונקען און געזונקען אן אפשטעל.

געשרייען פון אונטן און פון אויבן, קורצע, אפגעריסענע, פארשטיקטע. ווילדע געשרייען פון אויפגעריסענע העלזער:

— די ליוקן!

— פארמאכט די ליוקן!!

— מיר זיקען!

— שנעלער די ווענטן און ליוקן!

— ראטעוועט זיך!!... ראטעוועט זיך!!...

— די טירן! ראטעוועט זיך!... ראטעוועט!!!

— ראטעוו...

— רא...

די מענטשן האבן נאך געשריען, אבער זייערע ווערטער זיינען שוין צעריסן געווארן. ניט פארענדיקט געווארן. מענטשן האבן זיך געראנגלט, געווארפן זיך אין די ארעמס פון טויט און ניט פארגעסן צו שרייען און צו ווארענען.

און די שיף — וואס איז געווארן מיט דער שיף? — זי האט זיך א דריי געטאן און א טונק געטאן זיך מיטן נאז ארונטער און גענומען פאלן, אזוי, מיטן נאז ארונטער, צום אפגרונט. און די מענטשן, וואס זיינען אין איר געווען און די זאכן, וואס זיינען ניט געווען באפעסטיקט האבן זיך געקייקלט אין דעם ווירבלענ־דיקן געדריי פון וואסער. אלץ האט זיך געיאגט און געראנגלט אין א גרויליקער פארצווייפלונג. דאס, וואס ס'איז פריער געווען

אַ וואַנט מיט אַ טיר — איז איצט געוואָרן דער באָדן, וואָס איז פאַרטרונקען געוואָרן מיט דעם אייליקן, יאָגנדיקן ים־וואַסער. דאָרט, וואו מ'האָט קיין צייט ניט געהאַט צו פאַרהאַקן די אָפענע ליוקן, האָט דאָס וואַסער אַריינגעשטראָמט מיט אַ שווינדלאַכער קראַפט. מענטשן זיינען אַרומגעשוואומען, אומגעקומען אין אַ קורצער רגע פון שלאָגנדיקן, ווירבלענדיקן וואַסער. דער דרוק פונם וואַסער איז געוואָרן גרעסער און גרעסער. די אָנגעפּילטע אָפּטיילונגען, האָבן מיט מורא'דיקער שנעלקייט געשלעפּט די „Z־1" צום אָפּגרונט, געדרייט זי און פאַרדרייט אין אַ גרויליקן געדריי. דער ים איז געווען גרויזאַם. דער ים איז געווען אומ־ברחמנות'דיק. די שיף איז נאָך ניט צוגעקומען צום באָדן, און אין די פאַרפּלייצטע צימערן זיינען שוין אַרומגעשוואומען טויטע, צעריסענע קערפּערס. די גרוי־גרינע שוימיקע ים־צונגען האָבן זיך, ווי הענט, אַריינגעצויגן אין די שמאָלע עפענונגען פון די ליוקן און האָבן אין איין־איינציקער מינוט דערוואָרגן יעדן לעבעדיקן נפש, וואָס זיי האָבן דאָרטן אָנגעטראָפן.

עס איז געווען שרעק און כאַאָס און לעצטער אָנגעשטרייגטער קאַמף פאַר איין איינציקער רגע לעבן. באַטויבטע פון שרעק און פאַרלאָרנקייט, צעבלוטיקטע און צעשלאָגענע, האָבן נאָך די לעבע־דיקע, אין קאָנוואולסיעס, ניט אויפגעהערט צו רופן און צו שרייען, ווי בלינדע, וואָס מ'האָט זיי אויסגעשטאָכן די אויגן, און זיי האָבן געוואָלט אַן אויסוועג. עס איז שוין ניט געווען צו וועמען צו רופן. עס איז ניט געווען דער מענטש און עס איז שוין ניט געווען גאָט. דאָס לעבן האָט זיך שוין אָפּגעטאָן פון אַלע פאַרבינדונגען מיט דער וועלט און עס איז בלויז אַרומגעשוואומען, אין געדריי פון וואַסערן, דער לעצטער אומזיניקער געשריי:

— ראַטעוועט! ראַט...

און נאָכדעם:

וויפיל האָט עס געדויערט? אַ מינוט? אַ שעה? אַן אייבי־קייט? די שיף האָט זיך אַ שטאַרקן זעץ געטאָן מיט דער נאָז אַן

שטארקן זאמדיקן באדן, איבערגעקערט זיך, אייז מאל און א צווייט מאל און שווער זיך אויסגעצויגן, אין דער גאנצער לענג, ווי א טויטלאך פארוואונדעטע חיה. און נאר ארום איר, דורך די פארמירטע שפאלטן און עפענונגען, אין די צעשאקלטע ריוועטן, האבן זיך נאך געבלעזלט און געשלענגלט ארויף, צו דער אויבער־פלאך, קלייניקע שטראמעלאך אנטלויפנדיקע לופט און געטראגן מיט זיך צו דער וועלט דעם לעצטן אטעם פון שטארבנדיקע לעבנס.

* * *

עס איז אנגעקומען א פינסטערניש. פינסטערניש אין די פארטרונקענע אפטיילונגען און נאך א גרעסערע פינסטערניש — אין די גאנץ־געבליבענע, פאר'חתמ'עטע, אפטיילונגען, וואו דאס לעבן האט זיך נאך געראנגלט מיטן טויט אין כאאטישער פאר־צווייפלונג און פיין. אבער די לעבן־געבליבענע האבן נאך ניט געפילט דעם לעבעדיקן אטעם ארום זיך. ניט פארשטאנען דעם זין פון אייגענעם לעבן אין דער נייער פינסטערניש. ניט געקענט געפינען א וועג צו זיך און צום נאענטסטן חבר, וואס האט זיך געקנוילט מיט ווארעמקייט ארום זיין ווען. צווישן מענטש און מענטש איז נאך געווען א פוסטקייט. גארנישט. ניט טויט און ניט לעבן. אפגעריסנע, צעטיילטע און אפגעשליידערטע איינע פון די אנדערע אויף אומגעהייערע ווייטקייטן אין דער גרענעצ־לאזער כאס פון צייט, האבן זיי ניט געקענט דערשטיקן אין זיך דעם ברענענדיקן שרעק און זיך געפינען — פאר זיך, אדער פאר דעם נאענטסטן חבר.

עס זיינען נאך ניט געווען קיין ווערטער. מענטשן האבן נאר געקענט אומבאוואוסטזיניק, ווי ערשט געבוירענע קינדער, יאמערן און קרעכצן, אויסוויינען, אין טונקעלע עמאציעס, זייער שרעק פאר דעם אומבאגרייפלאכן. זיי האבן נאר געקענט וואנזיניק, טעמפ און חיה'יש וויינען.

ערשט נאכדעם, אין א מינוט ארום, זיינען געקומען ווערטער:

— אוי... ווער איז דאָ?...
— איך...
אַ, אימיצער האָט געענטפערט. נאָך אימיצער איז דאָ געווען. מ׳איז ניט געווען אַליין. ניין, מ׳איז ניט געווען אַליין...
— ווער ביסטו?
אַ שווייגן. פונקט ווי דער מענטש וואָלט פאַרגעסן זיין אייגענעם נאָמען. נאָכדעם, שוין אין עטלאַכע רגעס אַרום:
— איך בין... ביל.
— אַ, ביל... ביל...
— און ווער ביסטו? ווער?
— אַ, גאָט, דו לעבסט...
און ווידער שווייגן. עטלאַכע רגעס.
— און ווער ביסטו? זאָג, ווער ביסטו?
— דו דערקענסט ניט מיין קול? דערקען, איך בעט דיך, דערקען...
— איך קען ניט דערקענען. זאָג... זאָג.
— איך וויים ניט. אַ, ביל, איך וויים ניט!
ווידער שווייגן. ווידער יאָמער־קלאַנגען. שרעק און צע־טומלעניש.
— ביסטו — טאָם? טאָם נובערג?...
— איך... יע. דאָס בין איך, אַ!
צוויי הענט האָבן זיך אויסגעצויגן און געזוכט איינע די אַנדערע אין דער שוואַרצער נאַכט, וואָס איז געווען אייביק. צוויי הענט האָבן זיך געפונען און אַנגעכאַפּט איינע אַן דער אַנדערער אין אַ בלוטיקער באַרירונג. געדריקט זיך, געדריקט זיך, אַז ווערטער, ווי פאַרליבטע. מיט אַ הייסן אָטעם. מיט ליבע. מיט פאַרגעסונג. מיט פיינלאַכן געגנום.
מ׳האָט נאָך געלעבט. אביסל ווייטער, עטלאַכע טריט ווייטער, האָט נאָך אימיצער געקרעכצט. עס איז נאָך געווען לעבן אַרום. אין דער פינסטערניש האָט נאָך געצאַנקט דאָס ליכטעלע פון לעבן.

און די צוויי געפונענע האָבן זיך נאָך געטוליעט איינער צו דעם אנדערן. און דאָס, וואָס האָט פריער אָפּגעטיילט איין מענטשן פון דעם צווייטן — די אומגעהייערע פּוסטקייט — איז שוין ניט געווען. עס איז שוין ניט געווען קיין מחיצה צווישן מענטש און מענטש. עס איז געווען איין קערפּער און איין נשמה, פון וועלכע ס'איז אַנטשטאַנען — מענטש און מענטש. עס איז געבאָרן געוואָרן איין גוף און איין נשמה — מענטש און מענטש. קיין מאָל ניט צעריסענע, קיין מאָל ניט פאַרלאָרענע און ניט צעטיילטע. האָבן זיך די מענטשן געפונען אין װאַרעמקייט פון בלוט, אין אייביקער נאָענטקייט פון בלוט. אין פריינטשאַפט, אין לעבן און אין טויט.

און דאָ אַרום האָט נאָך אימיצער געלעבט. ווער נאָך? ווער נאָך?

— ווער איז דאָ?

— איך... איך בין דאָ.

— ווער ביסטו?

— איך... מארטין קארטער.

— אָ, מארטין!...

דער קוואַרטירמייסטער, מארטין, האָט נאָך אויך געלעבט.

דריי האָבן זיך אויפגעזוכט. געפונען זיך אין לעבן. אַזאַ פרייד! ווי לאַנג איז מען געווען אָפּגעזונדערט? און נאָך אימיצער האָט דאָ געמוזט זיין. אימיצער נאָך האָט נאָך באַדאַרפט לעבן. ווייל עס האָבן נאָך געלעבט די אייגענע ווייטיקדיקע גלידער. און עס האָט נאָך געקלאַפּט דאָס אייגן האַרץ. און דער אייגענער מאַרך האָט זיך נאָך אַריינגעפּאַסט אין דער פינסטערניש און געוואָלט פון כאַאָס פאַרמירן אָרדענונג.

און נאָך אימיצער, פון אַ ווייטערן ווינקל, האָט געזאָגט:

— אָ, גאָט! איך שטאַרב!... ברידער, איך שטאַרב...

— ווער ביסטו?

קיין ענטפער איז ניט געקומען. איז געווען אזוי, ווי אַן אויס־געמאַטערטער מענטש וואָלט געקראָכן מיטן נאַקעטן גוף אויף שאַרפע פעלזן־שפּיצן און, אַ פאַרוואונדעטער, אַ שטאַרבנדיקער, געבליבן, מיטן צעבראָכענעם גוף, הענגען איבער דעם שטיין פון קאַלטע שאַרפע פעלזן, ניט קענענדיק נאָך אַמאָל זאָגן:

— ברידער, איך שטאַרב.

שטימען האָבן זיך אָנגעהויבן צו רודערן. שטימען האָבן גערופן:

— ווער ביסטו? ווער ביסטו?!

אָבער קיינער האָט שוין מער פון יענעם ווינקל ניט געענטפערט. אימיצער איז געשטאָרבן.

קאפיטל עלף

לעבן האט זיך געריסן צום לעבן. די, וואס האבן געאטעמט און געפילט דאס קלאפן פון זייערע הערצער, האבן ניט געוואלט שטארבן. לעבעדיקער מארך האט געוואלט אנצינדן פינסטערניש און געפינען אן אויסוועג. מענטשן האבן געזוכט א וועג צו דער פארלארענער וועלט.

אבער ארום איז געווען אזא פינסטערניש. מ'איז געווען בלינד. מ'האט דערקענט זאכן נאר דאן, ווען מ'האט זיי אנגעטאפט מיט די פינגער, אדער אנגעשטויסן זיך אן זיי מיטן קערפער. דערקענט שארפקייט דורך שארפן ווייטיק. דערקענט טעמפקייט — דורך טעמפן ווייטיק. אבער מ'האט שוין געוואוסט וואו מ'איז. גע־וואוסט, אז מ'איז געראטעוועט פון דער ים־פארפלייצונג דורך די פאר'חתמ'עטע טירן. אימיצער האט אין דער צייט פארהאקט די טאפלטע טירן. אימיצער האט דאס געטאן אין דעם שרעק־לאבן טומל און יאגעניש נאך א רעטונג. אבער קיינער האט ניט געוואוסט — ווער. ווער איז ער געווען, דער וואס האט געראטע־וועט? ווער? איז ער געווען צווישן די לעבעדיקע? קיינער האט ניט געוואוסט. קיינער האט ניט פאר'חתמ'עט די ליוקן און טירן — און זיי זיינען געווען פאר'חתמ'עט.

פריער פון אלץ האט געפעלט ליכט. אלע לאמפן האבן זיך פון דעם שטארקן שטויס און אויפציטערונג אויסגעלאשן. זיי האבן זיך צוריק ניט געקענט אנצינדן. אפשר האט דאס וואסער דערגרייכט דעם הויפט עלעקטרישן שטראם און האט אים פריי־געלאזט דורך א קורץ־שלוס. גענוי האט נאך איצט קיינער ניט געוואוסט די אורזאך. אבער מ'האט שוין געזוכט די אורזאכן. געזוכט די פארשיידענע עלעקטרישע פארבינדונגען, ארומגעטאפט די ווענט און דעם באלקן. אריענטירט זיך.

די ערשטע, וואס האבן זיך געקענט אויפהויבן פון ארט, זיינען געווען די צוויי חברים — נובערג און סאיער. צעקאליעטשעטע,

האָבן זיי אָבער נאָך געהאַט כח אויפצוהויבן זיך און זוכן אַן אויס־וועג. עס האָט נאָך ערגעץ באַדאַרפט זיין אַן אויסוועג, ווייל עס איז נאָך געווען לעבן.

פלוצלונג האָט זיך אימיצער פון די צוויי אַנגעשטויסן אַן אַ טיר. און מאָדנע — די טיר איז געווען אָפן. הייסט עס, אַז נאָך אַן אָפּטיילונג איז ניט געווען פאַרטרונקען מיט וואַסער! און דאָס איז געווען די הויפּט קאָנטראָל־אָפּטיילונג. פון דאָרטן האָט מען זיך נאָך געקענט ראַטעווען. דאָרט איז געווען דער ארויסגאַנג צום בריקל, צו דעם רודער־טורעם! אַזאַ גליק! און דער, וואָס האָט דאָס אַנטדעקט, האָט אין גרויסער פרייד, פאַנאַנדערגעשריען צו די חברים:

— אַ, דער קאָנטראָל צימער איז גאַנץ! איך שווער אייך!... אַ, גאָט!

די הערצער האָבן געקלאַפּט מיט נייער האָפענונג. איצט זיינען גאַנץ געווען צוויי אָפּטיילונגען — די באַטאַרייע־אָפּטיילונג און דער קאָנטראָל־צימער. דאָס האָט געמיינט לופט און קראַפט און באַוועגונג. דאָס האָט געמיינט אַלץ, וואָס די מענטשן האָבן איצט באַדאַרפט.ביידע חברים האָבן זיך פאַראייניקט און געקראָכן פון פינסטערניש אין פינסטערניש דורך דער אָפענער טיר. דער וועג איז געווען אַ באַקאַנטער. זיי האָבן דאָ געוואוסט אַלע ווינקע־לאָך. נייע כחות האָבן אַ שטראָם געטאָן אין די מוסקולן און אין די בלוטן. אַ, די רעטונג איז געווען נאָענט! ניט אַלץ איז געווען פאַרלאָרן. די רעטונג איז געווען נעענטער, ווי מ'האָט געקענט דערוואַרטן. דאָרטן האָט געוואַרט, ווי אַ גוטער פריינט, דער רעטונג־דורכגאַנג אַרויס צום אויבערשטן לויק. אַ, עס זאָל נאָר זיין גענוג לופט אין די רעזערוואואַרן! עס זאָל נאָר זיין גענוג לופט אַנצופילן דעם שמאָלן אַרבל, דורך וועלכן זיי וועלן זיך אַרויסקלייבן צו דער וועלט!

מ'האָט זיך דערמאָנט, ווי מ'האָט מיט אַ צייט צוריק געמאַכט פּראָבע מיט אָט דעם רעטונג־אַרבל. אַלץ איז געווען אַזוי פּשוט,

אזוי פארשטענדלאך און מעגלאך. איין מענטש בלייבט אין קאנ־טראל צימער. דער, וואס דארף זיך ראטעווען קלייבט זיך אריין אין דעם „ארבל". נאכדעם עפנט מען דעם אונטערשטן קלאמער און מען לאזט אריין שטארק־געפרעסטע לופט, אזוי פיל און אזוי שטארק, ווי נויטיק. נאכדעם עפנט מען דעם אויבערשטן קלאמער, דעם רעטונג־ארויסגאנג. דער מענטש אינוויינען ווערט דאן „ארויסגעשאסן", אינאיינעם מיט דער לופט, צו דער אויבערפלאך, ווי אין א באלון.

פריער מיט איינעם, נאכדעם מיטן צווייטן — אזוי וועט מען טאן מיט יעדן איינעם, ביז דעם לעצטן...

עס האבן זיך דערהערט רייד. פריילאכע רייד. אין דער פינסטערער לאך, וואו די מענטשן האבן זיך געוואלגערט, אויסגע־הונגערטע נאך ליכט, אויסגעמאטערטע און פארוואונדעטע, האט זיך עפעס אנגעהויבן צו באוועגן און לעבן. די האפענונג האט באלעבט די גלידער און געהיילט די וואונדן.

— מיר וועלן זיך ראטעווען!

— מיר וועלן זיך ראטעווען! נאר ניט ארא‏פפאלן...

— אלע וועלן מיר זיך ראטעווען. איר וועט זען, חברים!...

הענט האבן זיך געצויגן איינע צו די אנדערע, געזוכט א דריק צו טאן זיך, דערפילן זיך אין א ווארעמער, פריידיקער בארירונג.

ווייל אלע זיינען איצט געווען נאענטע און טייערע. אלע אינאיינעם אין לעבן. אלע אינאיינעם אין טויט. מ'האט שוין געוואוסט די אייגענע ליידן און אויך די ליידן פון דעם חבר. און עס האט זיך פאר אלעמען געעפנט איין האפענונג.

מ'האט זיך אויפגעהויבן און געפרואווט גיין. און די, וואס האבן ניט געקענט, האבן געפויזעט. געקראכן אין דער ריכטונג, וואו עס איז געווען די טיר צו דעם קאנטראל־צימער.

נובערג איז דער ערשטער אריין אהין. אבער ביי דער שוועל האט ער זיך אן עפעס פארטשעפעט, און אומגעפאלן. מיט שרעק דערפילט אונטער זיך א קערפער. געזאגט:

— ווער איז דא?

עס איז ניט געווען קיין ענטפער. האט זיך נוברג איבערגע־בויגן איבער דעם קערפער פונם מענטשן און געזאגט:

— ווער ביסטו?

און דער מענטש אונטן האט ווידער ניט געענטפערט. האט נוברג א טרייסל געטאן דעם מענטשן פאר די פלייצעס. שטארק א טרייסל געטאן. ערשט דאן האט זיך דערהערט אן ענטפער, אזוי ווי א זיפץ:

— א, גאט!

און עס איז אליין פאר נוברגן ניט געווען קלאר: — האט דער מענטש טאקע עפעס געזאגט, צי דאס האט זיך אים נאר אויסגעדוכט.

— א, גאט...

נוברג האט זיך נאך אמאל איבערגעבויגן איבער דעם מענטשן און הויך געזאגט:

— זאג מיר, ווער ביסטו? ווער?

יענער האט ניט גליך אפגעענטפערט. א ווײלע צוזאמענ־געקליבן די געדאנקען. געזאגט:

— וואו בין איך? ס'איז פינסטער. וואו בין איך?...

— מיר זיינען אויפן גרונט. די „שוואן" איז ארונטערגעפאלן צום גרונט.

— ניין, זאג, וואו בין איך?

— איך זאג דאך: — די „שוואן" איז ארונטערגעפאלן...

— א, די „שוואן"...

דער מענטש האט זיך דערמאנט. אנטשוויגן געווארן.

— ווער ביסטו?

דער מענטש האט ניט געענטפערט. געטראכט, געטראכט. ניט געקענט זיך דערמאנען. ניט געקענט אנרופן זיין אייגענעם נאמען. געזאגט:

— איך קען זיך ניט דערמאנען. זאג, ווער ביסטו?

— איך בין נובערג. טאָם נובערג. דער מעכאַניקער. גע־דיינקסט ?...

— אַ, טאָם! איך בין פאַרוואונדעט! מיר איז שווער. איך שטאַרב... קענסט מיר געבן אביסל וואַסער ?

— ס'איז ניטאָ קיין וואַסער. ליג. איך וועל אפשר געפינען. דו זעסט — ס'איז פינסטער. דאָס ליכט איז אויסגעלאָשן. אָבער זאָרג זיך ניט. מיר וועלן עפּעס נאָך אויסגעפינען. אָט וואַרט נאָר צו אַ רגע.

— איך קען ניט... איך שטאַרב...

עס איז ניט געווען קיין צייט צו פאַרברענגען מיטן פאַר־וואונדעטן. נובערג האָט זיך אַ ריס געטאָן ווייטער. אַ געשריי געטאָן צו ביל סאַיערן:

— ביל. דאָ ליגט נאָך אַ פאַרוואונדעטער. וואָס קען מען טאָן ? וואו נעמט מען ליכט ? און פאַרוואָס האָבן זיך די אווטאָמאַטישע לעמפּלאַך ניט אָנגעצונדן ?

געוויינלאַך איז געווען, אַז ווי נאָר די הויפּט־ליכט פלעגן אויס־געלאָשן ווערן, פלעגן זיך אָנצינדן די אווטאָמאַטישע לעמפּלאַך.

סאַיער האָט ארומגעטאַפּט אַ ווינקל אין דער געדיכטעניש פון אַלערליי איינריכטונגען און אַפּאַראַטן. געענטפערט:

— אָט דאָס וואָס איך זוך. ווי קומט עס, וואָס זיי האָבן זיך ניט אָנגעצונדן, ווען ס'איז אויסגעלאָשן געוואָרן דאָס ליכט ? ניט אַנדערש — אַלץ איז דאָ צעשטערט און צעפּיצלט. צו אַלדי טייוואָלים! וואו ביסטו דאָרטן ? קום אַהער.

— וואָס האָסטו געפונען ?

— איך בין אַזוי צעטומלט. איך קען זיך ניט אָריענטירן. איך טאַפּ און טאַפּ און פאַרשטיי ניט וואָס איך טאַפּ אָן. ווייסט, אָט דאָ ערגעץ דאַרף זיין דער ביקס־טראַנק. פון דאָרטן וועלן מיר זיך אַלע קענען דורכרייסן צו דער אויבערפלאַך. מיר וועלן אָנטאָן די „לונגען" און ארויסראַטעווען זיך. אַ, מיר וועלן זיך ארויסראַטעווען, טאָם!

— אויב ס'איז דאָ גענוג לופט אין די לופט־צילינדערן. אַז לופט קענען מיר יענעם דורכגאַנג ניט אַפּערירן. מיר זיינען דאָ עטלאַכע מענטשן.

אין דער פינסטערניש איז אַנטשטאַנען אַ טרויעריק שווייגן. אפשר איז טאַקע ניט געווען קיין לופט? ווער האָט איצט געקענט וויסן? אפשר וועט אפילו ניט קלעקן קיין לופט פאַרן אויפהאַלטן דאָס לעבן? ווי קען מען שוין טראַכטן וועגן באַנוצן טויזנטער קוביק לופט פאַר דער צווייפלהאַפטער רעטונג פון איין מענטשן?

נובערג האָט געזאָגט:

—ניין. פריער פון אַלץ — דאַרף מען ליכט. אָן ליכט וועלן מיר קיין זאַך ניט קענען אויפטאָן.

— יע. נאָר ליכט.

— שטיי. איך האָב!

ער האָט זיך דערמאָנט: אין אַ ווינקל פון דעם באַטאַריי־צימער האָט ער אויף אַ האַטשעק אויפגעהאַנגען אַ רינגל קופּערנע עלעקטריק־דראָטן. ער האָט עס אויפגעהאַנגען פּונקט דאַן, ווען עס איז געווען דער אייליקער איבערבייט פון דער באַטרייב־קראַפט פון די מאָטאָרן אויף די דיזעלן. איצט האָט ער געקענט פאַר־פעסטיקן דעם דראָט אין איינעם פון די עלעקטרישע אַקומוליאַ־טאָרן און ציען פון אים ליכט. אָבער אויך פאַר דעם האָט מען באַדאַרפט ליכט. כאָטש איין ביסעלע ליכט. מ'האָט באַדאַרפט אַ לעמפּל. מ'האָט באַדאַרפט האָבן געצייג.

און ווידער האָט זיך דער געדאַנק אָנגעשטויסן אַן אַ פריידיקער דערינערונג: ביי אים, אין קעשענע פון די אַרבעט־קליידער איז געווען אַ צוואַנגל, אַ קליינער שרויפן־ציער און — אַ, גאָט אין הימל, — אַן עלעקטריש לעמפּל, וואָס ער האָט גענוצט ביי דער אַרבעט! ווי האָט ער פון דעם געקענט פאַרגעסן?!...

— אַ, ביל! איך האָב אַ לעמפּל אין קעשענע! און דו האָסט דאָך אויך! ווי האָבן מיר פון דעם פאַרגעסן!...

יע.ביידע האָבן געהאַט עלעקטרישע האַנט־לעמפּלאַך. און ביידע האָבן אַן זיי פאַרגעסן.

אין אַ רגע אַרום האָבן שוין צוויי לעמפּלאַך אַרומגעבלאַנדזשעט איבער ווענט און איבער דילן, ווי צוויי גרין־ווייסע אויגן פון אַ חיה.

אין קאָנטראָל צימער האָט באַדאַרפט זיין אַ צאָל שטענדיקע מענטשן. אפשר זיינען דאָרטן אויך געווען צופעליקע. וואו זיינען זיי איצט געווען? וואו איז געווען דער קאָמאַנדיר? וואו זיינען געווען די איבעריקע אָפיצערן? וואו איז געווען דער רודער־מאַן און דער ראַדיאָ־אָפּעראַטאָר? אימיצער האָט דאָך דאָ געמוזט זיין צו פאַרהאַקן דעם ליוק און פאַרשטעלן דעם וועג פאַרן אַנלויפנדיקן וואַסער. אימיצנס האַנט האָט דאָך זיי אַלעמען געראַטעוועט!

— הע, ווער איז דאָ? רוף זיך אָפּ!

איין רגע שטילקייט. נאָכדעם האָבן זיך דערהערט פון פאַר־שיידענע ווינקלען שוואַכע קרעכצן. עס האָט זיך שוין געפילט דער אָטעם פון לעבעדיקע מענטשן. אויך דאָ זיינען נאָך געווען לעבעדיקע מענטשן. פון דעם איז נאָך לייכטער געוואָרן אויפן האַרצן. נאָך אַ רגע, און מ'האָט שוין געפונען צונויפגעדרייטע צעשלאָגענע קערפּערס. איינער פון די קערפּערס איז געווען טויט. דאָס איז געווען דער רודער־מאַן. דער צווייטער איז געווען דער קאָמאַנדיר. דער קאָמאַנדיר האָט נאָך געלעבט. ער איז געווען אין אַ פאַרגעסונג. אָבער ער האָט געלעבט. געעפנט די אויגן קענען דעם ליכט פון די לעמפּלאַך און ניט געהאַט וואָס צו זאָגן.

נובערג האָט געזאָגט:

— סקיפּער, מיר זיינען געראַטעוועט!

יענער האָט נאָך אַלץ געקוקט און ניט פאַרשטאַנען:

— ווער ביסטו?

— איך בין טאָם. טאָם נובערג. און דאָס איז ביל. ביל סאָיער. דער רעטונג־אַרבל איז גאַנץ. מיר וועלן זיך ראַטעווען...

דער קאָמאַנדיר האָט זיך דערמאָנט:

— וואָס איז מיט דער „שוואַן"?

— די „שוואַן" איז אויפֿן גרונט, קאָמאַנדיר. מיר זיינען אַרונטערגעפֿאַלן...

אַ ווײַלע שווייגן.

— ווי טיף זיינען מיר?

— ס'איז שווער צו וויסן. מיר האָבן נאָך ניט אָנגעקוקט די אַפּאַראַטן. מיר ווייסן נאָך גאָרניט. אַלע זיינען פֿאַרוואונדעט. קיין ליכט איז ניטאָ...

— גיט אַ קוק אויף די אַפּאַראַטן. אַ, גיט אַ קוק...

דער קאָמאַנדיר איז געקומען צו זיך, אָבער עס האָבן שוין אין אים מער ניט געלעבט די באַקאַנטע קאָמאַנדירישע ווערטער. ער האָט קוים געזאָגט:

— גיט אַ קוק...

און די צוויי, מיט די לעמפּלאַך, האָבן זיך אַ ריס געטאָן פֿון אָרט צו די אַפּאַראַטן. די לעמפּלאַך האָבן מיט סנאָפּעס ליכט אַ וואָרף געטאָן זיך אויף ווענט און באַלקן און האָבן זיך אָנגעהויבן דרייען אין אַ קאַראַהאָד אַרום די מאַניפּאָלדן און אַפּאַראַטן. צוויי פּאָר נייגעריקע אויגן האָבן זיך אַריינגעשפּיזט מיט ברענענדיקן פֿיבער איבער אַן איינגעשטומטן ציפֿער־בלאַט, וואָס האָט אין טויטער שווייגעניש און אומבאַוועגלאַכקייט קלאָר געוויזן: פֿיר הונדערט און פֿערציק פֿוס טיף אונטער דער אויבערפֿלאַך. ביידע האָבן אַ געשריי געטאָן:

— פֿיר הונדערט און פֿערציק פֿוס!...

דער קאָמאַנדיר האָט געזאָגט:

— דאָס איז דער סוף פֿון דער „Z-1".

קיינער האָט אים ניט געענטפֿערט. ער אַליין האָט דערפֿילט אַ שווינדל אין קאָפּ. געפֿילט ווי עפּעס האָט זיך אין אים אָפּגעריסן און פֿון דעם האָט זיין האַרץ זיך אָפּגעטיילט פֿון קערפּער און אַוועקגעפֿלויגן אין אַ פּוסטקייט אַריין. געפֿאַלן, געפֿאַלן און עס איז גאָר ניט געווען קיין אָפּשטעל.

דער קאמאנדיר האט נאך אמאל גע׳חלש׳ט. אבער דאס מאל איז דאס געווען בלויז אויף א ווײַלע. באלד איז ער געקומען צו זיך און האט געזאגט:

— גייט אריין אין ראדיא־צימער. זעט דעם ראדיא־אפּע־ראטאר. אפשר קען מען נאך ארויסשיקן סיגנאלן. נעמט זיך צו די אסצילאטארן. לאזט ארויס די מארס־טעלעפאנען. טוט עפּעס! פארוואס טוט איר ניט עפּעס?

די צוויי האבן זיך געלאזט, ווי נאך א קאמאנדע, צו דער טיר פון דעם ראדיא צימער. דארטן האבן זיי געפונען דעם ראדיא־אפּעראטאר אויפן דיל. ער איז געווען טויט. און עס איז שווער געווען צו באשטימען פון וואס דער מענטש איז געשטארבן, ווייל זיין פּנים האט ניט אויסגעדריקט ניט קיין שרעק און ניט קיין יסורים. אזוי, ווי ער וואלט רואיקערהייט איינגעשלאפן. און נאר ווען מ׳האט זיך איבער אים איינגעבויגן און זיך צוגעהערט צו זיין אטעם האט מען אויסגעפונען, אז ער האט ניט געאטעמט און זיין הארץ איז געווען טויט. אפּנים, אז עפּעס א געהיימער עלעקטרישער שטראם פון דער ראדיא גופא האט פארענדיקט זיין לעבן. אומעטום זיינען געווען טויטע.

אין א צווייטן ארט פון קאנטראל צימער האט מען געפונען איינעם פון די געהילף־אפיצערן, א טויטן. פון דעם האט זיך אריינגעריסן א שווערע שטימונג אין די הערצער, און איז דארט פארגליווערט געווארן. די ערשטע פרייד פון א מעגלאכקייט ארויסצוראטעווען זיך איז פארטונקלט געווארן. דער טויט האט ארויפגעלייגט זיין קאלטע האנט אויף דער ווארעמקייט פון יעדן הארץ און האט געקילט. אומעטום איז געווען טויט און פּיין און צעשטערונג. דא און הינטער די ווענט.

די, וואס האבן עפּעס געקענט טאן, האבן זיך ארומגעקליבן ארום די אסצילאטארן. מ׳האט ארויסגעלאזט רעטונג־סיגנאלן. א געקלאנג און א גערודער האט זיך צעטראגן. די עלעקטרישע וואסער־כוואליעס האבן צעטראגן די קלאנגען אויף א ראדיאוס פון

פיר און צוואַנציק מייל. מ׳האָט אויך אַרויסגעלאָזט די מאָרס־טעלעפּאָנען אין באַיע־קעסטעלאַך. ביל סאָיער האָט ניט אויפגע־הערט צו קלינגען. אין יעדן לאַנגן, אויסגעצויגענעם און ציטער־דיקן קלונג האָט ער מיטגעשיקט דעם ציטער פון זיין האַרצן, ווייל איז יעדן קלונג איז נאָך געווען, ווי אין אַ שאָל, איינגעשלאָסן די האָפענונג. די וועלט וועט איבן דערהערן דעם פּיינלאַכן רוף פון אירע אומגליקלאַכע קינדער אויפן אָפּגרונט פון אַ שטורעמדיקן ים, און וועט ראַטעווען. אַ שיף האָט געקענט אַדורכגיין אין דעם ראַדיאוס פון דעם אָסציליאַטאָרן רוף. אַ שיף האָט געקענט אַדורכגיין גאָר נאָענט און דערהערן דעם געשריי פון די טעלע־פאָנען־גלעקלאַך און דערזען די באַיע־קעסטלאַך. און מיט יעדן רוף איז געוואַקסן דער משונה׳דיקער פאַרלאַנג צו צעשרייען זיך, אינייִנעם מיט די אָסציליאַטאָרן, און צעשרייען איבער דער וועלט די קאַטאַסטראָפע, די געפאַר און דעם אומגליק.

אָ, עס האָט נאָך געקענט פּאַסירן אַ נס! אויפן ים פּאַסירן נסים. יעדער האָט זיך איצט געקענט דערמאָנען אָן די הונדערטער מעשׂות, וואָס האָבן פּאַסירט מיט מענטשן, וואָס זיינען שוין געווען פאַרלאָרן און וואָס האָבן זיך געראַטעוועט דורך אַלערליי נסים און צופאַלן. דאָס לעבן פונם ים־מענטשן איז אַלע מאָל אויף אַ האָר. די האָר קען זיך אַלע מאָל איבעררייסן. אָבער וויפיל מענטשן האָבן זיך שוין אַרויסגעראַטעוועט פון אַלערליי געפאַרן?

ביי די אָסציליאַטאָרן און טעלעפאָנען זיינען געבליבן די צוויי חברים, סאָיער און נובערג. זיי ביידע האָבן געזוכט און גענישטערט אַרום די אַפּאַראַטן. אונטערגעזוכט די לופט אין די רעזערוואואַרן, געבראַכט אין אָרדענונג די רעגענעראַטאָרן. געזוכט אַ וועג צו דער געהיימניס, וואָס האָט אַרונטערגעוואָרפן די שיף צו די אָפּגרונטן, אָן אַ וואָרנונג.

דער קוואַרטירמייסטער, מאַרטין קאַרטער, איז געזעסן איבער די אַקומוליאַטאָרן און געזוכט אַרויסצוציען פון זיי, דורך דראָטן, ליכט פאַר די אָפּטיילונגען. מענטשן זיינען געלעגן פאַרוואונדעטע.

אייניקע האָבן זיך ניט געקענט אויפהויבן. מ'האָט זיי באַדאַרפט געבן הילף. זיי זיינען געלעגן אין דער פינסטערניש, שטילער־הייט, פאַר זיך, געקרעכצט, און בלויז מיט אַ רעזיגנירטן קול, געפרעגט, געבעטן זיך, באַקלאָגט זיך.

שעה'ען זיינען פאַריבער ביז דאָס ליכט האָט זיך אַ גליטש געטאָן פונם איינציקן לעמפּל איבער דעם באַטאַריי־צימער. דאָס ביסל ליכט האָט נאָך אַמאָל דערפרייט די מענטשן. עס איז געווען ליכט און לעבן. און עס איז נאָך געווען אַ קול צו שרייען און רופן נאָך הילף. עס זיינען נאָך געווען וועגן און אויסוועגן. די געדאַנקען זיינען נאָך געווען אַמפּינדלאַך. דער מאַרך האָט זיך געבויערט אין יעדן ווינקל פון דער שיף, וואָס האָט געקענט ברענגען נעענטער צו דער רעטונג.

און דער אָסציליאַטאָר האָט פון צייט צו צייט געקלונגען און געקלונגען. און עס איז געווען מורא'דיק צו הערן דעם אייגענעם געשריי. מורא'דיק און אַנגסטיק. עס איז געווען אַ געמיש פון פאַרצווייפלונג און האָפענונג. יאוש און פרייד האָבן זיך געמישט אין די געמיטער. דאָס קול פון דער „Z-1" איז נאָך ניט געווען טויט. זי האָט נאָך געקענט שרייען און רופן נאָך הילף. און זיי אַליין האָבן נאָך געלעבט. און זיי האָבן נאָך לאַנג געקענט לעבן. אַ, זאָל נאָר קומען הילף פון אויבן, פון דער וועלט.

עס איז געווען זייער אַסך אַרבעט צו טאָן. יעדע רגע איז געווען וויכטיק און טייער. דערפאַר האָט מען זיך איבערגעשריען פון דערווייטנס מיט עצות. בלויז ביל סאָיער איז געזעסן מיטן אָנגעטאָנענעם טרייבל אויף די אויערן און צוגעהערט זיך צו אַ קול, וואָס האָט באַדאַרפט קומען פון דער וועלט איבערן ים. און נובערג האָט ניט אויפגעהערט אַרויסצושיקן די סיגנאַלן. און די סיגנאַלן האָבן געשריען, געשריען:

— מיר גייען אונטער! מיר גייען אונטער! מיר גייען אונטער!...

— ראַטעוועט, ראַטעוועט, ראַטעוועט!...

* * *

די שווער־פאַרוואונדעטע זיינען ניט געווען איינייגעם. מ׳האָט זיי באַדאַרפט צוזאַמענברענגען אין איין אָרט. אַלע האָבן באַדאַרפט זיין איינייגעם. יעדערנס וואָרט האָט געקענט ברענגען הילף. יעדערס עצה האָט געקענט ברענגען רעטונג. און ס׳האָט גענומען לאַנג ביז מ׳האָט זיי אַלעמען צונויפגעבראַכט אין דער אָפּטיילונג פון די אַקומוליאַטאָרן, אין באַטאַריי־צימער. צוויי זיינען געווען שווער־פאַרוואונדעט. זיי האָבן זיך ניט געקענט רירן. דאָס איז געווען דזשאָן קאַרי און מאַנלי. די איבעריקע פיר זיינען געווען לייכטער פאַרוואונדעט און האָבן זיך געקענט באַוועגן און טאָן גויטיקע אַרבעטן. זעקס מענטשן האָבן דאַ געלעבט און פיר זיינען דאָ געווען טויט. און אַלע זיינען געווען איינייגעם, די טויטע און די לעבעדיקע.

די שווער־פאַרוואונדעטע האָבן געמאָנט. האָבן זיך באַקלאָגט אויף די ווייטיקן. געפאָדערט הילף און, אין אַ שטומער אַנגסט, מורא געהאַט, אַז די, וואָס האָבן זיך געקענט באַוועגן און טאָן, וועלן זיך אַליין ראַטעווען און זיי, די הילפלאָזע, לאָזן אויסגיין...

פון מאַנגל אין פרישער לופט, פון גרויסער דאַרשטיקייט און פון די נייע אומבאַקאַנטע גאַזן, וואָס האָבן זיך גענומען פאַרמירן און אַרומשווימען אין די אָפּטיילונגען, האָט געאיבלט. עס האָט געטריקנט דער גומען. אָבער לופט האָט מען באַדאַרפט שפּאָרן. דאָס ביסל לופט האָט מען באַדאַרפט עטלאָכע מאָל רעגענערירן. מ׳האָט די לופט רעגענערירט וויפיל עס האָט זיך נאָר געלאָזט.

מ׳האָט זיך באַראַטן. מ׳האָט געזוכט וועגן און אויסוועגן. דאָס ליכט האָט באַלויכטן די בלייכע אַלט־געוואָרענע פּנימער. מענטש איז געוואָרן נענטער צום מענטשן. יעדער האָט געוואָלט טיילן זיך, דערציילן די אייגענע איבערלעבונג פונם גאַנצן האַרצן. מ׳האָט געגעבן עצות, געמאַכט פאָרשלאָגן. און אין אַלע עצות

און פארשלאגן איז געוועז ווייניק טרייסט. ווייל עס האט זיך שוין ארויסגעוויזן, אז די רעטונג האט געקענט קומען בלויז פון צוויי קוואלן: פון אויבן, אדער דורך די אייגענע מיטלען. — אדער געדולדיק ווארטן ביז מענטשן, פון אויבן, וועלן קומען צו הילף, אדער אליין פרובירן, דורכן רעטונג־ארבל מיט דער הילף פון צונויפגעפרעסטער לופט, „ארויסשיסן" זיך צו דער אויבער־פלאך. קיין אנדער האפענונג און קיין אנדערע מיטלען זיינען ניט געווען.

דער לייכטסטער אויסוועג איז געווען צו ווארטן ביז די הילף, פון אויבן, וועט קומען. און וועט זי נאר קומען, וועלן אלע גע־ראטעוועט ווערן. אויב ניט — וועט מען דורך דעם צווייטן מיטל קענען ראטעווען בלויז א טייל פון די לעבעדיקע. ארויס־ראטעווען אלעמען וואלט געווען אוממעגלאך. אחוץ דעם, איז די רעטונג סיי ווי ניט געווען קיין זיכערע. שוין זייענדיק אויבן, וואלט דער מענטש געקענט אומקומען, אויב עס זאל זיך ארויס־ווייזן, אז קיינער וועט דארט צו הילף ניט זיין. ער וואלט זיך געקענט עטלעכע שעה אליין אויפהאלטן אויפן וואסער און נאכדעם וואלט ער סיי ווי אונטערגעגאנגען, פון קיינעם ניט געזען און ניט געהערט.

האט מען דערווייל באשלאסן צו ווארטן.

און ווארטן איז געווען שווער. ס'איז געווען אן אנגעשטרענגט ווארטן. יעדע דורכגעלעבטע מינוט האט זיך אריינגעריסן אין הארצן, ווי א וואונד. לאנגע אומרואיקע שעה'ען פון ווארטן האבן אפגעשווערט די געמיטער. ס'איז געווארן שווער צו טראכטן און פארשטיין. א מורא און א צערודערונג האט ארומגעכאפט א יעדן וועזן. אבער מער פון אלעמען האט געליטן ביל סאיער. ער איז נאך געווען יונג. ער האט נאך ניט דורכגעלעבט אין זיין לעבן קיין ערנסטע געפאר. איז ער איצט געווען צעטומלט און דערשראקן. גלייך ווי ער האט זיך אוועקגעלייגט אין זיין באנקע, האט ער דערפילט אין זיך די פריערדיקע ערשטע שרעק. אזוי ווי א האנט וואלט אים ארומגעכאפט און וואלט אים צוגעדריקט ביז

וויטיק. ער האָט זיך געוואָרפן אויף זיין געלעגער און אויפגע־ציטערט מיט אַ יעדן אבר.

ערשט שפּעטער, ווען ער האָט זיך אַביסל באַרואיקט, האָבן אַלע דערזען, אַז ער האָט זיך אויסגעצויגן אויפן בויך, איינגענורעט זיך אין אַ ווינקל, וואוהין עס איז געפאַלן אַביסל ליכט, און האָט עפּעס שנעל־שנעל אַריינגעשריבן אין זיין נאָטיץ־ביכל. אַלע האָבן דאָס געזען, און עס איז אויך געווען מאָדנע אין אַזאַ צייט צו זען אַ מענטשן פאַרשרייבנדיק עפּעס אין אַ נאָטיץ־ביכל. אָבער קיינער האָט קיין זאַך ניט געזאָגט.

און סאָיער האָט אַריינגעשריבן אין זיין ביכעלע אָט־וואָס:

„די „שוואַן" איז אונטערגעגאַנגען היינט פרי, דעם זעקס און צוואַנציקסטן נאָוועמבער. עס זיינען שוין פאַריבער גאַנצע אַכט שעה נאָך דער קאַטאַסטראָפע. אָבער מיר ווייסן נאָך ניט גענוי פון וואָס מיר זיינען אַרונטערגעפאַלן צום גרונט. עס זיינען דאָ פאַרשיידענע השערות. מיר זיינען אָבער זיכער, אַז ס'איז ערגעץ אויף דער שיף, פאַרגעקומען אַן עקספּלאָזיע. עפּעס האָט אויפגע־ריסן. עס האָט געקענט אויפרייסן אַן אייל־טאַנק. עס האָבן אויך געקענט אויפרייסן די עקספּלאָזיוון אין די אַרסענאַלן אין אַ טאָרפּעדאָ־אָפּטיילונג. און אפשר האָבן מיר זיך אַן עפּעס אַנגעשטויסן, אויף אַ שיף, וועלכע מיר האָבן ניט באַמערקט אין שטורעם, אָדער אויף אַן אונטערוואַסערדיקן ריף. ווער קען איצט עפּעס ווייסן? און ווער קען זיך איצט אין עפּעס פאַנאַנדער־קלייבן? די, וואָס האָבן אפשר געוואוסט דעם גאַנצן אמת, זיינען שוין ניטאָ צווישן די לעבעדיקע. פון די זיבן און צוואַנציג זיינען מיר פאַרבליבן זעקס לעבעדיקע דערשראָקענע ווערנס. צווישן אונז איז אויך דער קאָמאַנדיר. אויך ער ווייסט גאָרניט. פון אים קען מען בכלל קיין זאַך ניט דערגיין. דערצו שווייגט ער די גאַנצע צייט, ווי אַ ניטדאַאיקער, און מיר האָבן מורא, אַז ער איז ניט ביי זיין קלאָרן פאַרשטאַנד. אַזאַ שווייגעניש איז אים באַפאַלן,

אז ס'איז שוין בעסער, וואָס קיינער פון אונז וויל זי ניט צעשטערן. מיר האָבן פּשוט מורא צו ריידן צו איר. מיר האָבן פאַר איר מורא.

„מיר זיינען איצט אָפּגעריסן פון דער וועלט. מיר ווייסן קיין זאַך ניט און קיינער ווייס ניט וועגן אונז. מיר האָבן ניט מיט וואָס צו ציען אונזער לעבן. מיר זיינען הונגעריק און דורשטיק. און ווער ווייסט אויף ווי לאַנג מיר וועלן נאָך האָבן לופט צום אָטעמען. איך ווער שוין דערשטיקט. און מיר דוכט זיך יעדע רגע, אַז איך חלש, אַזוי ווייניק לופט איז דאָ צום אָטעמען. מיר מוזן שפּאָרן דאָס ביסל לופט און וואַסער־שטאָף, וואָס איז נאָך דאָ אין די רעזערוואָרן. און ווי נאָר די לופט וועט אויסגיין וועלן מיר מוזן שטאַרבן. מיר, די לעצטע זעקס, וועלן אויך שטאַרבן. זיי אַלע האָפן נאָך געראַטעוועט צו ווערן. אויך נובערג זאָגט, אַז מיר וועלן געראַטעוועט ווערן. מ'האָפט, אַז די הילף וועט קומען פונם פלאָט, פון אויבן. זיי זאָגן, אַז דער פלאָט וועט ניט רוען. אַלע שוועסטער־שיפן וועלן ניט רוען ביז זיי וועלן אויסקאַמען דעם ים און אונז אַרויסראַטעווען פון טויט. דאָס לאַנד וועט ניט רוען ביז אירע בעסטע קינדער וועלן אַרויסגעראַטעוועט ווערן.

„אָבער איך גלויב ניט. און אפשר גלויבט אויך ניט טאָם נובערג? אפשר וויל ער נאָר שטאַרקן די געמיטער פון די, וואָס האָבן מורא צו שטאַרבן?

„ס'איז ניטאָ וואָס צו טאָן. שעה'ען ציען זיך לאַנגזאַם. זיי זאָגן: — ס'איז פאַריבער אַ שעה, צוויי, דריי. און מיר דוכט זיך, אַז אייביקייטן זיינען פאַריבער. איך בין שוין אַלט און קראַנק. און מיר איז שווער־לאַנגווייליק. פון לאַנגווייליקייט שרייב איך. און אפשר — פון אומרו. ניין, איך גלויב ניט אין אונזער רעטונג. ס'איז מיר שווער. און איך קען מיט קיינעם ניט ריידן. ס'איז נאָך גוט וואָס איך האָב מיט זיך דאָס נאָטיץ־ביכל און אַ בליי־פעדער. שרייב איך. און אויך שרייבן איז ניטאָ פון וואָס.

„אין מיין ביכעלע איז דאָ, וואָס איך האָב פאַרשריבן וועגן מיין ברודער, דעם אינוואַליד.

„אינם ביכל זיינען נאָך דאָ די לידער, וואָס איך האָב אָנגע־שריבן אין דער באַזע. דאָ זיינען אויך די אדרעסן פון מיינע פריינט. טייערע אדרעסן. איך בין אָפּגעריסן פון דער וועלט און איך בין נאָך פאַרבונדן מיט דער וועלט, מיט יעדער דערינערונג מיינער. קען עס זיין, אַז מ׳וועט אונז טאַקע ניט ראַטעווען? קען עס זיין? פאַרוואָס ציטערן מיר אַזוי מיינע הענט און פּיס? פאַרוואָס טונקלען מיר מיינע געהירן?

„איך קען מער ניט שרייבן".

קאפיטל צוועלף

זיי זיינען געווען זעקס. זעקס פון זיבן־און־צוואנציק. זעקס מענטשן זיינען געווען איינגעשפארט אין דעם ענגן שטח פון צוויי צימערן, איבערגעפילטע מיט אלערליי אפאראטן. דער קליינער שטח איז געווארן זייער וועלט. אן אפגעזונדערטע וועלט מיט אומבאזיגבארע גרענעצן. און הינטער די גרענעצן איז געווען א ווייטע, ווי פון א קראנקען קאפ אויסגעטראכטע, וועלט. די וועלט, פון וועלכער זיי זיינען געקומען און וואוהין זיי האבן זיך געוואלט אומקערן. ס׳איז שווער געווען אריבערצוטראגן די ענגקייט. עס איז שווער געווען אריבערצוטראגן די דריקנדיקע ווענט און באלקן, וואס האבן זיך, ווי א שווערע משא, אוועקגעלייגט אויפן מארך און אויפן הארצן און האבן ניט געלאזט פריי פולסירן אין די אדערן די בלוטן. און דער קראנקער, אויסגעמאטערטער מארך, האט זיך מיט ווייטיק געריסן דורך דעם שטאל פון ווענט און באלקן צו דער ווייטער, דערווייטערנדיקער וועלט, פון וועלכער זיי האבן אהער געבראכט זייער לעבן און זייער פארלאנג צו לעבן און גערייען. און קיין וועג אהין איז שוין ניט געווען. עס זיינען נאר געווען מיט זיך די דערינערונגען וועגן יענער וועלט, און ניט מער. און די דערינערונגען האט קיינער פון די לעבעדיקע ניט געוואלט פארלירן. יעדער האט איינגעשלאסן אין זיך דאס ביסעלע דערינערונגען און געקוויקט זיך מיט דעם, ווי מיט אן אוצר.

איןביידע אפטיילונגען זיינען געווען ארויסגאנגען פון די ווענט פון דער סובמארין. דער הויפט ארויסגאנג איז געווען אין דעם קאנטראל־צימער. נאך אן ארויסגאנג איז געווען גלייך איבערן קאפ פון די מענטשן אין דער באטאריי־אפטיילונג, וואו זיי זיינען געלעגן אין די באנקן. די ארויסגאנגען זיינען געווען פארשרויפט און פארשלאסן מיט קלאמערן. מ׳האט געקענט לייכט ארויסגיין פון דער געפענגעניש פון די שטאלענע ווענט. מ׳האט געקענט

לויז מאַכן די קלאַמערן און עפענען אַ דורכגאַנג אַרויס. אָבער דאָרטן, גלייך ביים אַרויסגאַנג איז געשטאַנען אויף דער וואַך, ווי אַ געטרייער הונט, די געפאַר. און פון דעם איז נאָך שווערער געווען: — אַט איז געווען צוגעגרייט פון פאָראויס אַ רעטונג, אַ פאָראויס־באַשטימטער אויסוועג פון אַן אומגליק. און אַט האָט דער אומגליק פּאַסירט, און קיין רעטונג איז ניט געווען און קיין אויסוועג איז ניט געווען. דער אויסוועג איז געווען אַ ליגן און די רעטונג איז געווען אַ ליגן. ווייל אויבן, איבערן אַרויסגאַנג, איז געווען — טויט.

די מערסטע זיינען געווען טויט. די מערסטע זיינען געווען הינ־טער די אינוויינקסטע ווענט. ווער איז געווען טויט? יעדעס מאָל האָט מען באַדאַרפט איבערקלייבן אין די געדאַנקען אַלע לעבנגע־בליבענע צו דערמאָנען זיך, אַז דער און יענער איז טויט. און ס'איז מאָדנע געווען צו באַשטימען, אַז דער און יענער איז טאַקע טויט. ווי האָט עס געקענט זיין? אַט זיינען אַלע געווען איינעם. אַלע זיינען געווען גלייך אין לעבן און אַלע זיינען געווען גלייך אין דער דערוואַרטונג פון אומגליק און טויט. און אַט לעבן נאָך זעקס, און די איבעריקע זיינען טויט. און עס האָט זיך נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל געוואָלט איבערציילן די לעבעדיקע. ווייל אַט האָבן זיי טאַקע געלעבט.

דאָ איז געווען דזשאָן קאַרי, דער טאַרפּעדאָ־מאַן. דער געזונ־טער, ברייטביינעדיקער דזשאָן קאַרי, מיטן גוטן געשטופּלטן פּנים, וואָס האָט שטענדיק געשמייכלט. ער האָט געהאַט צוויי צעבראָ־כענע ריפּן פון אַ שטאַרקן פאַל אויף אַ שאַרפן קעגנשטאַנד. איצט איז ער געווען אומבאַהאָלפן, ווי אַ קינד. ער האָט זיך ניט געקענט אַ ריר טאָן. געלעגן אויפן רוקן און געשוויגן.

דאָ איז געווען מאַנלי, דער צווייטער רודערמאַן, אַ שווער־פאַרוואונדעטער. ער איז געווען פאַרהייראַט און איז געווען אַ פאָטער פון אַ קינד. מאַנלי איז געווען שטאַרק צעשלאָגן און אינערלאַך צעטרייסלט. אָבער ער האָט געלעבט. און ער האָט

נאָך געהאַט אַ האָפענונג צו לעבן און זען זיין ווייב און קינד. ער האָט זייער געליטן. אָבער ער האָט שטאַרק געוואָלט לעבן. צוליבן ווייב. צוליבן קינד. ער האָט זיך געהאַלטן פאַרן לעבן, ווי פאַר אַ שטריק, וואָס האָט אים גדאַרפט ערגעץ אַרויפציען. האָט ער צונויפגענומען אין זיך אַלע ווייטיקן און געשטומט. געשטומט איבער זיי, ניט וועלנדיק אַרויסגעבן זיין לאַגע.

און דאָ איז אויך געווען דער קאָמאַנדיר, לייטענאַנט קאַלווין פּאַרקער. אויך ער איז געווען שטאַרק צעשלאָגן און איז געלעגן אַ שווייגנדיקער, אַן איינגעשלאָסענער אין זיך מיט זיינע קראַנקע גלידער און מיט זיין קראַנקען געמיט. ער האָט ווייניקער פון אַלעמען גערעדט. ער האָט כמעט אינגאַנצן ניט גערעדט. פּונקט ווי ער וואָלט פאַרגעסן די מענטשלאַכע שפּראַך. וואָס מ'האָט געטאָן און וואָס מ'האָט גערעדט איז איצט ניט געווען זיין דאגה. ער האָט זיך אויף קיין זאַך ניט אָפּגערופן און אין קיין זאַך זיך ניט געמישט. ער איז געווען ווי אַ פרעמדער צווישן אַלעמען.

און דאָ זיינען געווען מאַרטין און נובערג און סאַיער. זיי דריי זיינען געווען די ווייניקער געליטענע. צעשלאָגענע און צעבלו־טיקטע, האָבן זיי אָבער געהאַט גאַנצע גלידער און האָבן זיך געקענט באַוועגן, טאָן די נויטיקע אַרבעט און העלפן די אומבאַהאָלפענע.

זעקס זיינען זיי דאָ געווען. אין דערוואַרטונג און אַן דער־וואַרטונג. עס איז געווען האָפענונג און ס'איז געווען פאַרצווייפ־לונג. מ'וועט נאָך קומען און אָפּראַטעווען! מ'וועט זיך אַרונטער־לאָזן און ברענגען הילף און רעטונג... און דאָס פאַרלאָרענע וועט זיך געפינען... אַלץ וועט זיך אומקערן צוריק... דאָס גוטע וועט זיגן... ניין, מ'וועט ניט ראַטעווען! מ'וועט ניט געפינען אין די טיפענישן... מ'וועט ניט דערהערן זייער רוף... מ'וועט זיך ניט קענען אַרונטערלאָזן אויף אַזאַ טיף צו ברענגען זיי די הילף... די טיפקייט איז אומדערגרייכבאַר פאַר אַ לעבעדיקן וועזן... ניין, ווי וועט קענען קומען די רעטונג?...

מיט די אַנקומענדיקע שעה'ען זיינען פאַרשוואונדן די רייד.

די ערשטע אויפרעגונג איז אריבער. ווערטער האָבן אויפגעהערט צו ווירקן. האָבן פאַרלאָרן זייער באַדייטונג. עס האָט זיך געוואָלט שווייגן. וואַרטן אין שווייגן. האָפן אין שווייגן. און צווייפלען. איינגעשלאָסן אין זיך, פאַרגעסן און דערווייטערן.

מ׳האָט זיך אומגעקערט צו דעם אַסצילאַטאָר און צו די מאָרס־טעלעפאָנען.

ביים אַסצילאַטאָר איז געווען סאַיער. ער האָט ניט אויפגעהערט צו שיקן די סיגנאַלן. דער מאָרס־טעלעפאָן אין דער אַרויס־געשיקטער באַיע האָט אויך געקלונגען. סאַיערס אויער האָט זיך איינגעהערט מיט די טרייבלאַך איבער די אויערן. אַנגסטיק, מיט אומרואיקן אָטעם איינגעהערט זיך, ביז אַ ווייטיק אין דעם שאַרבן און גערולדיק געוואָרט, געוואַרט. און אין דעם באַטאַריי־צימער זיינען געלעגן די איבעריקע פינף אין זייערע באַנקען מיטן פנים אַרויף און האָבן געשוויגן.

דזשאַן קאַרי האָט זיך ניט געקענט באַפרייען פון אַ פּלוצלאַכן געפיל פון אומרואיקייט, וואָס איז אים באַפאַלן. עס איז געווען מאָדנע, וואָס ער, דער טאָרפעדאָ־מאַן, איז דאָ געלעגן, אַ לעבע־דיקער, צווישן אַלעמען, און דאָרטן, אין דער טאָרפעדאָ־אָפּטיילונג, זיינען געווען זיינע חברים טויט. און דאָס וואַסער האָט פאַר־טרונקען די טאָרפעדאָס. ער האָט געלעבט, און זיי זיינען געווען טויט. און אין דעם איז געווען אַ מאָדנער צופאַל. ער האָט געזאָגט:

— איך לעב און זיי, דאָרטן, זיינען טויט. אַזאַ מאָדנער צופאַל...

ער האָט דאָס געזאָגט, און אַלע האָבן געוואוסט, אַז קאַרי האָט זיין געדאַנק ניט פאַרענדיקט. דערפאַר האָט נובערג געפרעגט:

— קענן וואָס זאָגסטו דאָס, דזשאַן?

קאַרי האָט אַ טראַכט געטאָן און געזאָגט:

— אָט דאָס, וואָס ס׳איז אַלץ אַ צופאַל... איך לעב און די איבעריקע זיינען דאָרטן... איך בין געגאַנגען זען מאַנלין.

גערענקסט, איך האָב זיך מיט דיר געטראָפן, מאנלי? אין דער אָפּטיילונג האָבן מיר זיך געטראָפן... מיר האָבן אפשר דריי ווערטער ארויסגערעדט, און די שיף האָט גענומען זינקען. איך בין געבליבן דאָ. און אָט בין איך. און זיי זיינען טויט. ס'איז א צופאל...

מאנלי האָט געזאָגט:

— א מענטשנס לעבן גייט אַלע מאָל פון צופאל צו צופאל. און נאָר דאָס, וואָס ס'איז צווישן די צופאלן איז צוגעגרייט פונם מענטשן אליין.

מ'האָט געשוויגן. אין א ווײַלע ארום האָט נובערג געזאָגט:

— ס'איז אמת, מאנלי, וואָס דו זאָגסט. מיר גייען פון צופאל צו צופאל. אָבער דער מענטש גרייט זיך אַליין צו אַלץ. אפילו דעם צופאל גרייט דער מענטש אַליין צו. אָט נעם אונזער אומגליק. עס איז ניט קיין צופאל. דאָס איז דער שיקזאל פון א סובמארין און פון די סובמארינער. דער שיקזאל איז דערזעלביקער, דאָ, אָדער אין א שלאכט. עס מוז קומען פריער, אָדער שפּעטער די קאטאסטראָפע. דו רופסט עס אפשר א צופאל און איך זאָג, אז די קאטאסטראָפע איז א צוגעגרייטע פון פריער. פונם מענטשן אליין צוגעגרייט. דער צופאל איז אין דער עקזיסטענץ פון יעדער סובמארין און יעדן סובמארינער — א פארזיגלטער. היינט האָט עס פּאסירט מיט אונז און מאָרגן — מיט אנדערע. היינט זיינען זיי די טויטע און מאָרגן וועלן מיר זיין די טויטע. וואָס איז ניט אַלצאיינס?

— אָבער אָט לעבן מיר, און זיי זיינען טויט. אונז וועט מען אפשר ראטעווען, מיר וועלן אפשר לעבן. און אין דעם איז דער צופאל.

— ביסט גערעכט, אין דעם איז דער צופאל. אָבער אפילו דער צופאל האָט געקענט פארמידן ווערן. א מענטש, וואָס שפּילט זיך מיט פייער וועט סוף כל סוף זיך אָפּברענען. און אַזוי איז מיט מענטשן, וואָס שפּילן זיך מיט טויט. מיר האָבן זיך אַלע

געשפּילט מיטן טויט. האָט דער טויט מיט אונז אַ שפּיל געטאָן. עס איז שוין אַלע מאָל אַזוי. מיר זיינען מאַרינער.

— עס זיינען דאָ מאַרינער, וואָס לעבן אויס זייערע יאָרן.

— יע. ווען ס'זיינען ניטאָ קיין מלחמות. ווען מ'מאַכט ניט דורך קיין אַפּטע מאַנעוורעס, קען מען נאָך, ווי עס איז, אַרומגיין די געפאַר. אָבער דאָס זיינען קליינע אויסנאַמען. אין אַלגעמיין אָבער זיינען מיר שטענדיקע קאַנדידאַטן פאַר אַלערליי צופאַלן און טויט. מיר זיינען אַזוי ווי פאַראורטיילטע צום טויט. מ'האָט בלויז ניט באַשטימט די ענדגילטיקע דאַטע...

— יעדער לעבעדיקער מענטש איז פאַראורטיילט צו שטאַרבן. און קיינער וויים ניט דעם טאָג פון זיין טויט.

— אָבער יעדער מענטש קען, גאַנץ אָפט, אָפּלייגן דעם טאָג פון זיין טויט. ער איז קראַנק, היילט ער זיך. ער זעט די געפאַר, מיידט ער זי אויס, וואו ער קען. מיר טאָרן ניט אַנטלויפן פון געפאַר. מיר גייען איר אַנטקעגן. מיר מוזן איר גייען אַנטקעגן. אין דעם איז דער באַרוף פון אַ סאָלדאַט אין דער אַרמיי און פון דעם מאַרינער אין דעם פלאָט. און דער צופאַל שפּילט דאָ אַ קליינע ראָל.

דזשאָן האָט נאָך, אַלץ ווי ריידנדיק צו זיך אַליין, געזאָגט:

— מאָדנע... איך בין אַ ווילע געקומען זען מאַגלין, און אָט גיב איך שוין אַ קוק — אַ קאַטאַסטראָפע! און דאָ בין איך פאַרבליבן... און אָט ליג איך...

און נאָכדעם ווי דזשאָן קאַרי האָט דאָס געזאָגט, האָט שוין קיינער מער ניט געוואָלט פאָרטזעצן דעם געשפּרעך. דזשאָן האָט גערעדט אַזוי צעטומלט, ווי ער האָט נאָך קיינמאָל פריער ניט גערעדט. מ'איז געלעגן שווייגנדיק. מ'האָט געטראַכט פון די היימען. פון די אייגענע, וואָס האָבן נאָך קיין זאַך ניט געוואוסט. און אפשר האָט נאָך קיינער ניט געוואוסט. אַן אומגליק האָט געטראָפן, און קיינער האָט פון אים נאָך ניט געוואוסט. דער ערשטער מעת-לעת איז שוין באַלד געווען פאַריבער, און קיינער

האט נאך ניט געוואוסט... קען עס זיין? פון אויפרעגונג האבן די הערצער געקלאפט. פון פארדראס האבן די הערצער געקלאפט. פון באהאלטענער מורא, פון פארבארגענעם צווייפל, פון ווייניק לופט און פון פיזישער אפגעשוואכטקייט האבן די הערצער גע־קלאפט. ס'האט זיך געדוכט, אז די הערצער זיינען שוין דורכגעלע־כערט פון אייביקן האמערן, האמערן, אזוי ווי אז אייביקער טראפן וואלט געפאלן מאנאטאן און אייביק אויף א קראנקען ארט און דאס ארט וואלט געוועז אויפן הארצן.

הינטער די ווענט זיינען ארומגעשוואומען טויטע. הינטער די ווענט זיינען געווען אלע חברים טויט. אלע זיינען געווען איניינעם. אלע האבן זיך צרויסגעלאזט אויף דער רייזע פרישע און געזונטע, און דא זיינען זיי שוין טויט. דורכן טאג האט מען עטלאכע מאל אראפגעריסן אין די ווענט דאס קארקן־האלץ, און מיט האמערס געקלאפט, געקלאפט אין די ווענט. געווארט אויף אן ענטפער פון דארטן. קיינער האט ניט געענטפערט. און עטלאכע מאל דורכן טאג האט מען ווידערהאלט דעם קלאפן, איינגעהערט זיך מיט אויפגעריסענע אויערן:

— ענטפערט! ענטפערט!

אבער נאך די טעמפע קלעפ איז געקומען שטילקייט. די אפטיילונגען זיינען געווען פארטרונקען פון אויבן ביז אראפ. דער טעמפער ברומען פון די ווענט האט ניט אויפגעוועקט קיין ענטפער הינטער זיי. בלויז געוועקט אין די געמיטער פון די לעבעדיקע גרויל און פארצווייפלונג.

מ'האט אויך באנוצט יעדע מעגלאכע סיגנאליזאציע, כדי זיך צו פארבינדן מיט די ווייטסטע אפטיילונגען. אויך פון דארט איז ניט געקומען קיין ענטפער. אומעטום האט דאס וואסער דער־שטיקט דאס לעבן.

מ'איז געווען אפגעריסן פון שפייז און פון ווארעמקייט. קיין הונגער האט מען ניט געפילט. פריער, גאר פריער, אפשר אין די ערשטע שעה'ען, איז נאך געווען הונגער. אבער איצט איז

געשטאַנען אין די העלזער אַן איבלדיקער געפיל און האָט געוואָרגן. אָבער עסן האָט זיך ניט געוואָלט. עס האָט זיך נאָר געוואָלט טרינקען. ווען מ׳וואָלט נאָר געקענט איין שלונג טאָן אַביסל וואַסער, וואָלט געווען לייכט און גוט צו וואַרטן, וואַרטן...

עס איז געווען שטיל. בלויז דער געשריי פון דעם אַסציליאַ־טאָר האָט ניט אויפגעהערט צו וועקן. דורך טאָג און נאַכט איז דער רוף ניט אַנטשוויגן געוואָרן, אַפילו ווען ער האָט געשטומט, האָט זיך זיין געקלאַנג געהערט אין די קראַנקע אויערן. פון דעם איז געווען גוט און שווער. ביסלאַכווייז איז געוואָרן שווערער צו טראַכטן און באַוועגן זיך. די גלידער זיינען געווען אָפּגעשוואַכט. די בלוטן האָבן זיך געגליווערט אין דער אָפּגעקילטער, שיטער־לאַכער לופט. אויף דעם גוף און אויף דער נשמה איז אַרויפ־געפאַלן אַ שווערע אַפּאַטיע. די, וואָס זיינען געלעגן האָבן וואָס שנעלער געוואָלט פאַרגליווערט ווערן. די, וואָס זיינען געזעסן, האָבן זיך ניט געקענט אַ ריר טאָן. אַזעלכע קייטן, מאָדנע קייטן, האָבן צונויפגעשמידט די גלידער און ניט געלאָזן זיך רירן. און וואָלט איצט אָנגעקומען אַ מאָמענט, ווען מ׳וואָלט זיך באַדאַרפט ראַטעווען, וואָלט זיך אפשר ניט יעדערער גערירט פון זיין אָרט. דערפאַר האָט קיינער ניט גערעדט.

בלויז די צוויי חברים, וואָס זיינען געשטאַנען איינער ביי דעם אַסציליאַטאָר און דער צווייטער ביי דעם טעלעפאָן האָבן זיך, פון צייט צו צייט, דורכגעוואָרפן מיט איינצלנע ווערטער. און מיט אַמאָל האָט פּאַסירט, אַז איין חבר האָט ניט דערקאַנט דעם צווייטנס קול. און עס איז געווען אַזוי, ווי אַ דיבוק וואָלט זיך אַריינגעריסן אין זיי און וואָלט פאַר זיי גערעדט מיט אַ פרעמ־דער שטימע.

דערפאַר האָט טאָם אַ פרעג געטאָן איינמאָל:

— ביל, דאָס ביסטו?

— איך. ווער דען? ביסט בלינד, צי וואָס?

— איך מיין, דו האָסט פריער גערעדט צו מיר?

— ווער דען האט גערעדט? האסט מיך ניט דערקענט?
— אבער דו רעדסט מיט אזא קול... הער אויף, דו שפאסט...
— דו אליין רעדסט ניט מיט דיין קול, און זאגסט אויף מיר...
— א, לאז צורו איצט מיט דיינע חכמות! רעד מיט דיין קול!
— איך רעד מיט מיין אייגענעם קול, און דו — מאכסט זיך נאריש.
— דו מאכסט זיך נאריש! גראגערסט, ווי א גאנז.
— און דו, ווי א הייזעריקע קאטשקע.

און אזוי האט גערויערט עטלאכע מינוט ביז די צוויי חברים האבן פארשטאנען די אורזאך פון זייער געביטענעם קול. זיי האבן זיך אין שרעק א לאז געטאן צו דעם באטאריי־צימער. דארטן איז נאך געווען ערגער. קיין לופט איז ניט געווען. מ'האט באדארפט האבן זויער־שטאף. מ'האט באדארפט האבן פרישע לופט, אז ניט וועלן אלע אין עטלאכע מינוטן ארום פאר'חלש'ט ווערן. אפילו די פשוטע קלאנגען זיינען האלב־פארשטומט גע־ווארן און ניט דערגאנגען ביז די אויערן. אין די אויערן האט געקלונגען א דינער, בויערנדיקער געקלאנג און פארטומלט די געהירן. די צוויי האבן געמאכט א טומל. אבער די איינגע־שלאפענע מענטשלאכע גלידער האבן זיך ניט געוואלט רירן אנטקעגן די דראענדיקע רייד פון די חברים.

— ווער האט דא באדארפט אכטונג געבן אויף דער לופט?

קיינער האט ניט געענטפערט. און אויך מארטין, וואס האט באדארפט די גאנצע צייט האלטען אין זינען דעם צושטאנד פון דער לופט, האט זיך ניט א ריר געטאן. מיט שווערקייט האט מען אים אויפגעהויבען צו זיין ארבעט.

ערשט אין עטלאכע מינוטן ארום האט די פרישע לופט אפגע־רייניקט די בלוטן און די מענטשן האבן געקענט לעבן און טראכטן, מענטשן האבן זיך אומגעקערט צום לעבן, און האבן זיך געוואונ־דערט, וואס אט איז מען געווען טויט און אט איז מען ווידער לעבע־

דיק געוואָרן. און פון דעם איז געווען נאָך שווערער און עס האָט זיך שטאַרק געוואָלט וויינען.

* * *

עס איז געווען גענוג לופט. די צילינדערן זיינען געווען פול. מ׳האָט נאָך געקענט ציען לופט פון אנדערע, שוין פארטרונקענע אפטיילונגען, דורך רערן, וואָס האָבן זיך געצויגען אין קאָנטראָל־צימער, אָבער מ׳האָט באַדאַרפט קאַרגן. מ׳האט געדאַרפט שפּאָרן. אָן שפּייז קען א מענטש לעבן. ער קען לעבן דריי און פיר טעג. ער קען אמאָל ציען א וואָך צייט זיין לעבן. אָן לופט קען אבער א מענטש ניט לעבן קיין פיר מינוטן. און דאָ איז די גרעסטע צאָל אקומוליאטאָרן געווען פארטרונקען. עס וועט אויסגיין דאָס ליכט, וועט אויך אויסגיין דאָס לעבן.

דערפאר האָט מען באַשלאָסן צו ליגן אין די באנקען. ליגן און רואיק אָטעמען. ניט אויסנוצן קיין איבעריקע לופט. מ׳האט באַ־דאַרפט ליגן מיטן פּנים ארויף, ניט ריידן און ניט באַוועגן זיך. שפּאָרן באַוועגונג פון די לונגען און די באַוועגונג פון מוסקולן. אָבער מענטשן האָבן לאַנג ניט געקענט איינהאַלטן זייערע רייד. עס האָט זיך געוואָלט ריידן און דערציילן און טיילן זיך. אימיצער האָט געזאָגט:

— אַך, די „שוואַן”, די „שוואַן”...

און עס האָט אָפּגעקלונגען, ווי א זיפץ. א ווײַלע האָט קיינער ניט געענטפערט. אָבער שפּעטער האט שוין דער נאָענטסטער גע־זאָגט:

— געווען א שיף, די „שוואַן”, און ניטאָ...

— אונז וועט מען נאָך אפשר ראַטעווען. מיר זיינען אויף דער ליניע פונם שיף־וועג. אָבער די שיף...

נאָך איינער האָט אויך געפונען טרייסטנדיקע ווערטער:

— מ׳דאַרף ניט פארלירן די האָפענונג. דאָרטן ווייסט מען וועגן אונזער אומגליק. אפשר א גאַנצע פלאָטיליע זוכט אונז ארום. זיי

וועלן צוקומען נאָענט און דערהערן אונזערע סיגנאַלן. נאָר ניט פאַרלירן די האָפענונג.

און עס האָט א ציטער געטאָן זיין קול ביים סאַמע לעצטן וואָרט. ניט אויסגעהאַלטן די זיכערקייט אין קול. אליין נאָך ניט א גע־טרייסטער, האָט ער ניט געקענט טרייסטן, אַנטשווינגן געוואָרן מיט אַן אויפגערעגטן הארצן.

און נאָך אימיצער, אַן אימפּעטיקער, האָט כמעט אויסגעשריען:

— אָ, ווען מ׳געפינט אונז!...

און אויך אַנטשווינגן געוואָרן. און נאָכדעם האָבן שוין אַלע גע־שוויגן. געשוויגן עטלאכע מינוטן ביז אימיצער האָט א טראַכט געטאָן אינדערהויך:

— עס געשעען נסים אויף דער וועלט. עס וועט געשען א נס, און מיר וועלן נאָך קומען צוריק און לעבן, און לעבן...

אַלע האָבן שוין געזאָגט זייער וואָרט. אָבער דער קאָמאַנדיר האָט די גאַנצע צייט ניט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. ער איז געלעגן אין א ווינקל שטום. געווען דערווייטערט פון אַלעמען, ווי א פרעמ־דער. ניט געקוקט אויף די מענטשן ארום, ניט גערעדט מיט זיי, אַזוי ווי ער וואָלט ניט געוואוסט, אַז זיי זיינען דאָ מיט אים. זיינען אויך די מענטשן געווען פרעמד מיט אים. אט איז ער געווען זייער קאָמאַנדיר. זיין וואָרט איז געווען געזעץ פאַר אַלעמען. זיין אַנ־וועזנהייט איז געווען ווי8כטיק. ער איז געווען איבער אַלעמען, און איצט איז ער געווען א פרעמדער. און עס איז געווען אַלצאיינס צי ער איז דאָ, צי ער וואָלט ניט געווען. און עס איז ניט געווען צו אים קיין שנאה פאַרן פריערדיקן, פאַרן הערשן און באַהערשן. ווייל אָט איז ער דאָך אליין געווען א פאַרוואונדעטער, אַן אומגליק־לאכער און א גלייכער צו אַלעמען. און עס איז געווען אין אים א שולדיקייט און ניט געווען. געווען א מענטש אַן אומגליקלאכער, גלייך מיט אַלעמען—און ניט מער.

עטלאכע מאָל דורך דער נאַכט האָט מען זיך געביטן ביים אַסצי־ליאַטאָר, ביים טעלעפאָן און ארום די לופט־אַפּאַראַטן. אייניקע

זיינען איינגעשלאָפן, געשלאָפן געשמאַק, אָבער אומרואיק. גערעדט פון שלאָף און אויסגעשריען אומפאַרשטענדלאַכע פראַזן און ווער־טער. אין די צעקנייטשטע פּנימער און שוואַרצע אויגן־לעכער איז אומגעלאָפן און זיך געשפּילט אַ שרעק. עס האָט זיך געדוכט, אַז די מענטשן ראַנגלען זיך, ראַנגלען זיך אין שלאָף מיט אימיצן און קענען ניט בייקומען.

און דער, וואָס האָט צוגעקוקט, פון דער זייט, ווי אַ חבר איז גע־שלאָפן, איז אַליין איבערגעפּילט געוואָרן מיט אומרו און שרעק. אָבער אנשלאָפן ווערן האָט ער שוין ניט געקענט. אַ גרויל איז גע־קראָכן פון אַלע ווינקעלאַך. אַ גרויל פון די טויטע חברים, וואָס זיינען געלעגן אין זייער ווינקל, אַ גרויל פון די לעבעדיקע, וואָס זיינען געלעגן אין געראַנגל מיטן טויט.

ניין. שטאַרבן אויף דער ערד איז ניט געווען שרעקלאַך. שטאַרבן אויף דער ערד האָט באַדאַרפט זיין אַ גרויס גליק אין פאַרגלייך מיטן טויט אָט אין דער מורא׳דיקער לאָך! שטאַרבן אויף דער ערד און באַגראָבן ווערן אין איר, — וואָס פאַר אַ גליק דאָס איז! וואָס פאַר אַ תענוג! אָך, ווען מ׳וואָלט געקענט אין איר אריינלייגן זיך, איינגראָבן זיך אין איר, איינטוליען זיך אין איר, ווי אין אַ וואַרימען קלייד און פאַרגעסן זיך, שטאַרבן איז אירע אָרעמס און אַליין ווערן ערד! דער טויט וואָלט געווען אזוי זיס, ווי דער טויט אין די אָרעמס פון אַ שוועסטער, ווי אין די אָרעמס פון אַ געליבטער...

שטאַרבן דאָ איז געווען שרעקלאַך! שטאַרבן צווישן טויטע און שטאַרבנדיקע. איינגעשמידט אין דער תפיסה פון שטאָלענע ווענט, אויפן אָפּגרונט פון ים. דאָס איז געווען שרעקלאַכער פון טויזנט טויטן. עס איז שווערער געוואָרן דער אָטעם און עס איז געווען אזוי, ווי קאַלטע פרעמדע פינגער וואָלטן צונויפגעוואָרגן דעם טרוקענעם גאַרגל. עס האָט זיך געוואָלט וויינען און שרייען און טאָן עפּעס, וואָס זאָל ניט האָבן קיין נאָמען, קיין זין און קיין ציל. ווייל סיי ווי איז שוין געווען אַלץ פאַרלאָרן. די האָפענונג האָט זיך געלאָשן מיט יעדער פאַרגייענדיקער שעה.

צו אינדערפרי־צו האָט מען זיך ווידער אדורכגערעדט אלע איינ־איינעם וועגן אלץ. מ׳האָט גערעדט און גע׳עצה׳ט. אבער אין די רייד איז ניט געווען קיין האפט. ניט געווען אין די רייד קיין גלויבן. טויטע רייד האָבן זיך ניט געוואָלט אנטאָן אין קליידער פון האָפענונג. פון דעם איז געווען נאָך שווערער. דער קוואר־טירמייסטער, מאַרטין, האָט זיך א קער געטאָן מיט כעס אויף די חברים:

— וואָס האָט איר אויסגעצויגן די נעזער! ים־מענטשן זייט איר, צי באָבעס? מיר וועלן זיך ראַטעווען. אויב ניט — וועלן זיי אונז ראַטעווען. און איר האָט שוין אראָפּגעלאָזט די נעזער.

א ווײַלע האָבן אלע געשוויגן. נאָכדעם האָט נובערג געזאָגט:

— אז דו ביסט אזא קלוגער, טאָ גיב אן עצה, וואָס טוט מען?

— אָט וואָס מ׳טוט. מיר האָבן נאָך לופט אויף צוויי מעת־לעת. הייסט עס, אז מיר קענען נאָך ציען ביזן לעצטן טראָפּן לופט. דורך דער צייט וועט זיכער אָנקומען הילף. זיי וועלען אונז געפינען. זיי וועלן אונז ניט לאָזן דאָ אויסגיין, ווי קעץ. איז ניטאָ וואָס אראָפּצולאָזן די נעזער.

ביל סאָיער האָט געפּרואווט זאָגן:

— און אפשר וואָלטן מיר באַנוצט דעם רעטונג־דורכגאַנג?

אלע זיינען אויף אים דערפאַר אנגעפאַלן:

— ער ווייסט ניט וואָס ער רעדט, דער מענטש. עס איז דאָ לופט העכסטנס אויף „ארויפצושיסן" דריי מענטשן. די איבעריקע וואָלטן דאָ אויסגעגאַנגען. און אויך די דריי, וואָס וואָלטן דער־גרייכט די אויבערפלאַך, וואָלטן סיי ווי אונטערגעגאַנגען. ווײַל קיינער איז דאָרטן ניטאָ זיי צו ראַטעווען. אָט קלינגט שוין זייער רוף פיר־און־צוואַנציק שעה און קיינער הערט זיי ניט. הייסט עס אז אויבן איז קיינער ניטאָ. אויב שטאַרבן, וועלן זיי בעסער אלע שטאַרבן אינאייינעם. געלעבט אינאייינעם, געליטן אינאייינעם און שטאַרבן אינאייינעם. קיינער וועט ניט לאָזן שטאַרבן זיין חבר אליין...

דער קוואַרטירמייסטער האָט געזאָגט:

— מיין עצה: — פאַרגעסט דעם „רעטונג־אַרבל". די געשיכטע פון דער סובמאַרין איז אַן אַלטע. האָט איר געהערט, אַז אימיצער זאָל פון אַזאַ טיף זיך ווען עס איז קענען ראַטעווען דורכן „אַרבל"? אין דער גאַנצער געשיכטע זיינען געווען צוויי פאַלן, ווען צוויי באַזונדערע מענטשן האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט, אָבער דאָס איז געווען פון אַ קליינער טיף, אַ וועלכע דרייסיק פוס פון דער אויבער־פלאַך. און מענטשן זיינען געווען אויפן אָרט זיי צו ראַטעווען. און פון אונזער טיף האָט זיך נאָך קיינער ניט געראַטעוועט. פאַר־געסט וועגן דעם רעטונג־אַרבל. וואַרט בעסער געדולדיק און האָפט. ניטאָ וואָס אַראָפּצופאַלן. מ'וועט אונז געפינען. נאָך היינט וועט מען אונז געפינען. ניט היינט — איז מאָרגן...

* * *

און מ'איז ווידער געבליבן וואַרטן. שעה'ען האָבן זיך געצויגן נאָך לענגער. עס האָט זיך טעמפּ און עקשנות'דיק דערנענטערט די אומבאַוואוסטקייט. טרייסטלאָזע געדאַנקען האָבן געטונקלט די געהירן. שעה נאָך שעה. אָ, זיי אַלע האָבן שוין אויפגעהערט צו גלויבן אין דער רעטונג. זיי אַלע זיינען געווען פאַראורטיילט. און זאָל קיינער ניט טרייסטן. קיינער וועט ניט בלייבן לעבן. קיינער ניט! און קיינער וועט ניט בלייבן צו דערציילן פון זייער טויט.... וואָלט כאָטש אימיצער געבליבען צו דערציילן, שפּעטער, נאָך זייער טויט, ווי זיי זיינען אונטערגעגאַנגען און געשטאָרבן, כאָטש איין הונדערט־חלק, אָדער טויזנט־חלק, וואָלט ניט געווען שווער צו שטאַרבן. עפּעס וואָלט דאָך איבערגעבליבן נאָך זיי. אַ טרויעריקע געדעכעניש, אַ טרויעריקע מעשה, אַ געפיל פון מיטלייד און צער.... און ווער וועט וועגן זיי דערציילן? זיי וועלן אָפּגעשניטן ווערן פון לעבן און פון דער וועלט, אומגעזעענע און אומגעהערטע, פאַרגעסענע און פאַרלאָרענע אין די תהומען...

יעדער האָט געהאַט אַ צובונד צו עפּעס. די זון איז דאָך אַמאָל געווען זייערע און די ערד איז געווען זייערע. אַ פרייע און ליכטיקע

וועלט. און יעדער האָט ליב געהאַט אימיצן אין יענער וועלט. אַ מאַמען. אַ טאַטן. אַ ברודער. אַ שוועסטער. אַ געליבטע. און אַ קינד. אַ טרוים, וואָס האָט זיך קיינמאָל ניט אויסגעלאָשן... און איצט איז דאָס אַלץ ניט געווען. ווי מיט אַ האַנט האָט מען דאָס אַוועקגענומען. אויף אייביק אַוועקגענומען. געלאָזן אומבאַהאָלפנ-קייט און שטומע מורא פאַרן טויט. טויט אין די ווענט און אין די פאַרהאַקטע ליוקן. טויט אין דער לופט, מיט וועלכער מ'האָט גע-אָטעמט און טויט אין די אויגן פון די חברים.

אַרום דער טויטער „שוואַן" איז געווען נאָר דער ים און די טיפעניש. איבער דער סובמאַרין איז געשטאַנען אַן אומענדלאַכע וואַנט פון וואַסערן און געהיט. און ס'איז ניט געווען קיין אויסוועג. אונטן און אויבן און אַרום איז געווען טעמפּע אייביקע האָפנונגס-לאָזיקייט. און ווער איז אין דעם געווען שולדיק? אימיצער איז דאָך אין דעם אַלעם געווען שולדיק? אפשר איז איינער געווען שולדיק, און אפשר — אַסך. ווער איז ער? און ווער זיינען זיי? אפשר איז געווען שולדיק דער ערשטער, וואָס האָט דער ערשטער געזאָגט: מאַכט צו די ליוקן! ראַטעוועט זיך! און אפשר זיינען געווען שול-דיק די, וואָס האָבן די ערשטע אַרויסגעשיקט זיי אויף אַזאַ ים צום אונטערגאַנג און טויט? און אפשר איז קיינער ניט געווען שולדיק, ווייל עס איז ניט געווען פון וועמען די נקמה צו נעמען?

וואָלט כאָטש, פאַרן טויט, געווען פון וועמען די נקמה צו נעמען! זאָל זיין שטאַרבן. זאָל זיין פאַרגעסן ווערן אויף אייביק. אָבער קענען, צום לעצטן מאָל, אויפהויבן אַ פינגער און זאָגן:

— דו ביסט שולדיק!

אָנרופן אַ נאָמען מיט גאַליקייט, און זאָגן:

— דו ביסט דער מערדער!

אַרויסהויכן אַ קללה און נאָכדעם — שטאַרבן.

און אפשר איז אַלצאיינס — ווער עס איז דער שולדיקער? פאַר דעם, וואָס דאַרף סיי ווי שטאַרבן און קען קיין נקמה ניט נעמען, איז אַלצאיינס.

ניין. ס'איז ניט געווען אלצאיינס. ס'האט זיך געוואלט רײדן, מאנען און זאגן:

— נאט, פארוואס שווייגן אלע? פארוואס ליגן זיי און שווייגן? ווי לאנג קענען זיי נאך אזוי שטומען און ווארטן? אויף וואס ווארט מען? פארוואס טוט מען קיין זאך ניט? פארוואס שרייט מען ניט? פארוואס רייסט מען ניט דורך א דורכגאנג צו דער וועלט? פארוואס גיט מען זיך אזוי אוועק דעם גרויל?

איינער האט געטראכט אזוי און אלע האבן אזוי געטראכט. אבער קיינער האט זיך ניט גערירט. מורא געהאט פאר זיך און פאר די אנדערע. מורא געהאט פאר א נייעם משוגעת, וואס וואלט געקענט געבארן ווערן און דערנעענטערן צו א שנעלן, צו־שנעלן סוף.

אין אלעמעס אויגן איז געווען צער. צער און סוד. יעדער מיט זיין צער און מיט זיין סוד. אפגעריסן איינער פונם אנדערן. צעטיילט און אפגעטיילט. א וועלט פאר זיך. אן אפגעגרענעצטע וועלט, מיט פארבארגענעם ווייטיק און צער. געלעגן אין שווערן גערא ַנגל מיט די אייגענע גרענעצן. געוואלט איינהאלטן די גרענעצן, און ניט געקענט.

דער ערשטער האט זיך אונטערגעגעבן דער יונגער סאיער. געזאגט מיט ביטערניש:

— איך וויל ניט שטארבן!... איר הערט? — איך וויל ניט!...

עפעס האט שוין אויפגעציטערט די לופט אין דער טונקעלער לאך פון דער סובמארין. אלע האבן זיך נאך שטארקער איינגעצויגן אין די אייגענע גרענעצן, פארטייעט געלעגן און געשוויגן. געשוויגן און געפילט אויפן לייב אזעלכע מאדנע קאלטע שלענגלאך, וואס האבן ארומגעפויזעט איבער די גלידער און געוועקט אין זיי א מורא. קעלט האט באגעגנט קעלט און צעגאנגען זיך איבער די אברים, איבער די ביינער, שמידנדיק דעם גאנצן קערפער ווי אין קאלטע שטאלענע קייטן. ניין, קיינער האט זיך ניט אפגערופן.

אבער סאיער אליין האט שוין מער זיך ניט געקענט איינצאמען. געזאגט:

— איך וויל ניט שטארבן אין דער לאך!... איך וויל ניט!!

ער האט זיך אויפגעזעצט אויף זיין ארט. געזעסן אזוי א ווילע. נאכדעם פלוצלונג, מיט א מאדנעם אימפעט, מיט אנגעצונדענע אויגן, צוגעלאפן צו דער וואנט, וואס צום ים, און אנגעהויבן ווילד צו זעצן מיט די בלויזע פויסטן אין דער טעמפקייט אריין. געזעצט און געזעצט. און געשריען ווילד:

— איך וויל ניט!... איך וויל ניט!... מערדער, מערדער, מערדער!...

דאס איז געווען משוגעת. ביל סאיער איז משוגע געווארן. אבער קיינער האט זיך ניט אפגערופן. סיי־ווי האט זיך קיינער ניט אפגערופן. א מינוט און צוויי, די פויסטן האבן געזעצט אין וואנט און דער האלז האט געכריפעט פון ווייטיק און משוגעת. אבער דער, וואס איז ארוים פון די אייגענע גרענעצן, איז געבליבן אליין. אזוי — ביז פון ווייטיק, אויסגעלייזדיקטקייט און אויסגעמאטערטקייט, איז דער יונגער סאיער אנידערגעפאלן צו דער ערד, לעבן דער וואנט, מיט די צע'מזיק'טע פויסטן און א פארווארגענעם האלז און זיך געגומען ווארפן, ווי אין קאנוואולסיעס.

טאם נובערג האט זיך אויפגעהויבן, צוגעגאנגען צו זיין חבר. א קוק געטאן אויף אים. דערזען ווי יענער אטעמט שווער־פארשטיקט און אויף די ליפן ווייסלט זיך א שוים, ווי ביי א פאליקן, בעת אן אנפאל פון דער קראנקייט. געזאגט:

— אט איז דיר... חבר מיינער...

און קיינער האט ניט פארשטאנען וואס ער האט געמיינט מיט די פאר ווערטער. און נובערג האט זיך איבערגעבויגן, שטייף ארומגענומען דעם חברס פלייצעס, אים אויפגעהויבן און אוועקגעפירט צו זיין ארט, אויפן באנק. נאכדעם איז ער אפגעטראטן צו זיין אייגענעם ארט, אוועקגעלייגט זיך און געזאגט:

— הינט! האבן אונז ארויסגעשיקט אין אזא נאכט צום

טויט... אַרויסגעשיקט, און פֿאַרגעסן. צוויי טעג וואַרטן מיר שוין אויף זייער הילף. און וואו זיינען זיי? איך פֿרעג ביי אייך: וואו זיינען זיי?

מאַרטין האָט געזאָגט:

— נישקשה, זיי וועלן נאָך קומען. אפשר זוכן זיי אונז אַרום. אָט וועלן זיי צוקומען נאָענט צו אונזער אָרט, און וועלן געפינען... זיי וועלן שוין געפינען.

נובערג האָט זיך אָבער ניט באַרואיקט. געזאָגט:

— אויב זיי זוכן אונז האָבן זיי שוין באַדאַרפט זיין דאָ... און וואו זיינען זיי?

אָפּגעוואַרט איין רגע און האָט צוגעגעבן:

— אָט איז דער סקיפּער. ער דאַרף מער וויסן פון אונז. פֿאַרוואָס שווייגט ער? אויב ס'איז מעגלאַך אַרויסצוראַטעווען זיך — דאַרף ער בעסער וויסן. און ער שווייגט.

איצט האָבן אַלע דערוואַרט, אַז דער לייטענאַנט וועט זיך אָפּרופֿן. עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו דוכטן, אַז ער האָט דעם שליסל צו אַלע געהיימנישן און אויך — צו דער האָפֿענונג. ער וועט זאָגן אַ וואָרט, און עס וועט ווערן לייכטער. עס וועט ווערן קלאָר און פֿאַרשטענדלאַך. עס וועט ליכטיק ווערן אין די געמיטער. אַלע האָבן געוואַרט. פּאַרקער האָט איצט באַדאַרפט ריידן.

אָבער פּאַרקער איז געלעגן שטום. עס איז געווען אַזוי, ווי ניט צו אים וואָלטן גאָר געווענדט אַלע בליקן. האָט מאַנלי געזאָגט:

— איז וואָס שווייגט איר, סקיפּער? מיר זיינען דאָ אין אַזאַ לאַגע, און איר שווייגט... ניטאָ וואָס צו שווייגן. זאָגט איר אויך עפּעס...

פּאַרקערס פּנים איז געבליבן פֿאַרגליווערט. זיין אויג האָט אַפילו ניט אַ פּינטל געטאָן. ער איז געלעגן אומבאַוועגלאַך. אין זיין שווייגן איז געווען קאַלטע, האָפֿענונגלאָזע עקשנות פון אַ טויטן, ביי וועמען מ'האָט געבעטן אַ וואָרט.

נובערג האָט אָפּגעוואַרט און געזאָגט:

— אַט דאָס איז עס. דער סקיפּער אונזערער קען אונז נאָר פאַראַרדענען צו וואַרפן זיך צום טייוול אין מויל אַריין. אָבער ווען ס'קומט צו דער רעטונג — ניט זיין דאגה... אַן אַלטע געשיכטע.

אויף אויף דעם האָט פּאַרקער ניט געענטפערט. און קיינער האָט שוין ניט דערוואַרט קיין ענטפער. עס איז ווידער אָנגעקומען אַן אַנגסטיקע שטילקייט. אַ שטילקייט פון אומרו און אומהיילבאַרן פּאַרדרוס. עס האָט זיך געוואָלט וויינען. אָבער קיינער האָט ניט געוויינט. בלויז דער אומרואיקער מאָרך האָט זיך ניט געוואָלט באַרויקן. געזוכט אין דער פינסטערניש אַ פאַרענטפערונג.

מ'האָט זיך געוואָלט דערמאָנען: ווען איז די „שוואַן" אונטערגעגאַנגען? דאָס איז געווען נעכטן אינדערפרי. אָבער ווען איז געווען נעכטן? איז נעכטן געווען אַזוי ווייט? מ'האָט נאָר געדיינקט יענע לעצטע נאַכט אין דער באַזע. אַ פינסטערע נאַכט געווען. אַ מורא'דיקע. דער ים האָט געבושעוועט. עס איז געווען קאַלט און אַלע האָבן זיך געראַנגלט איניינעם מיט דער סובמארין מיטן ים. דער ווינט האָט שוידערלאַך געבלאָזן און האָט געוואָלט אַרונטעררייסן די פּעריסקאָפּן, מיט בריקל, מיט דער אַנטענע. ראַנגלעניש נאָך ראַנגלעניש. די סובמארין האָט זיך געראַנגלט און די מאַנשאַפט האָט זיך געראַנגלט. און דער געראַנגל האָט נאָך ניט אויפגעהערט.

די מענטשן זיינען אַזוי אַפּגעלעגן שעה'ען. אויגן האָבן אויסגעמיטן אויגן. איין מענטש פלעגט אַוועקגיין צו דעם אַסציליאַטאָר, פלעגט אָפּטאָן זיין אַרבעט און אומקערן זיך צוריק אַן ווערטער, אַוועקלייגן זיך אויף זיין אָרט, מיטן פּנים אַרויף און שווייגן. נאָכדעם האָט דאָס זעלביקע געטאָן אַ צווייטער, אַ דריטער. אָבער קיינער האָט ניט גערעדט. אַלע זיינען געלעגן מיטן פּנים אַרויף און געקוקט מיט די אָפּענע אויגן ערגעץ אין אַ ווייטקייט אַריין. שעה נאָך שעה.

קאַפּיטל דרייצן

אין באַטאַריי־אָפּטיילונג איז אַריינגעקומען סאַיער אַ בלייכער און אַ צערודערטער. די אויבערשטע ליפּ האָט אים געצוקט. ער האָט זי ניט געקענט באַרואיקן.

ער האָט געזאָגט:

— איך קען מער ניט. איך וועל משוגע ווערן. איך הער און הער. מיינע אויערן זיינען שוין דורכגעריסן פון איינהערן זיך. און איך קען מער ניט...

קיינער האָט ניט געענטפערט. אָבער עפּעס האָט זיך שוין אָפּגעריסן אין די הערצער. און סאַיער האָט פאַרטגעזעצט:

— פריער האָב איך געגלויבט. נאָך יעדן קלונג האָב איך געהאָפט צו דערהערן אַן ענטפער. דערהערן אַ מענטשלאַך קול פון דאָרטן!... און איצט — גאָרניט. איך האָף ניט. איך טו די אַרבעט מעכאַניש, ווי אַן אווטאָמאַטאָן. ניין, גיי דו, מאַרטין, אָדער אימיצער אַנדערש. איך קען מער ניט. צום טייוול!...

דער שווער־פאַרוואונדעטער רודערמאַן, מאַנלי, אַ מענטש שוין אין די פערציקער, וואָס איז געלעגן די גאַנצע צייט אַן פּראָטעסט, האָט איצט אַרויסגעקרעכצט:

— איך טראַכט און טראַכט... אַלע מאָל האָב איך עפּעס געקענט צוטראַכטן. געווען שווערע לאַגעס. אַלערליי צופאַלן. עפּעס פלעג איך צוטראַכטן. זיך ראַטעווען און אַ צווייטן אַרויס־ראַטעווען. און איצט... ניטאָ קיין אויסוועג. אַלע וועגן זיינען פאַרשטעלט. מיר וועלן אונטערגיין אומזיסט און אומנישט...

נאָך זיינע רייד איז גלייך שווערער געוואָרן. אַ פאַרדראָס און אַ כעס האָט גענומען איבערגיין פון איינעם צום צווייטן. איין מענטש האָט ניט געקענט פאַרטראַגן דעם צווייטן. איין מענטש האָט איצט פיינט געהאַט אַ צווייטן.

און מאַנלי האָט ווידער אין דעם זעלביקן טאָן געזאָגט:

— איך זאָג אײַך, ברידער, מיר זיינען פאַרפאַלן... פאַר־פאַלן, פאַרפאַלן...

ערשט דאַן האָט טאָם נובערג ניט געקענט מער איינהאַלטן אין זיך דעם כעס, און געזאָגט מיט אַ בייזקייט אין זיין קול:

— וואָס האָסטו זיך צעקראַקעט ווי אַ שוואַרצער פויגל, מאַגלי? הער אויף — וועט זיין קליגער... האָט זיך צעקראַקעט...

מאַגלי האָט דערפילט אין נובערגס קול די דראָאונג. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף אים. זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט. און גלייך האָט מאַגלי פאַרלאָרן און אין אַ מאָדנער פלוצלאַכער דער־שראָקנקייט, גענומען זיך פאַרענטפערן:

— אָ, ברידער... איך קראַקע ניט... איך קראַקע ניט... מיינע גלידער זיינער מיר געליימט... און וואָס וועט זיין?...

און האָט שוין מורא געהאַט אויפצוהייבן זיינע אויגן. געציטערט פאַר אַ מענטשלאַכן בליק, ווי פאַר דער שאַרף פון אַ שווערד. אָבער קיינער האָט זיך שוין אויף אים ניט אומגעקוקט. קיינער האָט ניט געוואָגט אַ קוק טאָן אין זיין זייט. איצט האָבן אים אַלע פיינט געהאַט. אַזאַ האָס האָט זיך געריסן פון די הערצער — פון אַלעמען צו איינעם. בלויז דער קוואַרטירמייסטער, מאַרטין, האָט פּרובירט אויסלעשן, איינער אַליין, דעם פלאַם פון מענטש־לאַכן האָס. געזאָגט:

— נו, וואָס? נו, וואָס? אַ מענטש זאָגט — זאָגט ער. ס'איז גאָרניט. אָט, אַז מ'וועט קומען און אונז אַרויסשלעפן פון דאַנען — וועט זיין פון וואָס צו לאַכן! מיר וועלן אַלע לאַכן... ס'איז אַ נאַרישקייט און ניט מער... און אין ענגלאַנד איז אויך געווען אַזוי. אַ סובמאַרין איז אַרונטער מיט אַלע מענטשן. מ'האָט לאַנג געזוכט. מ'האָט שוין געמיינט, אַז אַלץ איז פאַר־פאַלן. מ'האָט אויפגעגעבן אַלע האָפענונגען. און נאָכדעם האָט מען זיי אַלעמען געפונען און זיי נאָך עטלאַכע טעג געקאָרמעט דורך גומענע רערן... אַפילו זופּ און מילך האָט מען זיי דורך די רערן אַריינגעגאָסן... און נאָכדעם האָט מען זיי געזונטינקע אַרויסגעבראַכט אויף דער אויבערפלאַך... כע־כע־כע!...

נובערג האָט געזאָגט:

— איידער וואָס־ווען דאַרפֿן מיר נאָך ניט באַווייַנען אונזער שיקזאַל. מיר ווילן עפּעס טאָן. זיכער איז, אַז מ'זוכט אונז. אָבער מיר דאַרפֿן אויך זייַן אויף דער וואַך. פֿאַרגעסט ניט — מיר זייַנען אָפּגעריסן פֿון שפּייַז. מיר האָבן ניט קיין וואַסער. מיר האָבן אָבער לופֿט. מיר האָבן ליכט. לאָמיר זיך האַלטן אייניק ביז דער לעצטער מינוט. שפּאָרט לופֿט. ליגט רואיק. רעדט ניט און ווערט ניט אויפֿגערעגט. און פֿאַרלירט ניט די האָפֿענונג.

ער איז אויפֿגעשטאַנען און אַוועק צו דער סיגנאַליזאַציע. עס איז געווען אַ געפֿאַר צו פֿאַרשפּעטיקן אַ דורכגייענדיקע שיף. ביז ס'איז נאָך געווען ענערגיע אין די אַקומוליאַטאָרן האָט מען באַ־דאַרפֿט לאָזן הערן פֿון זיך. די איבעריקע זייַנען געבליבן אויף די ערטער. מאַרטין האָט זיך צוגערוקט נעענטער צום געזעמל און האָט אָנגעהויבן צו דערציילן מיט אַ ווייכער שטימע פֿאַר־שיידענע צופֿאַלן, וואָס האָבן געטראָפֿן מיט סובמאַרינען און וועגן דער רעטונג פֿון גאַנצע מאַנשאַפֿטן, אָדער טיילן פֿון דער מאַנשאַפֿט. די מעשות האָבן געזעטיקט די פֿאַנטאַזיע און געוועקט דעם גלויבן. וואָס ס'האָט פּאַסירט האָט געקענט פּאַסירן אויך מיט זיי.

— אָט האָט פּאַסירט מיט עטלאַכע יאָר צוריק מיט אונזער אַ סובמאַרין אַ מערקווירדיקע מעשה. און אין אונזערע וואַסערן האָט די מעשה פּאַסירט. די שיף איז אַרויסגעגאַנגען אין ים אויף אַ זיכערונג־פּראָבע. אַלץ איז געווען אין אָרדענונג, און קיין שטורעם אויפֿן ים איז אויך ניט געווען. און פּלוצלונג איז אויף דער שיף עפּעס קאַליע געוואָרן. די סובמאַרין האָט אַ פֿאַל געטאָן מיטן נאָז אַרונטער און איז אַזוי, אין אַ ווערטיקאַלער פּאָזיציע, געבליבן הענגען אין די וואַסערן. די מענטשן, אינווייניק, האָט אַ שליידער געטאָן, ווי פּילקעס, אין אַלע זייטן. איר קענט זיך פֿאָרשטעלן. און ווען זיי זייַנען געקומען צו זיך, זייַנען שוין די אינווייניקסטע

ווענט געוואָרן זייער דיל און דער דיל איז געוואָרן אַ וואַנט...
און די סובמארין הענגט מיט נאָז אַרונטער, הענגט און הענגט.
בלויז דער הינטערשטער טייל אירער האָט אַרויסגעשטעקט עטלאַכע
סאַנטימעטערן פון וואַסער. שלעכט. מ'קען קיין זאַך ניט טאָן.
איז גראַד דעם קאָמאַנדיר איינגעפאַלן אַרויסצולאָזן עטלאַכע מאַרס־
טעלעפאָנען, אַזעלכע ווי אונזערע, איינגעשלאָסענע אין באָיעס.
און וואָס־זשע מיינט איר איז געווען? אַ פראַכט־שיף איז פאַרביי־
געגאַנגען יענעם אָרט. אַ געוויינלאַכע פראַכט־שיף. זיי זיינען
אין די הונדערטער דאָ שטענדיק אין די וואַסערן. איינער פון די
מאַטראָסן האָט דערהערט אויפן ים דעם געקלאַנג פון דעם טעלע־
פאָן־גלעקל. נו, האָט ער זיך די ערשטע רגע ניט געקענט גלויבן.
ווי קען אַ טעלעפאָן קלינגען אין ים? אָבער, אַז דאָס האָט זיך
ווידערהאָלט עטלאַכע מאָל, האָט ער געלאָזט וויסן דעם קאַפּיטאַן.
דער סוף איז געווען, אַז מ'האָט אָפּגעשטעלט די שיף, אַרונטער־
געלאָזט אַ שליופּקע מיט עטלאַכע מאַטראָסן אויסצוגעפינען פון
וואַנען עס קומט דאָס קלינגען. און מ'האָט טאַקע געפונען. באַלד
האָט מען דערזען די אַרומשווימענדיקע באָיע. מ'האָט זי
געכאַפּט און דורכן טעלעפאָן זיך דורכגערעדט מיט די מענטשן
אינווייניק. איר קענט זיך פאָרשטעלן, וואָס די מענטשן, אינוויי־
ניק, האָבן געפילט, ווען זיי האָבן דערהערט אַ מענטשלאַכע
שטימע פון דער דרויסנדיקער וועלט...

אומיצער האָט זיך ניט איינגעהאַלטן. געזאָגט, ווי צו זיך:

— אַ, גאָט!...

דער קוואַרטירמייסטער אָבער האָט פאַרטגעזעצט:

— דאָס איז נאָך ניט אַלץ. אַנטדעקן זיי האָט מען טאַקע
אַנטדעקט. אָבער, אַז ס'איז געקומען צו ראַטעווען האָט זיי די
פראַכט־שיף קיין שום הילף ניט געקענט געבן. עס איז אַ סוב־
מאַרין, אַ פאַרזיגלטע כלי, וואָס מ'קען זי אויפשליסן נאָר אויף
דער אויבערפלאַך. און ווי האָט מען די סובמאַרין געקענט אַרויס־
שלעפּן אויף דער אויבערפלאַך? נו, האָט דער קאַפּיטאַן באַלד

אַרויסגעשיקט אַ רעטונג־רוף דורך דער ראַדיאָ, אַ געוויינלאַכן SOS סיגנאַל, אָבער, צוליב עפּעס אַ מאָדנער מיספאַרשטענדעניש, האָט קיין איין ראַדיאָ־אַפּאַראַט, ניט אויפן ים און ניט אויף דער יבשה, ניט אויפגענומען דעם רוף. דער קאַפּיטאַן און די מענטשען אין דער סובמאַרין זיינען געווען פאַרצווייפלט. דערווייל איז אויך אַריבער אומזיסט־אומנישט אַ גאַנצער מעת־לעת. אין דער סובמאַרין איז געווען ווייניק שפּייז. און נאָך ווייניקער האָבן זיי געהאַט לופט. עס איז שוין געווען נאָענט דער סוף. און נאָך ביטערער איז געווען, וואָס אָט איז, דוכט זיך, דאָ הילף, און דאָך איז זי ניטאָ... און אַלע אין דער סובמאַרין וואָלטן טאַקע דאַן אומגעקומען, ווען עס פּאַסירט ניט אַ נס. און דער נס איז געווען, וואָס אַ קליין אינגל, ערגעץ אין אַ קליין שטעטל, אַ ליבהאָבער פון ראַדיאָ, האָט זיך געשפּילט מיט זיין אייגענעם שוואַכן ראַדיאָ־אַפּאַראַטל, וועלכן ער האָט טאַקע אַליין דאַן צוזאַמענגעשטעלט פון באַזונדער־געקויפטע טיילן. דאָס אינגל האָט אויפגענומען דעם סיגנאַל און האָט אים איבערגעשיקט צו אַ מעכטיקערער סטאַנציע. און אַזוי האָט זיך די וועלט דערוואוסט וועגן דעם אומגליק פון דער סובמאַרין. אַ גאַנצע פלאָטיליע איז אַרויסגעשיקט געוואָרן מיט אַלע מעגלאַכע מיטלען צו ראַטעווען די פאַראומגליקלאַכטע שיף. און מ׳האָט זי טאַקע אַרויסגעשלעפּט איינעם מיט דער מאַנשאַפט. פריער פון אַלץ האָט מען, נאַטירלאַך, אַריינגעפּאָמפּעט אין איר גענוג לופט פאַר דער מאַנשאַפט. און אַזוי איז שוין אַלע מאָל דאָס לעבן פון אַ מאַטראָס. עס איז פול מיט צופאַלן און געפאַרן. און אויך מיט נסים. אַסך פון אונזערע האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט פון די נעגל פון טויט. און עס איז ניטאָ וואָס צו אַרויספאַלן. אָט וואָס איך זאָג.

* * *

און ווי נאָר מאַרטין האָט געענדיקט זיין דערציילונג האָבן אויך אַנדערע אָנגעהויבן צו דערציילן. אַלץ אַזעלכע וואונדערלאַכע מעשות וועגן צופאַלן און וועגן נסים. אויף די הערצער

איז לייכטער געוואָרן. די געמיטער האָבן זיך באַרואיקט נאָך יעדער מעשה. מ'האָט דערציילט וועגן אייגענעם לעבן און וועגן דעם לעבן פון די נאָענטע. די, וואָס זיינען געווען טייער זיינען איצט געווען נאָך טייערער. דאָס האַרץ האָט געצויגן צו זיי. עס זיינען וועגן זיי געווען גוטע דערינערונגען. אַרום אַלע דערינערונגען וועגן זיי איז געווען ליבע און גוטסקייט. וועגן זיי האָט זיך געוואָלט ריידן נאָר גוטע רייד. וועגן זיי זיינען די ווערטער געקומען פון די טיפענישן פון האַרצן. די בענקשאַפט נאָך זיי האָט דערנענטערט אַלעמען. בעסער געמאַכט. די בענקשאַפט נאָך זיי איז געוואָרן ווי די בענקשאַפט נאָך דער פריי־הייט, נאָך דער זון און נאָך לעבן. די בענקשאַפט נאָך זיי איז געווען ווי די בענקשאַפט נאָך דער ערד.

אָ, די ערד! אַוועקשטעלן אַ פוס אויף דער ערד. זיין אויף דער ערד און באָדן זיך אין ליכטיקייט. האָבן אַ זון איבערן קאָפּ. אויבן זון און אונטן — זיכערע ערד, וואָס פאַר אַ גליק דאָס איז! זיכערע ערד אונטער די פיס. ערד, וואָס גיט לעבן. ערד, וואָס שיצט דאָס לעבן. ערד, וואָס שיצט נאָכן טויט. און אויף יענער ערד האָבן געלעבט די נאָענטע. ליכט און פרייהייט און נאָענטע נשמות! וואָס פאַר אַ גליק!

און נאָכדעם האָבן זיך געצויגן שעה'ן. שווערע שעה'ן אין שווייגן. שווערע שעה'ן אין אַנגסטן און ביטערניש. די פריער־דיקע רייד זיינען פאַרגעסן געוואָרן. אויסגעלאָשן געוואָרן אין דער טונקעלער קאַלטער וועלט צווישן שטאָלענע ווענט. און עס זיינען געבליבן בלויז דער אומרו און די נאָגעניש אין האַרצן און אין אַלע אברים.

די קעלט איז געווען מורא'דיק. עס איז שווער געווען זי צו פאַרטראָגן. זי האָט געגליווערט די בלוטן און שטייף געמאַכט די אָדערן. עס איז געווען אַ מורא איינצושלאָפן; מ'וועט צומאַכן די אויגן, און די קעלט וועט קומען און פאַרגליווערן. די קעלט איז געווען, ווי אַ לעבעדיקער ווען, וואָס האָט געלויערט פון די

טונקעלע ווינקלען. זי און דער טויט איז געווען אַלץ איינס. ביידע זיינען געווען איניינעם. ביידע האָבן געוואַרט אויף דער זעלביקער רגע. און אַז די רגע וועט קומען וועלן ביידע אין איין צייט זיך באַווייזן און איבערשרעקן. דערווייל האָבן זיי געשוויגן. געשוויגן דעם סודות׳דיקן שווייגן פון אַלעמען, וואָס האָבן עפּעס שוין געוואוסט און ניט געוואָלט אויסזאָגן. ווייל ווי נאָר איינער וועט אויסזאָגן דעם סוד, וועט פּאַסירן ווידער שרעקלאַכס. אימי־צער וועט אויפרייסן די שטילקייט מיט משוגעת. אימיצער וועט ווילד און משונה׳דיק שרייען און ליאַרעמען, און קיין אויסוועג פון דעם וועט סיי ווי ניט זיין.

כדי צו שפּאָרן וואָרעמקייט, האָבן זיך אייניקע אויסגעלייגט אויף דער ערד. געטוליעט קערפּער צו קערפּער. וואָס מ׳האָט געקענט אויף זיך אָנטאָן — האָט מען אָנגעטאָן. מיט וואָס מ׳האָט זיך געקענט איינדעקן — האָט מען זיך איינגעדעקט.

די פאַרוואונדעטע האָבן זיך באַקלאָגט. די וואונדן האָבן גע־נאָגט. זיי האָבן זיך ניט געקענט, אָן פרעמדער הילף, א ריר טאָן פון אָרט, אָדער בייטן די פּאָזיציע. האָבן געבעטן אויף זיך דעם טויט. זאָל קומען דער טויט און באַפרייען פון די ליידן. אַט זיינען געלעגן די חברים, טויטע, און זיי איז געווען גוט. א רואיקייט איז געגאָנגען פון זיי. ארום זייער ווינקל איז ניט געווען ניט קיין מורא און ניט קיין שרעק. די אייגענע חברים, מיט וועלכע מ׳האָט געלעבט און געאַרבעט איניינעם יאָרן, זיינען געווען פרעמד און אומפאַרשטענדלאַך אין זייער רואיקייט. דאָרטן איז געלעגן אָסקאַר, דער עלעקטריקער־מאָנטיאָר. און וואַלאַס, דער ערשטער רודערמאַן, און דער צווייטער אָפיצער, לייטענאַנט סמיט, און דער ראַדיאָ־מאַן, אַרנאָלד. אַלע אַזעלכע יונגע אַמביציעזע מענטשן. האָבן היבשלאַך געקענט טרינקען און האָבן ליב געהאַט פרויען. פריילאַכע מענטשן געווען. האָבן קיינמאָל ניט גערעדט פון טויט. קיינמאָל ניט געזען פאַר זיך דעם טויט. און דאָ זיינען זיי אין איין מינוט געשטאָרבן. געלעבט און געשטאָרבן אין משך פון איין־איינציקער מינוט.

דער רודערמאַן און איינער פון די אומגעקומענע אָפיצערן זיינען גראָד געווען פאַרהייראַט. וואָלאָס האָט געהאַט צוויי קינדער. אפשר האָט אויך דער אָפיצער געהאַט קינדער. און די ווייבער זייערע האָבן נאָך קיין זאַך ניט געוואוסט. און די קינדער האָבן ניט געוואוסט. און די טויטע זיינען זיך געלעגן אינם פינסטערן ווינקל און אויך קיין זאַך ניט געוואוסט. אזא וועלט. אזא בלינדער שיקזאַל. אזא סוד — טויט און לעבן. ווער באַדאַרף דאָס לעבן? ווער באַדאַרף דעם טויט? ווער דאַרף די ליידן? ס'איז געווען שווער.

נובערג האָט זיך צוריקגעקערט פונם קאָנטראָל־צימער. אוועק־געלייגט זיך און געשוויגן.

מ'איז געלעגן נאָענט איינע לעבן די אַנדערע. מ'האָט געשפּאָרט די וואַרעמקייט פון די קערפּערס. מ'האָט זיך געטיילט מיט דער אייגענער וואַרעמקייט. סאַיער, וואָס האָט געטראַכט פון טויט, האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן. געזאָגט:

— איך וויל ניט שטאַרבן. איך וויל דאָ ניט שטאַרבן.

קיינער האָט ניט געענטפערט. אָבער אין דער געבראָכענער שטילקייט האָט זיך שוין אויפגעכאַפּט אַ צערודערונג: — וואָס וועט דער מענטש זאָגן? וואָס וועט דער מענטש ווידער טאָן? און ער האָט געזאָגט מיט אַ ציטערנדיקער שטימע:

— איר הערט: — איך וויל דאָ ניט שטאַרבן! איך וויל פון דאַנענט אַרויסגיין. איך האָב אַ מאַמען. איר הערט — איך האָב אַ מאַמען. ווי וועט זי איצט לעבן? וואָס וועט זי טאָן? און אַ ברודער, אַ קאַליקע, אַן אינוואַליד. וואָס וועלן זיי טאָן?

מאַרטין האָט געזאָגט מיט אַ ווייכן קול:

— מיר אַלע האָבן מאַמעס און טאַטעס, ברידער און שוועסטער. און אייניקע האָבן קינדער. דו ביסט ניט אַליין, ברודער. און מ'דאַרף זיך ניט באַקלאָגן.

סאַיער האָט ניט געקענט אויפהערן:

—די הינט! די קרעציקע הינט! זיי האָבן אונז אוועקגע־שיקט שטאַרבן. און אַליין זיינען זיי דאָרטן פאַרבליבן.

— און אויך יענע מענטשן זיינען ניט שולדיק. אַזאַ איז דאָס לעבן. מיר זיינען מאַטראָסן אין דינסט פון דער רעגירונג. די רעגירונג הייסט אונז שטאַרבן, גייען מיר שטאַרבן.

אַ ווײַלע איז געוואָרן שטיל. אַ נײַ וואָרט איז געבוירן געוואָרן: די רעגירונג. די רעגירונג, די רעגירונג. געבאָרן געוואָרן און געבליבן, ווי אַ נאַגנדיקע וואונד, אין די הערצער. נובערג האָט געזאָגט:

— אַט דאָס איז עס. מיט אונז, מיט סובמאַרינער, איז גאָר אַנדערש. מיר זיינען אַנדערע מענטשן און דער שיקזאַל אונזערער איז אַן אַנדערער. גיט נאָר אַ טראַכט: ווי לעבן מיר? וואָס טוען מיר? און וואָס איז אונזער ציל אין לעבן? מיר זיינען שלוחים, וואָס דאַרפן דורכפירן אַ געפערלאַכע שליחות. מיר זיינען מיטן לעבן פאַר'משקנט צום לאַנד. מיר זיינען מיט אונזער אַרבעט און מיט אונזערע פליכטן פאַר'משקנט צום גאַנצן פאָלק, אַזוי ווי עס וואָלט בלויז פון אונז אים געקומט אַ חוב. און וואָס איז דער חוב? — דאָס איז אונזער לעבן. אַוועקגעגעבן דאָס לעבן — באַצאָלט דעם חוב... לעבסטו נאָך — ביסטו נאָך אַ בעל־חוב... נײַן, אַרבעטן פאַר דער רעגירונג — מיינט באַצאָלן מיטן לעבן. דאָס לאַנד וויל קרבנות. וואָס מער קרבנות — אַלץ שטאַרקער די רעגירונג... צום טײַוול!

דער קאָמאַנדיר האָט זיך אַ ריר געטאָן און האָט זיך גענומען צוהערן צום געשפּרעך. ער האָט אויפגעלעבט. דער גליוועך איז אַראָפּ פון זיין פּנים. און דאָס איז געווען מאָדנע.

און נובערג האָט פאָרטגעזעצט:

— דער אומגליק מיט אונז איז, וואָס מיר זיינען בלינדע. אַלץ, דוכט זיך, קומט פאָר פאַר אונזערע אויגן, און מיר זעען ניט און פאַרשטייען ניט. אַט לאָמיר נעמען אַרבעט, פּשוטע אַרבעט. אַ מענטש פאַרוואַנדלט זיין ענערגיע אין שאַפן. ער באַשאַפט עפּעס, ער טוט אויף. און מיר וואָס? — מיר גרייטן זיך און וואַרטן. מיר לעבן אין דער באַזע. גייען אַרויס אויף מאַנעווערס, פּראַקטיצירן...

אויף וואָס וואַרטן מיר? צו וואָס גרייטן מיר זיך? — מיר גרייטן זיך צעשטערן מענטשלאַכע אַרבעט. מענטשלאַכע ענערגיע און לעבן. און אויך דעם אייגענעם לעבן... אונזער לעבן איז אַ קללה. מיר צעשטערן לעבנס פון אַנדערע. מיר צעשטערן דעם אייגענעם לעבן... און צוליב וואָס? — צוליב עפּעס אַ חוב, וואָס איך דאַרף באַצאָלן. און מיינט איר, אַז ווען איר האָט שוין אויפ־געטאָן וואונדער, צעשטערט און פאַרניכטעט דעם שונא — זייט איר שוין פּאַרטיק? איר זייט אַ העלד, און זייט פּטור צו צאָלן דעם חוב? — ניין. דאָס איז ניט גענוג. איר דאַרפט נאָך אַליין שטאַרבן! אַליין אומקומען, ערשט דאָן האָט איר באַצאָלט דעם חוב אייער לאַנד. מעגסט זינקען הונדערטער פיינטלאַכע שיפן און אומברענגען טויזנטער לעבנס — ווּעסטו נאָך אַלץ זיין אַ מאַרינער. מ'וועט דיך ניט אויפהערן צו שיקן אין פייער און אין וואַסער. און ערשט ווען דו וועסט אַליין אומקומען — ערשט דאָן וועט קומען די באַפרייאונג. זיי דאַרפן דיין בלוט. אַט וואָס זיי דאַרפן!... בעסטיעס!

דער קאָמאַנדיר האָט זיך אומרואיק גענומען באַוועגן. די קאַלטע רואיקע רייד פון אַ מענטשן וועגן אַזאַ ענין האָט אים אַנגעכאַפּט ביים גאַרגל און געשטיקט. ווי קען מען אַזוי ריידן וועגן די פליכטן צום לאַנד און צו דער רעגירונג? אָבער אויך איצט האָט ער ניט אַרויסגערעדט קיין איינציקן וואָרט. נובערג האָט באַמערקט זיין אומרואיקייט און האָט פאָרטגעזעצט:

— יע. זיי ווילן דיין בלוט. מיט דיין בלוט און מיט דיין לעבן ווילן זיי קויפן דעם וואוילזיין פאַר די שטאַרקע, פאַר די אויס־דערוויילטע פון דער וועלט. דו גיי און האַלט פאַר זיי מלחמה און גיב אַוועק דיין לעבן כדי זיי זאָלן געניסן פון לעבן. טייוואַ־לים! טפו!

ער האָט בייז אַ שפּיי געטאָן.

דזשאָן קאַרי האָט מיט פאַרוואורף אַ קוק געטאָן אויף אים:

— אַז דו האָסט דאָס געוואוסט, טאָ צו וואָס האָסטו באַדאַרפט

ווערן אַ מאַטראָס? קיינער האָט דיך ניט געצוואונגען. ביסט אַליין געקומען אין דער דינסט אין פלאָט.

— אַ ליגן! איך בין אַליין ניט געגאַנגען. מ׳האָט מיך אַהער פאַרנאַרט. מ׳האָט אונז אַלעמען פאַרנאַרט, און אָפּגענאַרט. אַזעלכע רייד האָט מען גערעדט! אַזעלכע צוזאָגן געמאַכט! געשטעלט אונז העכער פון אַלעמען! צוגעזאָגט גליקן! און אויך די מלחמה דערהויבן ביז צו אַ קולט. און געוואָלט האָבן זיי נאָר, אַז מיר זאָלן פאַר זיי שטאַרבן. מיר זאָלן פּגרן, ווי קעץ, פאַר זיי. די מערדער!... טוט אַ קוק וויפיל בלוט מיר האָבן פאַרגאָסן אין דער מלחמה. מיליאָנען זיינען אומגעקומען. מיליאָנען זיינען אויף אייביק פאַרבליבן קאַליקעס. אָבער זיי איז נאָך אַלץ ווייניק. מ׳וויל נאָך מלחמה! מ׳וויל נאָך מאָרד! פאַרוואָס? איך פרעג אייך דאָ אַלעמען — פאַרוואָס?

דער שווער־פאַרוואונדעטער מאַנלי האָט זיך אָפּגערופן:

— דאָס ביסטו גערעכט, נובערג. אָט נעם מיך. איך בין געווען אין דער מלחמה... צוויי מאָל געווען פאַרוואונדעט. פרעג: צוליב וואָס? — ווייס איך ניט... איך בין געקומען אַהיים, און ס׳איז געווען דאָס זעלביקע. און אַז איך וואָלט דער־הרג׳עט געוואָרן וואָלט אויך געווען דאָס זעלביקע. ס׳איז אַ ליגן... אַן אָפּנאַרעניש...

נובערג האָט ווידער געזאָגט:

— אָט דאָס איז דאָך עס. זיי פאַרנאַרן דיך אין דער פּאַסטקע פון טויט. און זיי אַליין ווערן פון דער מלחמה רייך... זייער לעבן ווערט בעסער. די גאַנצע באַנדע איז רייך געוואָרן אויפן חשבון פון אונזער פאַרגאָסענעם בלוט. זיי לערנען אונז, מושטירן און גרייטן אונז צו פאַר גוטע קעמפער, — און האָבן גאָר אין זינען זייערע אייגענע לעבנס, זייער רייכקייט, זייער האָב און גוטס. אָט וועט מען אונז אפשר אַרויסראַטעווען. מיר וועלן קומען אַהיים, צעבראָכענע, דערשראָקענע אויפן גאַנצן לעבן... פאַרוואָס האָבן מיר געליטן יסורים? פאַר וועמען? און אַז איך וועל

ארוים פון דעם פלאַט, וועלן זיי זאָגן — איך בין אַ פייגלינג...
איך וועל אפשר זוכן אַרבעט, און מ׳וועט זי מיר ניט געבן. און
דאָס אַלץ, וואָס מיר לעבן איצט דורך און אונזער גרייטקייט צו
שטאַרבן — וועט זיין אַ טעות. אָ, ווען איך קען זיך אַרויס־
ראַטעווען פון דאַנען! איך וואָלט שוין מיין נקמה גענומען...
איך וואָלט שוין די בלינדע נאַראָנים געעפנט זייערע אויגן און
געוויזן זיי דעם אמת!

ער האָט אינגאַנצן געציטערט פון אויפרעגונג. ער האָט מיט
שווערקייט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם. דער שווער־פאַרוואונ־
דעטער מאַנלי האָט אָפּגעקרעכצט און געזאָגט:

— אַזוי איז איינגעשטעלט די וועלט. איין מענטש טראַכט
אוים דעם טויט פאַרן צווייטן. איין מענטש טראַכט אוים טויזנט
טויטן פאַרן צווייטן... און דער צווייטער איז בלינד. זעט
ניט... געווען אַ מלחמה. אַ שוידערלאַכע מלחמה. מ׳האָט
מענטשן געשניטן, ווי גראָז. און וואָס האָט דער מענטש געלערנט?
גאָרניט האָבן זיי געלערנט! מענטשן זיינען שוין אַזוי... קיין
ביישפּיל זעען זיי ניט און געדענקען ניט. נעם צונויף אַ גאַנצן
מיליאָן פאַרוואונדעטע, אָן הענט און אָן פיס, אָן לייב און לעבן,
צעריים זיי אויף שטיקלאַך און פיר זיי אַרוים אויף דער גאַס
און באַווייז זיי פאַר מענטשן. זאָג: — „אָט דאָס איז מלחמה.
דאָס זיינען אייערע זין און אייערע ברידער"... מענטשן וועלן
וויינען און פאַרגיסן ביטערע טרערן פון מיטלייד און צער. זיי
וועלן זיך אין שרעק אָפּקערן. אָבער די בעסטיעס וועלן ביז דער
טיפעניש ניט גערירט ווערן. זיי וועלן פאַר שרעק ניט משוגע
ווערן. און עס וועט גאָרניט העלפן. מ׳וועט דערקלערן אין אַ
טאָג אַרום אַ נייע מלחמה, און זיי וועלן ווידער מיט באַגייסטערונג
גיין אין שלאַכט און זייערע נאָענטע וועלן זיי מיט געזאַנג און
פרומקייט אין פנים באַגלייטן צו דער שחיטה. אָט דאָס איז אַ
מענטש. און דו וועסט זיי ניט אויסלערנען. דו אַליין, וועסט
אַרוים אויף דער ליכטיקער וועלט און וועסט פאַרגעסן... איך

וויס, אז דו וועסט פארגעסן. איך בין עלטער פון דיר. כ'האב שוין געלערנט זאכן. א מענטש איז א מענטש...

נובערג האט מיט א ציטער אין קול געזאגט:

— א, איך וועל ניט פארגעסן! איך זע איצט אנדערש. איך בין שוין מער ניט בלינד, חברים...

— וועסט קומען אויף דער ליכטיקער וועלט וועסטו צוריק בלינד ווערן... וויפיל ביכער האב איך איבערגעלייענט וועגן מלחמה? וויפיל האב איך זיך אליין אנגעמאטערט אין דער מלחמה — פרעג ביי מיר: וואס געדענק איך בעסער? וועל איך דיר זאגן: ברודער, טאם, איך געדענק די קורצע ווײַלעס פון באגייסטערונג און די קורצע רגעס פון העלדישקייט. און די ליידן האב איך פארגעסן. און די אומגערעכטיקייט האב איך פארגעסן. און דעם גרויל האב איך פארגעסן. און פארוואס האב איך פארגעסן? איך פרעג: פארוואס האב איך פארגעסן?

נובערג האט ווידער געזאגט:

— איך וועל ניט פארגעסן.

— וועסט פארגעסן. וועסט זיך בארואיקן און פארגעסן. און וועסט נאך זיין א גוטער מארינער אין אונזער פלאט... כע־כע־כע!...

נובערג איז אויפגעציטערט געווארן:

— צום טייוול מיט דיין פלאט! עס איז א פאסטקע. עס איז די סאמע ערגסטע און אומגערעכטסטע פאסטקע, וואוהין די מערדער טרייבן דיך אריין. אט האבן זיי אונז פארטריבן צום טויט, און זיי ארט גאר ניט. זיי ווילן אפילו אונז צו הילף ניט קומען, די מערדער. וואס זיינען פאר זיי זיבן־און־צוואנציק מענטשן? וואס איז פאר זיי אזא קליינע צאל, ווען ביי זיי אויפן געוויסן זיינען דא מיליאנען? — גארנישט מיט גארנישט!... זיי וועלן אפשר די סובמארין באדויערן. זי האט געקאסט געלט. אבער אויך וועגן איר וועט מען פארגעסן. מ'וועט אויסבויען נאך און נאך. און מענטשן וועלן קלעקן. א מענטשן איז לייכט

אַפּצונאַרן. צוליב אַ הויפּעלע מענטשן וועט מען ניט אויפהערן צו גרייטן זיך צו מלחמות.

דזשאָן קאַרי האָט געזאָגט:

— אַז מ'האָט דיך אַריינגעוואָרפן צום טייוול אין מויל ביסטו קלוג געוואָרן און זעסט דיין אמת. און ביסט אַ גאַנצער העלד. ווייסט איינער אַליין ניט איבערמאַכן די וועלט. ווייסט לעבן ווי אַלע לעבן.

— איך וועל לעבן, ווי איך זע דאָס לעבן. און איך זע דעם לעבן אַנדערש, ברודער. דעם אמת זע איך.

מאַנלי האָט ווידער געזאָגט:

— זעסט דעם אמת, ווייל דיר איז שלעכט. וועסט פאַר־שטעקן אין אַט דער לאָך די גאַנצע וועלט, וועט זי אויך אָנהויבן ריידן דיינע רייד. אָבער אַזוי ביסטו אַליין. און אַליין ווערסטו בלייבן מיט דיין אמת. און ניטאָ וואָס צו קאָכן זיך און אויסנוצן אומזיסט די לופט. כ'האָב אויף מלחמה געהערט אַזוינע רייד. און אַליין אויך גערעדט אַזוינע רייד... און אַט זעסטו: — איך ליג דאָ און פּייניק זיך...

מ'האָט זיך דערמאָנט. מ'האָט אויסגענוצט לופט. יעדערער איז געקומען צו זיך. די פריערדיקע שטימונג איז געקומען צוריק. אַלע זיינען אַנטשוויגן געוואָרן. די אומבאַהאָלפנקייט איז נאָך שטאַרקער געוואָרן. אָבער נובערג האָט לאַנג ניט געקענט שווייגן. אין אים האָט געזאָטן דער כעס. ער האָט געזאָגט:

— איך וויל ניט שטאַרבן. איך וויל דאָ ניט פאַר'סמט ווערן, ווי אַ מויז...

זיין קול האָט אַ ציטער געטאָן מיט טרערן.

אַלע האָבן געשוויגן. ווי קומט עס צו נובערגן? אַזאַ שטאַר־קער מענטש. אויך ער האָט זיך ניט געקענט באַהערשן. מאַנלי האָט געזאָגט:

— קיין איינער פון אונז וויל ניט שטאַרבן... אַלע ווילן לעבן...

— איך מוז לעבן. דו פאַרשטייסט ניט. דאָס לעבן איז מיר איצט געוואָרן טייער. איך וואָלט איצט צום לעבן געקומען גאָר אַז אַנדערער.

— אַלע וואָלטן איצט געקומען אַנדערע. אָבער אויף ווי לאַנג?... אַט וואָס איך וויל וויסן?

— ניין. דאָס לעבן פונם מענטשן איז אַזוי גרויס און וויכטיק. און מיר האָבן אים פאַרנאַכלעסיקט... געטראַכט נאָר וועגן זיך. געלאָזט פוילן די גאַנצע מענטשהייט, און אַליין אויך צריינגער־שלעפּט געוואָרן אין דער צעפוילטקייט... דו פאַרשטייסט? — איך האָב אָנגעהויבן צו טראַכטן... ווייסט וואָס דאָס מיינט: פּלוצלונג אָנהויבן צו טראַכטן? עפּעס עפנט זיך פּלוצלונג אין מאַרך, ווי אַ ליכטיק פענסטערל. און ס'ווערט ליכטיק... מ'הויבט אָן צו זעען און צו פאַרשטיין און פילן. די גאַנצע צייט האָסטו פון מיר קיין וואָרט ניט געהערט. אַ גאַנצן מעת־לעת האָב איך געשוויגן. און איינגעהערט זיך אין זיך אַליין. און פאַרשטאַנען. איך האָב געזען דורך טויזנטער יאָרן צוריק און דורך טויזנטער יאָרן פאָראויס. געזען און אַלץ פאַרשטאַנען. אַ, מאַנלי!

מאַנלי האָט געזאָגט:

— האָסט פאַרשטאַנען... גוט. אָבער ווי וועסטו דעם מענטשן העלפן? דער מענטש וויל ניט געהאָלפן ווערן. דער מענטש האָט ליב ליידן און צרות. דער מענטש האָט אויך ליב צו פייניקן יענעם... יענעם און זיך...

דער פאַרוואונדעטער האָט דערפילט אַ ווייטיק אין אַלע גלידער, אַ קרעכץ געטאָן און אַנטשוויגן געוואָרן.

— איך האָב קיינמאָל ניט ליב געהאַט קיין מענטשן, ווי עס באַדאַרף צו זיין, מאַנלי. און איצט האָב איך זיי ליב מיט טויזנט ליבעס... איצט איז מיר ווייניק איין לעבן אַוועקצוגעבן פאַר זיי. טויזנט לעבנס וואָלט איך פאַר זיי אַוועקגעגעבן. איך וועל באַגעגענען אַ מענטשן אין גאַס און אים באַגריסן, ווי אַ איינענעם. ער איז מיר נאָענט און טייער. יעדער זשעסט אין

זיין ריכטונג וועט זיין א באגריסונג. און פון דעם, וואס וועט אים אפנארן און פארפירן, וועל איך פאר אים נקמה נעמען, מיט מיין לעבן וועל איך נקמה נעמען.

אלע האבן אויף נובערגן געקוקט מיט אומצוטרוי. קיינער האט ניט געגלויבט אין זיינע רייד. ס'איז געווען משוגעת פארן טויט, און ניט מער. ווער האט איצט געקענט גלויבן אין אזעלכע רייד? וואס האבן געקענט אזוינע רייד באדייטן אין אזא צייט און אין אזא לאגע? אלע זיינען איצט געווען ניט אינגאנצן ביים זינען. און נובערג איז אויך געווען ניט ביי זיין אייגענעם געזונטן פארשטאנד. אזעלכע רייד האט ער גערעדט, וואס ס'איז זיי שווער געווען אנצונעמען.

און נובערג האט א ווײלע געשוויגן מיט צוגעמאכטע אויגן. ניט געוואלט מער זען און הערן. געלעגן מיטן פנים ארויף. געוואלט פארגעסן זיך. אבער דאס האט ניט געדויערט לאנג. דער קאמאנ־דיר, וואס איז די גאנצע צייט געלעגן, ווי א פארגליווערטער, האט זיך נאך אמאל א ריר געטאן. איין מאל און א צווייטן מאל. און אלע האבן טאקע באמערקט זיין אויפרעגונג. די גאנצע צייט האט אין אים געברענט א פיינטשאפט צו נובערגן. ער האט נאך קיינמאל פריער ניט געהערט אזעלכע רייד פון מויל פון א מארינער, וואס איז אזוי פיל יארן אפגעשטאנען אין דער דינסט פונם פלאט. נובערגס אפענע האלטונג און ניט באהאלטענע ארויסטרעטונג קעגן געזעץ און פארשריפט פון ערשטער פלאטן־דיסציפלין האט אים ניט געלאזט בארואיקן זיך. דער פארגעסענער געפיל פון א פירער און א הערשער האט זיך אין אים אנגעצונדן און גענומען לעבן. דאס, וואס נובערג האט גערעדט איז געווען קעגן דער עקזיסטירנדיקער ארדענונג, קעגן דעם פלאט און קעגן אלץ, אין וועמעס דינסט א יעדערער איז געווען און האט באדארפט זיין מיט לייב און לעבן. זיינע רייד זיינען געווען פארראט. לייטענאנט קאלווין פארקער האט עס שוין מער ניט געקענט אריבערטראגן. ער האט געזאגט:

— מיר הערן דאָ צופיל פון דיינע רייד, נובערג.

זיינע ווערטער האָבן זיך, ווי אַ קלין, אַריינגעהאַקט אין דער שטילקייט. עפּעס האָט אַ ציטער געטאָן און אויפגעוועקט די אַנטשוויגענע מענטשן. כמעט צוויי מעת־לעת האָט מען ניט געהערט, אַז דער לייטענאַנט זאָל אַרויסריידן אַ וואָרט. מ'האָט אים אַפילו געהאַלטן פאַר אַ גערירטן פון זינען. אויך נובערג האָט זיך שטאַרקער פאַרוואונדערט. ער האָט אַ קער געטאָן זיין קאָפּ אין פאַרקערט ריכטונג און געבליבן אין דערוואַרטונג. און פאַרקער האָט ווידער געזאָגט:

— דו רעדסט קעגן אונזער געבענטשן לאַנד און קעגן אונזער הערלאַכן פּלאַט. אַזעלכע, ווי דו, זעצט מען אין קערקער פאַר פאַרראַט...

און ווידער האָט נובערג ניט געענטפערט. האָט דער קאָמאַנדיר שוין, אַביסל אַ באַרואיקטער מיט יענעמס שווייגן, געזאָגט:

— מיין ניט, אַז איך בין איבערראַשט. איך האָב שוין פון פריער געהערט פון דיין העלדישקייט מיט דער צונג. האָסט ליב צו ריידן אַסך און דערצו — וואָס מ'דאַרף ניט... אין דעם סאַמע לעצטן טאָג פון אונזער פאַרלאָזן די באַזע האָט מען מיר דערציילט פון דיר. איך האָב זיך אָבער געלאָזט מאַכן דעם טעות... איך האָב דיך מיטגענומען.

ערשט איצט האָט נובערג געענטפערט:

— איר וועט מיר דערלויבן צו זאָגן, לייטענאַנט, אַז קיין גרויסן טעות האָט איר, אייגנטלאַך, גאָר ניט געמאַכט מיט דעם וואָס איר האָט מיך מיטגענומען אינאיינעם מיט די איבעריקע. נישקשה, אַז ס'וועט אויסקומען צו שטאַרבן וועל איך שטאַרבן גלייך מיט אַלעמען און ניט ערגער פון אַלעמען... און דער פּלאַט אונזערער וועט אויך געראַטעוועט ווערן פון מיינע אַנגרייפנדיקע רייד, וועט קענען וואַקסן און בליען אומגעשטערט פון מלחמה צו מלחמה... און טאָמער איז אונז אַלעמען באַשערט צו לעבן, בין איך איינגעשפּאַרט אין אַ שטאַרקער און זיכערער

תפיסה, פון וועלכער איך וועל ניט קענען אַנטלויפן ביז די היטער פון געזעץ וועלן אָנקומען כּדי אָפּגעבן מיין רעכט... איר וועט מיך דאַן לייכט קענען איבערגעבן אין די הענט פון דער גערעכטי־קייט, און אנשטאָט צו מאַכן אַ טעות וועט איר נאָך טריאומפירן...

אין זיינע רייד איז געווען קאַלטקייט און חוזק, וועלכע דער לייטענאַנט האָט ניט געקענט פאַרטראָגן. ער האָט מיט כּעס געזאָגט:

— אַזעלכע מאַרינער, ווי דו, זיינען סם פאַר דעם פלאָט!... מ'דאַרף אייך אויסראָטן, אויסרייניקן די רייען פון די מאַרינער... דו דעמאָראַליזירסט די מאַרינער... דו...

נובערג האָט, נאָך אַלץ אינם זעלביקן חוזק טאָן, געזאָגט:

— דערלויבט מיר אייך צו זאָגן, לייטענאַנט, איר דאַרפט זיך אַזוי ניט אויפרעגן. איך בין אין אייערע הענט. אין אייער אויפרעגונג נוצט איר אויס אַביסל צו פיל לופט און מאַכט קאַליע אונזער אָטעם, אומזיסט־אומנישט... דערצו מוז איך אייך זאָגן, אַז ביז די רעטונג וועט קומען זיינען מיר, דורך דער שפּיל פון אַ בייזן שיקזאַל, פאַקטיש אויסגעגליכט: — ניט איר קענט אָנפירן די קאָמאַנדע און געבן באַפעלן און ניט איך קען אייך אויספאָלגן... דערווייל אָבער, לייטענאַנט, דערלויבט מיר צו האָבן מיין אייגענע מיינונג אפילו וועגן דעם פלאָט.

— דיין מיינונג וועגן דעם פלאָט — איז פאַרראַט. אָט וואָס דיין מיינונג איז!...

נובערג האָט אויף אים אַ שאַרפן קוק געטאָן:

— וואָס האָט איר געזאָגט, לייטענאַנט, פאַרראַט?

— יע. דו ביסט אַ פאַררעטער. און דיינע רייד זיינען — פאַרראַט!... פאַרראַט!...

איצט איז, אויף אַ רגע, נובערג אַן אַנגעצונדענער געוואָרן. ער האָט אַ בליץ געטאָן אויף פאַרקערן מיט די אויגן און, שוין אָן חוזק, געזאָגט:

— ניט איך בין אַ פאַררעטער. אַ פאַררעטער זייט איר אַליין.

אַט האָט איר אונז פאַרפירט צום טויט. איר האָט אונז אַלעמען פאַרפירט צום טויט. און איצט ווילט איר נאָך זיין דער גערעכטער. איר רעדט וועגן פאַרראַט.

פאַרקער האָט אים אָבער מער ניט געלאָזט ריידן. מיט אַ פאַרשטיקטן אָטעם און מיט אַ מאָדנעם כריפּ אין האַלז האָט ער אַ געשריי געטאָן:

— איך הייס דיר שווייגן, נובערג... שווייג!

— אַזוי? שווייגן הייסט איר מיר, לייטענאַנט? און אַז איך וויל ניט שווייגן, ווען איר הייסט? וואָס וועט דאַן זיין?

— שווייג, זאָג איך!

— און איך פרעג: און אַז איך וויל ניט שווייגן?

ביידע זיינען איצט געווען אויפגערעגט ביזן לעצטן נערוו און האָבן געציטערט מיט יעדן מוסקול פון זייערע אברים. און גלייך ווי ביידע וואָלטן זיך אין דעם מאָמענט צונויפגערעדט, האָבן זיך ביידע אויפגעזעצט אויף זייערע ערטער. לייטענאַנט פאַרקער האָט זיך אויפגעזעצט און נובערג האָט זיך אויפגעזעצט. און ס'האָט זיך שוין די איבעריקע געדוכט, אַז קיין אַנדער אויסוועג איז ניט געווען: ביידע וועלן זיך אַ לאָז טאָן איינער אויף דעם אַנדערן, אַז עס וועט פאַרקומען עפּעס אויסערגעוויינלאַכם — אַ מאַרינער וועט זיך שלאָגן אין אַ משונה'דיקן געשלעג מיט דעם קאָמאַנדיר פון זיין שיף... און אַלע זיינען שוין גרייט געווען אַריינצומישן זיך, שטעלן זיך צווישן זיי ביידן, ניט דערלאָזן צו אַ געשלעג. אָבער נובערג האָט איין רגע אָפּגעוואַרט, אַ טראַכט געטאָן, און פּלוצלונג קאַלטבלוטיק געזאָגט:

— ווייסט איר גאָר וואָס, לייטענאַנט? — לאָמיר אונזער קאַמף איבערלאָזן ביז מיר וועלן פון דאַנען אינגאַנצן אַרויס. ס'איז ניט דער פּלאַץ... דערצו זייט איר נאָך אַביסל ניט אינגאַנצן געזונט... און ווער ווייסט, אפשר איז בכלל איצט נוצלאָז צו קעמפן. די גערעכטיקייט איז אויבן און מיר זיינען דאָ, אונטן... לייגט זיך אַוועק אויף אייער אָרט רואיק. און איך וועל זיך אויך אַוועקלייגן... צום טייוול!

ער האָט דאָס געזאָגט, אָפּגעשפּיגן אַן אַ זייט און טאַקע, דער ערשטער, זיך צוריק אָוועקגעלייגט אויף זיין אָרט. אָפּגעקערט דעם פּנים פון די אַרומיקע בליקן און אַנטשוויגן געוואָרן.

דער קאָמאַנדיר איז אַ ווײַלע געזעסן אַ פאַרלאָרענער. ניט געוואוסט ווי אָנצונעמען נובערגס ווערטער. ער האָט אויך קיין זאַך ניט געזאָגט. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך אויך אויסגע־צויגן אויף זיין געלעגער און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

און ס'איז אָנגעקומען אַ שטילקייט אין דער אָפּטײלונג, וואו די מענטשן זיינען געלעגן. אַ ביטערע, מיט געוואַלד איינגעהאַל־טענע, שטילקייט. די הערצער האָבן אויפגערעגט געקלאַפּט. ס'איז ניט געווען קיין כח אַריבערצוטראָגן די אויפגערודערטקייט פון די געמיטער. אָבער קיינער האָט ניט געבראָכן די שטילקייט מיט אַ וואָרט, אָדער מיט אַ באַוועגונג. אַזוי איז אַריבער אַ לאַנגע צייט, ניין, קיינער האָט ניט געוואָלט זיין דער ערשטער צו ברעכן דאָס שווייגן.

ערשט שפּעטער האָט מען באַמערקט, ווי סאָיער ליגט אַ צונויפגעדרייטער איבער זיין נאָטיץ־ביכל און שרייבט, שרייבט אָן אַן אויפהער, אָן אַן אָפּשטעל.

און אָט וואָס ביל סאָיער האָט יענעם טאָג פאַרשריבן:

„... מיר זיינען פאַרפאַלן. וואָס עס טוט זיך אַרום מיר איז שווער צו באַשרייבן. קיינער וואָלט עס ניט געקענט באַ־שרייבן. ס'זיינען נאָך פאַר דעם ניט געבאָרן געוואָרן די פּאַסיקע ווערטער. מיר זיינען, ווי עס גייט דאָס ווערטל וועגן סובמארין־קרבנות, „אַריינגעכאַפּט געוואָרן, ווי מייז אין אַ פּאַסטקע". מיר דרייען זיך אַרום אין אַן איינגען קרייז, אָן אַן אויסוועג. דער לענגסטער וועג איז ביז דעם קאָנטראָל־צימער און צוריק. אין ביידע אָפּטיילונגען זיינען דאָ אַרויסגאַנגען, און פון ביידע אָפּטיי־לונגען קען מען ניט אַרויסגיין... דער טויט האָט פאַרשלאָסן אַלע אַרויסגענג און זיך אַליין אַוועקגעשטעלט הינטער זיי, מיר זאָלן אים ניט אויסמיידן. און אָט אַזוי וועלן מיר מוזן אויסגיין,

אַריינגעכאַפּטע אין אַט דער שטאַלענער פּאַסטקע, אויפן גרונט פון ים. מיר זיינען פאַרפאַלן!

„מיר פירן זיך שוין אויף ווי מענטשן פון אַן אַנדער וועלט. איך בין שוין ניט יענער און זיי זיינען ניט יענע. מיר זיינען אַלע איניינעם, און מיר זיינען פאַרוואָגלט — ווער ווייסט ווי ווייט איינער פונם אַנדערן. מיר דערקענען זיך ניט און מיר מיינען, אַז מיר קענען זיך. און דאָס טראַגישסטע דערביי איז, וואָס מיר נערן זיך מיט איין האָפענונג, אַז פון דער פינסטערניש און פּיין וועט זיך נאָך אַרויסשיילן אַ ליכט און ס'וועט קומען די רעטונג. אויף די מייז, וואָס ווערן אַריינגעכאַפּט אין אַ פּאַסטקע, האָפן מסתמא, אַז אַ נס וועט געשען. מיר גלויבן אין אַ נס. מיר טרייסטן איינע די אַנדערע. מיר זאָגן ליגן איינער דעם אַנדערן, און מיר האָבן זיך דערפאַר פיינט. אַ, ווי מיר האָבן זיך דערפאַר פיינט! אַזאַ שנאה איז נאָך ניט געווען צווישן מענטשן.

„מיר ליגן פיר הונדערט און פערציק פוס טיף אונטערן וואַסער. עס זיינען דאָ ווייניק מענטשן אויף דער וועלט, וואָס קענען אויס־האַלטן אַזאַ מורא'דיקן דרוק. ניט מ'וועט אונז קענען ברענגען די הילף און ניט מיר וועלן דערגרייכן די אויבערפלאַך, לעבעדיקע.

„מיר זיינען פאַרפאַלן. מיר וועלן שטאַרבן פון הונגער און קעלט און דערשטיקונג. און דאָס וועט דערלאָזן דער מענטש־לאַכער שיקזאַל אויף דער וועלט און די נאַטור און גאָט. איז נאָך דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט?

„די ערד און די הימלען און די גאַנצע וועלט — וואָס איז דאָס? — אַ מעשה, וועלכע איך האָב געהערט אַמאָל דערציילן? אַ חלום, וואָס מיר האָט זיך גע'חלומט? גאָט און די נאַטור — דער וואונדער פון מיין קינדהייט — וואָס איז דאָס? דאָס לעבן אויף דער ערד, די פּראַכטפולע גערטנער, באַהאַנגען מיט רייפע פּירות. די ברייטע פעלדער מיט כוואַליעדיקן קאָרן און ווייץ און גערשטן. וואַרעמע זון און קילע קוואַלן קעגן ליכטיקע הימלען, צווישן מענטשן־ברידער און מענטשן־שוועסטער. דער אמת פון

דער וועלט. די שיינקייט פון דער וועלט... דאָ ווערט באַגראָבן אויף אייביק דער אמת פון דער וועלט און די שיינקייט פון דער וועלט.

„מיר ריידן פונם לעבן אויבן, איבער אונז. מיר דערמאָנען זיך. אונז דוכט זיך, אַז אַט דרינגען מיר דורך דורך דער פינסטער־ניש און דערזען אַלץ, וואָס מיר האָבן דאָרטן איבערגעלאָזן. מיר ריידן אַסך. מיר זיינען ניט שפּאָרזאַם מיט דער לופט. מיר גיבן אַוועק שטיקער פון אונזער לעבן פאַר יענע וואונדערלאַכע דערריי־נערונגען, וואָס מיר האָבן אַהער מיטגעבראַכט פון יענער וועלט. אַזוינע רייד ריידן מיר. מאָדנע רייד פון אַן אַנדער וועלט. וואָס איינער דערציילט איז אַ מעשה, אַ לעגענדע, וואָס רירט ביז טרערן. זיי זיינען אַנדערע. איך בין אַן אַנדערער. אָבער ס'איז גוט צו הערן און ס'איז גוט צו דערציילן. אין די רייד איז די פאַרבינדונג מיטן לעבן, וואָס איז הינטער אונז פאַרבליבן. נאָך ערגער איז, ווען מיר שווייגן. דאַן ווערט פינסטערער די פינסטער־ניש. אפילו די ליגנערישע האָפענונג ווערט אויסגעלאָשן, ווי אַ ליכט, וואָס אַ שטאַרקער אָטעם גיט אויף איר אַ ווייַ. אַ, יעמאָלט ווייסן מיר אַלע, אַז די רעטונג וועט קיינמאָל ניט קומען. קיינער זוכט אונז ניט. קיינער דאַרף ניט אונזערע לעבנס. קיינער באַדויערט ניט אונזער שיקזאַל..."

* * *

„...פריער איז פאָרגעקומען אַ קריגעריי צווישן נובערגן און דעם לייטענאַנט. אַ ביטערער קריג. נובערג האָט גערעדט מיט ביטערניש און מיט חוזק און דער לייטענאַנט — מיט גאַל. נובערג האָט זיך אין צייט צוריקגעצויגן, אַז ניט וואָלט געווען אַ געשלעג. און ווער ווייסט, צו וואָס דער געשלעג וואָלט געבראַכט.

„ביז איצט האָט דער לייטענאַנט אינגאַנצן ניט גערעדט. ער איז געלעגן אַ שווייַגנדיקער, אַזוי ווי ער וואָלט גאַר פאַרלאָרן זיין שפּראַך. ער האָט זיך גאַר ניט אַריינגעמישט אין אונזערע גע־

שפּרעכן. מיר אַלע האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ גערירטן פון זינען. עס איז מיט אים שווער געווען, אָבער קיינער האָט אים ניט געטשעפּעט. פונדעסטוועגן האָב איך די גאַנצע צייט וועגן אים געטראַכט: — פאַרוואָס שווייגט ער? אַלע דריקן אויס זייער אומרואיקייט, זייער שרעק און זייער האָפענונג. און ער שווייגט. אַלע זיינען קראַנק און שוואַך און פאַרטשאַדעט. ער איז אויך שוואַך און קראַנק און פאַרטשאַדעט, און ער שווייגט. דער הונגער פרעסט אויף זיין מאָגן און די לופט פאַר'סמט זיינע בלוטן, און ער שווייגט... אַזוי האָב איך וועגן אים געטראַכט און האָב אים דערפאַר פיינט געהאַט. אויך נובערג האָט אים פיינט געהאַט.

„און דאָ קומט ער גאָר פּלוצלונג מיט לשון. מיט גיפטיקייט. ער וויל נאָך איצט אויך קאָמאַנדעווען און שטראָפן. און דערפאַר האָב איך אים נאָך איצט אויך פיינט. דערצו האָט זיך אין מיין קאָפּ אריינגעכאַפּט אַ מאָדנער פאַרדאַכט: מיר דוכט, אַז ער איז שולדיק אין דער קאַטאַסטראָפע. ער האָט אונז פאַרפירט צום אומגליק. איך פיל אין אים אונזער שונא. און ער וועט לעבן צווישן אונז אַזוי לאַנג, ווי מיר וועלן לעבן און ער וועט שטאַרבן, ווען מיר וועלן שטאַרבן... ווייל קיינער פון אונז וועט ניט קענען אויפהויבן אויף אים אַ האַנט. אַרום אונז איז די שטימונג פון טויט און פון מאָרד. איין מענטש קוקט אויפן צווייטן מיט אַ טויזנט-יעריקער, נאָך ניט אַנטפּלעקטער געהיימניס, אין יעדן בליק דער באַשייד פון בלוט און שנאה. אין יעדן בליק — סוד פון טויט. אָבער אים וועט קיינער ניט וואָגן אָנצורירן. ער וועט שטאַרבן אינאיינעם מיט אונז. איין טויט פאַר אַלעמען... איך קען מער ניט. איך קען מער ניט..."

סאיער האָט דאָס אָנגעשריבן, אָפּגעפאַלן פונם ביכעלע און אריינגעפאַלן אין אַ פאַרגעסונג, וועלכע האָט געדויערט זייער לאַנג. און אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט איז ער געווען אַפּאַטיש. אים איז שוין געווען אַלצאיינס, צי די הילף וועט טאַקע קומען, צי זי וועט ניט קומען. ער איז געלעגן אַ באַרואיקטער און געוואַרט,

אז דער סוף זאָל קומען. ס׳האָט ניט געאַרט וואָס די מענטשן אַרום האָבן גערעדט, און זיי האָבן זיך אויפגערעגט. ער האָט נאָר געוואָלט דעם אייגענעם טויט. און אויך אינם טויט דאָ, אינם בויך פון אַ טויטער סובמאַרין, איז גאָר ניט געווען קיין טראַגישקייט. ער, דער אינגסטער פון אַלעמען, וועט שטאַרבן, און ס׳איז געווען אַלצאיינס.

מ׳האָט נאָך אַרויסגעשיקט סיגנאַלן. איין מענטש פּלעגט זיך נאָך אויפהייבן און אַוועקגיין אין קאָנטראָל-צימער. ער פּלעגט זיך צוריקקערן, לייגן זיך אויף זיין אָרט און שווייגן. שפּעטער פּלעגט אַ צווייטער אַוועקגיין. אין דעם אַוועקגיין איז געווען ריטואַל. אַ גאָטעס-דינסט. אין דעם צוריקקער איז געווען גע־פאַלנקייט און אומעט. אָבער איין מענטש האָט נאָך פאַרביטן אַ צווייטן. מ׳האָט קאָנטראָלירט די לופט און די סיגנאַלן. און די, וואָס האָבן זיך ניט געקענט אויפהייבן, האָבן מקנא געווען די געזונטע, וואָס האָבן זיך געקענט רירן און טאָן די וואונדערלאַכע אַרבעט פון אויפהאַלטן דאָס קאַרגע ביסל לעבן. אויפהאַלטן עפּעס אַ ווייטע, אַ צווייפלהאַפטע פאַרבינדונג מיט דער וועלט און מיט מענטשן.

סאיער איז נאָך אַלץ געלעגן באַוועגלאָז. אַלע גלידער זיינען געווען רואיק. און ס׳איז געווען רואיק דאָס האַרץ און די געהירן. ער איז געווען, ווי אַ קראַנקער, וואָס האָט מורא געהאַט אַ ריר צו טאָן די ווייטיקדיקע גלידער. מורא געהאַט פאַר-זיך אַליין.

קאַפּיטל פּערצן

אָבער ווי לאַנג קען אַ מענטש אַזוי ליגן? אַ שעה און צוויי און דריי. ער וועט סוף־כּל־סוף צו זיך קומען. ער וועט אויפלעבן און אָנהייבן צו זען דאָס ארומיקע און הערן דאָס אַרומיקע, און פאַרשטיין. דער וואונדער פון לעבן וועט אויפגיין וואונדערלאַכער פון טויט. די האָפענונג וועט אַ שיין טאָן. אַ ליכט וועט אַ לויכט טאָן אין דער פינסטערניש. עפּעס וועט זיך אַ ריר טאָן. און סאָיער, ביל סאָיער איז נאָך געווען יונג. אין אים האָט נאָך געלעבט דער וואונדער פון דער יוגנט, וואָס קען אין מיטן פון אַ פינסטערער נאַכט אָנצינדן אַ זון איבערן אייגענעם קאָפּ און וואַרעמען זיך אין אירע שטראַלן.

נובערג איז צוגעגאַנגען צו אים און געזאָגט:

— וואָס איז דיר, ביל? ביסט קראַנק? פאַרוואָס שווייגסטו?

סאָיער האָט קוים אַ קוק געטאָן אויף אים, און עס זיינען שוין געשטאַנען טרערן אין די אויגן פון די גוטע ווערטער פון זיין חבר. ער האָט שטיל געזאָגט:

— אָ, טאָם...

און מער ניט געקענט ריידן. די טרערן האָבן פאַרשטיקט דעם גאָרגל.

נובערג האָט געזאָגט:

— דאַרפסט ניט זיין אַזוי אָראָפּפאַליק. מיר וועלן זיך ראַטעווען. אויב ס'וועט ניט קומען די הילף פון אויבן, וועלן מיר זיך נאָך קענען ראַטעווען פון דאַנען. ס'איז קלאָר, אַז זיי זוכן אונז. און אַז זיי וועלן געפינען. און אַז זיי וועלן געפינען...

סאָיער האָט נאָר געקענט אַרויסריידן דורך ספּאַזמען:

— אָ, טאָם...

— ניין, באמת, איך האָב זיך קיינמאָל ניט געריכט, אַז דו וועסט אַזוי שנעל פאַרלירן די האָפענונג... לאָז דאָס אָפּ. מיר וועלן נאָך פון דאַנען אַרויס און אין די אונטן אַרומגיין איבער

די גאסן, ריידן און איבעררײדן װעגן אלץ... און דו װעסט נאך זײן א דיכטער, א שרײבער. װעסט קריגן אנערקענונג... און די איבערלעבונג — זי װעט דיך נאך באַרײכערן... װעסט פון דאנען ארױס א געלײטערטער... װעסט זען די װעלט אין אן אנדער ליכט. װעסט פארשטײן דעם מענטשן. װעסט האבן מיט װאס צו קומען צו דער װעלט... א מענטש מיט טאלאנט דארף האבן מיט װאס צו קומען צו דער װעלט... און ס'איז ניטא װאס אראפצופאלן בײ זיך.

ס'איער האט נאך אמאל א קער געטאן צו נובערגן זײן פאר־טרערטן בליק, װאס איז פול געװען מיט דאנקבארקײט. ער װאלט איצט געקענט פאלן זײן חבר אױפן האלז און קושן. װײנען און קושן. אזא חבר איז געװען נובערג. אזא גוטער עלטערער, קלוגער, גוטער חבר איז געװען טאם נובערג. מיט אים איז געװען גוט. מיט אים איז ניט געװען שרעקלאך צו שטארבן.

ס'איער האט געזאגט:

— דו גלױבסט, אז מ'װעט נאך אונז ראטעװען? נײן, זאג דעם אמת...

נובערג האט אפן א קוק געטאן אים אין די אױגן און געזאגט:

— אודאי װעט מען אונז ראטעװען! איך צװײפל גאר ניט אין דעם. און דו זאלסט אױך ניט צװײפלען.

— א, װען דאס װאלט טאקע געװען אזױ! חבר!... װען זײ ראטעװען אונז ארױס פון דאנען!... גאט, װען איך דערזע די װעלט!...

ס'איער האט זיך געשטיקט מיט די אײגענע װערטער. און נובערג האט מיט זיכערקײט װידער געזאגט:

— איך זע, אז דו צװײפלסט שטארק אין אונזער רעטונג... דאס איז ניט גוט. מיר דארפן זיך שעצן גליקלאך, װאס מיר האבן נאך אזױ פיל לופט. פארשטײ. מיר דארפן קײן זאך ניט. לופט אבער מוזן מיר האבן. און לופט האבן מיר גענוג פאר אונזער קלײנעם עולם אפשר אױף פיר טעג. װײסטו װאס דאס

מיינט — פיר טעג? אין אַזאַ צייט וועלן זיי אויסקעמען דעם ים, אונז געפינען און ברענגען צוריק אין דער באַזע...

סאַיער האָט נאָך ניט געקענט זען ווי דאָס אַלץ וועט קענען געטאָן ווערן. ער האָט געפרעגט:

— און ווי וועלן זיי אונז קענען ראַטעווען פון אַזאַ טיף? פאַרגעס ניט, מיר זיינען אין אַזאַ פאַסטקע...

— אַ, דאָס איז פשוט. מיט איצטיקע מעטאָדן איז עס אַ קלייניקייט. די טויכער וועלן זיך אַרונטערלאָזן, פאַרפעסטיקן גומענע רערן. מ׳וועט אַריינפּאָמפּן געננוג פרישע לופט. און שפּייז וועט מען אויך אַריינפּאָמפּן. מ׳וועט אונז דערהאַלטן ביים לעבן און שטאַרקן אונזערע כחות... און אַראָפּפאַלן ביי זיך דאַרף מען ניט. ווי נאָר די הילף וועט קומען אויפן אָרט וועל איך שוין זען, אַז דו, ביל, זאָלסט זיין דער ערשטער אַרויסצוגיין פון דער לאָך. וועסט זיין דער ערשטער צו דערזען די וועלט... און נאָכדעם וועסטו זיך אויסלאַכן פון דיין שרעק... פון אונזער אַלעמענס שרעק...

נובערג האָט גערעדט צו סאַיערן ווי צו אַ קינד. אין זיין קול איז געווען ווייכקייט. אין זיינע ווערטער — טרייסט. אַ דערוואַקסענער האָט גערעדט צו אַ קינד, וואָס האָט געליטן. סאַיער האָט זיך איינגעהערט אינם חברס ווערטער און געפילט, ווי עס זיינען אים צוגעקומען נייע כחות. ווייל נובערג איז נאָך אַלץ געווען דערזעלביקער נובערג. אויף אים האָט מען זיך געקענט פאַרלאָזן. נובערג האָט אַלץ געוווּסט. נובערג האָט קיינמאָל ניט גערעדט סתם אַזוי. דערפאַר איז פון זיינע רייד געווען גוט און אומעטיק. און עס האָט זיך נאָך געוואָלט הערן און הערן. און סאַיער האָט געזאָגט, שוין גלאַט אַזוי, כדי צו ענטפערן אַן אויפגעציטערטן געפיל אין האַרצן:

— טאָם, אַ, ווען איך וואָלט נאָר פון דאַנען אַרויס!...

ער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט, און טרערן זיינען שוין ווידער געשטאַנען אין די אויגן.

און נובערג האָט ווידער קאַטעגאָריש געזאָגט:

— ביסט אַ מאָדנער בחור, ביל. איך זאָג דאָך דיר: ניטאָ זיך וואָס צו שרעקן. מ'וועט אונז זיכער ראַטעווען. און דאָס, וואָס דו האָסט זיך איינגערעדט, דאָס איז אויך גאָרניט. מיר זיינען אויסגעמאַטערט, זיינען מיר נערוועז. ביסט אויסגעמאַטערט. דאַרפסט זיך שטאַרקן...

און נובערג האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער אָפענער האַנט איבער דער פּלייצע, דערמונטערנדיק און חבר'יש.

איצט האָט זיך סאַיער ניט געקענט באַהערשן. געכאַפּט דעם חברס האַנט און זי היים עטלאַכע מאָל אַ קוש געטאָן. יענער האָט לייכט אַוועקגענומען זיין האַנט און זיך צוריק, אַן ווערטער, אויסגעצויגן אויף דעם אייגענעם אָרט.

אַלע האָבן געהערט דעם געשפּרעך צווישן די חברים. קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן. ס'איז דער געשפּרעך איצט געווען אַ געוויינטלאַכער מענטשלאַכער געשפּרעך. עס איז געווען אַן אינ-טימער מענטשלאַכער געשפּרעך, וואָס האָט אָנגערירט אַלעמען אין דערזעלביקער מאָס, און אַלעמען גערירט ביז טרערן.

נאָכדעם איז סאַיער איינגעשלאָפן. ער איז רואיק געשלאָפן און גע'חלומט חלומות. און ווען ער האָט זיך, שפּעטער, אויפ-געכאַפּט איז ער געווען פריש און מונטער, ווי אַ ניי געבאָרענער. ער האָט זיך געטיילט מיט זיין מונטערן געמיט-צושטאַנד, איבער-דערציילט זיינע חלומות. אַפילו אַריינגעפאַלן אויף אַ ווייל אין זיין לייכטער שטימונג, און פון זיין מויל האָבן זיך אַוועקגעשאָטן וויצן, גאָר ווי אין די פריערדיקע צייטן, אין דער באַזע.

ערשט שפּעטער איז ער ווידער ערנסט געוואָרן און אָנגעהויבן דערציילן וועגן זיין לעבן, וועגן זיינע נאָענטע קרובים און וועגן זיין היים, וואו עס זיינען געווען זיינע נאָענטע. ער האָט אינדער-היים געהאַט עלטערן, אַ פאָטער און מוטער. ער האָט געהאַט צוויי ברידער און אַ שוועסטער. איין ברודער, אַן עלטערער פון אים, איז געווען אַ וועטעראַן פון דער גרויסער מלחמה. ער איז געווען

אַ אינוואַליד. אַ קאַליקע. ער איז געווען אַ פיזישער און גייסטי־
קער קאַליקע. פאַר דער מלחמה איז ער געווען אַ טרייסט פאַר דער
גאַנצער פאַמיליע. ער איז געווען אַ קלוגער און אַ געראַטענער.
און איצט איז ער געווען אַ אינוואַליד. אַ לאַסט פאַר אַלעמען
און נאָך מער — פאַר זיך אַליין. אָבער דערפאַר איז דער אינגע־
רער ברודער — ער איז איצט געווען אַ בחור פון אַ יאָר נײַנצן —
געווען די טרייסט אין דער היים. ער האָט בײַטאָג געאַרבעט
און בײַנאַכט געלערנט.

— אָ, דער ברודער איז גאָר אַן אַנדערער. ער איז אַ מענטש...
ער וועט אויסשטודירן, וועט זײַן אַ אינזשענער, אָדער אַזוי אַ
וויסנשאַפט־מאַן. פאַר אים איז אַ גרויסע צוקונפט. ער וועט
גאָר אַנדערש דינען זײַן לאַנד. ער וועט וויסן וואָס צו טאָן מיט
זײַנע פייאיקייטן. ער איז גאָר אַן אַנדערער...

נובערג האָט אַ קוק געטאָן אויף סאַיערן און קאַלט געזאָגט:

— דײַן ברודער, זאָגסטו, איז גאָר אַן אַנדערער. אפשר איז
ער אַן אַנדערער איצט. אָבער, אַז ער וועט אויסשטודירן, וועט
פאַרנעמען אַ גרויסע פּאָזיציע — וועט ער ווערן ווי אַלע.
און דעם לאַנד וועט ער דינען ווי אַלע. ס'וועט אים ציען
צו געלט און רום. אַזאַ וועלט איז אונזערע. און ער וועט זיך ניט
קענען העלפן. ער וועט אפשר אַרײַן אין דינסט פון דער רעגירונג.
וועט מאַכן אַמוניציע, אויסגעפינען טויטלאַכע גאַזן און אַלערליי
טייוולשע מאַשינען צו מאָרדן און צו צעשטערן... אָדער ער וועט
קריגן אַ שטעלע אין אַ גרויסער פאַבריק, וועט זיך פאַרקויפן צו אַ
גרויסן געלט־זאַק און וועט העלפן צאַפּן בלוט און שוויים פון די
אַרבעטנדיקע מאַסן... און אַליין וועט ער אויך רײַך ווערן.
ס'וועט ניט לאַנג נעמען ביז ער וועט פאַרגעסן פון וואַנען ער קומט
און נאָך וואָס ער איז געקומען מיט זײַנע פייאיקייטן און וויסן.
וועט זיך צופּאַסן צו דער וועלט, ווי טויזנטער אַנדערע, פאַר
אים... אַזאַ וועלט איז שוין אונזערע.

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אַנטשוויגן געוואָרן.

סאיער האט מיט אימפעט געזאגט:

— ניין, ניט מיין ברודער. דו ווייסט ניט וואס פאר א בחור ער איז. ער איז גאר אן אנדערער... ער זעט די וועלט אנדערש. ער פארשטייט זי בעסער. ער וועט עלטער ווערן — וועט ער שוין ווי‍סן וואס אויסצוקלייבן.

גובערג האט א ווײלע געטראכט און, נאכדעם, געזאגט:

— ביי היינטיקער ארדענונג קען א מענטש ניט אויסקלייבן דעם וועג פאר זיך אליין. ער ווערט געטריבן פון א פרעמדן כח. ער גייט מיטן שטראם. ער ווערט פארלארן אינם שטראם קעגן זיין אייגענעם ווילן. און ווי נאר ער שטעלט זיך אוועק קעגן — אזוי ווערט ער פארדרייט אין א ווירבל און צעשמעטערט אויפן ארט פון די יאגנדיקע כחות. ס'בלייבט אים אדער מיטצוגיין, אדער אונטערצוגיין — און אונטערגיין וויל קיינער ניט... קומט שוין אויס אזוי, אז דיין ברודער וועט ניט קענען אויסקלייבן.

סאיער איז געווען פאר'עקשנט, ווי א קינד:

— ער וועט שוין אויסקלייבן!

— טו א קוק: ווי לעבט אונזער פאלק און ווי טראכט עס? — האסטו דאס ווען עס איז גענומען אין דיין זינען? האסטו אמאל אריינגענומען אין דיין געדאנק, אז די קולטור אינסטיטוציעס אונזערע, די שולן און די פרעסע, מיטן טעאטער און מיט דער ליטעראטור גייען האנט אין האנט מיט די אינטערעסן פון איין קלאס? עס לעבט ווי אט דער קלאס פאדערט און טראכט, ווי אט דער קלאס וויל, אז ער זאל טראכטן. אין היינטיקער צייט איז זעלטן צו געפינען א מענטשן, וואס זאל טראכטן אנדערש, ווי זיין צייטונג האט אים באאיינפלוסט, אדער ווי די שול־סיסטעם האט אים אויסגעלערנט צו זען די ארומיקע וועלט. און דא קומען נאך צו: די קירך און דער פאליטישן... אלץ דינט געטריי דעם באלעבאס, דעם הערשנדיקן קלאס און זיין ארדענונג. וואוהין קען זיך א מענטש אהינטאן? — ווערט ער אליין א געטרייער דינער, אבי נאר צו קענען לעבן און ציען די עקזיסטענץ איניינעם

מיט די איבעריקע מיליאנען... און דער, וואס האט נאך דערצו א געלעגנהייט אליין צו ווערן א מיטגליד פון דעם הערשנדיקן קלאס, — דערוואַרט ניט פון אים קיין וואונדער... ער וועט זיך באלד אריינפּאַסן און וועט, גלייך מיט אלעמען, פאַרראַטן זיין אָפּשטאַמונג, דעם קלאס פון וואַנען ער איז געקומען און אפילו זיינע אייגענע אידעאַלן, אויב ער האט זיי געהאַט... דאָס זעלביקע וועט זיין מיט דיין ברודער. וואוהין וועט ער אַוועקגיין פון דער ווירקלאַכקייט? ער וועט זוכן א געלעגנהייט... און אז ער וועט זוכן די געלעגנהייט — וועט ער זיך דאַרפן צופּאַסן, ווערן אליין א שרייפּעלע אין דער מאַשין... און אַט איז דיר די געשיכטע פון טויזנטער, וואס זיינען געקומען פון אונטן, און זיינען, נאַכדעם, געוואָרן הערשער פון אויבן...

סאָיער האט געזאָגט:

— ווער־זשע וועט, לויט דיין מיינונג, ניט פאַרראַטן? ס'קומט אויס, אז ס'איז גאָר ניטאָ קיין האָפענונג אויף דעם מענטשן און אויף דער צוקונפט...

— ניט פאַרראַטן וועט דער, וואס האט ניט די געלעגנהייט. דער, וואס האט ניט וואס צו פאַרלירן און וואס איינצושטעלן.

אין געשפּרעך האט זיך אריינגעמישט מאַנלי. ער האט געזאָגט:

— און ווער איז ער, אַט דער, וואס האט ניט די געלעגנהייט? ביי אונז אין לאַנד האט יעדער די געלעגנהייט. ווער ס'האט נאָר די פייאיקייט און דעם ווילן האט א פרייען וועג און קען דערגרייכן וואוהין ער וויל. קיינער שטעלט אים ניט אָפּ... פאַרקערט, דער, וואס האט נאָר די פייאיקייטן און פאַרדינט די געלעגנהייט, יענער קריגט באַלוינונג און הילף. טאָ ווער־זשע איז דער, וואס האט דאָ ביי אונז ניט קיין געלעגנהייט? ניין, ברודער, האסט זיך פאַררעדט...

נובערג האט געזאָגט:

— דער איינציקער האט די געלעגנהייט. דאָס איז אמת.

אָבער די מאסן — האָבן ניט. די גאַנצע מערהייט — האָט ניט. די גאַנצע מערהייט ווערט געהאַלטן אין אומוויסנקייט, אין פיזי־שער און גייסטיקער שקלאַפעריי. די מערהייט ווערט געהאַלטן נידעריק צו דער ערד. איבער איר איז דער גלח און דער באַלעבאָס און דער קרעמער און די גאַנצע שווערע מאַשין פון דער עקזיס־טירנדיקער אָרדענונג. זי טראָגט זיי אונטער צוואַנג. און וועט אַזוי טראָגן ביז זי וועט דערזען די אמת׳ע אורזאַכן פון איר פאַרשקלאַפונג. און אַז זי וועט דערזען, וועט ניט לאַנג דויערן די פאַרשקלאַפונג; אָ, ניט לאַנג!... די מערהייט וועט ניט מורא האָבן צו פאַרלירן דיין „געלעגנהייט". זי האָט ניט קיין געלעגנהייט. זי האָט ניט קיין זאַך אַחוץ איר פאַרשקלאַפונג. אַז זי וועט זיך נאָך אָוועקשטעלן קעגן, וועט זיך אַלץ אָוועקשטעלן און בלייבן שטיין. און וואוהין זי וועט אַ גיי־טאָן, וועט אַלץ אַהין גיין...

מאַנלי האָט געזאָגט:

— דאַן וועט, הייסט עס, זיין אַ רעוואָליוציע.

— דאַן וועט זיין אַ רעוואָליוציע. און נאָך וואָס פאַר אַ רעוואָ־ליוציע! עס וועט קומען דער אמתער באַלעבאָס און וועט פאָדערן אַ חשבון. און דער, וואָס וועט דאַרפן צאָלן, וועט מוזן באַצאָלן דעם חוב. און ווי באַצאָלן! — מיט אַלע פּראָצענטן...

מאַנלי האָט אַ ווײַלע אַ טראַכט געטאָן און געזאָגט:

— עך, טאָם. וועסט פון דאַנען ארויס — וועסטו שלעכט אָפּשניידן... איך מיין — מיט דיינע אידייען און מיט דיינע רייד... און דער פּלאַט איז אויך ניט קיין אָרט פאַר דיר...

נוברעג האָט אַ ווײַלע געטראַכט:

— דאָס אָרט מיך ווייניק. איך זאָל נאָר ארויס פון אָט דער לאָך. און דאַן — זאָל זיין וואָס ס׳וועט זיין.

— ס׳וועט דיר זיין שלעכט, טאָם.

— איך ווייס. אָבער וואָס איז מיין לעבן קעגן דעם לעבן פון מיליאָנען? אָט האָט דער לייטענאַנט מיך שוין פריער געסטרא־

שעט... ער וועט מיך איבערגעבן אין די הענט פון דעם קריגס־געזעץ. און גוט וועט ער טאָן... ניין, איך בין ניט קיין געטרייער מאַרינער. כ׳וועל שוין געטריי קיין מאָל ניט קענען זיין, כל־זמן איך ווייס די אמתע אויפגאַבן פון די אַלע אַרמייען און פלאָטן, און אין וועמעס דינסט זיי שטייען.

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. אַנשוויגן געוואָרן.

לייטענאַנט פאַרקער האָט זיך אַ קער געטאָן צו נובערגן. געלעגן אַזוי אַ ווײַלע מיט אָפענע, אויפגערעגטע אויגן אויף אים. געוואָלט עפּעס זאָגן. זיין מויל איז געווען טרוקן פון דאָרשט און איינגע־האַלטענעם כעס. אין זיין גאַנצן אויסגעטריקנטן קערפּער איז גע־ווען אַן אויפגערעגטע באַוועגונג, אַ באַצווינגענדיקער פאַרלאַנג, אַרויפצואוואַרפן זיך מיט בייזע רייד, אָדער אַפילו מיט פויסטן, אויף דעם מענטשן, וואָס האָט גערעדט די ווידערשפּעניקע רייד. אַזעלכע רייד האָט נאָך אַ מאַרינער קיינמאָל ניט גערעדט אין זיין קעגנוואַרט. אַזעלכע רייד זיינען גאָר קיינמאָל ניט מעגלאַך געווען אויף די ליפּן פון אַ מאַרינער. דאָס, וואָס ער האָט געהערט פון נובערגן אויף זיין סובמאַרין און אין זיין קעגנוואַרט איז שווער געווען צו באַנעמען, ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגן. די ווערטער האָבן זיך געריסן פון זיין האַלז, האָבן אים פאַרוואָרגן, ווי מיט הענט, אָבער זאָגן האָט ער ניט געקענט. ער האָט זיך צוריק אָפּגע־קערט צו דער וואַנט, אַ באַליידיקטער און אַ טיף־אומגליקלאַכער, צונויפגעדרייט זיך אין אַ קרענקלאַכער אומבאַהאָלפנקייט. און אַלע האָבן געזען ווי זיינע פּלייצעס און זיין גאַנצער קערפּער האָט זיך גענומען וואַרפן אין איינגעהאַלטענע קאָנוואולסיעס. און פון דעם איז אויף אַלעמען געפאַלן אַ שווערקייט.

* * *

מער האָט קיינער ניט גערעדט. יעדער האָט פאַר זיך געטראַכט זיינע אויפגערעגטע געדאַנקען. אָבער קיינער האָט שוין ניט גע־קענט קאַלטבלוטיק פאַרטראָגן דעם בייזן געמיט פון די צוויי, וואָס זייער שנאה פון איינעם צו דעם אַנדערן האָט ניט געהאַט קיין

גרעניצן. פון דעם איז געווען שווער. אין דער נשמה איז געווען א גיהנם פון צווייפל. וואס איז עס אלץ געווען מיט זיי? איז דאס געווען — ווירקלאכקייט? האט דאס אלץ געקענט זיין — ווירקלאכקייט? עס איז געווען אן ענגקייט אין יעדן גליד. ס'איז געווען אן ענגקייט אין הארצן און אין מארך, און עס איז פון דעם ניט געווען קיין אויסוועג. ווי וועט מען זיך פון דעם ראטעווען? אין קאפ זיינען געקראכן דערינערונגען. גוטע און שלעכטע. האפענונג און צווייפל. מער צווייפל. און ריידן וועגן דעם האט מען ניט געקענט. ניט געטארט.

יעדער האט געהאט א היים און נאענטע. אן אייגן, אינטים לעבן, וועלכן ער האט אלע מאל געהאלטן פאר זיך. קיינעם אין אים ניט אריינגעלאזט. אבער איצט, — ווי האט מען געקענט זיין אפגעזונדערט? ווי האט מען איצט געקענט זיין נאר פאר זיך? האבן אלע ניט געהאט איין שיקזאל? ס'האט זיך געוואלט ריידן און פארטרויען און איינלאדן דעם נאענטסטן, ווי א גוטן גאסט, אין די סאמע אינטימסטע, אומטיילבארע מאמענטן פונם אייגענעם לעבן, און פארטרויען אלץ, וואס איז געווען פארבארגן אין דער נשמה.

אבער אלע האבן געשוויגן. מורא געהאט פאר דעם צופלוס פון ווארעמע געפילן אין זיך. באהאלטן זיך, ווי א ים־באשעפעניש, אין איר אייגענער שאל, און געשוויגן. לאנג געשוויגן.

נאכדעם האט סאיער ניט אויסגעהאלטן. געזאגט:

— מאדנע. איך האב פריער געזען מיין מאמען אין חלום...

און אז קיינער האט זיך ניט אפגערופן, האט ער עפעס, ווי צו זיך אליין, גענומען ריידן:

— ס'איז אלץ געווען, ווי אלע מאל. אזוי ווי איך וואלט געווען אינדערהיים, צו גאסט... קיין זאך האט זיך ניט געביטן. און די מאמע האט מיך געטאדלט... זי האט מיך אלע מאל געטאדלט, וואס איך האב זיך אנגעטשעפעט אן דעם פלאט... און איצט אויך. און איך האב איר געזאגט: — מאמע, אט באלד

וועל איך צו דיר צוריקקומען אויף אלע מאל. אבער זי האט ניט געגלויבט. זי האט מיר קיינמאל ניט געגלויבט... זי האט געקוקט אויף מיר מיט טרויעריקע אויגן און געשאקלט מיטן קאפ... פון דעם קוק אירן און פון איר שאקלען מיטן קאפ איז מיר געווען אזוי טרויעריק. ס'איז געווען א ווייטיק אין הארצן... נאכדעם האב איך זיך אויפגעכאפט.

ער האט אויפגעהערט צו ריידן. און קיינער האט זיינע רייד ניט אויפגעכאפט. האט ער זיך אפגעקערט, צוזאמענגעדרייט זיך און אנטשוויגן געווארן. אבער זיין קערפער האט זיך נאך א ווײלע געווארפן, ווי פון א כליפן.

נאכדעם האט זיך פון דעם פינסטערן דורכגאנג, פונם קאנטראל-צימער, צוריקגעקערט מארטין. ער האט זיך אוועקגעזעצט אויפן ברעג פון זיין באנק און, מיט א געבראכענער שטים, געזאגט:

— כ'בין געשטאנען לעבן דעם „מארס"... געשטאנען און געשטאנען. איינגעהערט זיך... אבער ווי לאנג קען זיך א מענטש איינהערן אין א פוסטקייט? שטייסט און שטייסט מיט דער טרייבל אויפן אויער, ווארטסט און ווארטסט... און מיט אמאל הויבט זיך דיר אן צו דוכטן, אז דו ביסט טויב. הערסט און הערסט גארניט... איך זאל נאר שטייען נאך אביסל, און איך וואלט טאקע טויב געווארן... צום טייוול! אזוי ווי די וועלט וואלט דארטן אויסגעשטארבן. וואס איז מיט די שיפן? האבן זיי אויפגעהערט אריבערצושווימען דעם אקעאן? צי מ'האט זיי דארטן פאראנקערט אויף אייביק?...

ער האט זיך אויסגעצויגן אויפן באנק. קיינער האט זיך ניט אפגערופן, איז ער אויך אנטשוויגן געווארן. ערשט אין א ווײלע ארום האט זיך סאיער אריינגעמישט אין זיין באמערקונג:

— און מיר דוכט זיך אלע מאל, ווען איך שיק ארויס די סיגנאלן, אז זיי גרייכן אין ערגעץ-ניט... דער קלאנג שטארבט דא און גייט ניט ווייטער פונם אייגענעם אסציליאטאר... און

ווער קען עס וויסן, צי ער גייט ווייטער? ווי, אז דאס איז נאר אונזערע אן אייגענע איינריידעניש? מיר האפן דא, טרייסטן זיך מיט יעדן קלאנג, וואס מיר שיקן ארויס, און ער שטארבט גאר דא און גייט ניט אוועק ווייטער פון אונזער אויער?...

נובערג האט זיך אפגערופן:

— רעדסט נארישקייטן. די אלע איינריכטונגען זיינען גוט אויסגעפרובירט געווארן. זיי האבן באוויזן זייערע מעגלאכקייטן, איידער זיי זיינען דא איינגעשטעלט געווארן. זאל נאר צוקומען א שיף אויף א ראדיאוס פון צוואנציק, אדער אפילו פינף־און־צוואנציק מייל, וועט זי אונז דערהערן. די צרה איז נאר, וואס מיר ווייסן ניט גענוי, וואו מיר זיינען. מיר זיינען אפשר ניט אויפן וועג פון געוויינלאכער נאוויגאציע. די, וואס האבן גע־וואוסט, זיינען טויט. אפשר וויים דער לייטענאנט. אבער ער שווייגט.

א ווײַלע האבן אלע געשוויגן. געווארט, דער לייטענאנט זאל עפעס זאגן. אבער יענער האט זיך ניט א ריר געטאן. ס'איז געווען א שווערער מאמענט. ס'האט זיך געוואלט, אז ער זאל עפעס זאגן. איצט איז שוין געווען די צייט, אז ער זאל אויך זאגן עפעס וועגן דער אומזיכערער לאגע, אין וועלכער זיי, די לעבעדיקע זעקס מענטשן, האבן זיך געפונען. נאך אמאל האט זיך, אויף א רגע, אויסגעדוכט, אז ביי אים איז דער שליסל און דער אויסוועג פון די צווייפלענישן. אפשר האט ער געוואוסט און האט עפעס אויסבאהאלטן?... פארוואס האט ער אויסבא־האלטן?... פארוואס האט ער זיך ניט באטייליקט אין זייער אומעטשלאכע ראנגלענישן? פארוואס האט ער געשוויגן?

מארטין האט געזאגט:

— סקיפער, מיר ווארטן, אז איר זאלט אונז זאגן. אט ווייסן מיר גארניט... פארוואס ווייסן מיר גארניט?

אפגעווארט א ווײַלע און ווידער געזאגט:

— מ׳האָט אונז אַריינגעוואָרפן אין אַט דער לאָך אין אַ גרויסער איילעניש... איר דאַרפט וויסן וואוהין די איילעניש איז געווען, און איר שווייגט... איצט דאַרפן מיר וויסן. און מיר ווייסן ניט... מיר זיינען אין אַ פינסטערניש.

זיין קול האָט אַ ציטער געטאָן. אין אים איז געווען געבעט. אַלע אויגן האָבן זיך געווענדט צו פּאַרקערן. וועט ער ענטפערן?

פּאַרקער האָט זיך לאַנגזאַם אַ קער געטאָן צו מאַרטינען:

— ווילסט, איך זאָל פאַרלעצן מיינע פליכטן, מאַרטין?

קאַלווין פּאַרקער האָט נאָך קיינמאָל ניט פאַרלעצט זיינע פליכטן. און דאָ זיינען שוין צופיל די פליכטן אונזערע צום לאַנד פאַר־לעצט געוואָרן...

— אָבער מיר דאַרפן וויסן וואָס צו טאָן... מיר וועלן דאָ פאַרלאָרן גיין. מיר דאַרפן זיך אַרויסראַטעווען. קיינער וויל דאָ ניט שטאַרבן.

פּאַרקער האָט אָפּגעוואָרט און געזאָגט:

— מיר אַליין קענען זיך פון דאַנען ניט אַרויסראַטעווען. פאַרשטייט: — מיר קענען ניט. מיר דאַרפן זיך פאַרלאָזן אויף דער דרויסנדיקער הילף. וועט זי קומען, וועט מען אונז ראַטעווען. אויב ניט — לאָמיר שטאַרבן ווי סאָלדאַטן.

ער האָט זיך אָפּגעקערט. מאַרטין האָט זיך אומרואיק גענומען באַוועגן. אַ רגע ניט געפונען קיין ווערטער. נאָכדעם האָט ער געזאָגט:

— סקיפּער, מיר שטאַרבן שוין... אַט שטאַרבן מיר שוין. ס׳איז ניטאָ קיין האָפענונג, אַז די הילף זאָל קומען. איך זאָג אייך, ס׳איז ניטאָ... און איר רעדט וועגן פליכטן... אַ, גאָט!

ער האָט זיך צוריק אַוועקגעלייגט אויף זיין אָרט. פון אויפ־רעגונג האָבן ביי אים געציטערט אַלע מוסקולן אויפן פּנים, ווי פון אַ שטאַרקן נאַר־וואָס איבערגעלעבטן שרעק. איבערן גאַנצן קערפּער זיינען אַרומגעלאָפן איבערגעשראָקענע כוואַליעס און האָבן

אויפגעציטערט די קראנקע גלידער. צום ערשטן מאל האט אין אים אויפגעברענט דער כעס אויף פארקערן. ער האט זיך צום ערשטן מאל דערפילט ווי אין דער נאענטער קעגנווארט פון א שונא. די איבעריקע האבן אויך געשוויגן. אבער אין זיי האט שוין אויך געברענט די שנאה צו דעם לייטענאנט. די הערצער האבן אויפגערעגט געקלאפט אין די ברוסטן. קיינער האט אבער ניט גערעדט.

קאַפּיטל פופצן

מאַרטין איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און געוואַרט ביז ס'וועלן זיך אים באַרואיקן די אויפגערעגטע בלוטן. געלעגן און געטראַכט וועגן זיין היים. וועגן זיינע נאָענטע. ער האָט געהאַט אַ שיינע היים. ער פלעגט אָפט נעמען אורלויב צו זען זיין ווייב. ער פלעגט זיך קוים קענען דערוואַרטן צו קומען אַהיים. און די פרוי האָט ער אויך זייער ליב געהאַט. זיין פרוי איז געווען אַ שיינע. איר שיינקייט האָט אים געפרייט ביז ווייטיק. איר שיינקייט האָט אים געפרייט און שטענדיק באַאומרואיקט. ער איז אין איר שטענדיק געווען פאַרליבט און ער איז אויף איר שטענדיק אייפער־זוכטיק געווען. זי איז געווען אַ טייער וועזן, איבער וועלכן ער האָט געציטערט. פאַר איר האָט ער געלעבט. צוליב איר איז ניט געווען שווער צו ציען דאָס שווערע לעבן פון אַ מאַטראָס. ער האָט זיך ליב געהאַט מער ווי אַלץ אויף דער וועלט. דערפאַר האָט ער ליב געהאַט אויך זיין היים מער ווי אַלץ אויף דער וועלט. און די היים איז מאָדנע ענלאַך געווען אויף דער פרוי. די פרוי האָט געקענט, מיט אַ מאָדנער איינגעבאַרענער פייאיקייט, אין אַלץ אַריינבלאָזן איר גייסט, איר כאַראַקטער, איר שטימונג און איר געשמאַק.

וואָס איז מיט איר איצט געווען? האָט זי שוין געוואוסט וועגן דער קאַטאַסטראָפע? ווי האָט זי אויפגענומען די נייעס?

ער האָט געזען די היימישע בילדער. געזען דאָס ווייב. געזען אומקלאָר, ווי דורך אַ טומאַן. די בילדער האָבן זיך געביטן, זיך געריסן, ניט געוואָלט לאַנג פאַרבלייבן אין זכרון. עס האָט גע־קלעמט ביים האַרצן. ס'איז אָנגעקומען אַ בענקשאַפט נאָך דער פרוי. ער האָט געוואָלט צו איר. וואו זי איז געווען, איז געווען וואַרעמקייט און פרייד. נאָר זי האָט געהאַט פרייד און גוטסקייט פאַר אים. די וואַרעמקייט אין איר איז געווען זיינע. און די פרייד אין איר איז געווען זיינע.

און ער האָט אין זיך ניט געקענט פאַרשטיקן די ווערטער, וואָס האָבן זיך געוואָלט אַרויסרייסן פון זיין ברוסט:

— אָ, בעלאַ, טייערע בעלאַ!... וואָס וועט עס זיין מיט מיר! וואָס וועט עס זיין מיט מיר?!...

ער האָט די ווערטער אַרויסגעזאָגט. קיינער האָט זיי ניט געהערט, אָבער ער האָט זיי אַרויסגעזאָגט און ער האָט זיי געהערט. און גלייך האָבן זיך האַרטע קייקלאַך אַרונטערגעקייקלט צום גאָרגל און פאַרוואָרגן. און דאָס האָט געדויערט עטלאַכע מינוטן. אַזאַ בענקשאַפט האָט ער אפשר נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן אַדורכגעלעבט. אין דער קינדהייט האָט ער אַזאַ בענקשאַפט דורכגעלעבט. דאָס איז געווען, ווען זיין מוטער איז געשטאָרבן און איבערגעלאָזט אים אויף דער וועלט, אַ קליין קינד. פון אָנהויב האָט ער ניט פאַרשטאַנען, וואָס ס'האָט פּאַסירט מיט דער מאַמען. ניט געוואוסט, וואָס ס'איז אַזוינס דער טויט. ניט פאַרשטאַנען וואָס מ'האָט געטאָן מיט דער מאַמען. אַלץ, וואָס מ'האָט געטאָן איז געווען מאָדנע און אומגעוויינלאַך, אָבער קיין צו שטאַרקע עמאָציעס האָט עס אין אים ניט אויפגעוועקט. אפילו דאָס געוויין פון די נאָענטע איבער דער מאַמען האָט אויך ווייניק גערירט. אָבער אַז ס'זיינען דורכגעגאַנגען עטלאַכע טעג און די מאַמע איז ניט געווען, האָט עפּעס פאַרקלעמטביים האַרצן און ניט אָפּגעלאָזט:

— מאַמע!

די מאַמע איז ניט געווען. מ'האָט זי אין ערגעץ אַוועקגענומען, און זי איז ניט געווען. און ער האָט געוואָלט די מאַמען. ער האָט זי אַזוי געוואָלט! די בענקשאַפט אין אים איז געווען גרעסער פון זיינע כּחות. ער האָט עס ניט געקענט אַריבערטראָגן. ער האָט אָנגעהויבן צו מאָנען זיין מאַמען.

— מאַמע, מאַמע!

ער האָט געקלאָגט און געפאָדערט, און געשלאָגן זיך מיטן קאָפּ אין דיל, געקייקלט זיך און געפאָדערט זיין מאַמען, אָבער די מאַמע איז ניט געקומען. די מאַמע איז ניט געווען. און קיינער

האט ניט געקענט אנטפערן אזוי, אז ער זאל פארשטיין, פארוואס די מאמע איז ניט געווען. און קיינער האט זי פאר אים ניט געוואלט ברענגען...

און איצט איז צו זיין הארצן אויך צוגעפאלן אט די בענק־שאפט, וואס פון איר ווילט זיך אוועקפאלן אויף דער ערד, קייקלען זיך און יאמערן, און קלאפן קאפ אן דיל, און רופן, ביז א פאר־געסונג, ביז ספאזמען, ביז משוגעת. ווייל ס'איז אזוי ענג געווען אינם הארצן, גלייך מ'וואלט עס צונויפגעדריקט אין צוואנגען און ניט אפגעלאזט. און ס'איז ענג געווען צו אטעמען און צו לעבן.

— בעלא, מיין ליבע בעלא!... מיין ווייב!

זי איז פאר אים געווען א געליבט ווייב און א מאמע. אן איר האט ניט געקענט זיין זיין לעבן. אן איר האט ער ניט באדארפט דאס לעבן.

ער איז געלעגן צווישן אלעמען אליין. ער האט ניט געהערט קיינעמס אטעם און קיינעמס קרעכץ. די וועלט איז איצט געווען נאר ער אליין און זיין בייענקשאפט נאך זיין פרוי און נאך זיין היים. און ער האט נאך אמאל, שוין אויף א קול, געזאגט:

— בעלא, מיין ליבע בעלא! א, גאט!

און ער האט גארניט געוואוסט, אז די ווערטער האט ער ארויס־געזאגט אינדערהויך. און אלע האבן די ווערטער געהערט, אבער קיינער האט זיך אויף זיי ניט אפגערופן. האט ער נאך אמאל צו זיך געזאגט:

— א, בעלא... בעלא...

זיין שטים האט א ציטער געטאן, און ער האט זיך פאנאנ־דערגעוויינט. געווארפן זיך מיטן גאנצן קערפער און געוויינט. און ניט געקענט אויפהערן. אליין געוואלט אז דאס געוויין זאל ניט אויפהערן. געפילט אפילו א דערלייכטערונג אין אלע אברים פון דעם געוויין. געוויינט און געוויינט און אליין ניט געוואוסט ווי לאנג ער וועט נאך אזוי וויינען.

נובערג איז צו אים צוגעגאנגען, און חבר'יש א זאג געטאן:

— הער אויף, מארטין. וואס איז דיר? צו שנעל האסטו געגומען פארלירן דיין מוט. ס'איז ערשט דאס צווייטע מעת־לעת.ווארט צו. און נאך דער ווייב דיינער בענקסטו אויך צו־פיל. פאלג מיך, בארואיק זיך. האסט זיך פארבענקט נאכן ווייב. מארינער, עה, מארינער! אדער ס'איז אים ווייניק געווען א ווייב אין יעדן פארט, אדער ער פארגייט זיך אין געוויין נאך זיין אייגן ווייב...

און ס'איז געווען אין זיינע רייד אי בארואיקונג, אי פארוואורף, אי חוזק.

מארטין האט נאר געקענט זאגן:

— א, טאם, דו ווייסט ניט, וואס זי איז פאר מיר געווען. דו ווייסט ניט...

— איך ווייס. און איך קען אויך דיין ווייב. א שיינע ווייב. אבער אראפפאלן ביי זיך דארף מען אויך ניט. וועסט זיך אויס־מאטערן אומזיסט־אומנישט. און דא דארף מען כח. דא דארף מען האבן מוט.

— דו ווייסט ניט, וואס זי איז פאר מיר. זי איז מיין ווייב און מיין געליבטע. איך האב זי ליב. א, ווען דו ווייסט, ווי איך האב זי ליב!

און ווידער זיינען שוין אין זיינע ווערטער געווען טרערן. מארטין האט די טרערן אראפגעשלונגען און געזאגט צו נובערגן:

— האסטו נאך קיינמאל ניט געהאט קיין געליבטע?

יענער האט א טראכט געטאן א ווײלע און געזאגט:

— איך האב געהאט און ניט געהאט. ניין, איך האב ניט געפירט קיין ליבעס. איך האב קיינמאל ניט געהאט קיין צוטרוי צו פרויען. איך האב אלעמאל געקויפט די פרייד, וואס א פרוי קען געבן, פאר געלט. אמאל דא, אמאל — דארטן. וואס איז ניט אלצאיינס — געקויפטע ווארעמקייט, צי געשאנקענע? אלצאיינס. איך גלויב ניט אין דער פרויען ליבע.

און ווידער האט מארטינס קול א ציטער געטאן.

נובערג האָט ניט געענטפערט. צוויי מענטשן האָבן זיך פאַר־טראַכט. יעדער האָט געטראַכט זיינע אייגענע געדאַנקען. אויף א ווײַלע זיינען זיי געוואָרן דערווייטערט. יעדער איז געווען אין זיין אייגענער וועלט, איינגעגראָבן זיך אין זיין אייגענעם ווינקל און דאָרטן פאַרלאָרנגעגאַנגען.

מאַרטין האָט געזאָגט:

— אָן א ליבע און אָן א גאָט קען א מענטש ניט לעבן.

— די ליבע צו דער פרוי און די מורא פאַר א גאָט!... לויט מיין מיינונג, האָבן דיכטער און גלחים פאַרשקלאַפט דעם מענטשנס האַרץ. איינגעפלאַנצט אין אים ליגן און היפּאָקריטסטווע. היינט צו טאָג איז ניטאָ קיין ליגנערישערע און היפּאָקריטישערע זאַך ווי דעם מענטשנס האַרץ. דעם מענטשנס פרומקייט איז היפּאָ־קריטסטווע און פייגהייט. און די ליבע צו א פרוי — וואָס איז עס, אויב ניט גראָבע ליידנשאַפט, פאַרקליידט אין פרומער היפּאָ־קריטסטווע? אַז ס׳געפעלט דיר א פרוי — ווילסטו זי גלייך באַזיצן. ווילסט זי זאָל זיין דיינע. נאָר דיינע. וואָס מער זי פּאַסט זיך אַריין אין דיינע ליידנשאַפטן, גייסטיק, צי פיזיש, אַלץ שטאַרקער האָסטו זי ליב. אַזאַ אייגן־ליבע, וואָס מ׳שעפּט אַרוים דורך דער ליבע צו א פרוי. און מיט דיין גאָט איז אויך אַזוי. א מיטל פאַר אייגענער זעלבסטזיכטיקייט. מ׳האָט אויסגעטראַכט א גאָט, כדי צו באַהאַלטן דעם אייגענעם היפּאָקריטישן פאַרצוף הינטער זיין פּנים. זיי האָבן אויסגעטראַכט זיין נאָמען, כדי צו באַהאַלטן זיך אונטער אַן איינציק וואָרט. אַזוי האָט מען אויך אויסגעטראַכט גוטסקייט און אמת, כדי צו האָבן אונטער וואָס צו באַהאַלטן דעם ליגן און די בייזקייט און דעם באַטרוג. טייוואָלים!

— דער, וואָס האָט ניט געליבט, טיף און מיטן גאַנצן האַרצן, קען עס ניט אָפּשאַצן. און אַזוי איז אויך מיט גאָט. דער, וואָס איז ניט פרום, וועט קיינמאָל ניט באַנעמען גאָט. גייז, טאַטע, דו וועסט עס ניט קענען אָפּשאַצן.

מ׳האָט א ווײַלע געשוויגן. די רייד, וואָס מ׳האָט דאָ גערעדט

זיינען געווען קרענקלאך. אזעלכע רייד האט מען נאך קיינמאל ניט געהערט. די רייד זיינען געווען, ווי וואונדן, וואס האבן דערמאנט אן דער אייגענער קראנקייט מיט א נאגנדיקן ווייטיק. פארבארגענע געדאנקען האבן זיך געריסן אין דרויסן מיט זייער שפיציקייט, ווי שארפע שפיזן, וואס האבן זיך ניט געלאזט פאר־בארגן.

דזשאן קארי איז די גאנצע צייט געלעגן אן ווערטער. ער איז געלעגן ווי אין א פארגעסונג. אין זיין מארך איז געווען א טונקל־קייט. באלד נאך דער קאטאסטראפע, ווען ער איז געקומען צו זיך פון דעם שרעק און פון די ווייטיקן, האט ער אין זיך דערפילט אן אפגעלאזנקייט און א פינסטערקייט אין מארך, וואס האט ניט געלאזט פאנאנדערקלייבן זיך אין דער ווירקלאכקייט.

אבער איצט האט ער זיך מיט א באזונדער וואכזאמקייט צוגע־הערט צו דעם געשפרעך פון די חברים. דער געשפרעך האט אים גערעגט. פון מארך זיינען אראפגעצויגן געווארן טונקעלע שלייערן. ס'איז אים געווארן קלארער. ער האט פלוצלונג געזאגט:

— און א מאמעס ליבע... און א מאמעס ליבע קענסטו אפשאצן?

אלע האבן זיך צו אים א קער געטאן. קיינער האט ניט גע־וואוסט צו וועמען דזשאן האט געווענדט זיין פראגע. האט מארטין א פרעג געטאן:

— וועמען פרעגסטו?

דזשאן האט געזאגט:

— דיך פרעג איך, מארטין, ווי הויך שטעלסטו א מאמעס ליבע?

— וואס מיינסטו?

— אט דאס מיין איך...

— א מאמעס ליבע שטעל איך הויך. זייער הויך. העכער ווי אלץ אויף דער וועלט.

— העכער פון געלט?

— העכער פון געלט און פון אַלץ... וועגן דעם איז ניטאָ אפילו וואָס צו ריידן!

— און פאַר געלט קען מען זי ניט אָפּקויפן?... וואָס דיינקסטו, מאַרטין?

— ניין. מיט געלט וועסטו אַ מאַמעס ליבע ניט אָפּקויפן. ניט אַ מאַמעס... דאָס, ברודערקע, איז טיף. דאָס קענסטו ניט קויפן און פאַרקויפן. דאָס איז הייליק.

דזשאָן קאָרי איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט נאָך געוואָלט עפּעס זאָגן. און אַלע האָבן דאָס בעמערקט. אָבער ער האָט ניט געזאָגט. און ס'איז געווען טרויער אין זיין שווייגן. פּונקט ווי ער וואָלט זיין געצוואונגען צו באַהאַלטן עפּעס.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט נובערג געזאָגט צו מאַרטינען:

— דו ווייסט, איך האָב זייער אָפט וועגן דעם געטראַכט. אין דער קינדהייט — זייער אָסך. שפּעטער — ווידער אַמאָל געטראַכט. ס'איז מאָדנע... די פרוי ווערט פאַרהייליקט. זי איז ערשטנס — אַ מאַמע. נאָכדעם — אַ שוועסטער, אַ געליבטע, אַ ווייב, אַ מאַמע פון דעם מאַנס קינדער... און ווער קען זיך פאָרשטעלן זיין מאַמען, אָדער זיין שוועסטער, אָדער זיין ווייב ווי אַ פּראָסטיטוטקע? ניין, ס'איז שווער. מיין שוועסטער — זי איז די אומשולדיקסטע. מיין מאַמע — די הייליקסטע. אַנדערש קען עס גאָר ניט זיין. אָבער, אַז דו קוקסט זיך צו צום לעבן — אָט הויבט דיר אָן צו שווינדלען פאַר די אויגן! די אָנגענומענע אמת'ן הויבן אָן פאַלן איינער נאָכן אַנדערן... אַזוי פיל פּראָסטיטוטקעס אויף דער וועלט, און זיי זיינען אומיצנס טעכטער און שוועסטער און ווייבער... איך האָב איין מאָל געקענט אַ בחור. געווען אַ גוטער מענטש. אָבער געהאַט זייער עקסטרעמע אידייען. ווייל דאָס לעבן האָט אים ניט געשאָנעוועט. ער האָט זיך אויסגעוואָלגערט אומעטום. אויך פון פרויען ניט געהאַט קיין נחת. נו, זאָגט ער מיר איין מאָל: — פרויען — אַלע פרויען זיינען פּראָסטיטוטקעס און פאַרקויפטע נשמות... און ער הויבט

אַן צו זידלען זיי מיט די ערגסטע ווערטער. ער רעדט, און איך לאָז אים אויסגיסן אויף זיי זיין געמיט... נאָכדעם גיב איך צו אים אַ זאָג: — „דו זאָגסט, אַז אַלע פרויען זיינען פּראָטיטוטקעס. גוט. און וואָס איז וועגן דיין מאַמען? און וועגן דיין שוועס־טער?..." איז ער בלייך געוואָרן. ניט געהאַט וואָס צו ענט־פערן. ווייל, אַט, די אייגענע מאַמע און די אייגענע שוועסטער קען מען זיך ניט פאָרשטעלן פאַר פאַרקויפטע נשמות... אָבער פאַרט, אַז דו גייסט זיך דורך איבערן לעבן, קוקסט זיך צו — אַלץ ווערט פאַרקויפט און געקויפט. און דו שטייסט און וואונדערסט זיך וואָס פאַר אַ לעבן דאָס איז, צו אַלדי שוואַרץ־יאָר!... אַלץ ווערט דאָ באַשפּיגן און באַשמוצט.

ער האָט זיך ווידער פאַרטראַכט. נאָכדעם האָט ער געזאָגט:

— איינמאָל איז מיר איינגעפאַלן אַ לעב צו טאָן אַ גוטן טאָג. נו, וואָס איז ביי אונזערע מענטשן — „אַ גוטער טאָג?" — גע־ווינלאַך: פרויען. זיינען מיר, איך און נאָך אַ פריינט, אַוועק פריער אין אַ בוירלעסק־טעאַטער, נאָכדעם — אין אַ פריילאַכן קאַבאַרע און שפּעטער — אין אַ נאַכט שענקל... און וואָס ס'איז מיר פאַרבליבן אינם זכרון איז — פרויען. די פרויען, וואָס האָבן זיך פאַרקויפט פאַר געלט... און דאָס זיינען געווען אימיצנס פאַרהייליקטע שוועסטער און געליבטע און צוקונפטיקע „הייליקע" מאַמעס... און ווי נידעריק זיי האָבן זיך פאַרקויפט!

מאַרטין האָט געזאָגט:

— נו, דאָס זיינען די אויסוואורפן פון דער געזעלשאַפט. אַ קליינער פּראָצענט. אַזוי ווי פאַרברעכער. מיט דעם דאַרף מען זיך ניט רעכענען. די מערהייט איז ניט אַזוי.

— און די מערהייט איז אויך אַזוי. ס'ווענדט זיך אָן די אומשטענדן. איך מיין, אָן די עקאָנאָמישע אומשטענדן. אָן דער סיסטעם פון לעבן. אין אָרעמקייט און הפקר'דיקייט פון איצטיקן לעבן — ווער וועט זיך ניט פאַרקויפן? די אומשולדיקסטע מיידל מוז זיך דיר אַמאָל פאַרקויפן. כ'האָב אַליין ניט איין מאָל גערעדט

מיט אַזעלכע. אייניקע טרייבט דער הונגער פון מאָגן און אייניקע — דער הונגער נאָך כלומרשטן לוקסוס, נאָך זיידענע שמאַטקעלאַך מיט אַביסל זאַרגלאָזיקייט... אָבער אַלעמען טרייבט אַ נויט. ניטאָ קיין זיכערקייט. ניטאָ קיין האָפענונג — און דאָ ווערט דיר פון אַ וועלכער עס איז „שוועסטער", אָדער „מאַמע" — אַ גאַסן־פרוי. און מיט אַלעמען איז דאָס זעלביקע. מ'פאַרקויפט זיך. די גרויסע מאַסן פאַרקויפן זיך, זייערע כחות און זייערע נשמות — אַלצאַיינס. מ'פאַרקויפט זיך צוליבן הונגער, צוליב באַקוועמ־לאַכקייט, צוליב די אַלע זאַכן, וואָס לאָקן דאָס אויג. און אימיצער קלייבט אויף דעם ריוח פון דער גרויסער ליזונג. כע!

ער האָט זיך אויסגעדרייט און ניט געוואָלט מער ריידן. מאַנלי, וואָס האָט די גאַנצע צייט מיט אינטערעס זיך צוגעהערט צו דעם געשפּרעך, האָט אַ זאָג געטאָן, ווי צו זיך אַליין:

— און מיר דוכט, אַז אַ מאַמע איז הייליק. איך קען זיך ניט פאָרשטעלן, אַז אַ מאַמע זאָל זיך פאַרקויפן. אויב זי פאַרקויפט זיך איז זי אַ פּראָסטיטוטקע און ניט קיין מאַמע. אַ מאַמע איז הייליק.

נובערג האָט זיך אַ קער געטאָן צו אים:

— ביי אונז האָט מען אַלץ ליב צו פאַרהייליקן. אַמאָליקע יאָרן האָט מען פאַרהייליקט דעם קעניג. און אויך דעם גלח. נאָך גאָט איז געווען דער קעניג און דער גלח. זיי זיינען געווען פאַר־רעכנט פאַר די בעסטע צווישן מענטשן. דער געוויינלעכער מענטש האָט זיי באַדאַרפט זיין אונטערטעניק. באַדאַרפט זיי באַדינען און אַוועקגעבן דעם לעבן פאַר זיי. צווישן זיי האָבן געמעגט זיין אידיאָטן, דעגענעראַטן, ליגנער און היפּאָקריטן. דאָס האָט קיינעם ניט געטאָרט אַרן. דאָס פאָלק האָט זיי סיי ווי באַדאַרפט דינען, פאַרהייליקן און שטעלן הימל־הויך איבער זיך. זיי זיינען געווען צווישן די מאַסן און די הימלען... און מענטשן האָבן אין זיי געגלויבט. געבראַכט קרבנות. אַזוי האָט מען אין זיי אַריינגעפּאָמפּעט דעם גלויבן, און זיי האָבן אָנגענומען דעם

גלויבן בלינדערהייט. אָבער אַט האָט מען זיך פון דעם ליגן בים־לאַכווייז גענומען אויסניכטערן און אָפּטרייסלען. און מ'וועט זיך, מיט דער צייט, אינגאַנצן אָפּטרייסלען. אַזוי איז מיט דער מאַמען. המ... די מאַמע! מ'האָט טויזנטער יאָרן גערעדט דאָס זעלביקע: — די מאַמע איז הייליק! מיט אַ באַזונדער ציטער האָט מען אַרויסגערעדט דאָס וואָרט — מאַמע. מ'האָט זי דורך אַלע דורות פאַרהייליקט. וועגן איר האָט מען דערציילט וואונ־דערלאַכע מעשות. פאַר איר האָבן פּאָעטן פאַרפאַסט לידער. וועגן איר זיינען פול אַלע ביכער פון דער וועלט, ווי וועגן אַ געטלאַכן וועזן. זי איז געוואָרן דער סימבאָל פון שיינקייט, ריינקייט און גוטסקייט. ריינע ליבע און אָפּערוויליקייט איז געוואָרן די ברכה פון איר לעבן אויף דער וועלט. און מ'האָט אינגאַנצן גענומען פאַרגעסן, אַז זי איז אַ מענטש פון פלייש און בלוט, ווי איך און ווי דו. זי איז זינדיק ווי איך און דו. זי קען זיין עקלדיק, ווי איך און ווי דו. זי קען זיין ליגנעריש און קען פאַרראַטן אירע אייגענע קינדער ניט ערגער פאַר דעם פאָטער. און ס'איז ניטאָ זי וואָס אויסצוטיילן. און איך האַלט, אַז דאָס איז אויך איינער פון די ליגנס, מיט וועלכן מ'וויל פאַרשטעלן דעם אמת.

מאַנלי האָט זיך קוים דערוואַרט ביז נובערג האָט געענדיגט. געזאָגט:

— דו ווייסט ניט, וואָס דו רעדסט, טאָם.

אויך סאַיער האָט געזאָגט:

— די מאַמע — זי איז דער ריינסטער מענטש צווישן מענטשן. איר וואָלט איך, אָן מורא און אָן צווייפל, פאַרטרויעט מיין לעבן. אַזוי אַ פרוי וואָלט איך ניט געטרויט. אָבער דער מאַמען... פאַר איר וואָלט איך געקענט אוועקגעבן מיין לעבן. פאַר דער מאַמען... אָט וואָס פאַר מיר איז די מאַמע...

ער האָט עס מיט אַן אויפגערעגטער שטימע געזאָגט. און גלייך נאָך אים האָט אויך מאַרטין צוגעגעבן:

— איך אויך. איך געדענק. דאָס איז געווען, ווען איך בין

נאָך געווען גאָר אַ יונגער בחור'ל, האָט זיך מיינער אַ חבר, אין אויפרעגונג, דערלויבט צו זאָגן אַ שלעכט וואָרט וועגן מיין מאַמען... נו, האָב איך אים גלייך אויפן אָרט דערלאַנגט אין די ציינער... און ער איז שוין מער ניט געווען מיין חבר...

— פונם שטאַנדפּונקט פון אַ קינד, איז יעדע מאַמע אַ הייליקע... יעדער זון וועט אַוועקגעבן זיין לעבן פאַר דער אייגענער מאַמען. מיר ריידן ניט פון דעם... מיר ריידן אין אַלגעמיין... דאָס דאַרף פאַרשטאַנען ווערן אין אַלגעמיין... און אין אַלגעמיין איז יעדע מאַמע, פריער פון אַלץ — אַ פרוי, און אַלע מאָל מער פרוי, ווי מאַמע. לייענסט אַמאָל ביכער וועגן פרויען, אָדער דו קוקסט אויף זיי פון דער־זייט — דוכט זיך דיר, אַז אין איר איז ווייניקער מאַמע, ווי קורטיזאַנע... ס'איז וועגן דעם שווער צו ריידן... אָבער דאָס לעבן לערנט אַזוי. זיי זיינען הייליק אין זייער ליבע צו זייערע אייגענע קינדער, אָבער אין אַלגעמיין — זיינען זיי פרויען...

אַלע האָבן באַמערקט ווי דזשאָן האָט זיך ווידער אומרואיק אַ באַוועג געטאָן. פריער מיט אַ האַנט און נאָכדעם — מיטן קאָפּ. אַ קוק געטאָן אויף איינעם, אויפן צווייטן און זיך ווידער אָפּגע־קערט. אָבער די אומרואיקייט האָבן שוין אַלע באַמערקט. סאַיער האָט געזאָגט:

— וואָס איז דיר, דזשאָן?

דזשאָן האָט פאַרלאָרן אַ קוק געטאָן אויף אים. געזאָגט:

— אָט איר רעדט וועגן מאַמעס... המ... איך האָב אַ מאַמען. און זי איז מיר אַ גוטע מאַמע... אָבער וואָס ס'איז געווען אַמאָל — איז אַן אַנדערע מעשה... זי איז ניט געווען קיין גוטע מאַמע און ניט געווען קיין גוטע ווייב... אָבער דאָס איז געווען אַמאָל. ניין. זי איז ניט געווען קיין גוטע מאַמע.

ער האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם פון דער ערשטער אויפ־רעגונג. און אַז אַלע האָבן זיך ניט אָפּגערופן אויף זיין באַמערקונג, האָט ער ווידער געזאָגט:

— אַלע האָבן ליב און פאַרהייליקן זייערע מאַמעס... און איך אויך. מיין מוטער איז איצט אַלט. זי איז אַ גוטע אַלטיטשקע... אָבער אין דער יוגנט איז געווען אַנדערש... ניט דאָס. צו וואָס זאָל איך לייקענען? — ניין, זי איז ניט געווען קיין גוטע מאַמע. און איצט, אַז דאָס אַלץ איז שוין פאַריבער — ווייס איך שוין ניט וועמען צו באַשולדיקן. אפשר איז שולדיק זי אַליין. און אפשר — דאָס לעבן. ווער קען איצט וויסן?... אין די יונגע יאָרן האָב איך זי באַשולדיקט. זי אַליין, און מער קיינעם ניט. איצט אָבער... ס'איז שוין ווייט. און זי איז אַן אַנדערע. אַ גוטע אַלטיטשקע... אָבער אין יענע יאָרן, אַז איך פלעג לייענען ווי פרויען נאַרן אָפּ זייערע מענער, ווי באַטריגע־ריש זיי זיינען צו איבערגעגעבענע מענטשן... ווייניק שרייבן דען די צייטונגען וועגן מאַמעס, וואָס לאָזן איבער זייערע ניי־געבאָרענע קינדער אויף דער גאַס, וואַרפן זיי אַריין אין רינשטאָקן אָפּטרעטן און מיסט־קאַנען?... איך פלעג לייענען און זאָגן: „אָט אַזאַ איז מיין מאַמע... זי איז ניט בעסער..." אַזוי פלעג איך טראַכטן. אָבער איצט, אַז זי איז מיר אַזאַ גוטע און איבער־געגעבענע מוטער, — באַשולדיק איך דאָס לעבן. די ביטערע אָרעמקייט, וואָס טרייבט אַ מענטשן צו אַלערליי פאַרברעכנס...

ס'איז געווען מאָדנע צו הערן דזשאַנען ריידן אַזוי וועגן זיין מוטער. אָבער איצט האָט מען שוין געפילט, אַז דזשאַן האָט אַ פאַרלאַנג צו ריידן און צו דערציילן. אַזוי פאַרטרוילאַך האָבן זיינע אויגן געקוקט אויף די אַרומיקע. אַזוי ווי פאַר אַ וידוי. און אַרום דער אויבערשטער ליפּ האָט עפּעס געציטערט אַן אָדערל און ניט געוואָלט זיך באַרואיקן. ער האָט געזאָגט ווי צו זיך אַליין:

— קיין בייזקייט צו איר פיל איך ניט... זי איז אַ מאַמע... און איך וועל זי אפשר קיינמאָל מער ניט זען... ניין, איך ווייס: איך וועל זי שוין מער ניט זען... איך האָב שוין אַלץ פאַר־ענדיקט... אָבער מיין האַרץ איז פול מיט ליבע צו איר...

אין זיין קול זיינען געווען טרערן. ער האָט אָפּגעוואַרט. אַראָפּגעשלונגען די טרערן איין מאָל און נאָך אַמאָל. געזאָגט:

— איך וויל אייך דערציילן. הערט מיך אויס... כ'האָב אָפּגעלעבט פינף־און־דרייסיק יאָר אויף דער וועלט. געלעבט ווי אַלע... און איצט, אַז איר דערמאָנט אַ מאַמען, האָב איך זיך דערמאָנט אָן דער קינדהייט... אַך, וואָס פאַר אַ קינדהייט דאָס איז געווען!

ער האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און פאָרטגעזעצט:

— איך בין געבאָרן געוואָרן אין אָרעמקייט... אַזוי, ווי מיר אַלע. ס'איז ניט אַלע מאָל געווען געלט אויף ברויט. אויף שיך... אין הויז זיינען געווען קליינע קינדער. איינער קלענער פאַרן אַנדערן. דער פאָטער איז געווען אַן אַרבעטער אין אַ קליינ־שטעטלדיקער שמיד־פאַבריקל. פלעגט פאַרדינען ווייניק און אַרבעטן אַסך. אין יענע יאָרן זיינען נאָך ניט געווען קיין באַשטימטע שעה'ען. דער טאַטע האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין געלט אויף טאַביק. געווען אַ שטאַרקער רייכערער... אָבער, מאָדנע, די מאַמע האָט אַלע מאָל געהאַט אַ שמינק, אַ פּוידער, אַ אַלערליי שמאַטעס... זי האָט זיך זייער ליב געהאַט צו פּוצן. זי האָט אַראָפּגעגנב'עט געלט פון די קינדערס מילך, אָבער פאַר שמינקע האָט זי שוין אָפּגעשפּאָרט... דערצו איז זי געווען אַ שיינע, און מענער פלעגן אַרום איר אַרומפּאַדען... נו, פלעגט נאָר דער טאַטע אַוועק צו דער אַרבעט, איז זי שוין געווען לעבן שפּיגל, גלעטן און אויסדרייען די לאָקן, אָדער שמירן די ליפּן... דאָס קליינע קינד אין וויגל פלעגט פּלאַצן פון געוויין, פאַרגייען זיך אין אַ בלייכקייט, אָבער זי האָט זיך פון שפּיגל ניט געקענט אָפּרייסן... און צוליב וועמען האָט זי זיך געפּוצט? — פריער האָט קיינער ניט געוואוסט. קיינער האָט זי אָפּן ניט פאַרדעכטיקט. און מיר, קליינע קינדער, האָבן אודאי ניט פאַרדעכטיקט. מיר האָבן נאָך גאָרניט פאַרשטאַנען... אָבער, אַז איך בין אַביסל עלטער געוואָרן, האָב איך ערשט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז די

מאמע פוצט זיך ניט פאר מיין טאטן... פארקערט, ווי נאר דער טאטע פלעגט זיך אומקערן פון דער ארבעט, איז שוין אויף איר פנים ניט געווען דער שמינק און די לאקן זיינען ניט געווען אין יענער ארדענונג... נאך מער, אין די פרימארגנס איז מיין מאמע אפילו געווען אפגעלאזן, צעשוואומען און ניט פארקעמט. ניין, זי האט קיינמאל ניט געזוכט צו געפעלן דעם מאן.

„און ווי האב איך דאס אלץ אנטדעקט? — איך האב באמערקט אז ווי נאר דער פאטער פלעגט פארלאזן דאס הויז, פלעגט זי זיך אנהויבן צו פוצן, איילן זיך ערגעץ, און שפעטער — אוועקגיין אויף לאנגע שעה'ען. איך בין געווען דער עלטערער אין דער פאמיליע. פלעגט זי אויף מיר איבערלאזן די קליינווארג מיטן קלענסטן קינד. זי פלעגט אין איילעניש א קוש טאן די קלענערע קינדער, און אנטלויפן מיט שטריינגע אנזאגן צו מיר. און זי איז אלעמאל דאן געווען אזוי פרעמד צו מיר... זי איז געווען אזא אומרואיקע. און אפילו ווען זי פלעגט זיך צוריקקערן אהיים — האב איך אלץ געפילט א פרעמדקייט צו איר... א, גאט...

„אבער דעם פאטער האט זי אפנים ניט געקענט אפנארן. ניין, אים האט זי לאנג ניט געקענט נארן!... ער האט אלץ געוואוסט. ווי לאנג קען א פרוי אפנארן דעם מאן? ביי די שארפע קריגערייען פלעגט ער איר שטענדיק אויפווארפן די מענער... פלעגט גאר ניט אויסבאהאלטן זיך פון אונז, קינדער. און מער און אפטער פלעגט ער איר אויפווארפן דעם באלעבאס, ביי וועמען ער האט געארבעט. ס'האט זיך ארויסגעוויזן, אז די מאמע האט געפירט א געהיימע ליבע מיטן באלעבאס... דאס האט דעם פאטער מיינעם אינגאנצן צעבראכן. א, ווי ער האט געליטן! די אייפערזוכט האט אים אויפגעפרעסן. ער איז געווען בלוי און גרוי פון עסעניש. און הלעפן זיך האט ער, אפנים, ניט געקענט. מורא געהאט פאר דער שטעל. די ארעמקייט איז געווען גרויס... א הויז מיט קליינע קינדער... און די מאמע, פארקערט, איז פון טאג אויף טאג געווארן זיכערער מיט זיך. זי איז געווארן שענער. זי האט

זיך מער געפּוצט און אָפּן זיך באַנוצט מיט די מתנות, וואָס זי האָט געקראָגן פונם געליבטן, פונם פּאָטערס באַלעבאָס... און וואָס ווייטער, אַלץ ווייניקער האָט זי זיך גענומען אויסבאַהאַלטן פונם מאַן און פרעמדע... ס'איז שוין אַריין אין איר לעבן... און דער געליבטער פלעגט זיך אַפילו גאַנץ אָפט באַווייזן אין הויז. איך האָב אים געקענט פון פריער. ער איז געווען דער רייכסטער אין שטאָט — האָבן אים אַלע געקענט... געווען אַ פעטער מאַן, מיט אַ גראָבן רויטן קאַרק און מיט פאַרשוואָומענע, לאַכנדיקע קליינע אייגעלאַך. אָ, ווי איך האָב יענעם מענטשן פיינט געהאַט! און איינמאָל, געדיינק איך, האָב איך געזאָגט דער מאַמען וועגן מיין פיינטשאַפט צו אים. איז זי רויט געוואָרן, אַביסל פון שאַנד, און אַביסל פון כעס, און געזאָגט: — „דו דאַרפסט אים רעספּעקטירן. ער איז גוט צו אונדז. ער גיט אַרבעט דעם טאַטן. ער גיט אונדז געלט... אָן אים וואָלטן מיר פון הונגער געשוואָלן געוואָרן...“ ס'איז טאַקע געווען אמת. ער פלעגט איר געבן, אַחוץ מתנות, אויך געלט...

„ווי לאַנג דאָס האָט אַזוי געקענט אָנגיין איז שווער צו וויסן. אָבער איינמאָל איז דער פּאָטער געקומען אַהיים אַ דערשלאָגענער, ניט גערעדט מיט דער מאַמען, אויסגעמידן די קינדער, געזעסן לעבן טיש אַ צערודערטער. שפּעטער האָט ער געזאָגט צו דער מאַמען:

— „דער אויסוואורף דיינער... ער האָט מיך איצט אָוועקגעשטעלט אויף נאַכט אַרבעט... פון מאָרגן אָן — נאַכט אַרבעט...

ווי קליין איך בין נאָך דאַן געווען, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז פון איצט אָן וועט אויף אונזער הויז קומען אַן אומגליק. איך האָב דאָס אַרויסגעקוקט פונם פּאָטערס פּנים, פון דער מוטערס אַראָפּגעלאָזטע אויגן. רייד וואָלטן אַזוי פיל ניט געקענט דערציילן, ווי זייער שווייגן... און דאַן האָט זיך עס טאַקע אָנגעהויבן. דער פּאָטער איז געוואָרן אַ נאַכט־אַרבעטער. ער פלעגט אָוועקגיין פאַרנאַכט און אומקערן זיך אויף מאָרגן אינדערפרי. נאָכן

פרישטיק פלעגט ער זיך לייגן שלאפן, א מידער, א גרויער, א דערשלאגענער. אויפשטיין, עסן און ווידער גיין צו דער ארבעט. ס'איז געווען א לעבן פון א שקלאף... אבער ער האט געשוויגן... און די מוטער פלעגט אין די אונטן זיך פוצן און אוועקגיין... איבערלאזן די קינדער אויף מיר. איך בין יעמאלט געווען עלף יאר אלט... און איין מאל איז ביי אונז קראנק געווארן דאס קלענסטע קינד, מיינס א ברודערל. ער איז געווען געפערלאך קראנק. ער איז ממש אויסגעגאנגען פאר אונזערע אויגן. און אין א געוויסן טאג האט זיך זיין צושטאנד פארערגערט. ער איז שוין געלעגן א פאר'חלשטער. מיר זיינען פון זיין וויגל ניט אפגעטראטן. די מוטער האט אפילו געוויינט איבער אים, ווי איבער א טויטן... אבער איך געדענק, אז גראד אין יענעם אוונט, נאכדעם ווי זי האט זיך גוט אויסגעוויינט איבערן קראנקן קינד, איז צו אונזער הויז צוגעפארן איר געליבטער, דעם פאטערס באלעבאס, מיט א בלאזן פון הארן ארויסגערופן די מאמען אויפן גאניק, און אין עטלאכע מינוטן ארום איז זי שוין געווען ביים שפיגל, אין איילעניש, געבראכט זיך אין ארדענונג און געקליבן זיך אוועקצופארן ערגעץ מיטן געליבטן.

„און דאס מאל, ווי קליין איך בין געווען, האב איך פראטעס־טירט. איך געדיינק, אז איך האב ניט געוואלט זי זאל אוועקגיין פון הויז. איך האב ביטער געוויינט און געבעטן זיך, זי זאל מיך ניט איבערלאזן אליין מיטן קראנקן ברודערל. איך געדיינק, איך האב ניט אויפגעהערט צו טענהן, אז דאס קינד איז געפערלאך קראנק, אז איך האב מורא ער זאל ניט שטארבן, אז איך האב מורא צו בלייבן אליין מיט די קינדער... אבער ס'האט ניט געהאלפן. זי האט שנעל אנגעטאן אויף זיך דעם מאנטל. דא האב איך זיך היסטעריש א ווארף געטאן צו איר, אנגעכאפט זיך אן אירע קליידער און ווילד געשריען: „גיי ניט, מאמע, גיי ניט!..."

„זי איז אן אנגעצונדענע געווארן. א, ווי זי איז דאן רויט געווארן! א פייער האט געפלאמט אין אירע באקן און אירע

אויגן... זי איז ארויפגעפאלן אויף מיר מיט די פויסטן. געשלאגן און ארויסגעקניפּט שטיקער פלייש פון מיין זייט. גע־סטראשעט, אז זי וועט מיר ניט געבן עסן. זי וועט מיך אויס־הונגערן און ארויסטרייבן אויף דער גאס... און אין דרויסן איז דאן געשטאנען דער אוטאמאביל מיט דעם געהאסטן מענטשן און האט אומגעדולדיק גערופן דורכן בלאז פון הארן... און דא איז געווען דאס זעלבע. איך האב געוויינט און געשריען און געבעטן זיך ביי איר. אין מיין געבעט איז געווען דער געבעט פון מיין קליינעם קראנקן ברודערל און מיין טאטנס געבעט. מורא און פארדראס. ביטערקייט און קינדערשע אומרואיקייט, וואס ווייס ניט קיין טרייסט. ניין, איר וועט דאס ניט פארשטיין! עס טרעפט איין מאל אין לעבן פון א מענטשן...

דזשאן האט זיך אפּגעשטעלט. עס איז אים ווייניק געווען לופט פאר די לונגען. ער האט איבערגעכאפּט דעם אטעם. אבער די איבעריקע האט זיך אויסגעדוכט, אז ער וויינט. אבער באלד האט שוין דזשאן ווידער גערעדט:

— „איז האט זי מיך געשלאגן. געשלאגן, געשלאגן און געווען רויט מיט א מאדנער רויטקייט אין פּנים... און איך האב זיך אנגעכאפּט אן אירע קליידער. ניט געוואלט זי ארויסלאזן פון הויז. איך בין געווען ווילד. איך האב שוין אליין ניט געוואוסט, וואס איך טו... אבער זי איז דאך אוועקגעגאנגען. איך האב לאנג געוויינט, געשלאגן זיך אויפן דיל. און נאכדעם בין איך צוגעגאנגען צום בעטל פון מיין ברודערל. ער איז געשלאפן. נאר אזא מאדנער שלאף איז עס געווען... ער האט געאטעמט שנעל־שנעל א מינוט און אין דער צווייטער מינוט איז עס שוין געווען ניט קיין אטעמען, נאר א לאנגער פארשטיקטער כריפּ... און אט דער כריפּ האט אויף מיר דאן ארויפגעווארפן א שוידער. איך האב געציטערט פאר שרעק. פון די אויגן האבן זיך געגאסן טייכלאך טרערן... א צאן אן א צאן האט געקלאפּט פון מורא... אבער איך בין געשטאנען איבערן קינד און מיט די ליפּן געבעטן

גאָט... אַזאַ מאָדנע קינדערשע תפילה האָב איך אַן אויפהער איבערגע׳חזר׳ט: „אָ, גאָט, לאָז לעבן מיין קליין ברודערל... מאַך אים געזונט, און באַשטראָף די מאַמען... זי איז אַ שלעכטע. זי טוט שלעכטס מיין טאַטן. און זי טוט שלעכטס אונז, אירע קינדער. זי גייט אַוועק, און לאָזט אונז אַליין..."

„איך געדיינק ניט איצט ווי לאַנג איך בין אַזוי געשטאַנען איבער זיין בעטעלע. עס האָט זיך מיר דאַן זייער אויסגעצויגן. דער מאָדנער אומרעגולערער אָטעם פון מיין ברודערל האָט מיך געשראָקן. אָבער נאָכדעם, געדיינק איך גוט, האָט זיך דאָס ברודערל אויפגעכאַפּט, אַן עפּן געטאָן זיינע אייגעלאַך ברייט־ברייט אויף מיר און האָט זיך גענומען פאַרגייען אין בלוי ווערן, אַזוי ווי אימיצער וואָלט אים געוואָרגן... דאָס קליינע קערפּערל האָט זיך געוואָרפן אין קאַנוואַולסיעס, און אויף זיין מויל האָט זיך גענומען ווייזן אַ שוים... איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. איך בין אַרויסגעלאָפן פון הויז אויף דער פינסטערער גאַס, צוגעלאָפן צו דער נאָענטסטער הויז און גענומען ווילד קלאַפּן אין טיר מיט אַ געשריי און אַ געיאָמער... די שכנים זיינען אַריינגעלאָפן אין הויז. זיי האָבן געטאָן אַלץ, וואָס ס׳איז געווען נויטיק. אָבער דאָס קינד איז געשטאָרבן... און אַז עס איז געוואָרן שטיל אין צימער האָט דער שכן, שוין ניט קיין יונגער מענטש, געזאָגט צו זיין פרוי:

— „און וואוהין איז זי אַוועק?"

„יענע האָט אַ קוק געטאָן אויפן מאַן און נאָכדעם אויף מיר און געזאָגט:

— „אַוועק דאָס פייגעלע. ווער ווייסט? מיטן אַוטאָמאָביל נאָך איר געקומען..."

„און דער מאַן האָט ווידער געזאָגט:

— „שלעפּט זיך אַרום, די נפקא. דער מאַן אַרבעט און זי — מיטן באַלעבאָס. אַט אַ מאַמע! טפו!..."

„און ער האָט אָפּגעשפּיגן. און אַזאַ שפּיי איז דאָס געווען!...

ער איז מיר געפאַלן גלייך אויף דער נשמה... איך האָב זיך פאַרשלאָגן אין אַ ווינקל און ביטער געוויינט. די שכנים זיינען אָבער צו מיר אפילו ניט צוגעגאַנגען מיך צו באַרואיקן. די שנאה צו מיין מאַמען איז אפנים געפאַלן אויך אויף מיר... וואָס בין איך געווען? — ניט מער ווי איר זון, אַ זון פון אַן אויסוואורף... נאָכדעם איז דער מאַן אַוועק און די פרוי איז געבליבן אין הויז מיט מיר. זי איז געזעסן און ניט גערעדט. עטלאָכע שעה זיינען אַזוי פאַריבער. נאָכדעם איז אין הויז אַריין די מאַמע. אָ, ווי זי האָט דאַן אויסגעקוקט אינם נייעם קלייד, מיט די אָנגעשמירטע ליפּן!... ווי עקלדיק!... דער מאַנטל איז געווען אָפּגעשפּיליעט און די דעקאָלטע האָט זיך ביי איר אַראָפּגערוקט ביז אַ האַלבער ברוסט... זי איז געווען שיכור'לאַך... אַביסל געוואַקלט זיך אויף די פיס און געווען אויפגעלעבט... דערזען די שכנה אין הויז, האָט זי זיך פאַרוואונדערט. גענומען עפּעס שנעלריידן... איך געדיינט שוין ניט וואָס. עפּעס שיכורע רייד זיינען דאָס געווען... נאָכדעם, אַז זי האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם טויט פונם ברודערל, איז זי אַ ווײַלע געשטאַנען, ווי גאָר ניט פאַר־שטאַנען. נאָכדעם אַ פאַל געטאָן צום קינד און גענומען וואַרפן זיך אין אַ שיכורן יאָמער... געוואָרפן זיך, געוואָרפן זיך... און איך האָב זיך גלייך באַרואיקט. אַזאַ האַס איז געווען צו דער מאַמען. איך האָב געוואָלט איר טויט. אָ, ווי איך האָב געוואָלט איר טויט! זי איז געוואָרן היסטעריש. זי איז געווען ווילד היסטעריש... זי האָט געשריען און געיאָמערט און געבראָכן די הענט. אפילו געריסן זיך די האָר... און וואָס מער זי האָט דאָס געטאָן איז זי מיר עקלדיקער געוואָרן. זי האָט טאַקע געליטן, אָבער איך האָב ניט געוואָלט גלויבן אירע ליידן... איך בין געווען שווייגנדיק־קאַלט. אירע טרערן איבער מיין קליינעם ברודערל האָבן מיך ניט גערירט. פריער האָב איך געוויינט. און איצט האָב איך ניט געקענט אַרויסקוועטשן פון מיינע אויגן אַ טרער. יענע נאַכט איז געבאָרן געוואָרן דער האַס צו איר. און נאָכדעם

איז ער מיר פארבליבן אויף אסך יארן... דער האס צו איר איז געווען מיין ערשטער אויפריכטיקער געפיל פון א דערוואקסענעם. און יענע נאכט בין איך געווארן ווי א דערוואקסענער... דאס קינדערשע אין מיר איז אפגעשטארבן. איך בין געווארן דאס, וואס איך בין איצט."

דזשאן איז א ווײַלע אנטשוויגן געווארן. אבער מ'האט שוין געפילט, אז דאס איז אויף א ווײַלע. דזשאן האט נאך געהאט צו דערציילן. און אזוי איז עס טאקע געווען. ער האט איבער־געכאפט דעם אטעם, צוזאמענגעקליבן די דערינערונגען און האט נאך אמאל אנגעהויבן:

— „פון דאן אן האב איך זיך אײַנגעשטעלט געשטעלט אויף דער זײַט פון מיין פאטער... איך האב פארשטאנען זיין יעדן ריר און ווענד. איך האב פארשטאנען זיינע געדאנקען, זיינע געפילן און זיינע שטימונגען. איך האב אינײַנעם מיט אים געליטן און געווען אײַפערזיכטיק און בייז. איך האב געהיט און נאכגע־שפיאנירט די מאמען... איך האב זיך דערוואוסט, אז זי ברענגט אריין איר געליבטן אין הויז אריין. זי טוט דאס עטלאכע נעכט אין דער וואך. זי שיקט ארויס דעם פאטער צו דער נאכט־ארבעט, מיך איילט זי זיך איינלייגן שלאפן און אליין פארברענגט זי ביז שפעט אין דער נאכט מיט דעם געליבטן. אין די באשטימטע נעכט איז געוואקסן איר פארזיכטיקייט. זי האט מיר שטרייגנער פארזאגט צו שלאפן. זי האט פריער, ווי אלע מאל פארהאנגען די פארהאנגען איבער די פענסטער. אבער אין איין הינזיכט איז זי שוין אינגאנצן ניט געווען פארזיכטיק. זי האט זיך, מער ווי אלע מאל, געפוצט. איך בין נאך ניט אוועק שלאפן, און זי האט זיך שוין ביסלאכווייז אנגעהויבן פוצן. איך וועל עס מאכן קורץ:
— איך האב אנטדעקט א גרויסן סוד פאר מיין פאטער. און איך האב דעם סוד אויסגעזאגט.

„און נאכדעם האט שוין לאנג ניט גענומען. איין נאכט האב איך זיך אויפגעכאפט פון א טומל אין הויז. עס איז געווען א

זייער פאַרדעכטיקער טומל... איך בין אַרויסגעשפּרונגען פון בעט און צוגעלאָפן צו דער טיר, געעפנט זי איין ביסעלע און אַלץ דערזען מיט איין מאָל. און שוין אויף אייביק געבליבן מיטן בילד אין מיין זכרון... יע."

דזשאָן האָט ווידער איבערגעכאַפּט דעם אָטעם. נאָכדעם האָט ער אינגאַנצן איבערגעביטן דעם טאָן. זיינע רייד זיינען געווען אָפּגעהאַקטע. אויפגערעגטע:

— „דער טאַטע איז געשטאַנען מיטן רוקן צו מיר מיט א רעוואָלווער אין האַנט... אויף דער סאָפע, אַנטקעגן איז געלעגן די מאַמע אונטער דעם סאָפע־צודעק. ביז אַריבערן מויל. בלויז די אויגן האָבן משונה'דיק אַרויסגעטאַרטשעט... זי האָט עפּעס מיטן מויל אונטער דעם צודעק געשריען. איך געדענק ניט וואָס. אָבער אויפן ברעג פון דער סאָפע איז געזעסן א האַלב־נאַקעטער, א פעטער מאַן, מיט גראָבע, האָריקע פיס... איך האָב אים גלייך דערקענט. דאָס איז געווען מיין פאָטערס באַלעבאָס. ער איז געווען רויט, זייער רויט. אָבער דער קאָליר פון זיין פּנים האָט זיך שנעל געביטן. ער איז געוואָרן בלייך, און ווידער רויט, אַזוי ווי עס וואָלט זיך אין אים געצונדן אי כעס אי שרעק אינאיינעם... יע. ער איז געווען דערשראָקן. אָבער ער האָט די שרעק ניט געוואָלט אויסדריקן. געזעסן מיטן שווערן גוף. ניט גערירט זיך און געקוקט גלייך אויפן אויסגעשטרעקטן רעוואָלווער. דעם טאַטנס האַנט מיטן רעוואָלווער האָט געציטערט. ער האָט מיט א הייזעריקער שטים געשריען צו דעם באַלעבאָס:

— „הונט, הונט. איך וועל דיך אָנפילן מיט קוילן!... איך וועל דיך דערשיסן, ווי א קרעציקן הונט!... וועסט עס טאָן פאַר מיר אין די אויגן. וועסט עס טאָן!..."

„פון אָנהויב איז מיר ניט קלאָר געווען וואָס אַזוינס דער פאָטער האָט פון אים געפאָדערט. איך האָב געהערט ווי די מאַמע האָט זיך געבעטן:

— „באַזין זיך. אָ, באַזין זיך!... האָב רחמנות... איך

וועל דיר אייביק זיין געטריי... איך וועל זיין דיין שקלאף... האב רחמנות..."

דער פאטער האט אירע ווערטער אפילו ניט געהערט. ער איז געשטאנען מיטן רעוואלווער געצילט אויף דעם מאן און האט צו אים געשריען:

— „דו הערסט? איצט. די מינוט! קריך אויף איר, אויף דער צויג. קריך און טו, וואס מ'הייסט דיר, אויב דו ווילסט בלייבן לעבן, הינטישע פעל. און די מינוט!...

„אין זיין קול איז געווען דראאונג. ער איז געווען הייזעריק. אפשר איז ער נאך דערצו געווען שיכור. דאן האט ער זיך מיר טאקע אויסגעוויזן צו זיין זייער שיכור. און ער איז געווען זייער שרעקלאך, מיין פאטער. א, ווי מורא'דיק א מענטש קען זיין! מיט דער מורא איז געווען פול דאס גאנצע הויז. איך בין גע־שטאנען הינטער דער טיר, און עס האט מיר געקלאפט א צאן אן א צאן. די קינדערשע שוואכקייט האט זיך אין מיר געצאפלט... איך האב ניט געוואוסט וואס צו טאן. און איין רגע האט זיך מיר געוואלט א לאז טאן צום צארנדיקן פאטער, אנכאפן זיך פאר זיין רעוואלווער און ניט דערלאזן קיין מארד. ניט אוים רחמנות צו דער מאמען, אדער צו דעם מאן. ניין. נאר אוים שרעק, אוים אויפטרייסלענדיקער מורא... אבער דער פאטער איז געווארן נאך אנגרייפנדיקער. עס זיינען געבליבן סעקונדן, און איך האב דערהערט, ווי די מאמע האט זאגט:

— „נו, גוט, נארמאן. זאל זיין ווי דער מערדער וויל. זאל זיין... זאל...

„און זי האט אראפגעווארפן פון זיך דעם סאפע־צודעק. זי איז געווען אינגאנצן נאקעט און אומפארשעמט, ווי א פרוי קען נאר זיין אומפארשעמט אין געוויסע מאמענטן פון לעבן. א, ווי עקלדיק זי האט אויסגעזען! ניין, דאס איז געווען משונה'דיק... און פאר די אויגן פון איר מאן, מיין פאטער, האט זי זיך אוועק־געגעבן דעם געליבטן. און מיין פאטער איז געשטאנען די גאנצע

צייט אַ שרעקלאַכער, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן רעוואָלווער אין דער האַנט.

„איך בין אַריינגעשפּרונגען צו זיך אין בעט און האָב ביטער געוויינט. איך האָב נאָך זיכער דאַן ניט פאַרשטאַנען אַלץ, ווי עס באַדאַרף צו זיין. איך בין דאַן אפשר עלף יאָר אַלט געווען... אָבער די איבערלעבונג איז סיי ווי געווען אַ מורא'דיקע. אין עטלאַכע מינוטן אַרום איז דער פאָטער אַריין אין שלאָפצימער. האָט זיך שטיל, אַזוי שטיל, אוועקגעזעצט אויפן ברעט פון בעט און געשוויגן. ער האָט אפשר געוויינט. אָבער דאָס איז געווען אַן אינערלאַכער געוויין. ווייל איך האָב פון אים ניט געהערט אפילו קיין זיפץ. ער איז געזעסן און געזעסן. און איך בין געלעגן און אין דער פינסטער געקוקט אויף זיין דערשלאָגענער פיגור. און עס איז מיר געווען גוט, וואָס דער רעוואָלווער האָט ניט אָפּגעקנאַלט אין אונזער הויז... און ס'איז שוין אַלץ פאַריבער..."

דזשאָן קאַרי איז אַנטשוויגן געוואָרן, און מ'האָט ניט געוואוסט צי ער האָט נאָך געהאַט וואָס צו דערציילן, אָדער ניט. אַלע האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם. קיינער האָט, דער ערשטער, ניט געקענט איבעררייסן די שטילקייט. עס איז געווען שווער, זייער שווער. אָבער אַז ס'זיינען פאַראיבער עטלאַכע מינוטן, האָט מאַרטין זיך ניט געקענט איינהאַלטן און געפרעגט:

— און וואָס איז איצט?... כ'מיין... וואָס איז געוואָרן מיט דיין פאָטער? לעבט ער נאָך?

דזשאָן האָט שוין אָבער ניט געהאַט קיין אינטערעס ווייטער צו דערציילן. ניט געהאַט קיין פאַרלאַנג און ניט געקענט. פונדעסטוועגן האָט ער אין אַ ווייַלע אַרום קאַלט, אַביסל באַרואיקט, געזאָגט:

— זי לעבט נאָך. אָבער דער פאָטער איז געשטאָרבן... המ... מיטן רעוואָלווער האָט ער יענעם זעלביקן טאָג אַלץ פאַרענדיקט... ניט געקענט די איינענע שאַנד איבערלעבן... און גוט געטאָן. געווען צו ערלאַך פאַר אונזער פאַסקודנעם לעבן.

און זי — זי האָט אויך דעם גאַנצן לעבן קיין האַניק ניט געגעסן. דער נאָרמאַן, דער באַלעבאָס, האָט זי פאַרלאָזן. ניט געוואָלט מער האָבן צו טאָן מיט איר... און דאָס איז נאַטירלאַך. און ס'איז שוין אַלע מאָל אַזוי... אין שטעטל האָט מען אַביסל גערעדט וועגן אים און וועגן דעם טויט פון מיין פאָטער. נאָכדעם האָט מען פאַרגעסן... און די מאַמע איז מיט אונז געבליבן הונגערן... איינמאָל האָט זי אַפילו געהאַט מוט צו קומען צו נאָרמאַנען אין הויז און מאַכן אַ סקאַנדאַל... אָבער דאָס האָט אויך ניט געהאָלפן... ניין. ס'האָט ניט געהאָלפן... זי האָט געמוזט גיין אַרבעטן שווער. און זי איז געוואָרן גאָר אַן אַנדער מענטש... יע. זי איז געוואָרן אַן אַנדערע. און שפּעטער האָט זי אַפילו חתונה געהאַט מיט אַן אַלטן שיכור. ניט געווען קיין גוטער מאַן. זי פלעגט אַרבעטן און ער פלעגט אַלץ פאַרטרינקען... איך בין יונג אַוועק פון דער היים. געוואָלגערט זיך צווישן מענטשן ביז איר אַלטער איז געשטאָרבן... נאָכדעם בין איך געקומען אַהיים... און די מאַמע איז געווען אַ גוטע מאַמע... איר וועט ניט גלויבן ווי טייער זי איז מיר... און וואָס ס'איז געווען איז געווען... זי איז מיר אַ גוטע, געטרייע מאַמע...

אין זיין קול האָט אַ ציטער געטאָן אַ וואַרעמע טרער. זיין שטים האָט זיך מיט ווייטיק איבערגעריסן. ער האָט זיך אָפּגע־קערט מיטן פּנים צו דער וואַנט און אַנטשוויגן געוואָרן. און אויך די איבעריקע האָבן שוין מער ניט גערעדט. מ'האָט מורא געהאַט פאַר די אייגענע שטימען... אָט אַזוי האָט אַ זון גערעדט וועגן זיין אייגענער מאַמען. אָט אַזוי האָט אַ זון גערעדט... און ס'איז שווער געווען וועגן דעם צו טראַכטן. עס איז געווען אומע־טיק און פאַרדראָסיק. אינם האַרצן האָט גענאָגט אַ ווייטיק. אָט אַזוי האָט אַ מענטש דערציילט וועגן זיין מאַמען. ווי האָט ער געקענט אַזוי ריידן? וואו האָט ער גענומען כח אַזוי צו ריידן וועגן אַ מאַמען?

וואָס איז די וועלט אָן אַ מאַמען? וואָס איז דעם מענטשנס

לעבן אַן דער פרוי? אַן דער פרוי און אַן דער מאַמען. אַן דער שוועסטער און אַן דער געליבטער. אַן זיי אַלעמען, אַן זייער ליבע און אַן זייער ווארעמקייט, — וואָס וואָלט דאָס געווען פאַר אַ וועלט? אַ, אַ פרוי אויף דער וועלט איז געווען — אַ טרייסט אויף דער וועלט. אַ פרוי אויף דער וועלט איז געווען אַ ליכט אויף דער וועלט. צווישן הימל און דער ערד איז געווען די פרוי, דאָס לעבן אויף דער וועלט. און אַן איר איז געווען אַ פינסטערע פאַסטקע אויפן גרונט פון אַ שטומען ים.

קיינער האָט עס ניט אַרויסגעזאָגט, אָבער אַלע האָבן דאָס געהאַט אין זייערע הערצער. אַלע האָבן געפילט און געזען פאַר זיך דאָס געשטאַלט פון דער געליבטער פרוי, וואָס איז געקומען פון דער ווייטער ווייט און איז אויפגעגאַנגען אין דער פינסטערניש, ווי אַ ליכטיקייט. זי איז געווען איינגעבאַקן אין הארצן. זי איז געווען הייליק און טייער. צוליב איר האָט מען זיך באַדאַרפט אַרויסראַטעווען פון די נעגל פון טויט. צוליב איר איז געווען זיס די פרייהייט. צוליב איר האָט זיך געוואָלט לעבן און ליידן ביז אין דער אייביקייט אַריין. איר געשטאַלט איז איצט געווען איינגעהילט אין אַ שנייאיקער ווייסקייט. זי איז געווען זויבער און הייליק. איר פּנים איז געווען ליכטיק, איינגעפאַסט אין אַן אַרעאָל פון גליק. און דאָ איז געקומען דזשאָן מיט זיין אויסגעלאָסענער מאַמען. ס'איז געווען אַ פאַרדראָס.

דער פאַרדראָס אויף דזשאָנען און אויף זיין טרויעריקער מעשה האָט ניט געוואָלט אינגאַנצן אויסגעלאָשן ווערן פון הארצן. עס איז געווען אַ פאַרדראָס אויף אים. אַ מענטש איז באַשערט גע־ווען אַזאַ מאַמע, דאַרף ער איר אַנדענקען אָהער ניט ברענגען. ווייל מאַמע איז סייווי געווען — מאַמע. און שוועסטער איז געווען — שוועסטער. און געליבטע איז געווען — געליבטע. ווארעמקייט אין דער גליווערנדיקער קעלט — דאָס איז געווען די פרוי אין אַלע ראָלן פון איר לעבן. אַ ליכט אין האָפענונגלאָזער פינסטערניש — דאָס איז געווען די פרוי פאַר די אויסגעמאַטערטע מענטשן. צו־

דריקן א פרוי צו דער קראַנקער ברוסט, דערפילן איר היילנדיקע ווארעמקייט און קושן אירע דינע ווארעמע פינגער, — וואָס פאר א גליק דאָס איז אויף דער וועלט!

און מאַרטין האָט דער ערשטער געזאָגט:

— הער, דזשאַן, וואָס איך וועל דיר זאָגן, — פאַרגיב דיין מאַמען, זיי איר מוחל... אַ מענטש ווייסט ניט, וואָס ער טוט, אזוי האָט גאָט באַשאפן א מענטשן, מיט תאוה. פאַרשטייסט? און גאָט האָט געזאָגט: „פאַרגיב." און זי האָט אויך געליטן, די וועלט איז פול מיט ליידן. און מענטשן האָבן ליב צו טאָן שלעכטס. פאַרגיב איר...

דזשאַן האָט געשוויגן. אלע האָבן געשוויגן. און מאַרטין האָט ווידער געזאָגט, ווייך, מיט טרערן אין די אויגן און אין דער שטים:

— מיר וועלן אפשר דאַרפן שטאַרבן. מיר וועלן שטאַרבן און דו וועסט שטאַרבן... און דו וועסט אוועק אויף יענער וועלט מיט א האַס צו דיין אייגענער מאַמען... ווייסטו וואָס דאָס איז? אַ מאַמע איז הייליק. און איר אָנדענקען דאַרף זיין הייליק. פאַרגיב און פאַרגעס. אָ, דזשאַן!

דזשאַן קאָרי האט געשוויגן. אָבער אלע האָבן שוין געזען, אַז זיינע פלייצעס האָבן זיך געוואָרפן פון אן איינגעהאלטענעם געוויין. ס'איז געווען א קרענקלאכער מאָמענט. ס'איז געווען אַ מאָמענט פון נאַגעניש אין אלע מוסקולן. ס'האט זיך געוואָלט הערן אַ וואָרט, וואָס זאָל באַרואיקן די געמיטער. און דאָס וואָרט האָט באַדאַרפט זאָגן דזשאַן קאָרי, וואָס איז געווען דער אומגליקלאַכסטער פון אַלעמען. אָבער דזשאַן האָט ניט אומגעקערט צו זיי זיין פנים און איז געלעגן מיט די ציטערדיקע פלייצעס צו אַלעמען און געשוויגן.

דער טויט איז געווען נאָענט. ער איז געווען נעענטער ווי פריער. מאַרטין האט ווידער געזאָגט:

— דזשאַן, ברודער, פאַרגיב דיין מוטער... ניט זי איז שולדיק. ניין, ניט זי... האָסט אליין געזאָגט: זי איז א גוטע מאַמע...

ער האָט זיך אויפגעזעצט אויף זיין אָרט. געוואַרט. און דזשאַן

האט א קער געטאן לאנגזאם דעם קאפ. ארומגעקוקט זיך און מיט א שוואכער שטים געזאגט:

— און איך האב שוין איר פארגעבן... פארוואס זאל איך ניט פארגעבן? ... און איך ליב זי און בענק נאך איר, ווי איר אלע... זי איז מיין מאמע...

און ווידער האבן א ציטער געטאן די טרערן אין זיינע ווערטער. ער איז אנשוויגן געווארן. מער ניט געוויינט. געלעגן אומבאוועג־לאך, ווי א טויטער. נובערג איז אויפגעשטאנען און אוועק צו דעם אסציליאטאר. מ'האט שוין א לאנגע צייט ניט געלאזט הערן פון זיך.

דאס, וואס איז געווען האט זיך אפגערוקט, דערווייטערט גע־ווארן. ס'איז אנגעקומען א שווערקייט. שווערע שעהן זיינען גע־קראכן פון אהינטער די ווענט. וואס וועט איצט זיין? קיינער האט ניט געוואוסט.

קאפיטל זעכצן

דער טויט איז געווען נאָענט. אבער קיין מורא פאר אים איז שוין ניט געווען. ווייל ס'איז שוין ניט געווען קיין האָפענונג אין די הערצער. ס'איז ניט געווען קיין גלויבן אין דער רעטונג. ס'איז ניט געווען קיין גלויבן אין דער וועלט, פון וואנען די רעטונג האט געקענט קומען.

ס'האט זיך דערנעענטערט דער סוף פונם צווייטן מעת־לעת. צוויי מעת־לעת האָבן מענטשן ניט געטרונקען און ניט געגעסן. געטעמט די פארשטיקטע לופט, וואָס איז געווען פול מיט גיפטיקע גאזן. די גאזן האָבן געפרעסן די לונגען. די גלידער זיינען געווען אפגעשוואכט. יעדער גליד האט געוואָלט רו. יעדער גליד האָט געוואָלט זיין אייגענעם טויט. אן אוועקגעלייגטע האנט האָט געוואָלט ליגן. אויסציען זיך אין אַ שטאַרבנדיקן גליווער און רוען. אזוי — אַ פוס. און אזוי אַלע גלידער. און דער גאַנצער אויסגעמאַטערטער קערפּער.

און נאָר דער מאָגן האָט געמאָנט שפּייז. געמאָנט און געמאָנט. ער פלעגט זיך אויפכאַפּן מיט אַ ווייטיק און פארשפרייטן איבערן גאַנצן גוף קרענקלאַכע קאָנוואולסיעס.

פריער האָט דער הונגער ניט געארט. ס'האָט זיך אפילו ניט געוואָלט עסן. ביי דעם געדאַנק וועגן שפּייז האט אפילו געאיבלט. אָבער איצט איז געוואָרן שווער אריבערצוטראָגן דעם הונגער פונם מאָגן.

הונגער, הונגער האָט אויפגעפרעסן די געדערים. געריסן זיי, ווי עס רייסן ווילדע חיות מיט שאַרפע, הונגעריקע ציין, דאָס איינגעווייד. אין לעבן האָט אַ מענטשן אַ צאָן וויי געטאָן, אויפגעריסן דעם מענטשנס מוח, אויסגענאַגט דאָס בלוט פונם הארצן. אַ מענטש האָט איבערגעלעבט אי ווייטיק אי קראַנקייטן. אָבער דער מענטש האָט נאָך די יסורים פון הונגער קיינמאָל ניט איבערגעלעבט. אַלע אברים זיינען געווען הונגעריק און האָבן געשריען זייער הונגעריקן

געשריי. און דעם געשריי האָט דער מענטש ניט געקענט איבער־טראָגן.

די הונגער אָנפאַלן פלעגן אָנקומען עטלאַכע מאָל דורכן מעת־לעת און האָבן געדויערט שעה'ען. און אָנקומען פלעגן זיי פּלוצלונג, ווי אַ שונא, וואָס האָט לאַנג און געדולדיק געטשאַטעוועט אויף זיין קרבן. פּלוצלונג פלעגט אָנכאַפּן אַלע אברים אַן אומרואיקייט און גלייך נאָכדעם — די יסורים. פון דעם האָט זיך דער מענטש גע־קאָרטשעט און געקרעכצט, ווי אַ טויטלאַך־פאַרוואונדעטער און גע־רעדט מאָדנע רייד. ניט אויפגעהערט צו פאָדערן און מאָנען, מאָנען, אָן אַ סוף. די ארומיקע זיינען שולדיק געווען אין זיינע ווייטיקן. אַלע זיינען געווען זיינע שונאים, וואָס האָבן פון אים גענומען אַ ביטערע נקמה. קיינער האָט אים ניט פאַרשטאַנען. אַלע האָבן גע־וואָלט, אַז ער זאָל אויסגיין אין שרעקלאַכע יסורים פאַר זייערע אויגן. אַלע. אַלע.

נאָכדעם, אַז די יסורים פלעגן נאָכלאָזן, פלעגט דער מענטש אריינפאַלן אין אַ פאַרגעסונג. אַזאַ פאַרגעסונג, וואָס האָט אָפּגע־טויט אין איין צייט די גלידער מיטן מאַרך און ס'האָט זיך גע־וואָלט שלאָפן. אַזאַ צושטאַנד איז געווען באַפרייענדיק, ווי אַ לייכטער טויט.

און מאָדנע איז געווען, וואָס פריער, אין די ערשטע צוויי מעת־לעת, האָט זיך דער הונגער אויסגעדריקט בלויז אין דער אָפּגע־שוואַכקייט פון קערפּער. עס איז געווען אַן אַפּאַטיע. און קיין גרויסער פאַרלאַנג נאָך שפּייז איז אויך ניט געווען. שפּייז, ווען מ'וואָלט דערזען פאַר די אויגן, וואָלט אפשר גאָר ניט ארויסגע־רופן קיין צו שטאַרקן אַפּעטיט. ערשט איצט, אויפן דריטן טאָג, איז דער הונגער געווען פיינלאַך. ער איז, ווי אַ וועזן אין אַ וועזן, געבאָרן געוואָרן און גענומען פאָדערן זיינס. ווי אַן אומבאַזיגבאַרע עראָטישע אויפרעגונג, פאַר וועלכער ס'איז אינם מענטשן ניט גע־ווען קיין קאָנטראָל, האָט דער הונגער ארומגעכאַפּט דעם מענטשנס לעבן און האָט מיט גרויזאַמקייט ניט אָפּגעלאָזן אויף גאַנצע שעה'ען.

די מענטשן וואָלטן איצט געקענט עסן אַלצדינג. וואָלט עס געווען אין אַ וואַלד, אָדער אויף אַ פעלד, וואָלט מען געגעסן גראָז און קאָרע פון ביימער און בלעטער אינאיינעם מיט צווייגן. מ'וואָלט געווען ווי אוראַלטע מענטשן־חיות און געגעסן רויע פלייש פון פויגלען און פון חיות.

אַ אינסטינקטיווער געפיל פון אַ הונגעריקער חיה האָט געצויגן צו די טויטע קערפּערס, וואָס זיינען געלעגן אין אַ ווינקל, אהינטער די אקומוליאטאָרן, ווי אין אַ נישע פון אַ וואַנט. דאָרטן זיינען זיי געלעגן רואיקע, ווי גרויסע טושעם פלייש, אין אַ שפּייכלער. זייערע קערפּערס זיינען געווען גוט פּרעזערווירט פון דער מוראַ'דיקער קעלט און האָבן געלאַקט די אָפּגעשוואַכטע מענטשלאַכע גלידער מיט דער געפרוירענער שטייפקייט פון זייער פלייש. זיי זיינען געלעגן, און ניט געלאָזט זיך פאַרגעסן, אַרויסרייסן פון זכרון. מיט שטומער עקשנות געוועקט די אויפגערעגטע בלוטן, ווי דער רוף פון רייצנדיקן געשלעכט. זיי זיינען געלעגן און געוועקט און געוועקט יעדן אבער צו דעם אומבאַזיגבאַרן משוגעת פון הונגעריקער חיה.

אָבער קיינער האָט וועגן דעם ניט אַרויסגעזאָגט קיין וואָרט. ס'איז אַלעמען געווען קלאָר, אַז די טויטע קערפּערס וואָלטן געקענט זיין אַ גוטע שפּייז פאַר די לעבעדיקע. זיי וואָלטן געלינדערט די יסורים און געגעבן כח. אָבער קיינער האָט ניט געהאַט דעם מוט אַריבערצוטרעטן איבער די אייגענע מענטשלאַכע געזעצן. קיינער האָט, דער ערשטער, ניט געקענט אַרויסזאָגן דאָס ערשטע וואָרט. קיינער האָט ניט געוואָלט זיין דער ערשטער אַריבערצוטרעטן די גרעניץ צווישן מענטשלאַכן אין זיך און דעם חיה'שן. הינטער דער גרעניץ איז געווען משוגעת.

די מענטשן האָבן אין זיך פאַרשטיקט דעם הונגער, כדי ניט צו ריידן פון יסורים פון הונגער. ריידן פון הונגער וואָלט שוין געמיינט אַ מודה זיין זיך אין דער משוגעת, וואָס איז געשטאַנען אנטקעגן די אויגן, ווי אַ פאַראורטייל. מיט בייזקייט אין די געמי־

טער און מיט עקשנות׳דיקייט האָבן אַלע אויסגעבאַהאַלטן די פּיינען פון זייערע הונגעריקע קערפּערס.

אָבער ווי לאַנג האָט דער מענטש געקענט קעמפן מיט זיך אַליין?

דזשאָן קאַרי איז געווען דער ערשטער. אַז ס׳איז אים באַפאַלן דער הונגער און גענומען רייסן די געדערים מיט שאַרפע ציין, האָט ער אָנגעהויבן צו קרעכצן און יאָמערן און קאַרטשען זיך. אַזוי עטלאַכע מינוטן. און אַז ס׳האָט אַלץ ניט אָפּגעלאָזן, האָט ער, מיט יאָמער אין קול, געזאָגט:

— אָ, גאָט... איך שטאַרב... איך בין הונגעריק... איך בין הונגעריק...

און עס איז שוין גלייך, פון אָנהויב אָן, אין זיינע ווערטער געווען אי ווייטיק, אי מאַנונג. יע, דזשאָן קאַרי האָט זיך ניט נאָר באַקלאָגט. ער האָט אויך געפאָדערט. דאָס האָט דערשראָקן. פאַרוואָס מ׳האָט אַזוי מורא געהאַט און איינגעהאַלטן אין זיך, ווי מיט צוואַנגען, איז געבאָרן געוואָרן און גענומען לעבן.

און דזשאָן קאַרי האָט אָפּגעוואַרט א ווײַלע, אַזוי לאַנג ווי ער האָט נאָך געקאָנט אין זיך איינהאַלטן די יסורים, און נאָך אַמאָל געזאָגט:

— איך שטאַרב פון הונגער. איך שטאַרב פון הונגער... מערדער, איך שטאַרב...

איצט איז שוין געווען קלאָר. דזשאָן האָט ניט נאָר געפאָדערט, נאָר ער האָט אויך באַשולדיקט.

האָט מאַרטין געזאָגט:

— מיר אַלע זיינען הונגעריק, דזשאָן. קיינער פון אונז האָט שוין דאָס דריטע מעת־לעת קיין טראָפּן אויף די ליפּן ניט ארויפגעבראַכט. וואָס קען מען זיך העלפן? מ׳דאַרף ליידן. איינער און אַלע. מ׳דאַרף זיך שטאַרקן און ליידן ביז די רעטונג וועט קומען.

אָבער דזשאָן האָט עפּעס גאָר ווי ניט געהערט דעם קוואַרטירמייסטערס רייד. ער האָט הויך, אויף אַ קול, געקרעכצט. עס האָט זיך געדוכט, אַז ער גייט אויס.

מארטין און נובערג זיינען צו אים צוגעקומען. געפרעגט:

— וואס איז דיר, דזשאן?

דזשאן האט ניט געענטפערט. ניט אויפגעהערט צו קרעכצן. בלויז אויפגעעפנט אביסל די אויגן און טעמפ א קוק געטאן אויף די צוויי חברים. נאכדעם געזאגט:

— וואס ווילט איר? וואס קוקט איר אויף מיר? וואס ווארט איר צו דערזען?

איבערגעכאפט דעם אטעם און מיט שנאה געזאגט:

— איר ווארט אויף מיין טויט. איר, בעסטיעס!...

מארטין האט געזאגט:

— הער אויף, דזשאן. קיינער וויל ניט דיין טויט. מיר זיינען אלע גלייך. אונז אלעמען איז שלעכט. און קיינער ווייסט ניט ווער עס וועט זיין דער ערשטער דא אויסצוהויכן די נשמה...

דזשאן האט עפעס גאר ווי ניט געהערט מארטינס רייד. געזאגט:

— דערזען, אז איך האב אויף א רגע פארמאכט די אויגן, מיינט איר שוין, אז איך בין טויט. בעסטיעס! און איך לעב נאך. איך לעב נאך...

דאן האט נובערג זיך נעענטער איבער אים איינגעבויגן און נאכגיביק, ווי צו א קאפריזנעם קינד, געזאגט:

— זיכער. דו לעבסט און דו וועסט נאך לעבן. מיר אלע וועלן לעבן. און הילף וועט קומען... מ'וועט אונז ניט לאזן דא אויסשטארבן. וועסט זען: — נאך א שעה, נאך א שעה. אבער זיי וועלן קומען. און דו נאר בארואיק זיך. ביסט דאך א מאן. א שטארקער מאן. האלט איין דיינע נערוון אביסל, און ס'וועט דורכגיין...

דזשאן האט בלויז א קרעכץ געטאן:

— א־א!...

און נובערג האט פארטגעזעצט:

— דו ווייסט אליין גוט. דו ביסט א דערפארענער ים־מענטש. מ'טאר די האפענונג ניט אויפגעבן. יעדע מינוט קען קומען די

רעטונג. פון אַן אומגעריכטן אָרט קען קומען די רעטונג. מיר דאַרפן נאָר איינצאַמען אונזערע נערוון. מיר דאַרפן זיין ים מענער. הונגער און קעלט — אַלץ דאַרפן מיר איבערטראָגן. און ניט אונ־טערגעבן זיך...

דזשאָן איז געלעגן אין א פארגעסונג, און נאָר זיין ברוסט האָט זיך געהויבן, געהויבן. אָן אָן אויפהער.

זיינען ביידע מענער נאָך א ווײַלע געשטאַנען איבער אים און זיינען, שווייגנדיקע אוועק צו זייערע ערטער. אָבער דאָס, וואָס איז איינמאָל געבאָרן געוואָרן, האָט געוואָלט לעבן. דער הונגער איז געשטאַנען צווישן אַלעמען און געפאָדערט זיין אומרחמנות׳דיקן ענטפער. און די, וואָס האָבן ניט געענטפערט זיינען געוועזן ליגנער און באַצווינגער. זיך האָט מען גענאַרט און דעם צווייטן האָט מען גענאַרט. זיך האָט מען באַצוואונגען און דעם צווייטן האָט מען באַצוואונגען. אַלע זיינען געוועזן שולדיק. און דאָס שווייגן אַרום איז געוועזן א שולדיק שווייגן. און עס האָט באַדאַרפט האָבן אימי־צער דעם מוט איבערצורייסן דאָס שווייגן.

און ס׳האָט געהאט דעם מוט לייטענאַנט קאַלווין פאַרקער. ער האָט געזאָגט:

— מיר האָבן שפּייז, און מיר זאָגן זיך אָפּ פון דעם, ווי נאַראָ־נים. פּייניקן זיך, ווי הייליקע, אומזיסט־אומנישט. צו אַלדי שוואַרץ־יאָר!...

זיינע רייד זיינען געוועזן ווי אַן אַרויסרוף. האָט מאַרטין גע־פרעגט:

— וואָס מיינט איר, לייטענאַנט?

— אָט דאָס מיין איך: — איך זאָג, ס׳מאַכט ניט אויס. מ׳מעג זיך שפּייזן מיט די טויטע. מיט ים־מענטשן האָט עס שוין אַסך מאָל פּאַסירט. און מ׳קען גאָרניט העלפן... טויטע זיינען טויט. און ס׳איז זיי אַלצאיינס... און פאַר דעם לעבעדיקן איז עס א רעטונג. הונגער איז פּיינלאַך. מיר האָבן ניט קיין כח מיט אים צו קעמפן. דער לעבעדיקער מוז לעבן...

קיינער האָט ניט געענטפערט. פּאַרקער האָט ווידער געזאָגט:

— אַ מענטש שטאַרבט דאָ פאַר אונזערע אויגן פון אַ פיינ־לאַכן הונגער, און איר זייט גרייט בעסער צוצוקוקן ווי ער וועט אויסגיין, איידער צו העלפן אים...

קיינער האָט ווידער ניט געענטפערט. איצט האָט שוין אויך דער לייטענאַנט מער ניט גערעדט. ערשט אין אַ ווײַלע אַרום האָט מאַנלי געזאָגט:

— אַ מענטש און אַ חיה — וואו איז דער אונטערשייד? אָט ליגן זיי דאָרט... אונזערע ברידער. חברים אין לעבן און אין טויט. און וואָס זיינען זיי איצט פאַר אונז? — שפּייז פאַרן מאָגן. אָט וואָס דער מענטש איז. ער פאַרגעסט. אַ קינד שטאַרבט ביי אַ מאַמען, און זי פאַרגעסט. וויינט זיך אויס, און פאַרגעסט. אַ מאַמע שטאַרבט, און דאָס קינד פאַרגעסט. די לערע פון גאָט און פון מענטשן ווערן פאַרגעסן און פאַרלעצט...

מאַרטין האָט זיך, ווי אַן עכאָ, אָפּגערופן:

— די לערע פון גאָט און פון מענטשן ווערן פאַרגעסן און פאַר־לעצט. אָ, גאָט, פאַרגיב אונזערע זינד.

מאַנלי האָט ווידער געזאָגט:

— איך וועל ניט באַרירן די טויטע. איך וועל בעסער שטאַרבן, ברידער, פאַר דער צייט... אָבער איך וועל זיי ניט באַרירן.

און מאַרטין האָט ווידער, ווי אַן עכאָ, אונטערגעכאַפּט מאַנליס ווערטער:

— ניין, איך וועל זיי אויך ניט באַרירן. איך וויל קומען פאַר גאָטס פּנים אַ ריינער.

פּאַרקער האָט זיך מיט כעס אַריינגעריסן אין זייערע רייד:

— האָבן זיך גענומען פּרעדיקן מאָראַל. פאַר וועמען פּרעדיקט איר זי? פאַר די טויטע? די טויטע איז אַלצאיינס. טויטע זיי־נען — טויטע. זיי איז אַלצאיינס צי ווערים וועלן זיי אויפפרעסן, צי הייפישן אין ים, צי מיר, די הונגעריקע, וועלן דורך זיי זיך ראַ־טעווען... זיי וועלן סיי ווי דאָ צעפוילט ווערן מיט דער צייט.

וואו איז דער זין אין דעם? ס׳איז ניט אונזער שולד, וואס אונזער שיקזאל איז אזא טרויעריקער...

מאנלי האט געזאגט:

— אויב אונזער שיקזאל איז אזא וויל איך שוין בעסער שטארבן אזוי, ווי זיי זיינען געשטארבן, ריינע פון זינד... איך וויל ניט דאס ביסל לעבן. איך וויל ניט!...

לייטענאנט פארקער איז אבער געווען פארעקשנט:

— איך ווייס וואוהין ס׳פירט די מענטשלאכע נארישקייט. איר וועט זיך בעסער לעבעדיקערהייט פארפייניקן, איידער אנרירן א שטיקל טויטע מאטעריע... איך האב געהערט פון מענטשן, וואס באגייען זעלבסטמארד. זיי פאר׳סמ׳ען זיך, הענגען זיך, שיסן זיך — צוליב נארישקייטן. ווער עס וויל — זאל עס טאן... אבער איך וויל ניט באגייען קיין זעלבסטמארד צוליב א נארישקייט. איך וויל זיך ניט פארפייניקן צוליב א פוסטן סענטימענט. איר פארשטייט? — איך וויל ניט!

ער האט אינגאנצן געציטערט פון אויפרעגונג.

נובערג האט אפגעווארט א ווייל און געזאגט:

— ס׳איז א פראגע פון געוויסן און פון מענטשנס כח. עסן א חברס פלייש — דאס וועט ניט א יעדער קענען. פאר איינעם איז לייכט צו שפייזן זיך אויף א חברס קערפער און א צווייטן איז לייכטער צו שטארבן. איך וועל ניט עסן!

מאנלי האט געזאגט:

— איך אויך ניט.

אויך מארטין האט געזאגט:

— און איך אויך ניט.

פארקער איז אבער געבליבן פארעקשנט: ער איז צוגעגאנגען צו דזשאנען, איבערגעבויגן זיך איבער אים און געזאגט:

— דזשאן. איך וועל דיר ברענגען. איך וועל מיט א מעסערל אפשניידן... וועסט אונטערהאלטן זיך. איך וועל דיר ברענגען... הא, דזשאן?

דזשאַן האָט ברייט געעפנט זיינע אויגן, א קוק געטאָן אויף אים מיט א משונה׳דיקן בליק און אויף אַ ווײַלע ווי פאַרגליווערט געוואָרן. נאָכדעם האָט ער קורץ געזאָגט:

— ניין.

פאַרקער האָט איינגע׳טענה׳ט:

— פאַרוואָס — ניין? איך וועל אויך עסן... איך אַליין בין הונגעריק... איך וויל אויך ניט שטאַרבן מיט אַט דעם אומזיניקן טויט. איך וועל עסן און דו וועסט עסן. הא, דזשאַן?...

דזשאַן האָט ווידער אַ קוק געטאָן אויף פאַרקערן און ווידער געזאָגט קורץ:

— ניין.

געזאָגט, און אָפּגעקערט זיך. פאַרקער איז א ווײַלע געשטאַנען איבער אים, א פאַרלאָרענער, אומגעקערט זיך צוריק צו זיין אָרט, אוועקגעלייגט זיך, און מער האָט שוין קיינער וועגן דעם ניט גערעדט. ס׳איז געווען א קעלט פון אינווייניק און פון דרויסן. א קעלט, וואָס האָט אויפגעגעסן די ביינער. און קאַלווין פאַרקער איז געווען אין דער קאַלטער וועלט איינער אַליין. אַלע האָבן אים פיינט געהאַט. אפילו דער שטאַרבנדיקער דזשאַן קאַרי האָט ניט געוואָלט נעמען פון זיין האַנט קיין הילף. ער האָט בעסער אויסגעקליבן צו שטאַרבן, איידער זיין אויף זיין זייט און נעמען פון זיין האַנט די הילף. אַלע האָבן אים פיינט געהאַט. יעדער האָט פאַר אים געהאַלטן אין זיין האַרצן א פאַרבאָרגענע שנאה. זיי זיינען אַלע געווען אינאיינעם און ער — באַזונדער. די ליידנדיקע האָבן מיט אים ניט געוואָלט טיילן זייערע ליידן. דער הונגעריקער האָט ניט געוואָלט מיט אים טיילן זיין הונגער. און ווער ווייסט, אַז אים וואָלטן זיי אפשר געשטילט זייער הונגער מיט די טויטע. מיט אים — האָבן זיי ניט געוואָלט. מיט זיי איז אים געווען שווער צו שווייגן. און נאָך שווערער איז געווען מיט זיי צו ריידן. ער האָט זיך איינגעגנורעט אין זיך און געשוויגן. ניט געוואָלט טראַכטן, ניט געוואָלט וויסן, וואָס ס׳האָט זיך אַרום אים געטאָן.

* * *

יענעם טאג האט סאיער פארשריבן אין זיין נאטיץ־ביכל:

„... מיר ליגן איינגעגראָבן אין וואס מיר קענען. מיר דעקן זיך איין מיט די מאטראצן און קאלדרעס פון די טויטע חברים. מיר האבן אויף זיך ארויפגעצויגן זייערע קליידער און זיי געלאזן ליגן, נאקעטע, אבער מיר ווערן דערפרוירן. די קעלט גריזשעט אונזערע ביינער. און דער הונגער פארצערט אונזערע קערפערס, נאגט אויס דאס בלוט פון די אדערן. פון דעם איז נאך קעלטער און מורא׳דיקער. מיר ראנגלען זיך מיטן טויט. די שפיצן פון מיינע פינגער גליווערן. פון קעלט און פון אנמאכט. און אזוי שווין דאס דריטע מעת־לעת. איך פארשטיי ניט ווי אזוי מיר קענען דא לעבן. מיר שטארבן יעדע רגע, און דאך בלייבן מיר לעבן...

„איך קוק אויף די מענטשן. איך קוק אויף זייערע טויטע געזיכטער. עס איז שווין שווער צו דערקענען א באקאנטן שטריך. איך האב זיי אזוי ליב. אויב איך וואלט נאר געקענט, וואלט איך זיי איצט ארומגענומען און, יעדן איינעם באזונדער, אויסגעקושט די גלידער אויס גרויסער מענטשלאכער ליבשאפט. און כ׳וואלט געוויינט, געוויינט... אזוי האט איך זיי ליב. מיינע ברידער אין לעבן. מיינע ברידער אין ליידן און אין טויט. און מיר איז גוט, וואס איך האט זיי אזוי ליב. און איך וואלט זיי געקענט אוועקגעבן מיין גאנצע גוטסקייט. אבער איך זאג זיי גארנישט. איך ווער דערשטיקט פון מיין ליבע און פון מיין גוטסקייט צו זיי, אבער איך זאג זיי גארנישט. נאר פאר זיך אליין זאג איך:

— „איך האב אייך ליב. א, ווי איך האב אייך ליב. אייערע ליידן — זיינען מיינע ליידן. און אייער צער — איז מיין צער. ברידער מיינע, אומגליקלאכע ברידער מיינע...

„פון גרויס ליבשאפט ווערן אנגעפילט מיינע אויגן מיט טרערן. טרערן פארווערגן מיר מיין האלז. און איך זאג ווייטער:

— „מיך ארט ניט מיין אייגענער טויט. מיך ארט ניט. איך אליין בין גרייט צו שטארבן. איר ווייסט גאר ניט ווי לייכט עס איז מיר צו שטארבן. עס איז מיר אפילו א פרייד צו שטארבן

צווישן אייך. אָבער איך קען ניט פארטראָגן אייער ליידן. איך קען ניט. איך קען ניט...

„איך וויין. אזוי וויין איך אויס דעם צער פון די מענטשן ארום מיר מיט די טויטע געזיכטער. און איך קען נאָך אַלץ ניט אויסשעפּן די גוטסקייט פון מיין הארצן. ווי אן אייביקער פייער ברענט זי אין מיר.

„און זיי האָבן זיך פיינט. און איך וויים ניט פארוואָס צווישן זיי איז דאָ אַ שנאה. פון וואַנען קומט זי, די שנאה? זיי זיינען אזוי ווי געריררטע פון זייער זינען. און אז זיי וועלן זיך נאָך מער רירן פון זינען — וואָס וועט דעמאָלט זיין? מיר זיינען ווי ווילדע חיות פון פארשיידענע מינים, וועלכע מ'האָט צונויפגעטריבן אין איין איינגער שטייג. מיר זיינען ווילד. אפשר איז מיין איצטיקע גוטסקייט אויך — ווילדקייט. און וואָס קען אונז איצט ראטעווען? א וואָרט. א זשעסט. אן אויסדרוק פון אויגן. אַ, די טויטע פּנימער קענען זיך נאָך אויסקרימען אין בלייכע גרימאַסן, וואָס דריקן אויס צער און מורא און פארצווייפלונג. אפילו כעס און ליבשאַפט. אָבער זיי ווילן בלייבן טויט. טויטע געזיכטער ווילן ניט אויסדריקן קיין לעבן. און ס'איז אזוי שווער דאָס שווייגן. מיט רייד קען מען זיך נאָך אָפּנארן. זיך און יענעם. אָבער אז זיי שווייגן — ווער קען ווייסן וואָס ס'איז ביי זיי אויף די געדאַנקען? וואָס טראַכטן זיי וועגן זיך? וועגן מיר? וועגן דעם אנדערן?

„מיר טראַכטן אסך. פון הונגער איז אונזער מאַרך קלאָרער געוואָרן. ס'איז אזוי ווי מ'וואָלט אינם מאַרך א ניי פענסטערל געעפנט. ס'איז אין אים ליכטיק און קלאָר. אינם ליכט קען איך זעען בעסער. איך זע דורך דער פינסטערניש. איך זע דורך ווייטקייטן. און איך וויים מער, ווי איך האָב פריער געוואוסט אָדער פארשטאַנען. ניין, פריער האָב איך בכלל זייער ווייניק געוואוסט און פארשטאַנען. איצט וויים איך: די סובמארין איז אַ פּאַסטקע פון טויט. אַלע סובמארינען זיינען פּאַסטקעס, וואָס דער שונא האָט צושטעלט ביי די ברעגן פון מענטשלאַכן לעבן. מער סובמארינען — מער טויט

און צעשטערונג. זיי נארן און פארנארן אין די פאסטקעס מיט אלערליי מיטלען. זיי בלאזן אויף סענטימענטן. זיי דערוועקן שטי־מונג און גלויבן. זיי פארבלענדן מיט דעם וואונדער פון דער טעכניק. זיי דערוועקן זיכערקייט דורך די הונדערטער רעטונג־מיט־לען, וואס זיי דעמאנסטרירן פארן אנטציקטן אויג. און די אלע רעטונג־מיטלען, וואס די סובמארין שליסט אין זיך איין, זיי נארן, סוף־כל־סוף, אפ. זיי דעמאנסטרירן ברידערלאכע זארג פאר א ברו־דער. זיי דעמאנסטרירן ליבע און סאלידארישקייט פון די, וואס שיקן דיך אין די ימ׳ען. אין יעדער אפטיילונג א רעטונג־דורכגאנג. עס דוכט זיך: אט וועסטו אפדרייען דעם קלאמער, אויפהויבן דאס דעקל און ביסט שוין געראטעוועט. אין יעדער אפטיילונג — גע־זיכערטע, דאפלטע טירן מיט געפרעסטער לופט, אפצוהאלטן די שטארקסטע פארפלייצונג. אין יעדער אפטיילונג רעטונג־אנצוגן מיט ארטיפיציעלע לונגען, מיט זיכערונג־העלמעטן. אין יעדער אפטיילונג — סיגנאליזאציע פון אלערליי מינים: טעלעפאנען, אסציליאטארן, ליכט און קלאנג־סיגנאלן. מיטלען אויסצופאמפען דאס וואסער פון פארפלייצטע צימערן דורך מעכטיקן דרוק פון לופט. אויף אונזער שיף האבן מיר געהאט אט די אלע מיטלען נאך אין א גרעסערער מאס. אונזער שיף האט באדארפט זיין א מוסטער פון זיכערקייט.

„אט זיינען מיר אין מויל פון אן אומ׳ברחמנות׳דיקער סטיכיע. אלע רעטונג־מיטלען און זיכערונג־איינריכטונגען — זיינען א ליגן. זיי זיינען געווען פאלש אין זייער אייגנטלאכן יסוד. זיי זיינען גע־ווען בלויז א מיטל אפצונארן דאס מענטשלאכע פארזיכט און די מענטשלאכע מורא פארן טויט. זיי זיינען אפשר אויך א בארואי־קונג פאר דעם מענטשלאכן געוויסן, וואס שיקט אן אנדערן אויף א זיכערן טויט. און איצט וויים איך: זיי זיינען איינגעשטעלט אויף די סובמארינען, כדי ניט אויפצורעגן מיט אפענעם פארראט די גע־זעלשאפטלאכע מיינונג. זיי זיינען די שיינע מאסקע, אונטער וועל־כער עס באהאלט זיך דער ליגן.

„איצט ווייסן מיר אלע: — די אלע מיטלען זיינען גארניט ווערט, ווען עס טרעפט אן אומגליק. די מיטלען זיינען גוט נאר, ווען מ'איז אויף דער אויבערפלאך. אבער פון דער טיפעניש פון ים איז ניטא קיין רעטונג. א גליקלאכער צופאל וועט ארויסראטעווען א מענטשן. אבער די מיטלען — זיי זיינען א ליגן.

„יע. זיי האבן אונז אפגענארט. פארנארט צום טויט. זיי פאר־נארן מיליאנען צום טויט. זיי קלייבן אויס די אינגסטע, די מוטיק־סטע, די גלוויבוקסטע. ס'איז ביי זיי אן ארגאניזירטע סיסטעם פון מארד, פון פארשניידן יונגע לעבנס. אזא, פון אייביק־אן ארגאני־זירטער מארד, וואס רופט זיך — מלחמה. אזא סיסטעם, פון וועל־כער די מענטשהייט קען ניט געפינען קיין אויסוועג. און פארוואס איז ניטא קיין אויסוועג? פארוואס רופט מען ניט צו די, וואס פירן דאס מענטשלאכע לעבן אויף דער וועלט? פארוואס עפנט מען ניט זייערע אויגן? פארוואס דרינגט מען ניט אריין אין זייערע הערצער מיט א ווארט פון אמת?

„א, ווי שווער עס איז צו שטיין מיטן פנים צו די פאראדאקסן פון דער גרויזאמער סיסטעם פון לעבן! די פריסטער פון רעליגיע, וואס פרעדיקן ליבע און יושר — בענטשן די האנט פון דעם פאר־שניידער, בענטשן די, וואס הויבן זיך אויף און גייען ברודער קעגן ברודער. די לערער פונם יונגען דור, וואס זיינען בארופן אנצוא־ווייזן דעם גלייכן וועג צו א בעסערער צוקונפט, אויך זיי זיינען פאררעטער. עלטערן שטעלן זיך ניט איין פאר זייערע קינדער. ברידער שטעלן זיך ניט איין פאר זייערע ברידער. א וועלט פון משוגעת. א וועלט פון בלויזן ווידערשפרוך.

„דער הונגער און די קעלט. דער הונגער פרעסט אויף די קעלט פרעסט אויף. די נאטור האט קיין רחמנות ניט. ניטא קיין יושר אין דער נאטור. די נאטור און דער מענטש — איין גרויזאמער משוגעת. איין טויט איז ניט גענוג. טויזנט טויטן מיט איין מאל. הונגער און קעלט, און דערשטיקונג, און משוגעת.

„עס קומען אָן די פּיינען פון הונגער. איך קען מער ניט שרייבן . . .״

סאַיער האָט זיך איינגעקאָרטשעט און געוואָרט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם אויף די פּיינען. נאָכדעם האָט מען, צום ערשטן מאָל, דערהערט זיינע קרעכצן. ער האָט געסקריפּעט מיט די ציינער, געביסן זיך די ליפּן. געוואָלט באהאלטן אין זיך די ווייטיקן. אָבער ער האָט ניט געקענט. אַלע האָבן שוין געוואוסט, אז עס זיינען אים באַפאַלן די הונגער־פּיינען.

מאנלי האָט געזאָגט:

— אויך דו, ביל? כ׳האָב געמיינט, דיין יונגער מאָגן וועט קענען לייכטער אריבערטראָגן. אָט איז דיר . . .

סאַיער האָט נאָך שטאַרקער זיך איינגעביסן אין דער אויבערשטער ליפּ און איינגעהאלטן אין זיך די ווייטיקן.

האָט מאנלי געזאָגט:

— האלט ניט איין אין זיך די ווייטיקן. נישקשה, מעגסט א קרעכץ טאָן. ס׳וועט דיר זיין לייכטער. א ווייטיק דאַרף מען ארויסקרעכצן און ארויסוויינען. אז ניט — וועט ער דיך אויפעסן.

קאַרי, וועלכער איז שוין געלעגן א רואיקער, האָט געזאָגט:

— עס וועט דורכגיין, ביל. איך האָב געמיינט, איך שטאַרב שוין . . . און אָט איז עס שוין פאַריבער. גאָר ווי ניט געוועזן . . . גיב מיר עפּעס־וואָס צו עסן, און איך וועל ניט עסן! איך בין גאָר ניט הונגעריק . . .

סאַיער האָט ניט געענטפערט. און דזשאָן קאַרי האָט זיך פּלוצלונג צו אים געווענדט:

— הער, ביל, וואָס האָט דיך געטריבן אַנצושליסן זיך אָן דעם פּלאַט? ביסט נאָך יונג, צו יונג פאַר אזא לעבן.

סאַיער האָט זיך בשום אופן ניט געקענט דערמאָנען וואָס ס׳האָט אים געבראַכט אינם פּלאַט. ס׳איז געוועזן אזוי, ווי ער וואָלט אַלע מאָל געוועזן אינם פּלאַט, אייביק. עס איז שווער געווען צו דערמאָנען זיך, וואו און ווען עס איז פאָרגעקומען זיין פאַרבינדונג מיטן פּלאַט. געזאָגט:

— איך ווייס ניט. ווי קען איך וויסן?...

— ווייסט גאר ניט? וואס, א שטארך האט דיך דורכן קוימען אריינגעווארפן?

ווידער ניט געענטפערט. האט קארי געזאגט:

— ס'איז א מאדנע וועלט. ס'איז אלץ א צופאל. אט בין איך אויף א פאר מינוטן געקומען צו מאנלין, און אט בין איך דא. אט ליג איך... און רייד... און גארניט. און זיי זיינען אלע טויט. און גיי טרעף פארוואס דאס איז אזוי. מאדנע...

ער האט דאס געזאגט, און גלייך אריינגעפאלן אין זיין אייגענער, אומפארשטענדלאכער שטימונג, וואס איז געווען פארגעסונג און פארוואונדערונג אינאיינעם.

אבער מאנלי האט ניט געוואלט איבעררייסן דעם אנגעהויבענעם געשפרעך. געזאגט:

— און מיט סאיערס אנשליסן זיך אינם פלאט איז שוין גאר ניט קיין וואונדער. א יונגער מענטש — וואס ווייסט ער? אוואנטורע — דאס איז פאר דער יוגנט. וואלט זיך געקענט ארבעטן אין א פאבריק אלס מעכאניקער. אבער דאס איז אים געווען ווייניק. וואו איז דא די אוואנטורע? — איז ער אריין אין דעם פלאט. ניט אמת, ביל? האסט ניט געוואלט זיין קיין ערלאכער ארבעטער, ביסטו געווארן א מארינער...

סאיער האט געשוויגן. ער האט זיך גענומען דערמאנען. ווי פון א פינסטערניש, האבן גענומען ארויסשווימען אויפן זכרון דערינערונגען. זיין היים. די משפחה. זיין ברודער. דער ברודער, וואס האט זיך צוריקגעקערט פון דער מלחמה, א קאליקע. איצט איז דער ברודער געווען אינדערהיים — א אינוואליד. אמאל איז ער געווען א יונגער, א קלוגער און א געזונטער, און איצט איז ער געווען — א אינוואליד און אביסל ניט ביים פולן פארשטאנד. אין דער מלחמה אוועקגעגאנגען איינער, און צוריקגעקומען — אן אנדערער. ער און זיין ברודער. ער איז אויך געווען איינער, און איצט איז ער — אן אנדערער.

ער און דער ברודער! — זיין לעבן האָט זיך געצויגן פונם ברודער ביז אין דער נאַכט אַריין. ביז אין דער טונקעלער לאַך, אין וועלכער ער האָט זיך געקאַרטשעט. וואָס איז עס געווען? אַן אַנטפּלעקונג? אַ וואונדער? ווי האָט ער פון דעם פאַרגעסן? ער און זיין ברודער, דער אינוואַליד.

און אים צוהילף איז שוין אויך געקומען טאָם נובערג. ער איז אַלעמאָל געווען צווישן אים און דער וועלט. ער איז אַלעמאָל געווען מיט אים. נובערג האָט געזאָגט:

— באַהאַלטסט אוים די מעשה מיט דיין ברודער, ביל. ניטאָ וואָס זיך אויסצובאַהאַלטן. וועסט דערציילן — וועט דיר אויך לייכטער ווערן אויפן האַרצן. אַ טעות, אין וועלכן, מ'איז זיך מודה איז אַ האַלבער טעות... און ס'איז אויך לייכטער אַריבער־צוטראָגן. דערצייל.

סאַיער האָט געשוויגן. געפילט אַ שולדיקייט. ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן און ווי צו האַלטן זיך. געזאָגט:

— דו דערצייל. דו ווייסט אַלץ...

נובערג האָט זיך דערמאָנט. געזאָגט:

— וואַרט. דו האָסט מיר דערציילט, אַז דו האָסט עס ביי זיך פאַרשריבן... נעם אַרוים דאָס ביכל און לייען איבער. דו לייען און מיר וועלן הערן...

סאַיער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע דאָס ביכל, אַ פּיר געטאָן מיטן בליק איבער די פּנימער אַרום זיך און גענומען מישן די צעקנייטשטע בלעטלאַך פון זיין נאָטיץ־ביכל. געמישט, גע־מישט. געזוכט צווישן די אומצאָליקע נאָטיצן און פערזן די עטלאַכע בלעטלאַך, וואָס ער האָט אָנגעשריבן מיט אַ לאַנגער צייט צוריק, אין דער באַזע. איצט זיינען די בלעטלאַך געווען פרעמד־לאַך. פאַר אים אַליין האָבן זיי באַדאַרפט זיין אַן אַנטפּלעקונג. עס איז געווען אַזוי ווי ניט ער אַליין האָט זיי געשריבן, נאָר אימיצער אַן אַנדערער האָט זיי פאַר אים פריער פאַרשריבן און

איצט האָט ער אַליין צום ערשטן מאָל באַדאַרפט דאָס פאַרשרי־בענע איבערלייענען.

געפונען. אָפּגעוואַרט נאָך אַ רגע און מיט אויפרעגונג אין קול גענומען לייענען:

— „איך בין נאָך דאַן געווען אַ אינגל, ווען די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן. אָבער איך געדענק אַלץ גענוי, ווי דאָס איז געווען. דאָס זיינען געווען שווערע טעג. אַלע האָבן זיך געצאַפּלט אין דער מורא פאַר זיך און פאַרן נאָענטן... און אַז די מלחמה דערקלערונג איז געקומען, געדענק איך, איז זי געקומען מיט אַ מורא'דיקער אומפאַרמיידלאַכקייט. מענטשן האָבן פאַר איר מורא געהאַט. אָבער מ'האָט קעגן איר קיין זאַך ניט געטאַן... עלטערע מענטשן האָבן, מיט אַ באַזונדערן ציטער אין קול, דער־ציילט פון ווייטע דערינערונגען, פון לאַנג פאַרגאַנגענע מלחמות. אינגערע האָבן אַנגסטיק געשלונגען די רייד פון די עלטערע, געבענקט זייערע ווייטע בענקשאַפטן נאָך העלדישקייט און שרעק... און קיינער האָט ניט אָפּגעשטעלט זייער בענקשאַפט. קיינער ניט. ניט די נאָענטע און ניט די פרעמדע. איצט פאַרשטיי איך ניט, פאַרוואָס האָט מען יענעם גרויל אין די הערצער ניט אָנגע־רופן מיט דעם ריכטיקן נאָמען? מ'האָט זיך דער מלחמה־שטימונג אוועקגעגעבן אָן פּראָטעסט. איך געדענק עס... דאָס איז געווען אין אונזער הויז... מיין עלטערער ברודער איז דאַן געווען צוויי און צוואַנציק יאָר אַלט. ער האָט זיך, דער ערשטער, באַדאַרפט אָפּרופן אויפן רוף פון דער מלחמה. די מלחמה האָט זיך שוין אָנגערוקט אויף אונזער הויז, ווי אַ פינסטערער וואָלקן. איך געדיינק: איינמאָל האָט ער געזאָגט:

— „פאַרפאַלן. מ'וועט מוזן גיין. איך וועל ניט אָפּשטיין פון אַלעמען. ס'איז — מלחמה!"

„און, איך געדענק עס גענוי, ווי ער האָט נאָר אָט די ווערטער אַרויסגעזאָגט, האָט אין הויז עפּעס ווי אַ ציטער געטאָן, ווי אַן אויפרייס וואָלט אויפגעטרייסלט די לופט, און נאָכדעם איז אַלץ

אַנטשוויגן געוואָרן... מיר אַלע זיינען געזעסן שטום. נאָר די מאַמע האָט זיך אויפגעהויבן פון איר אָרט, צוגעפאַלן צו דעם ברודער און פאַרגאַנגען זיך אין אַ יאָמער. אַזוי יאָמערן האָב איך נאָך אַ מענטשן ניט געהערט... מיט אַזאַ געיאָמער קען נאָר אַ מענטש באַווייגען אַ טויטן. און פון יענעם מאָמענט האָבן מיר דערפילט די מלחמה שוין אויך אין אונזער הויז. זי איז שוין געווען מיט אונז און אין אונז. זי איז שוין פון יענעם טאָג אויף אייביק פאַרבליבן אין אונזער הויז. אין הויז האָט זיך באַזעצט אַ מאָדנער שווייגן. אַלע קלאַנגען אין אונזערע צימערן זיינען אָפּגעשטאָרבן. איך געדענק, אַז מיר האָבן אויסגעמיטן צו ריידן צו הויך. פונקט ווי אין דעם הויך־ריידן אַליין איז שוין געווען אַ שולדיקייט קעגן עפּעס מענטשלאַכע געזעצן. מיר האָבן אפילו אויסגעמידן צו קוקן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן, אַזאַ שולדיקייט איז געווען אין אַ יעדן איינעם. פאַרוואָס? איצט וויים איך ניט. אָבער דאַן האָב איך, מסתמא, געוואוסט.

„נאָכדעם איז דער ברודער אַוועקגעשיקט געוואָרן צום שלאַכט־פעלד. מיר האָבן נאָר געוואָרט אויף ידיעות. מיר האָבן, אין אַ מאָדנער בענקשאַפט, ניט אויפגעהערט צו ציילן די טעג און וואָכן זינט דער ברודער האָט פאַרלאָזן דאָס הויז. ער איז געווען דער צענטער פון אונזערע געדאַנקען און אונזערע האָפענונגען. וועגן אים האָט מען גערעדט אין הויז. אים האָט מען גערימט און דער־הויבן. יעדן אָוונט, ווען מ׳האָט אָנגעצונדן ליכט, פלעגן מיר, די היימישע, און אַמאָל אויך מיט פריינט, זיך אַרומזעצן אַרום טיש און, צום טויזנטסטן מאָל, לייענען און איבערלייענען דעם ברו־דערס בריוו פון שלאַכטפעלד.

„און ס׳איז געווען גוט און פריידיק צו לייענען זיינע בריוו. אָט איז ער געווען ווייט, אין שטענדיקער לעבנסגעפאַר, אָט איז ער געווען נאָענט און אַרום איז געווען בלויז לעבן און האָפענונג. און עס איז לייכט געווען צו גלויבן, אַז מיט אים וועט געשען אַ נס. ער וועט אַרויס פון אַלע געפאַרן. און אַלע

וועט אריבער ווי א שווערער חלום. ווייל זיינע בריוו זיינען אלע מאל געווען קלוגע און וויציקע. ער האט געקענט, מיט א וויציקער באמערקונג, אוועקטרייבן פון זיך דעם טויט. און מיר האבן שוין אים געזען אויסער א וועלכער עס איז געפאר. ער האט געקענט, מיט א לעבעדיק־דערציילטן אינצידענט, אפטרייבן פון אונז די מורא פאר זיין לעבן. דער פאטער און די מוטער, געדענק איך, האבן זיך געפרייט ווי קינדער: — ער האט געלעבט! ער האט געלעבט! און ער איז געווען א העלד, זייער זון. און ווי האט געקענט זיין אנדערש? ער האט דאך געלעבט אין אונזער געדעכעניש. ער האט געלעבט אין זיינע בריוו. ער האט געלעבט אין זיין לעבעדיקן ווארט.

„אין די פרימארגנס און אין די אוונטן האבן מיר געלייענט די צייטונגען. די צייטונגען האבן דאן געשריבן בלויז וועגן דער מלחמה. מ'האט געלייענט די נייס פון די שלאכטפעלדער. מ'האט געלייענט די לאנגע צעטלען פון די טויטע און פארוואונדעטע. געלייענט, און אין הארצן איז שטענדיק געווען א געבעט:

— „גאט, באהיט און באשיץ! באהיט און באשיץ.

„און אין די געדאנקען און אויפן הארצן איז געווען נאר דער ברודער. און אזוי איז פאראיבער א יאר. און עס איז שוין באלד אריבער א צווייטער. דער ברודער האט זיך שוין באטייליקט אין צענדליקער שלאכטן. ער איז שוין אפילו צוויי מאל געווען לייכט פארוואונדעט. אבער זיינע בריוו זיינען נאך אלץ געווען וויציקע. מיר האבן זיך שוין צוגעוואוינט צו טראכטן, אז די געפאר וועט אים פארבייגיין. דער טויט וועט אים אויסמיידן, ווי אלע מאל. אבער פלוצלונג האבן מיר אויפגעהערט צו קריגן פון אים בריוו. אין די אוונטן איז שווערער געווארן צו זיצן ארום טיש און לייענען די לאנגע צעטלען פון די טויטע און פארוואונדעטע. עס איז געווען א מורא פאר יעדן נאמען, וואס איז געקומען פאר די אויגן. און ס'איז מאדנע געווען, וואס מיר אלע זוכן דעם ברודערס נאמען צווישן די טויטע. ס'איז געווען אזוי, ווי מיר וואלטן אים אין די געדאנקען שוין טאקע פאראורטיילט צום טויט...

„די צייט איז געגאַנגען, און מיר האָבן פון אים גאָר ניט געהערט. אַזוי ווי ער וואָלט גאָר ניט געווען אויף דער וועלט. מיר האָבן שוין באַשלאָסן, אַז ער איז ערגעץ אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט פונם שונא. און עס איז שוין אין דעם געווען אַ געוויסע פרייד: איצט וועט ער שוין זיכער לעבן בלייבן. אָבער אין אונדז זיינען מיר אַזוי געזעסן ביים טיש און שטיל געשמועסט. פּלוצלונג (אַזוי פּלוצלונג קענען נאָר פּאַסירן וואונדער) האָט זיך אָן עפן געטאָן די טיר און אין צימער איז, מיט אַ מאָדנעם טומל, אַריינגעפאַלן דער ברודער. ער איז געווען איינער אַליין, אָבער זיין אַריינקומען האָט פאַראורזאַכט אַזוי פיל פּלוצלאַכן טומל, אַז ס'האָט זיך געדוכט, אַז מיט אים זיינען אַריין נאָך מענטשן. און ס'האָבן געדויערט עטלאַכע רגעס ביז מיר זיינען געקומען צו זיך און פאַרשטאַנען, אַז אין צימער איז אַריין ער אַליין, דער ברודער, און מער קיינער ניט. און ס'איז געווען מאָדנע: — ס'איז געווען ווי אַ פרעמדער וואָלט זיך פּלוצלונג מיט אַ טומל אַריינגערוקט אין צימער מיט אַן איבעריקן געפּילדער. אָבער דאָס האָט געדויערט איין רגע. מיר האָבן אים באַלד דערקענט. מיר האָבן אים דערקענט...״

סאָיער האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם פון אויפרעגונג. זיין קול האָט אַפילו ביי די לעצטע ווערטער אַ ציטער געטאָן. ער האָט אָפּגעוואַרט אַ ווייל. אַרומגעקוקט זיך אויף די, וואָס האָבן זיך צוגעהערט, ווי ער וואָלט געצווייפלט, אַז זיי הערן טאַקע, און ווידער, אינם זעלביקן טאָן און מיט די זעלביקע פאַרזיכטיק־געקליבענע ווערטער, ווי ער וואָלט ניט געלייענט, נאָר פאַרשריבן, האָט ער אָנגעהויבן:

— „יע. מיר האָבן אים דערקענט. אָבער ער איז סיי ווי סיי געווען — אַ פרעמדער. זיין פּנים איז געווען אַרומגעוואַקסן מיט אַ טונקל בערדל. זיינע האָר זיינען געווען לאַנג. און די אויגן זיינען אומרואיק אַרומגעלאָפן פון איינעם פון אונז אויפן צווייטן, ווי זוכנדיק שוץ. און אַנשטאָט זיין רעכטן פוס האָט זיך גע־

באַמבלט אַ צענויפגעלייגטער דער לײדיקער פּליודער פון זיינע סאָלדאַטישע הויזן. ער איז אַ ווײלע געשטאַנען לעבן שוועל, אָנגעשפּאַרט אויף צוויי מאָדנע־נייע קוליעס אונטער די אָרעמס, און די גאַנצע צייט איז ביי אים אויפן פּנים געווען אויסגעגאָסן אַ שולדיקער שמייכל. יע. אַזאַ מאָדנער שולדיקער שמייכל.

„איך קען אַט דאָס בילד ניט פאַרגעסן. עס האָט זיך איינגע־קריצט אין מיין זכרון אויף אייביק. און איך געדענק, מיר האָבן זיך, מיט אַ חיה'שן שרעק, אַ ריס געטאָן צו אים. אין הויז איז געוואָרן אַ טומל און אַ יללה. איינער איז געשטאַנען צו לאַנג אַרומגענומען מיטן גאַסט, דער צווייטער איז געשטאַנען אַביסל צו לאַנג אָן־אַ־זייט, געבראָכן די הענט און ניט געוואוסט וואָס ווייטער צו טאָן. און נאָר די מוטער האָט זיך, אין שטומער אָנגסטיקייט, געקנוילט אויף דער ערד, לעבן דעם ברודערס איינ־ציקן, מאָדנע לאַנג־געוואָרענעם פוס. עטלאַכע מינוטן זיינען מיר געווען ווי מענטשן, וואָס האָבן זיך ערשט גערירט פונם זינען, און האָבן נאָך ניט געפונען קיין אויסדרוק פאַר זייער משוגעת.

„און נאָר ער אַליין איז נאָך אַלץ געשטאַנען און שולדיק, און אפשר אויך, אַביסל דערשראָקן, געשוויגן און געשמייכלט, ווי אַ קינד. און דאַן האָבן מיר אַלע דערזען, אַז ער איז אַלט. אַזאַ אַלטקייט איז אויף זיין פּנים געלעגן, פּונקט ווי זי וואָלט גאָר ניט געווען זיינע. נאָר אַן אָנגעטאָנענע פון דרויסן, ווי אַ מאַסקע. איך געדענק, אַז דאָס איז פאַר מיר געווען שוידערלאַכער ווי דאָס, וואָס עס האָט אים געפעלט דער פוס. אָ, איך וועל עס ניט פאַרגעסן! . . ."

און ווידער האָט סאָיער אַ ווײלע ניט געקענט פאָרטזעצן. אָראָפּגעשלונגען אַביסעלע טרוקענע שפּייעכץ, דורכגעפירט מיט אַ קאַלטער האַנט איבער די האָר און אַ שלוכץ געטאָן, פּונקט ווי ער וואָלט אַראָפּגעשלונגען אַ טרער.

— „פון יענעם אָוונט אָן, פון דער מינוט, וואָס מיין ברודער האָט באַטראָטן די שוועל פון צימער, אַ קאַליקע, אָנגעשפּאַרט אויף

צוויי געלבלאכע קוליעס, האט זיך אריינגעריסן אין אונזער הויז דער אומזין פון דער מלחמה. פריער האבן מיר נאך געוואוסט וואס דאס איז אזוינס — מלחמה. און באנומען, ווי עס איז, אירע אורזאכן, און, אפילו, אירע שרעקן. אבער אין דער אנגוועזנ־הייט פונם ברודער, וואס איז געווען אונזער פלייש און בלוט און וואס איז, אין דערזעלביקער צייט, געווען פרעמד און אומפאר־שטענדלאך, ווי א מענטש, וואס איז געקומען פון אן אנדער, אומבאקאנטער וועלט, איז שווער געווען צו באנעמען און פאר־שטיין עפעס אין א קאנקרעטער ליכט. עס איז געווען ביי אונז אין הארצן א טרויער און פאר די אויגן — אומזין.

„אזא פרעמדער איז ער געווען... ער איז געווען ניט נאר ער אליין. ער איז געווען ער און נאך אימיצער, וואס האט אים גע־מאכט פרעמד און אומבאקאנט. און אט דער אומבאקאנטער אין אים האט אונז געשראקן און פארביטערט אונזער לעבן. ווייל אז ער האט געשמייכלט — איז עס ניט געווען זיין שמייכל. ער האט געלאכט, און זיין געלעכטער איז ניט געווען זיינער. און אויך די רייד זיינען ניט געווען זיינע. אויף זיינע ליפן זיינען געבארן געווארן ווערטער און פראזן, אומקלארע, אפגעריסענע, פונקט ווי אימיצער, אין אים, וואלט גאר אן זיין וויסן, איבער־געשטעלט די ארדענונג פון די ארויסגעזאגטע ווערטער און פאר־טוישט זייער אינהאלט מיט טויטער אומקלארקייט. ער האט גערעדט, און דער, וואס האט געהערט, האט מיט שווערקייט איינגעהאלטן אין זיך די טרערן.

„אבער וואס מער צייט עס איז פאראיבער, אלץ בולט'ער האט זיך געוויזן די ענדערונג אין אים. זיין פנים איז געווארן טעמפ און אויסדרוקלאז, ווי ביי אן אידיאט. דער גלאנץ פון די אויגן איז אויסגעלאשן געווארן. זיין מארך איז געווען פינסטער. אלץ אין אים איז געווען צעשטערט. אפילו די שלאנקייט פון זיין קערפער. און מערקווירדיקער פון אלץ איז געווען, וואס ער האט, בישלאכוויז, פארגעסן צו ריידן. ער האט פארגעסן א גרויסע צאל

גאר געווײנלאכע ווערטער פון זײן וואקאבולאר. ער האט בכלל גענומען אלץ פארגעסן. אפילו די מלחמה אליין. די מלחמה האט נאך דאן געבושעוועט. אומעטום האט מען גערעדט וועגן איר. אינדערהײם און אינדרויסן. און נאר ער, דער ברודער, האט גאר ניט געהאט וואס צו זאגן און וואס צו דערצײלן וועגן איר. אפילו אויף פראגעס האט ער ניט געהאט וואס צו ענטפערן.

„אבער אײן מאל, דאס איז שוין געווען בײם סוף פון דער מלחמה, ווען דער שונא האט געמוזט אנווענדן זײנע לעצטע כחות און אוועקשטעלן אלץ אויף דער לעצטער קארט, זײנען מיר געזעסן אין אוונט ארום טיש. דער ברודער איז אויך געווען מיט אונז. דער פאטער האט ארויסגעלײענט פון א צײטונג, אויפן קול, וועגן דעם, אז דער שונא האט באנײט זײנע שרעקלאכע גאז־אטאקעס און אז דער גאז האט פארגיפטעט גאנצע טויזנטער. ער האט אויפגעהויבן דעם קאפ פון דער צײטונג און געזאגט:

— „אט האט איר אים, אונזער שונא! דער טײוול האט שוין אינגאנצן באהערשט אין אים דעם מענטשן. ער האט זיך שוין אינגאנצן אויסגעטאן פון אלע מענטשלאכע געזעצן. טוט זײן טײוולשע ארבעט, און פארטיק! בארבארן!...

„און ווי ער האט דאס ארויסגעזאגט, האט יעדער אײנער געהאט זײן ווארט וועגן דער פרינציפיעלער און מאראלישער זײט פון מלחמות בכלל און וועגן די מיטלען — בפרט. יעדער אײנער האט גערעדט. און אין די אויפגערעגטע רײד, האבן די אנווענז־דיקע אינגאנצן פארגעסן וועגן דעם ברודער, וואס איז געווען צווישן אונז. און ער איז געזעסן צווישן אונז. לעבן אים זײנען געשטאנען די צוויי קוליעס. ער איז געווען בלײך. אין זײנע ברײט־געעפנטע אויגן איז געווען א ניטדאאיק ליכט. די ווינקלען פון זײנע ליפן האבן געציטערט. די בלײכע הענט, וואס זײנען מאכטלאז געלעגן אויפן טיש, האבן זיך אזוי מאדנע באוועגט מיט די לאנגע דינע פינגער, ווי זײ וואלטן געוואלט אנטאפן א דין אומזעבאר געוועב, און וואלטן ניט געקענט...

„אלע האָבן אַ קוק געטאָן אויף אים, און אַנטשוויגן געוואָרן, פאַרשעמטע. און ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אַן אויפגערעגטער, און געזאָגט:

— „איר רעדט פון מלחמה. ניין, ס'איז ניט דאָס!... ס'איז ניט דאָס! ניט דאָס! איר ווייסט ניט. איך ווייס ניט... קיינער ווייסט ניט!

„דער אָטעם האָט אים געשטיקט. אָבער ער האָט געוואָלט ריידן ווייטער:

— „איך האָב געטויט. איך האָב פאַרגאָסן בלוט... יע. איך האָב פאַרגאָסן בלוט. פרעמד בלוט און אייגן בלוט — אַלצ־איינס. מלחמה — דאָס איז שיקזאַל. ניטאָ פון איר קיין אויס־וועג. ביסט קעגן איר, און דו נעמסט זי אָן. אָט וואָס! גיסט זיך איר איבער... פאַרוואָס גיסטו זיך איר איבער? פאַרוואָס? קענסט ניט טויטן, און דו טויטסט גאָר! אָט וואָס...

„זיין האַלז איז געווען פאַרוואָרגן מיט אויפרעגונג. ער האָט ניט געהאַט קיין אָטעם. זיינע נאָזלעכער האָבן געציטערט. אָבער איך געדענק, אַז איינמאָל אָנגעהויבן צו ריידן, האָט ער זיך שוין ניט געקענט אָפּשטעלן. ער האָט ווילד זשעסטיקולירט מיט די הענט און געשריען:

— „איך האָב געטויט. פאַרגאָסן בלוט. פרעמד בלוט און אייגן בלוט. איר זאָגט דאָס איז שרעקלאַך. און איך זאָג — עס איז ניט שרעקלאַך! און ס'איז אין דעם ניטאָ קיין מורא. שרעקלאַך איז נאָר פאַר די, וואָס בלייבן לעבן. דער טויט האָט אויסגעמידן — דאָס איז שרעקלאַך! קוקסט זיך אַרום, — דו לעבסט גאָר!... כי־כי־כי! כי־כי־כי!!

„און ער האָט גענומען לאַכן מיט זיין מאָדנעם משוגענעם געלעכטער פון אַ אידיאָט. געלאַכט, געלאַכט. און ס'איז געווען דאָן אַ מורא אַ קוק צו טאָן אויף זיין פנים. ס'איז געווען שווער צו באַשטימען צי ער האָט געלאַכט, צי גאָר געוויינט. ווייל דאָס פנים איז געווען אויסגעקרימט אין אַן אויסערגעוויינלאַכער

גרימאַסע און אין די אויגן זיינען געשטאַנען טרערן. אָבער אין א מינוט אַרום האָבן מיר שוין באַמערקט, ווי זיין פּנים ווערט ערנסטער און אין די אויגן צינדט זיך אָן אַ דראָענדיקער פייערל. עס איז מורא׳דיק געווען אויף אים אַ קוק צו טאָן. ער האָט פּלוצ־לונג אַ זעץ געטאָן מיטן פויסט אָן טיש און אַרויסגעבריפּעט:

— „און מיליאָנען זיינען געבליבן אינדערהיים! אַלע זיינען געבליבן אינדערהיים וואַרטן אויף אונזער טויט. ברידער און שוועסטער, טאַטעס און מאַמעס האָבן געוואַרט אויף אונזער טויט. פאַרוואָס האָט איר געוואַרט אויף מיין טויט? פאַרוואָס?

„און דאָן האָט עס פּאַסירט. איך בין נאָך דאַן געווען גאָר אַ אינגל, ווען דאָס האָט פּאַסירט, אפשר צוועלף יאָר אַלט. איך בין דאַן געזעסן פון דער צווייטער זייט פון טיש, פּונקט אַנטקעגן דעם ברודער. און ער האָט פּלוצלונג אויפגעהויבן אויף מיר די אויגן, אויפגעהויבן מיט איין האַנט איינע פון די קוליעס, אויס־געשטרעקט זי איבערן טיש, און מיט ביטערקייט, געזאָגט:

— „אַז איר שיקט מיך אַוועק שטאַרבן, און אַליין בלייבט איר לעבן — זייט איר מיינע שונאים. איך האָב אייך פיינט. איך זייט פאַררעטער. און איך האָב אייך פיינט, ווי אַ שונא. און איך האָב אייך אַלעמען פיינט!... ליגנער! אַליין האָבן זיי זיך אויסגעבאַהאַלטן! געבליבן דאָ...

„ער האָט דאָס געזאָגט. זיך אָפּגעקערט פון אונז און איז מיט האַסט אַוועק צו זיך אין צימער, שטאַרק קלאַפּנדיק מיט די קוליעס אָן דיל. אין זיין אַוועקגיין איז געווען דראָענדיקער פאַראורטייל. אין זיין יעדן טראַט איז געווען — אַ קללה. איך בין געבליבן אַ פאַרציטערטער. איך געדענק, אַז איך בין אַנידערגעפאַלן מיטן פּנים אויפן טיש און זיך פאַנאַנדערגעיאָמערט.

„פון יענעם אָוונט אָן האָב איך אין זיך דערפילט אַ שולדיקייט פאַר מיין ברודער. איך האָב אויף זיך געפילט אַ חוב, וועלכן איך האָב געמוזט אויסקויפן. איך האָב געמוזט אויסקויפן דעם חוב פאַר זיך און פאַר מיין פאָטער און מוטער און שוועסטער, און

אַפילו פאַר מיין אינגערן ברודער, וואָס איז דאַן קוים צען יאָר אַלט געווען. און נאָך יענעם אָוונט בין איך אַריינגעגאַנגען אינם ברודערס צימער און צו אים געזאָגט, ווי אַ גלייכן צו אַ גלייכן:

— „אַז איך וועל אויסוואַקסן אַ גרויסער, וועל איך אויך גיין מלחמה האַלטן. וועסט זען. איך האָב קיין מורא ניט. איך וועל זיך אָנשליסן אָן דער אַרמיי, אָדער אָן דעם מאַרין־קאָרפּוס. איך וועל ניט אָפּשטיין. איך וועל זיין אַזוי ווי דו.

„ער האָט מיך אויסגעהערט, אָבער קיין באַשטימטן אויסדרוק האָט איך דאַן ניט באַמערקט אויף זיין פּנים. ער איז שוין געווען קאַלט צו אַלץ. פונדעסטוועגן, געדענק איך, האָב איך ניט אויפגעהערט אים צו דערמאָנען ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן. אַז איך וועל זיך אָנשליסן אָן דער אַרמיי. און וואָס מער איך האָב מיט אים גערעדט וועגן דעם, אַלץ ערנסטער האָט ער זיך צו מיר צוגעהערט. און איך אַליין בין שוין געווען זיכער, אַז מיין צוקונפט איז אין דער דינסט פון פאָטערלאַנד, כאָטש די מלחמה איז שוין צו יענער צייט געווען פאַראיבער.

„פון דאַן אָן האָב איך זיך צו אים דערנעענטערט. איך האָב ליב געהאַט צו זיין ביי אים אין צימער. איך האָב ליב געהאַט צו ריידן מיט אים וועגן דער מלחמה און וועגן העלדישקייט. ער האָט אָבער זייער ווייניק גערעדט. און אַז ער האָט שוין גערעדט, איז ניט אַלעמאָל קלאָר געווען וואָס ער האָט געמיינט. פונדעסטוועגן האָט ער מיר איין מאָל געזאָגט:

— „מלחמה — דאָס איז שרעקלאַך. אַ גרויסע וועלט פאַרן מענטשן — און ס׳איז ענג. אַסך לופט, און ניטאָ מיט וואָס צו אָטעמען. פאַרשטייסטו וואָס דאָס איז? אַ האַרץ, וואָס איז פול מיט שנאה אָן אַן אורזאַך. מ׳הייסט דער׳הרגנען אַ ברודער און אַ טאַטן און אַ מאַמען — און ס׳איז אַלצאיינס. דו הרג׳עסט. אַסך שנאה און אַנטקעגן איר איז ניטאָ קיין ליבע. ניטאָ קיין ליבע צוי קיינעם ניט. ניטאָ קיין ליבע צו זיך. זאָלסט ניט גיין אויף מלחמה. זאָלסט ניט גיין.

„איך בין געווען איבערראשט. הייסט עס, אַז ער האָט ניט פאַרגעסן מיין צוזאָג און האָט מיך געוואָרנט ניט צו גיין אין דער אַרמיי. איך האָב געזאָגט:

— „דו האָסט געליטן, ווייל איך אויך ליידן. מיליאָנען האָבן געליטן, ווייל איך אויך ליידן...

„ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר און געזאָגט:

— „ניין, גיי ניט!

„נאָכדעם האָב איך מיט אים אַ לאַנגע צייט ניט גערעדט וועגן דעם. אָבער איין מאָל האָט פּאַסירט, אַז איך בין מיט אים אַרויס שפּאַצירן אויף אַ גרויסער געשעפט־גאַס. מיר זיינען פאַרבייגעגאַנגען אַ געשעפט פון אַרמיי־קליידער, אַלטע ביקסן און אַלערליי געווער־קלייניקייטן, וואָס מ'האָט עטלאַכע יאָר נאָך דער מלחמה פאַרקויפט צוםברייטן עולם. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און לאַנג באַקוקט דעם שויפענסטער. ניט געקענט אָפּרייסן זיך. ער האָט קיין זאַך ניט געזאָגט, אָבער איך האָב שוין געוואוסט, אַז אַלץ, וואָס ער האָט דאָרט געזען, האָט אויף אים געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק. פון יעמאָלט אָן פלעגט ער יעדן טאָג אַוועקשפּרייזן אויף זיינע קוליעס צו דעם געשעפט מיט די אַרמיי־מכשירים. דאָרט פלעגט ער זיך אַוועקשטעלן און קוקן און באַקוקן מיט נייגעריקע אויגן יעדע זאַך. אין זיינע אויגן האָט דאַן געברענט אַ נייער פייער..."

סאָיער האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַרומגעקוקט זיך. אַ שאָר געטאָן איבער די האָר און זיך פאַרטראַכט, פונקט ווי ער וואָלט זיך וועלן אָן עפּעס דערמאָנען. מאַנלי האָט אומגעדולדיק געזאָגט:

— דערציייל. דערצייל... לייען... וואָס האָסטו זיך אָפּגעשטעלט?... לייען.

סאָיער האָט נאָך אַלץ געשוויגן ער איז געווען זייער אויפגערעגט. ניט געקענט באַרואיקן אין זיך די אויפגעוועקטע געפילן. האָט מאַנלי ווידער געזאָגט:

— אך, לייענסטו! ניט אומזיסט ביסטו א פּאָעט און שרייבסט אזעלכע שיינע לידער! לייענסט, און ס'דוכט זיך, אז דו דערציילסט גאָר...

סאיער האָט אים גאָר ווי ניט געהערט. אין א ווײַלע ארום האָט ער, ווי ענטפערנדיק אויף אן אייגענער פראגע, ווידער אָנגעהויבן:

— „איך האָב געקויפט א ביקס. אן ארמיי ביקס. און ווי עס איז מיר געקומען אָט דער אומגליקלאָכער איינפאל צו קויפן אים די ביקס ווייס איך ניט. מסתמא האָב איך געוואָלט צופרידנ־שטעלן זיין נייגעריקייט לעבן דעם ארמיי־געשעפט. איך בין שוין דאָן געווען א סטודענט אין דער טעכנישער אקאדעמיע פון דעם פלאָט. נאָך אין דער שול האָט מיך א ברען געטאָן דער געדאנק צו קויפן אים א ביקס, און קומענדיק אהיים, האָב איך צו אים געזאָגט:

— „ווייסט? איך האָב באשלאָסן צו קויפן דיר אן ארמיי ביקס. איך ווייס, אז דו וואָלסט וועלן האָבן א ביקס. וואָס זאָגסטו?

„ער האָט געקוקט אויף מיר אומצוטרויאָך. געזאָגט:

— „דו... דו וועסט קויפן א ביקס?

— „יע. איך וועל נאָך אפשר מאָרגן זי דיר קויפן.

„ער האָט נאָך אמאָל א קוק געטאָן אויף מיר מיט זיין מאָדנעם בליק:

— „ברודער מיינער, א ביקס. א ביקס!

„און זיינע הענט האָבן דערביי געציטערט. נאָכדעם איז ער אָפּגעטראָטן פון מיר, אוועק צו זיך אין צימער און אָנגעהויבן ארומשפרייזן אויף די קוליעס אהין־און־צוריק. און א גאנצע נאכט האָבן מיר נאָכדעם געהערט זיינע הילצערנע טריט איבערן צימער. אזוי אויפגערעגט איז ער געווען מיט מיין צוזאָג. ערשט צו אינדערפרי צו האָט ער זיך אריינגעלייגט אין בעט. איך האָב דאָן פארשטאנען וואָס אזוינס איך האָב אויפגעטאָן מיט מיין

צוזאג, אבער קיין אויסוועג איז שוין ניט געווען. איך האב געמוזט האלטן מיין צוזאג. אויף מארגן האב איך אים טאקע געקויפט די ביקס.

„און פון דאן אן איז דער ברודער נאך מער דערוווייטערט געווארן פון אונזער לעבן. ער איז געווען אינגאנצן אויסער אונזער לעבן. גאנצע טעג איז ער געזעסן איבער זיין ביקס, פאנאנדערגענומען זי אויף איינצלנע טיילן, געריייניקט זי און געשייערט, געשמירט מיט אייל, לויט אלע פארשריפטן פון דעם ארמיי קאדעקס. עס איז געווען מורא'דיק צוצוקוקן, ווי ער האט, צום טויזנטסטן מאל, מיט א מאדנער עקשנות'דיקייט און מערק־ווירדיקער געדולדיקייט, פאנאנדערגענומען, טייל נאך טייל, די אלטע ביקס ביינער, און זי צוריק צוזאמענגעשטעלט.

„איך האב זיך איינמאל ניט איינגעהאלטן און געזאגט:

— „האסט נאך פון דיין ביקס קיין איין מאל ניט אויסגע־שאסן, און דו רייניקסט זי יעדן טאג אן אן אויפהער.

„ער האט קאלט א קוק געטאן אויף מיר און געזאגט:

— „א ביקס דארף מען רייניקן יעדן טאג. א ביקס איז א דעליקאטע זאך: זי האט ליב ריינקייט.

— „אבער מיט דיין ביקס דארפסטו דאך ניט שיסן.

— „דאס מאכט ניט אויס. א ביקס מוז מען רייניקן יעדן טאג. זי דארף זיין אלע מאל אין ארדענונג און גרייט. א גוטער סאלדאט פארלאזט ניט זיין ביקס. א ביקס איז א חבר אין נויט. א הייליקע זאך.

„איך האב כמעט ברוטאל געזאגט:

— „ווען מ'קעמפט איז זי אפשר א הייליקע זאך. אבער אזוי איז זי ניט מער ווי אן אנדיינק פון בלוט־פארגיסונג. א מערדער־לאך געווער.

„ער אט א שפאטישן קוק געווארפן אויף מיר און געזאגט מיט פאראכטונג:

— „ביסט א אינגל. דו ווייסט נאך ניט וואס דו רעדסט.

„אָפּגעקערט זיך פון מיר און גענומען זיך צו דער ביקס. איך בין געזעסן און זיך צוגעקוקט, ווי פלייסיק זיינע הענט זיינען געווען פאַרנומען מיט דער ביקס. פאַנאַנדערגענומען און צוזאַמענגעשטעלט און מיט אַזאַ ליבע צו יעדן טיילכל.

נאָכדעם האָט ער געזאָגט:

— „האָסט קיינמאָל ניט געשאָסן, ברודערל, ווייסטו ניט. ווייסט ניט וואָס דאָס איז — מלחמה. ווייסט ניט וואָס אַן אַטאַקע איז. און דו ווייסט ניט וואָס אַ קאָנטער־אַטאַקע. ווייסט ניט וואָס אַ באַראַזש־פייער איז... ווייסט ניט! ווייסט גאָרניט.

„ער האָט זיך מיט פאַראַכטונג אָפּגעקערט. און איך בין צום ערשטן מאָל געוואָרן אויף אים אין כעס. איך האָב געזאָגט:

— „און איך וויל ניט וויסן. איך וועל אין דער מלחמה ניט גיין.

„ער האָט מיט עקשנות געזאָגט:

— „אָ, דו האָסט שוין חרטה?... האָסט שוין מורא? — אָבער דאָס איז גאָרניט. דאָס איז דערווייל. וועסט גיין. וועסט מוזן גיין. און דורכמאַכן אַטאַקעס און קאָנטער־אַטאַקעס. און אויסשטיין אַ באַראַזש־פייער... וועסט גיין.

— „איך וועל ניט גיין!

— „וועסט שוין גיין! כי־כי־כי!!! וועסט שוין גיין, כי־כי־כי!!

„ער האָט מיט הנאה געלאַכט מיט זיין מאָדנעם אידיאָטישן געלעכטער. נאָכדעם האָט ער געזאָגט:

— „און מ׳וועט דיר געבן אַ ביקסעלע. אָט אַזאַ ביקסעלע. זעסט? כי־כי־כי!!

„איך האָב אים דאַן פיינט געהאַט. איך האָב אומיסטן נאָך אַמאָל געזאָגט:

— „ניין, איך וועל ניט גיין!

„מיר זיינען געווען ווי צוויי נאַרישע, פאַר׳עקשנ׳טע קינדער. אָבער פּלוצלונג האָב איך באַמערקט ווי ער ווערט ערנסטער. זיינע

אויגן ווערן קלארער און ער טראכט. עפעס האט אים באהערשט א געדאנק. ער האט געזאגט:

— „ביי אונז אין דער ארמיי איז געווען פונקט אזא יונגער מאן, ווי דו. אין סאמע ברען פון דער מלחמה האט ער זיך אפגעזאגט צו שיסן. ניט געוואלט אויספאלגן די קאמאנדע. דער קאמאנדיר האט אים געסטראשעט און געשלאגן. די סאלדאטן האבן זיך איבער אים איזדיעקעוועט. מ'האט אים גע־שטעלט פארן קריג־געריכט, געפייניקט. אבער עס האט קיין זאך ניט געהאלפן. ער האט ניט געוואלט שיסן. דער סוף איז געווען, אז מ'האט אים אזוי לאנג געפייניקט, ביז ער האט זיך געריר פונם זינען און זיך גענומען דאס לעבן. זיך אליין דערשאסן... מלחמה איז מלחמה. זי וועט סיי ווי צונעמען איר קרבן. און ניטא וואס צו שטעלן זיך אנטקעגן. און אז דו ביסט שוין דארטן — איז נאר דא פאר דיר איין אנשפאר — די ביקס. דו שפארסט זיך אן אן דיין ביקס. דיר איז ניט גוט. דו ביסט דערשראקן. דו גייסט אויס פון מורא און פיין. וואס זאלסטו טאן? זאלסט שרייען? זאלסט וויינען? — דיין געוויין און דיין געשריי הערט קיינער ניט. עס קומט א פינסטערע האנט און לעשט אויס דיין געשריי. וואס טוסטו? — שפארסט זיך אן אן דיין ביקס. אט וואס דו טוסט. זאגסט צו דער ביקס: — חבר, זיי מיט מיר. זיי מיט מיר. און דו ביסט ניט אליין. אט אזוי זאגסטו: — חבר, זיי מיט מיר...

„זיינע אויגן האבן געשטראלט. אוועקגעשטעלט זיך סאל־דאטיש אין ארדענונג. ארויסגעשטעלט די ברוסט, איינגעצויגן דעם דארן בויך און זיך אויסגעצויגן פארגליווערט מיט דער ביקס ביים זייט, ווי אויף א קאמאנדע. ס'איז געווען קאמיש: א סאלדאט מיט א ביקס שטייט אנגעשפארט אויף קוליעס. אבער ער איז אזוי געשטאנען א גאנצע מינוט. איך האב געווארט. נאכדעם האט ער געזאגט:

— „האסט איין מאל אוועקגעשיקט דיין ברודער. און איצט

וועסטו אליין גיין. וועסט ניט גיין, ביסטו א פאררעטער. אלע גייען, מוזטו אויך גיין. איך בין געגאנגען. מיליאנען זיינען געגאנגען, און דו וועסט ניט גיין? — וועסט גיין! וועסט גיין! וועסט ניט זיין קיין פאררעטער. וועסט ניט זיין!

„איך האב געפרואווט זאגן:

— „און ווי אז קיין מלחמה וועט בכלל ניט זיין?

— „זי וועט זיין. זי איז אלע מאל דא. דו מיינסט, זי איז שוין פאריבער? ביסט א קינד. זי איז נאך דא. זי איז נאר אנטשוויגן געווארן אויף א ווײלע. זי וועט נאך אויפהויבן איר קאפ און א טרייסל טאן זיך. און דו וועסט נעמען אין האנט אריין א ביקסעלע און וועסט זי רייניקן און אפהיטן, ווי א חבר. אט וואס דו וועסט טאן. כי־כי־כי!!!

„ער האט דאס געזאגט, און צופרידן זיך פאנאנדערגעלאכט. נאכדעם האט ער, נאך אלץ מיט די קוליעס אונטער די ארעמס, דורכגעמאכט עטלאכע ביקס־איבונגען, געשטעלט די ביקס צום פוס, געהויבן זי צו דער פלייצע, אויסגעשטרעקט זי צום ציל, געשטאכן מיטן באיאנעט. און דאס אלץ האט ער געטאן מיט א מערקווירדיקער געשיקטקייט. זיין ברוסט האט זיך געהויבן פון אנגעשטרענגטקייט. דער ליידיקער פלודער האט זיך ברוטאל געבאמבלט און געווארפן זיך פון זיין יעדער באוועגונג. עס איז געווען מורא׳דיק אויף אים א קוק צו טאן.

„איך בין פון אים אוועקגעגאנגען און זיך וואכן גאנצע צו אים ניט צוריקגעקערט. איך האב אים אויסגעמיטן. אין הארצן האב איך אים פיינט געהאט. ניט געוואלט אים זען. און עס האט זיך געדוכט, אז אים האט עס וויניק געקימערט. אדער, אז ער האט עס גארניט באמערקט. אבער איין מאל איז ער צו מיר צוגעגאנגען און געזאגט:

— „דו מיידסט מיך אויס. איך זע. האסט מורא פאר מלחמה. ביסט א טרוס. כי־כי!

„איך האב געזאגט:

— „ס׳איז ניטא קיין מלחמה. און איך בין ניט קיין טרוס. איך באזוך די פלאט אקאדעמיע. איך בין א גוטער סטודענט.

„אויף זיין פנים איז געווען א צופרידענער שמייכל:

— „איך בין געווען אין דער מלחמה. און דו אויך. זיי א סאלדאט. אלע שלאגן זיך. שלאג זיך אויך.

„איך בין געבליבן אין דער אקאדעמיע. איך האב אויסגע־האלטן אלע נויטיקע עקזאמענס. איך בין אריין אינם קארפוס. איך בין דא, אין דער באזע. אבער מיין ברודערס אנאויפהער־לאכע פאדערונג איז די גאנצע צייט מיט מיר. ער איז דארטן, אין זיין אינוואלידן־צימער. ער נעמט נאך אלץ פאנאנדער די ביקס און רייניקט זי, און איך בין דא. אבער זיין דראענ־דיקע טייטלען אויף מיר איז ביז היינטיקן טאג ביי מיר אין הארצן. און איך ווייס ניט פארוואס דאס איז אזוי. ס׳איז מסתמא משוגעת. ער איז געווען משוגע. איך בין משוגע. מיר אלע זיינען משוגע..."

סאיער איז אנטשוויגן געווארן. אלע זיינען געווען שטיל. און ס׳איז געווען אזוי, ווי אלע וואלטן נאך זיך צוגעהערט, וואלטן נאך געווארט, אז ער זאל דערציילן, ווייטער און ווייטער. סאיער אליין איז געבליבן ליגן אן אטעם, אן אויסגעלייד־יקטער. ער איז געווען אזוי נאענט צום טויט. און דער טויט איז ניט געווען שרעקלאך. ארום זיינען איצט געלעגן בלויז געזיכטער. טויטע געזיכטער, וואס האבן געוואלט פארגליווערט ווערן.

און ס׳איז געווען מאדנע, וואס דער ערשטער האט זיך אפגע־רופן דער לייטענאנט, קאלווין פארקער. געזאגט:

— ס׳איז ניט קיין משוגעת. און דיין ברודער איז געווען גערעכט. דאס איז דער געזעץ פון לעבן. די מענטשהייט קען אן דעם ניט אויסקומען. ס׳איז א נויטיקע רעגולאציע. א פאלק איז אזוי ווי איין מענטש... עס האט שונאים. עס דארף זיך פארטיידיקן. קעגן א שלעכטן מענטשן דארף מען זיך באווארענען מיט וואפן און אויך קעגן א שלעכטן פאלק. מיט ביקסן אין האנט. מיט געווער...

אויף זיינע רייד האָט זיך אָפּגערופן נובערג:

— ס'איז דער אייביקער ליגן, לייטענאַנט. מלחמה איז קיין מאָל ניט קיין פאַרטיידיקונג. מלחמה איז אַלע מאָל ברוטאַלער אָנפאַל. איינער וויל שטענדיק פאַרטיליקן דעם צווייטן. און עס מאַכט ניט אויס — ווער עס איז געווען דער אָנפאַלער. מ'לאָזט אין קאָן אַלערליי נידערטרעכטיקייטן. ליגן, ברוטאַלקייט, אחזריות. עס ווערן פאַרלעצט אַלע מענטשלאַכע געזעצן ביזן גרונט.

מאַנלי האָט זיך אויך אָפּגערופן:

— ריכטיק. האָסט עס ריכטיק אָפּגעשאַצט. איך אַליין האָב וועגן דעם פיל מאָל געטראַכט. מלחמה — דאָס איז די אָפּנסטע פאַרלעצונג פון אַלע מענטשלאַכע און געטלאַכע געזעצן. די מאָראַל שטאַרבט... אַלץ, וואָס איז גוט — שטאַרבט... און דאָס שלעכטע באַהערשט די וועלט. אפילו די באַגריפן פון גוט און שלעכט פאַרטויישן זיך. ס'איז כאַאָס. ניין, מיט מלחמה קען מען קיין מאָראַל ניט פאַרבינדן! זי איז די גרעסטע אָפּלייקע־נונג פון דער מאָראַל. גיפטיקע גאַזן? — אין מלחמה־צייט מעג מען. און פאַרגיפטעטע פיילן? — אויך גוט. פייער און פאַרניכטונג פון מיליאָנען? — אַלץ מעג מען! זי איז אַמאָראַליש אין אַלע אירע פאָרמען. זי פאַרקריפּלט דעם מענטשן און זיין גייסט. סאַיער האָט דערציילט זיין מעשה, און איך האָב פון דעם גע־טראַכט, אַז אָט איז זי דיר די מלחמה, צו וועלכער מיר האָבן זיך אַ לעבן־לאַנג געגרייט. אָט איז זי דיר...

נובערג האָט זיך פאַרטראַכט. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער געזאָגט:

— זאָגטס מלחמה איז אוממאָראַליש. אמת. אָבער ס'זיינען דאָ מלחמות, אין וועלכע מאָראַל שפּילט די ערשטע ראָל. ס'זיינען דאָ מלחמות פאַר העכערע פּרינציפּן. פאַרן אמת און גערעכטי־קייט. יעדע רעוואָליוציע איז אַ מלחמה... אָבער וואָס איז דאָס פאַר אַ מלחמה? — אַ קריג פאַר העכערע מענטשלאַכקייט און יושר. פאַר העכערער מאָראַל טאַקע.

מאגלי האָט ווידער געזאָגט:

— און מיר דוכט, אַז אַלע מלחמות זיינען אַלצאיינס. אַלע מלחמות זיינען קעגן דעם מענטשן. זיי זיינען אַ ווידער־שפּרוך אינם לעבן פון דער מענטשהייט. אַ משוגעת. זיי ברענגען שרעקלאַכע ליידן, חרבנות און טויט. נאָך יעדער מלחמה בלייבט אַ חורבן. אין דעם איינצלנעם און אין דער געזעלשאַפט.

—אַז מ'בויט אויף די חורבנות אַ נייַ לעבן, — איז דער חורבן קיין חורבן ניט. ס'איז אַ בויאונג און אַ באַנייאונג.

אָבער מאַגלי האָט ווי ניט געהערט. ווי פאַר זיך אַליין גע־צויגן זיין געדאַנק:

— אין צייט פון דער מלחמה איז אַלץ פאַרקערט: אין צייט פון פרידן גראָבן יונגע קברים פאַר די אַלטע. און אין דער צייט פון מלחמה — פאַרקערט. דאָס, וואָס איז פון פריער געווען פאַרבאָטן, ווערט דערלויבט און אַפילו באַלוינט. און אַלץ, וואָס ס'איז פריער געווען דערלויבט, ווערט שטריינג פאַרבאָטן און באַשטראָפט... מ'הויבט אָן פיינט צו האָבן, וואָס מ'האָט פריער געליבט און צו ליבן, וואָס מ'האָט פריער פאַרהאַסט. אַלץ ווערט איבערגעדרייט... אַ מורא'דיקע רוויבעריי — איז ניט מער ווי „אַ רעקוויזיציע". די שרעקלאַכסטע הריגות, פאַרניכטונגען, טייכן בלוט און פייער, ווילדע באַהערשונג און אָפּנאַרעריי — רופן זיי „זיג". ס'איז אַ משוגענע וועלט!...

נובערג האָט ווידער איבערגעריסן מאַגלים מעדיטאַציעס:

— אַזעלכע זאַכן קענען ניט זיין אין אַ רעוואָליוציאָנערן קריג. דאָרטן גייט אַלץ מיטן געדעכטן גאַנג פונם לעבן אַליין.

— אין אַ רעוואָליוציאָנערן קריג איז אויך דאָס זעלביקע... יעדער צד באַשאַפט זיין אייגענע „העכערע מאָראַל", וועלכע ער וויל אויסקויפן מיט טייכן פאַרגאָסענעם בלוט. מ'קעמפט פאַר העכערע פּרינציפּן, און אַליין מאַרדעוועט מען... און ביי מיר קומט אויס, אַז כל זמן אָט דעם העכערן פּרינציפּ דיינעם וועט מען דאַרפן אויסקעמפן מיט פייער און שווערד — איז דער פּרינציפּ

אומכּאַראַליש. יעדע מלחמה איז אַ פּעלקער־משוגעת. פעלקער זיינען אַפּנים ווי מענטשן, זיי ווערן משוגע... עס איז אַ פאַר־ברעכן און אַ משוגעת. און דערפאַר איז עס אַזוי שרעקלאַך...

נובערג האָט זיך ווידער געהאַלטן ביי זיינס:

— מלחמה איז ניט קיין פאַרברעכן און איז ניט שרעקלאַך דערפאַר, וואָס אין איר ווערט פאַרגאָסן אַסך מענטשלאַך בלוט. זי איז שרעקלאַך דערפאַר, וואָס דאָס פאַרגאָסענע בלוט ווערט מיט קיין זאַך ניט אויסגעקויפט. מ׳נעמט אַ געזונטן קערפּער און מ׳צעשניידט אים אינם נאָמען פון די סאַמע נידעריקסטע צילן. מ׳פירט דורך אַ פאַרברעכערישע אָפּעראַציע. אַ מאָרד. אַ רעוואָליוציע איז אָבער אַ נויטיקע אָפּעראַציע. אַ היילונג. זי קויפט מיט זיך אויס יעדן טראָפּן פאַרגאָסן בלוט. זי צאָלט נאָך מיט בלוט פאַר בלוט. אַנשטאָט צו צעשטערן, בויט זי אויף. מאַכט גאַנץ און געזונט. נאָך מער: זי באַלוינט איר יעדן קרבן מיט דער קרוין פון מאַרטירערטום. דערפאַר קעמפן טאַקע רעוואָליוציאָנערן אויף די באַריקאַדן מיט אַזאַ אָפּפערוויי־ליקייט. און שטאַרבן מיט אַזאַ ליבע צו זייער אידייע. און די מענטשהייט פאַרגעסט ניט אירע מאַרטירער. זי באַלוינט זיי אין לעבן און נאָכן טויט.

מאַגלי האָט זיך אַריינגעריסן אין נובערגס רייד:

— אָ, דאָס טוען אַלע מלחמות. זיי זיינען ניט קאַרג. זיי בויען טריאומפאַלע אַרקעס פאַר זייערע העלדן און מאַרטירער. זיי שטעלן פאַר זיי אויף ריזיקע מאָנומענטן. זיי פאַראָרדענען גאָטעס־דינסטן פאַר זייער געדעכעניש. אין די קירכן קלינגען גלאָקן צו זייערע יאָרצייטן. מ׳איז פאַר זיי מתפּלל. אַלץ ווערט געטאָן, זיי זאָלן ניט פאַרגעסן ווערן אויף דער ערד און אין די הימלען...

— די אַלע זאַכן ווערן ניט געטאָן פאַרן אמת׳ן העלד, פאַרן פּראָסטן סאָלדאַט. נאַר זיך ניט אָפּ, מאַגלי. די אַלע זאַכן, וואָס דו האָסט אויסגערעכנט זיינען פאַר די גענעראַלן און קאָמאַנדירן. פאַר די, וואָס שטייען ווייט אַוועק פון די שלאַכטפעלדער. אָבער

דער פראָסטער סאָלדאַט, וואָס שטייט מיטן פּנים צום פייער פון אַלע געפאַרן, — אים באַלוינט מען מיט אַ מעדאַל. מ'טשעפּעט צו צו זיין ברוסט דעם שטיקל מעטאַל מיט דער לענטע און מ'שיקט אים אַפּ אַהיים, אַ קאַליקע, פריי צו בעטלען אויף די גאַסן, אָדער וואַלגערן זיך די רעשט פון די טעג, אַ אינוואַליד מיט אַ הונגער־פּענסיע. אָבער אין דער רעוואָליוציאָנערער מלחמה איז אַנדערש. דער אמת'ער געווינער איז דער קעמפער, דער פראָסטער סאָלדאַט, וואָס האָט איינגעשטעלט זיין לעבן. ער געווינט אַלץ. ער געניסט פון די געווינסן און פון זיין זיג. ער און אַלע! ...

אויף אַ ווײַלע זיינען ביידע אַנטשוויגן געוואָרן. יעדער איינער האָט געטראַכט זיינע אייגענע געדאַנקען. עס איז שוין ניט געווען וועגן וואָס צו ריידן. אָבער דאָס שווייגן האָט געדויערט בלויז עטלאַכע רגעס. פּלוצלונג האָט דער לייטענאַנט זיך אַ הויב געטאָן אויף זיין אָרט און, בייז, ווי ער וואָלט זיינע ווערטער ניט אַרויסגערעדט, נאָר אַ שליידער געטאָן אויף די קעגנער, געזאָגט:

— געלע פאַררעטער!

און גלייך האָט זיך אַלץ אין דער אָפּטיילונג געביטן. עפּעס האָט זיך אַ באַוועג געטאָן און פאַרגליווערט געוואָרן אין אַ פיינ־לאַכע דערוואַרטונג. נובערג האָט זיך אַ הויב געטאָן אויפן איילנ־בויגן און געזאָגט:

— וואָס האָט איר געזאָגט, לייטענאַנט? ווידערהאָלט.

דער לייטענאַנט האָט נאָך אַמאָל מיט רוגזה געזאָגט:

— איר זייט אַלע געלע פאַררעטער! אָט וואָס איר זייט! ...

נובערג האָט אָפּגעוואַרט אַ רגע און געזאָגט מיט שפּאָט:

— עך, לייטענאַנט פאַרקער. גרויס מוז נאָך זיין אין אייך די פאַרדאַמטע הינטישקייט, אויב איר קענט נאָך איצט אַזוי ריידן... טוט אַ קוק: — אונזערע שעה'ען זיינען שוין געציילט. דער טויט האָט אונז אויסגעגלייכט. איר, דער קאָמאַנדיר, און מיר, די פּראָסטע סאָלדאַטן... זיינען מיר ניט גלייך? און דער אמת

דארף אויך זיין גלייך פאר אלעמען. איין אמת. און איר זענט נאך אלץ — דער העכערער און מיר — די נידעריקערע. לאזט דאס אפ. פארן טויט זיינען מיר אלע גלייך. און פארן אמת זיינען מיר אלע גלייך... גיט צו: — ס'איז ניטא קיין זין אין מלחמות. שונאים פונם מענטשלאכן לעבן האבן זי אויסגעטראכט און איר זענט געווען זייער געטרייער דינער... גיט צו, לייטענאנט. גיט צו.

דער לייטענאנט האט ווידער מיט רוגזה געזאגט:

— אזעלכע ווי דו, דארף מען דערשיסן... דו באליידיקסט דעם שטאלץ פון דיין פאלק און דיין לאנד, ביי וועלכן דו ביסט אין דינסט!

ער האט זיך א קער געטאן צו מאנלין:

— און אויך דו, מאנלי... ביסט געווען א גוטער, ערלאכער און געטרייער סאלדאט. ביסט געווען אין קריג פאר דיין לאנד. דו רעדסט אויך דיזעלביקע רייד?... ווי וועסטו ארויסקומען אויף דער ליכטיקער וועלט און שטעלן זיך אנטקעגן דער העכערער לייטונג פון אונזער פלאט? דערמאן זיך... ביסט געווען א העלדישער מארינער. ביסט געווען דער בעסטער אין אונזער מארין־קארפוס. וואו איז דיין שטאלץ? וואו איז דיין שטאלץ מיט די נרויסע אינסטיטוציעס פון אונזער לאנד? וואו איז דער שטאלץ מיט דיין פלאט?

מאנלי האט געשוויגן. נובערג האט ווידער מיט ביטערקייט און שפאט געזאגט:

— שטאלצער העלד, לייטענאנט קאלווין פארקער!... איר מעגט זיין באמת שטאלץ. דארט, אויבן, זיינען שוין אפשר פול די צייטונגען מיט אייער העלדישקייט... אייער הערלאך בילד, אין דער אוניפארם פון אן אויבער־לייטענאנט, איז אפגעדרוקט אין מיליאנען עקזעמפלארן. אייער העלדישקייט ווערט געריסט פון איין עק לאנד ביזן צווייטן. איר זייט א העלד און א מארטירער פאר אייער לאנד... איך בין זיכער, אז אין א פאר וואכן

אַרום וועט אייער ביוסט שוין שטיין אינם גרויסן זאַל פון אונזער הויפּט־קוואַרטיר. און מיר קומען דאָ און, אין אייער קעגנוואַרט, דערלויבן מיר זיך צו ריידן אונזערע פּשוטע סאָלדאַטישע רייד! ... אַנטשולדיקט, אַנטשולדיקט...

מער האָט דער לייטענאַנט שוין ניט געקענט אַריבערטראָגן. ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און צוגעגאַנגען מיט ווילד־קייט צו נובערגן. ער האָט אינגאַנצן געציטערט. זיינע פויסטן האָבן זיך געביילט. זיין פּנים איז געווען אויסגעקרימט און אַלט. נובערג האָט זיך צו אים אויך אויפגעהויבן. איין רגע זיינען זיי אַזוי געשטאַנען איינער קעגן דעם אַנדערן. נאָכדעם האָט נובערג געזאָגט, דער ערשטער:

— איר ווילט זיך שלאָגן, לייטענאַנט?

דער לייטענאַנט האָט קוים געקענט אַרויסריידן:

— איך וועל דיר ווייזן ווי צו באַליידיקן אַ העכערן אָפיצער!

און האָט אַ פּאַטש געטאָן נובערגן אין פּנים אַריין. דער פּאַטש האָט קאַלט אָפּגעקלונגען אין דער טונקל־באַלויכטענער אָפּטיילונג. און גלייך האָבן זיך די צוויי גענומען ראַנגלען און אומוואַרפן זיך איבערן דיל. קיין פּנימער האָט מען ניט געזען. ס'איז געווען אַ טעמפּער גערודער און אַ באַוועגונג פון שאָטנס. ניט מער. די צוויי האָבן זיך ביטער געראַנגלט, אָפּגעשלאָגן זיך אָן דיל, אָן די רעזערוואַרן און אָן די אַרויסשטעקנדיקע טשוגונענע באַלקן פון דער סובמאַרין־קאָנסטרוקציע טיילן. זייערע העלזער, פּאַר־שטיקטע, האָבן געכריפּעט. דאָס האָט אפשר געדויערט אַ מינוט און אפשר ווייניקער. נובערג איז אויפגעשטאַנען. אונטן איז געלעגן, מיטן פּנים אַרויף, אויסגעשפּרייט דער לייטענאַנט.ביידע האָבן שווער, מיט אַ כריפּ, געאָטעמט.

נובערג האָט געזאָגט:

— שטאָלצער העלד... פאַרוואָס שטאַרבסטו ניט?... האָסט אונז אַלעמען געבראַכט צום טויט... שטאַרב מיט טויזנט טויטן, מיט מיליאָנען טויטן, דו הונט!...

אָבער אָרום זיינע שוין געשטאַנען סאַיער און מאַרטין, און אפילו מאַנלי האָט זיך אוועקגעזעצט מיט די לעצטע כחות. עפּעס האָבן זיי גערעדט און פּרובירט מיט זייערע רייד פאַררייזן. גובערג האָט ניט געהערט. ער איז אָפּגעטראָטן און, אַן אויסגעשעפּטער, אוועקגעלייגט זיך צוריק אויף זיין אָרט. סאַיער און מאַרטין האָבן שווייגנדיקע אויפגעהויבן דעם לייטענאַנט, געהאָלפן אים ביז זיין געלעגער. און נאָכדעם איז שוין אַ לאַנגע צייט געווען אין דער אָפּטיילונג אַ טויטלאָכער שווייגן.

* * *

שפּעטער האָט סאַיער פאַרשריבן אין זיין נאָטיץ־ביכל:

„...אָ, וואָס פאַר אַ טאָג מיר האָבן היינט אָנגעהויבן! דאָס איז דער דריטער טאָג. ס׳האָט זיך שוין אָריינגעריסן דער משוגעת. אונטן און אויבן און פון אַלע זייטן איז אָפּגרונט. און מיר וויגן זיך אינם אָפּגרונט און פאַלן אַלץ טיפער און טיפער. עס איז ניטאָ קיין סוף. מיר שטאַרבן מיט טויזנט טויטן יעדע רגע, און לעבן, לעבן... ווען וועט שוין זיין אַ סוף?!

„איך האָב זיי איבערגעלייענט וואָס איך האָב פאַרשריבן וועגן מיין ברודער... אַזוי מאָדנע האָב איך דערציילט זיי, ווי ניט איך אַליין וואָלט דערציילט, נאָר אימיצער אַן אַנדערער וואָלט דערציילט, און איך וואָלט זיך, גלייך מיט אַלעמען, צוגעהערט צו זיינע רייד. איך האָב דערציילט, און מיט מיר איז פאָרגעקומען עפּעס אויסערגעוויינלאָכעס. איך האָב דערפילט אַן אַלטקייט, וואָס האָט מיך דערווייטערט פון מיין יונגנט אויף צענדליקער יאָרן. איך בין עלטער געוואָרן מיט יעדן וואָרט, וואָס איך האָב אַרויסגעזאָגט. איך האָב גערעדט וועגן ברודער, אָבער אין מיינע רייד איז געווען די מורא׳דיקע אָנקלאַגע קעגן מלחמה, וועלכע איז געבאָרן געוואָרן שוין דאָ, אין דער פינסטערער לאָך פון דער סוב־מאַרין. און דאָס פּנים פונם ברודער, דעם אינוואַליד, איז די גאַנצע צייט פאַר מיר געשטאַנען לעבעדיק אין זיין גרויסער טראַגישקייט.

„ברודער מיינער, ברודער. איך זע דיך אין דער האַלב־טונקל־קייט פונם שוואַכן ליכט אין אונזער הויז, ווען דו האָסט באַ־טראַכט די שוועל, אַז אַנגעשפּאַרטער אויף דיינע קוליעס. ביסט געקומען אַ פאַרשעמטער, פון אַן אַנדער וועלט. דו ביסט געווען אונזערער, און מיר האָבן דיך ניט דערקענט. מיר האָבן אויף דיר רחמנות געהאַט. מיר האָבן דיך פּרובירט ליב האָבן און פאַרשטיין. אָבער דו ביסט שוין אויף אַלע מאָל פאַרבליבן, אַ פרעמדער, אין די גרענעצן פון אונזער הויז. אָ, איצט ערשט פאַרשטיי איך דיך! איצט ערשט ביסטו מיר נאָענט געוואָרן און פאַרשטענדלאַך. ערשט איצט האָב איך זיך מיט דיר באַהעפט. ביסט געוואָרן מיין ברודער אין ליידן. איך ווייס שוין ווי שווער עס איז דער וועג צו אייגענעם פאַרוואָגלטן בלוט...

„...אַז איך האָב פאַרענדיקט די דערציילונג וועגן מיין ברודער האָט זיך פאַרבונדן אַ געשפּרעך וועגן מלחמה. טאַם און מאַנלי האָבן גערעדט. אַזעלכע רייד האָבן נאָר דאָ געקענט גע־באָרן ווערן. אין זיי איז געווען דער גאַנצער אמת, וואָס האָט זיך, ווי פון אַ פינסטערן שלייער, אויסגעטאָן און געוויזן זיין פנים. אָבער דער לייטענאַנט האָט יענעם אמת ניט געקענט פאַר־טראָגן. ער איז אויפגעבראַכט געוואָרן אויף טאָמען און ס'איז אַנטשטאַנען אַ געשלעג...

„...זיי קענען זיך ניט פאַרטראָגן... אַז זיי כאַפּן זיך צונויף, זיינען זיי ווי ווילדע חיות, וואָס ווילן איינע די אַנדערע פאַרטיליקן און אומברענגען. אַזאַ משונה'דיקע שנאה איינער צו דעם אַנדערן. עס איז אַזוי ווי אימיצער וואָלט זיי אַהער פאַר־יאָגט, כדי אויסצולאָכן פון דער מענטשלאַכער שוואַכקייט און אומבאַהאָלפנקייט, פון אונזער אומזיניקער, ביטערער ראַנגלעניש ביים שוועל פון טויט. איך ווייס, טאָם וועט אים דער'הרג'ענען. איך ווייס: ער וויל זיין טויט. און אפשר וויל איך אויך זיין טויט. און אפשר ווילן אַלע זיין טויט? וואָס וועט עס זיין?...״

קאַפּיטל זיבעצן

ס'איז געווען טאָג און נאָכדעם איז געווען נאַכט, און ווידער אַמאָל טאָג און נאַכט, און איצט איז שוין געווען אָוונט פון דריטן טאָג. עס האָט זיך אָנגעהויבן די נאַכט פונם דריטן מעת־לעת. עס האָט זיך אָנגערוקט נאָך איין שווערע נאַכט. די שווערסטע. אַלע האָבן פאַר איר מורא געהאַט. ס'איז געווען אַ נאַכט נאָך אַ שווערן טאָג. דעם טאָג האָט מען מיט שווערקייט דורכגעטראָגן. איבערצולעבן די נאַכט איז שוין ניט געווען קיין כחות.

לופט איז נאָך געווען. אָבער ס'זיינען שוין געווען ליידיק אַסך רעזערוואַרן. עס זיינען געבליבן געציילטע צילינדערן וואָס זיינען נאָך געווען אָנגעלאָדן מיט לופט און זויער־שטאָף. איצט האָט מען באַדאַרפט שפּאָרן לופט. ס'וועט אויסגיין די לופט — וועט אויסגיין דאָס לעבן. פון איצט אָן האָבן אַלע באַדאַרפט שווייגן. ליגן רואיק, אָטעמען רואיק און שווייגן. יעדע באַוועגונג איז געווען איבעריק. יעדע אויפרעגונג, יעדעס וואָרט — איבעריק. אַלע האָבן זיך אויסגעלייגט אויף דער ערד, האַרט איינער לעבן דעם אַנדערן. מ'האָט געשפּאָרט וואַרעמקייט. איינער האָט געוואַרעמט דעם צווייטן. מ'האָט זיך געטיילט מיט וואַרעמקייט. געגעבן און גענומען. און ניט גערעדט. פאַר־באַהאַלטן אין זיך אַ שטימונג, אַ געדאַנק און אַ ווייטיק.

אַלע זיינען געווען ווי איין מענטש. נאָר דער לייטענאַנט איז געבליבן אויף זיין אָרט. אַליין. ער האָט צוגעקוקט ווי אַלע לייגן זיך אוים איינער לעבן דעם אַנדערן, טוליען זיך צו און שווייגן. אָבער ער איז געבליבן אויף זיין אָרט. מאַנלי האָט אים אַפילו געזאָגט:

— לייטענאַנט, קומט אַראָפּ. לייגט זיך לעבן מיר... ניש־קשה. מיר האָבן אָרט...

אָבער יענער האָט ניט געענטפערט. זיינען אַלע אַנטשוויגן געוואָרן און קיינער האָט שוין מער ניט דערמאָנט זיין אָפּגע־

זונדערטקייט. אזוי איז געווען און אזוי האט עס באדארפט פאר־בלייבן. ווייל ער איז געווען — ער און זיי זיינען געווען — זיי. א צעטיילונג אין לעבן און א צעטיילונג אין טויט.

ס׳איז געווען טאג און נאכט, און ווידער אמאל טאג און נאכט, און איצט איז געווען אוונט. א נאכט האט זיך אנגערוקט נאך א טאג. און דער פארגאנגענער טאג איז אפשר געווען א שיינער. איבערן ים האט אפשר דעם גאנצן טאג א זון געשיינט. אן אויסגע־לייטערטער הימל איז אפשר געהאנגען איבערן ים און איבער זיינע כוואליעס. געשפילט זיך אין דעם שוימענדן קרישטאל. אפשר האבן פרעכטיקע שיפן געפירט לוסטיקע מחנות צו ליכטיקע צילן. ריזיקע פראכט־שיפן האבן פאנאנדערגעפירט סחורות און רייכטי־מער פון איין וועלט טייל צו אן אנדערן. און ליכטיקע בשורות האבן זיך געטראגן און זיך פאנאנדערגעטראגן פון לאנד צו לאנד, פון שטאט צו שטאט און פון הויז צו הויז, פון מענטשן צום מענטשן.

אומעטום איז אפשר געווען לעבן. ווי אלע מאל. איז דארט טאקע געווען לעבן? דער לייטענאנט קאלווין פארקער האט געטראכט:

ער איז דארטן, אויבן, געבארן געווארן. דארטן האט ער אויפגעבויט פאר זיך א לעבן. און איצט איז ער געווען דא. דארטן האט ער געהאט אלץ. דא האט ער קיין זאך ניט געהאט. דארטן איז געווען זיין פרוי. זי איז געווען ווייט און זי איז געווען נאענט. זי איז געווען אזא, ווי ער האט זי געזען צום לעצטן מאל, בעתן געזעגענען זיך. זי האט געוויינט איבער אים. וואס האט זי געוויינט, זיין פרוי? און ער איז געווען פאר־עקשנט. פארוואס איז ער געווען פאר׳עקשנט און ניט צוגעלאזט צו זיך איר גוטסקייט? פארוואס האט ער ניט צוגעלאזט איר גוטסקייט?

ער האט געוואלט צו איר. אלץ ארום איז געווען א ביטערער טעות. אז איר איז געווען אוממעגלאך פארצושטעלן זיך דאס

לעבן. זי און דאָס לעבן, צו וועלכן ס'האָט געצויגן — איז געווען איינס. ווי האָט ער זיך געקענט שטעלן אַנטקעגן איר גוטסקייט? ער איז געווען פאַר'עקשנט. ער האָט געוואָלט מיט עקשנות באַזיגן די וועלט. ער האָט געוואָלט דערגרייכן דאָס אומדערגרייכ־באַרע. באַזיגן סטיכיע. באַזיגן דעם מענטש אין זיך. באַזיגן געזעץ און שיקזאַל און גאָט. און איצט איז ער געלעגן אַליין אַ באַזיגטער.

יע. ער איז געווען דער שולדיקער. ער האָט פאַרראָטן זיין אייגן לעבן. דאָס לעבן פון זיין פרוי. די לעבנס פון זיבן און צוואַנציק מענטשן. ער האָט אַלץ אַוועקגעשטעלט אין קאָן — און פאַרשפּילט.

אַזוי האָט אַ מענטש געשוויגן און געטראַכט אַ שעה און צוויי. און ניט געוואוסט צי די אַרומיקע לעבן נאָך. זיי זיינען געווען זיינע שונאים. אָבער ער האָט מורא געהאַט צו זיין אָן זיי. ניט געוואָלט בלייבן אַליין. ניט געוואָלט שטאַרבן אַליין. אים איז געוואָרן ענג אין גאָרגל. ניט געקענט איבערכאַפּן דעם אָטעם. נאָך איין רגע, און ער וואָלט פאַרשטיקט געוואָרן. געמוזט אַ רוף טאָן:

— מאַנלי, מאַנלי! . . .

מאַנלי האָט ניט גלייך אָפּגעענטפערט. און דער לייטענאַנט האָט קוים געקענט איבערוואַרטן נאָך איין רגע. אין זיין מאַרך האָט זיך שוין געצונדן דער לעצטער משוגעת. נאָך אַמאָל, אין לעצטער פאַרצווייפלונג, אַ רוף געטאָן:

— מאַנלי! . . . מאַנלי! . . .

דאָס מאָל האָט מאַנלי זיך אָפּגערופן:

— וואָס, לייטענאַנט?

— איך האָב מורא... איך שטאַרב.

— שטאַרקט זיך, לייטענאַנט. און שווייגט. מ'דאַרף שווייגן. מיר אַלע שווייגן.

— איך קען ניט, מאַנלי... איך קען ניט.

— מ'קען זיך ניט העלפן. דאס איז עס... מיר דארפן שווייגן. איר דארפט זיך באַרואיקן... איר זייט ניט אַליין. אונז איז ניט בעסער.

דער לייטענאַנט האָט, צוליב עפּעס, געזאָגט:

— אַ דאַנק, מאַנלי, אַ דאַנק...

און איז אַנטשוויגן געוואָרן. ס'איז אים לייכטער געוואָרן. ער האָט זיך טיפער איינגענורעט, איינגענורעט זיך אין זיך און געשוויגן. ביסלאַכווייז האָט אים באַהערשט אַ שלאָף. אַזאַ שווערער שלאָף, וואָס האָט פאַרוואָרגן דעם גאָרגל, ווי מיט אַ קאַלטער האַנט. און גלייך נאָכדעם האָבן אים גענומען מוטשן אַלערליי זעענישן. איין זעעניש שווערער פון דער צווייטער. ער איז געווען אין אַ פינסטערער גרוב. ס'איז געווען ענג און קאַלט. און אַרום אים זיינען אַרומגעקראָכן שלאַנגען. לאַנגע, געדרייטע און קאַלטע. די שלאַנגען האָבן זיך אַרומגעוויקלט אַרום זיין לייב. אַרום זיין האַלז מיט זייער גליטשיקער קאַלטקייט. נאָכדעם זיינען פון ערגעץ געקומען נאָך און נאָך קריכנדיקע באַשעפענישן, געשלייכט איבער זיין לייב מיט זייער עקלדיקער גליטשיקייט און אַרומגעוויקלט זיינע גלידער מיט זייער גרוויליקער באַרירונג. איין פאַרזעעניש איז געווען שרעקלאַכער פאַר דער צווייטער. ריזיקע עקדישן האָבן געעפנט זייערע מיילער מיט דראָאונג. געשטשירעט זייערע ציין און געקוקט מיט בלוטיקע אומבאַוועגלאַכע אויגן אים אין די אויגן אַריין. און אין אים איז שוין ניט געווען קיין לעבן. אַלע גלידער זיינען געווען טויט. און נאָר דער שרעק האָט נאָך אין אים געלעבט, געמאַטערט מיט טויזנט פיינען די נשמה. האָט דער לייטענאַנט געוואָלט שרייען. אָבער זיין קול איז פאַר אים אַליין געווען טויט.

ווען די אַרומיקע האָבן דערהערט זיין געשריי, האָבן זיי אַ היבשע ווײַלע ניט פאַרשטאַנען פון וואַנען דער געשריי האָט געקענט קומען. אַזוי ווייניק איז דער געשריי ענלאַך געווען צו אַ מענטשלאַכן געשריי. ניין, אַ מענטש האָט ניט געקענט פאַר-

מאַגן אַזאַ קול. אַ מענטש האָט ניט געקענט אַזוי שרייען. דאָס איז געווען דאָס געשריי פון אַ חיה, וואָס איז געווען אַרומגעכאַפּט מיט אַ טויטלאַכן גרויל, ביי דער סאַמע לעצטער רגע פון לעבן. אין אַלעמענס הערצער איז געווען דער שרעק, וואָס איז געקומען פון זיין געשריי. אַזוי ווי דער געשריי וואָלט געקומען ניט פון איינעם, נאָר פון אַלעמען. עס איז געווען אַ צעטומלונג אין די מוחות. עס האָט געדויערט אַ היבשע ווײַלע ביז מ'איז געקומען צו זיך און עפּעס אָנגעהויבן צו פאַרשטיין. און דער ערשטער וואָס האָט פאַרשטאַנען, האָט געזאָגט

— דער לייטענאַנט שרייט... וואָס שרייט איר, לייטענאַנט? וואָס שרייט איר אַזוי?

דער לייטענאַנט האָט ניט גלייך געענטפערט. ער איז געווען אָפּגעשוואַכט און באַדעקט מיט אַ קאַלטן שווייס. ער האָט געעפנט די אויגן און געקוקט אַרום מיט פאַרוואונדערונג. ער איז געלעגן אויף זיין פּלאַץ, אין דער סובמאַרין. אַרום זיינען געווען מענטשן און די זעאונג איז שוין ניט געווען. און ער האָט געהערט אַ באַקאַנט קול רופן איין מאָל און נאָך אַמאָל:

— לייטענאַנט, וואָס איז אייך? וואָס שרייט איר?

— אָ, גאָט!...

— וואָס איז מיט אייך?

— איך האָב געזען אַ זעאונג. שלאַנגען...

— שלאַנגען? מסתמא אַ חלום, אָדער וואָס...

די הערצער האָבן ביטער געקלאַפּט. מ'האָט שוין ניט געקענט שווייגן. זיי אַלע האָבן שוין געזען שרעקעדיקע חלומות. אין שלאָף און אויפן וואָר. האַליוצינאַציעס. מורא'דיקע זעאונגען, מיט וועלכע ס'איז שווער געווען צו טיילן זיך. ווערטער וואָלטן אַפילו אַ טויזנט־חלק ניט געקענט איבערגעבן. אָבער ס'האָט זיך געוואָלט ריידן און טיילן זיך. דורך רייד פאַרטרייבן די איינזאַמקייט פון שווערע שווייגנדיקע שעה'ען.

סאָיער האָט געזאָגט:

— ווי נאָר איך שלאָף איין, זע איך חלומות. אזעלכע מאָדנע. היינט האָב איך געזעען ווענט.

— ווענט?

— יע. ווענט. הויכע, ברייטע, גלאַטע ווענט פון אַ טונקל־גרויען קאָליר. און זיי האָבן זיך באַוועגט. זיי האָבן זיך אָנגע־רוקט איינע אויף דער אַנדערער... איך בין געווען אין מיטן, און זיי האָבן זיך אָנגערוקט איינע אויף דער אַנדערער... איך האָב שוין געזען, אַז אָט וועל איך צודריקט ווערן צווישן זיי. האָב איך זיך געלאָזט לויפן צווישן זיי, געוואָלט אַרויסלויפן פון זייערע גרענעצן, — איך טו אַ קוק אין פאָראויס — ניטאָ צו די ווענט קיין סוף. איך וועל ניט דערלויפן. נאָך אַ רגע, און איך וועל צודריקט ווערן... און איך לויף אַלץ, לויף און לויף, און פאַל אַנידער באַוואוסטלאָז... נאָכדעם האָב איך זיך אויפגעכאַפּט...

סאָיער האָט עס דערציילט, ווי אַ קינד. געענדיקט, און אַליין פאַרשעמט זיך פאַר זיין דערציילונג.

מארטין, וועלכער איז די גאַנצע צייט געווען אין אַ געפאַלענער שטימונג, האָט אַסך געשוויגן און זיך ניט אַריינגעמישט אין די רייד און די קריגערייען פון די חברים, האָט זיך איצט אויך געפונען:

— און איך זע מיין ווייב... ווי נאָר איך שלאָף איין זע איך זי. איך קום צו איר, און זי דערקענט מיך ניט... איך בעט זיך ביי איר, דערמאָן איר וועגן אַלץ, און זי קוקט מיך אָן מיט פרעמדע אויגן. קוקט און קוקט. קערט זיך אָפּ פון מיר און גייט אַוועק... איך גיי נאָך איר, און זי גייט אַוועק. אַנט־לויפט. וויל מיך ניט קענען... איך קען דאָס ניט פאַרשטיין.

אַלע האָבן געהאַט וואָס צו דערציילט. און יעדע דערציילונג איז געווען אויסטערליש. דערציילונגען פון אַן אַנדער, אומבאַ־קאַנטער וועלט, וואָס איז געווען פול מיט סודות. און אַרום איז געווען בלויז די אייגענע ראַנגלעניש מיטן טויט. קיינער האָט ניט געוואָלט שטאַרבן. און יעדער איינער איז אינם קעגנוואַרט

פונם אַנדערן געשטאָרבן מיט יעדן באַזונדערן גליד. די חלומות און זעאונגען זיינען געווען בלויז דער אָנזאָג פון טויט. ווייל ס'איז שוין ניט געווען קיין גלויבן אינם מענטשנס האַרצן. עס איז נאָר געווען אַ ביטערער פאַרדראָס אויף די, וואָס האָבן באַדאַרפט קומען און ראַטעווען. זיי זיינען ניט געקומען. זיי זיינען ניט געקומען! פאַרוואָס האָט מען זיי ניט געקענט ביז איצט געפינען? פאַרוואָס לאָזט מען זיי דאָ שטאַרבן? וואו איז דער אייגענער פלאַץ? וואו איז דאָס אייגענע לאַנד? פאַרוואָס נישטערט מען ניט אויס דעם ים זיי צו געפינען? פאַרוואָס לאָזט מען זיי דאָ אויסגיין אין מורא'דיקע קאָנוואולסיעס פון הונגער און קעלט? ניין, ס'איז ניט געווען קיין יושר אויף דער וועלט! ניין, ניין!

* * *

אימיצער האָט, דער ערשטער, ווי ענטפערנדיק זיך אַליין, געזאָגט:

— הינט! זיי זיינען אַפילו ניט אַרויס אונז זוכן! די טייוואָלים האָבן אונז גענומען און פאַרראַטן. אַוועקגעשיקט שטאַרבן, די מערדער... אַוועקגעשיקט, און פאַרגעסן.

נאָך איינער האָט אויך געזאָגט:

— די מערדער!... אַבי זיי לעבן. קרעציקע הינט!

און נאָך איינער:

— זיי האָבן אונז פאַרראַטן. די אייגענע חברים האָבן זיי פאַרראַטן. די בעסטיעס.

און יעדער איינער האָט אין זיך געהאַט אַ שאַרף וואָרט צו פאַרדאַמען די, וואָס זיינען זיי ניט געקומען צו הילף. און נאָר דער לייטענאַנט איז געלעגן שטיל. ער איז געלעגן מיטן פנים אַרויף און צוגעהערט זיך צו אַלעמענס רייד. און ס'איז געווען אַזוי, ווי די בייזע רייד זיינען געווען געווענדט צו אים אַליין. אָ, ער איז געווען דער הונט און דער מערדער און די בעסטיע און דער פאַרעטער! זיי האָבן עס נאָך אפשר ניט געוואוסט. אָבער

ער האט געוואוסט. ער האט עס די גאנצע צייט געוואוסט. ער האט געשוויגן, כדי צו באהאלטן דאס אין זיך. ער האט גערעדט, כדי צו פארבארגן דאס פון אנדערע. ביי אים איז געווען דער סוד פון אלע סודות. און זיי האבן אפילו ניט פארדעכטיקט.

פלוצלונג האט אים ארומגעכאפט א רחמנות אויף די מענטשן. טרערן זיינען צוגעלאפן צום גארגל און פארווארגן. ס'האט זיך געוואלט וויינען און פויזן אויף דער ערד און משוגע ווערן. א ליבשאפט האט פארצערט דאס הארץ, די ליבשאפט צו די ליידנ־דיקע. עס איז שוין ניט געווען קיין שנאה אפילו צו נובערגן. ער האט זיי אלעמען ליב געהאט. זייערע ליידן זיינען געווען זיינע ליידן. און ער האט פון זיי פארבארגן דעם אמת. ער האט זיי אפגענארט און פארראטן! א, גאט!

אין אים האט גערודערט די אויפרעגונג. ניט געקענט איינ־ליגן. אויפגעהויבן זיך און עטלאכע מאל זיך דורכגעגאנגען אהין און צוריק. אלע האבן געזען ווי ער שפאנט ארום אויף די וואקלענדיקע פיס, גלאט אזוי זיך, ווי א נאכט־וואגלער. אבער קיינער האט ניט פארשטאנען. האט ער זיך צוריק אוועקגעלייגט אויף זיין ארט און געטראכט: ער וועט זיי אויסזאגן. ער וועט צוקומען צו זיי און זאגן:

— איך בין דער שולדיקער. איך בין דער הונט און פאר־רעטער. איך האב אייך פארפירט און אפגענארט. און איבער מיר וועט איר שטארבן אין דער פינסטערער לאך, ווי פאר'סם'טע מייז... איך בין דער שולדיקער!

ער וועט זיי אויסזאגן. און זיי וועלן אים דער'הרג'ענען. וועלן אויסגיסן זייער צארן אויף אים, און אים אומברענגען. אין דעם איז געווען אזא געווען! אזא באצווינגענדיקער פארלאנג האט אים געטריבן. מער איינהאלטן דאס אין זיך איז שוין ניט געווען קיין מעגלאכקייט. ער האט זיך אויפגעהויבן אויף די קני, מיט שווערקייט צוגעפויזעט נעענטער צו די מענטשן און, מיט א גע־בראכענער שטימע, געזאגט:

— ברידער. איך גיב זיך איבער אין אייערע הענט... טוט מיט מיר, וואָס איר ווילט. הרגעט מיך. מיין שולד... איך בין אין אַלץ שולדיק. איך האָב אייך אָפּגענאַרט און פאַרפירט צום טויט. אַ, איך בין דער הונט און דער מערדער און אַ פאַררעטער. איך. איך האָב אויף אייך געבראַכט דעם אומזיסטן און שרעקלאַכן סוף. הרגעט מיך. איך בעט אייך, — הרגעט מיך!

ס'האָט אים ניט געסטייעט קיין אָטעם. איז ער אַנטשוויגן געוואָרן. קיינער האָט ניט געזאָגט קיין וואָרט. קיינער האָט אַפילו ניט געמאַכט קיין באַוועגונג. עס איז געווען קלאָר: דער לייטענאַנט איז משוגע. אָבער פאַרקער האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און ווידער אָנגעהויבן:

— איך בין זיך מודה. איך האָב זיך געשפּילט מיט אייערע לעבנס. איך האָב געשפּילט אויף אייערע לעבנס, כדי צו קריגן אַן איבעריקע אויסצייכענונג. פאַר זיך און פאַר דער „שוואַן". און וועגן אייערע לעבנס האָב איך פאַרגעסן. אייך געשטעלט אין קאָן, און פאַרגעסן... איך בעט אייך: הרגעט מיך. און אויב עס וועט געשען אַ נס, — אַ, נאָר אַ נס קען אייך איצט ראַטעווען! — און איר וועט אַרויס אויף דער ליכטיקער וועלט, זאָל איך שוין צווישן אייך ניט זיין. ווייל איך האָב אויף אייך געבראַכט דעם טויט.

ער האָט געזאָגט, און געוואָרט. און ווידער האָט קיינער ניט געענטפערט מיט קיין וואָרט. קיינער האָט אַפילו ניט אַ ריר געטאָן מיט קיין אבר אויסצודריקן אַ געדאַנק, אָדער אַ באַוועגונג פון הארצן. שטילשווייגן, און ניט מער. האָט דער לייטענאַנט נאָך אַמאָל, אָבער איצט שוין מיט אַ רואיקן קול, געזאָגט:

— פאַרוואָס שווייגט איר אַלע? איר גלויבט מיר ניט? איך זאָג דאָך אייך: איך בין זיך מודה: איך בין אייער מערדער און אייער פאַררעטער. אָט הערט וואָס איך האָב מיט אייך געטאָן: אויף דער וועלט איז ניטאָ קיין מלחמה. און איך האָב שוין געוואָלט איינשפּאַנען אייך און זיך אין מלחמה... נייז,

ס'איז נאָך ניט געווען נויטיק. איך האָב אייך אַריינגעשלעפּט אין שטורעם אַריין, און נאָכדעם, שוין ווען די שיף איז ניט פּייאיק געווען צו קעמפן מיטן ים, האָב איך געביטן דעם מאַרשרוט. אַ, איר האָט קיינער ניט געוואוסט פון דעם געביטענעם מאַרשרוט!... נאָר איך און דער צווייטער אָפיצער און דער רודערמאַן. זיי זיינען טויט... זיי וואָלטן אייך איצט דערציילט! אַ. זיי וואָלטן אייך שוין לאַנג דערציילט דעם אמת!... איך האָב געוואָלט קומען אין צייט אויף דעם באַשטימטן אָרט. איך האָב געוואָלט פאַרקירצן דעם וועג. שנעלער אָנקומען אַהין, כדי נאָכדעם וועגן זיך דערהערן אַ לויב פונם גאַנצן לאַנד. פאַר מיר און פאַר דער „Z-1".

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און געוואַרט. איצט האָט עפּעס באַדאַרפט פּאַסירן. איצט וועלן זיי זיך אויפכאַפּן פון זייער פאַרגעסונג. איצט וועלן זיי עפּעס טאָן. אָבער אויך איצט האָבן אַלע געשוויגן. און אויך איצט האָט זיך קיינער ניט אַ ריר געטאָן פון אָרט. לייטענאַנט קאַלווין פּאַרקער האָט דערפילט אַ באַליידי־קונג אינם שווייגן. עס האָט פאַרדראָסן ביז ווייטיק. אַ כעס האָט אַ קלעם געטאָן דאָס האַרץ. צום האַלז זיינען צוגעלאָפן ספּאַזמען און האָבן געוואָרגן דעם גאָרגל. ער האָט, שוין מיט אַן אַנדער קול, אויסגעשריען ווילד:

— וואָס שווייגט איר? שקלאַפן! הינט! איך זאָג דאָך אייך, טרוסן, אַז איך, לייטענאַנט קאַלווין פּאַרקער, האָב אייך אַלעמען אָפּגענאַרט און פאַרראַטן צום טויט. אייערע חברים אומ־געבראַכט. איך האָב אייך אַריינגעוואָרפן אין מויל פון ים. איר וועט פּגרן. און קיינער וועט קיינמאָל ניט אויסגעפינען אייער געביין. אָט זיינען מיר דאָ, און זיי זוכן גאָר דאָרטן, צענדליקער מיילן פון דאַנען. הונדערטער מיילן פון דאַנען. ווייל זיי ווייסן ניט. זיי ווייסן ניט, אַז איך האָב געזוכט דעם קורצסטן וועג! כאַ־כאַ־כאַ!! איר וועט פּגרן!... איר וועט פּגרן!... און איך האָב דאָס אַלץ געטאָן... כאַ־כאַ־כאַ!! און איר האָט נאָך אַלץ

מורא פאַר מיר... ביזן לעצטן אָטעם וועט איר מורא האָבן פאַר מיר. איר שטאַרבט, און האָט נאָך אַלץ מורא פאַר מיר! טרוסן! כאַ־כאַ־כאַ!!!

ער איז געוואָרן היסטעריש, דער לייטענאַנט. ער איז געוועזן בלייך, ווי אַ טויטער. ער האָט געלאַכט, און עס האָט זיך אויסגעדרוכט, אַז אַ טויטער עפנט אויף זיין מויל און פאַרגייט זיך אין אַ מורא׳דיקן געלעכטער. עס איז שרעקלאַך געווען צו קוקן אויף אים. נאָכדעם האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד און פאַרגאַנגען זיך אין אַ ביטערן געוויין. געוויינט, געוויינט. און אויך דער געוויין איז געווען אַ היסטעריִשער. אָבער אַלע האָבן געוואוסט, אַז דער קאָמאַנדיר האָט געזאָגט דעם אמת. איצט איז אַלץ געווען קלאָר. די גאַנצע צייט האָט מען פאַרדעכטיקט. פון דעם ערשטן טאָג, פון דער ערשטער רגע, האָט מען זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ מאָדנעם צווייפל וועגן דער מאַנעוורע. ניין, ס׳איז איצט געווען אינגאַנצן קלאָר. ס׳איז אַלץ געווען אמת, וואָס דער קאָמאַנדיר האָט זיי אויסגעזאָגט. עס איז געווען אמת.

אָבער וואָס איז איצט געווען דער אמת? אמת האָט איצט ניט געהאַט קיין זין. גאָרניט געהאַט קיין זין. אמת איז געווען — ליגן. ווער קען קומען און באַשולדיקן איינעם, ווען אַ גאַנצע וועלט איז שולדיק? און ווי קען איינער פאַרראַטן אין אַ וועלט פון פאַררעטער? און ווי קען מען ביי איינעם אויפמאָנען גערעכטיקייט פאַר דער גאַנצער וועלט? ווי קען מען עפּעס בכלל אויפמאָנען? און וואָס קען שוין זיין אייניציקער לעבן פאַרגיטיקן? גאָרנישט! אַלץ האָט זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט. זיין לעבן און זייערע לעבנס — וואָס זיינען זיי איצט ווערט געווען קעגן דער גרויסער אומגערעכטיקייט, וואָס האָט זיי פאַרטריבן אויפן אָפּגרונט פון ים צום טויט און צום גרויל?

אַלע האָבן געשוויגן. אָבער פאַרקער האָט ניט געקענט איינהאַלטן זיין אויפגערעגטקייט. ניט געקענט אַפילו איינצאַמען זי מיט געוויין. אויפגעשטאַנען און גענומען אַרומגיין איבער דעם

קליינעם שטח הין און צוריק. א כח האָט אים אויפגעהויבן. ניט געפּילט אַפילו דעם ווייטיק אין דער צעבראָכענער ריפּ. עס האָט אים פּלוצלונג אַרומגעכאַפּט אַזאַ ווילדקייט. און עס האָט אים א קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ א משוגעת. א ציטער האָט אויפגעטרייסלט די אָפּגעשוואַכטע גלידער. ער איז געוואָרן ווילד. ער האָט זיך פּלוצלונג א וואָרף געטאָן אויף די ליגנדיקע מיט פויסטן, מיט נעגל און מיט די ציין. עטלאַכע מענטשן האָבן אים אַרומגעכאַפּט און אַנידערגעוואָרפן צום דיל, געהאַלטן אים אונטער זיך. אָבער פּאַרקער האָט זיך געריסן און געשליידערט זיך אונטער זייערע קערפּערס. געשריען א פּאַרשטיקטן געשריי און געוואָרגן זיך מיט ספּאַזמען. עס איז שווער געווען אים איינצוהאַלטן. צום סוף האָט ער זיך טאַקע אַרויסגעריסן. נאָך אַמאָל אַריינגעריסן זיך אין א כאַאָטישן געשלעג. און נאָך אַמאָל אַריינגעפאַלן אין די קלאַמערן פון הענט. עס איז געווען א מורא'דיקער געראַנגל. מענטשן האָבן זיך צונויפגעקנוילט איבער אים. מ'איז פון אויפ־רעגונג און לופט־מאַנגל געווען פאַרשטיקט. אין גאַרגל איז גע־שטאַנען א ביטערע ווערגעניש. נאָך איין רגע, און אַלע וועלן פאַרלירן דעם באַוואוסטזיין. אויף די ליפּן איז אַרויס א פּיענע. אַזוי פיל כח איז געווען אין איין מענטשן.

פּאַרקער איז געלעגן אויף דער ערד, א צעבלוטיקטער. זיין קאָפּ האָט זיך עטלאַכע מאָל שטאַרק אָפּגעשלאָגן אָן שטיינערנעם דיל. זיין פּנים איז געווען צעבלוטיקט. עס איז שווער געווען אויף אים צו קוקן. איצט האָט ער זיך אונטערגעגעבן. עפּעס האָט זיך אין אים אויסגעלאָשן. די מענטשן האָבן אים אָפּגע־לאָזט. נאָך א מינוט האָט זיך געהערט זיין שוואַכער כליפּ, ווי פון א קינד, וואָס מ'האָט אומשולדיק באַשטראָפט. אָבער באַלד איז ער ווידער אויפגעשפּרונגען אין א לעצטן אויפברויז, ווילד און משונה'דיק.

דאַן האָט נובערג צונויפגעקליבן די כחות און מיט דער גאַנצער קראַפט א זעץ געטאָן פּאַרקערן אין פּנים מיט דער פויסט.

יענער האָט זיך אונטערגעבויגן, ווי אַן אונטערגעשניטענער גראָז, און שווער אַ פאַל געטאָן, אַ באַוואוסטלאָזער, צו דער ערד. מער האָט מען פון אים קיין פּיפּס ניט געהערט. ער איז איינגעשטילט געוואָרן. בלויז די אויפגערעגטע ברוסטן האָבן זיך ביי די מענטשן געהויבן, געהויבן און ניט געקענט אַריינציען אין זיך גענוג לופט.

נאָכדעם איז אָנגעקומען אַ שווייגן. מענטשן האָבן ניט גערעדט. מענטשן האָבן אויסגעמיטן צו באַוועגן זיך. מענטשן האָבן זיך געשעמט איינער פאַרן אַנדערן מיטן ביסל לעבן, וואָס איז נאָך פאַרבליבן. נאָר איינער איז נאָך געלעגן אויף דער ערד און ביטער געכליפּעט. דאָס איז געווען דער לייטענאַנט קאַלווין פאַרקער. אָבער אויך ער איז באַלד אַנטשוויגן געוואָרן. און דאָס שווייגן האָט באַהערשט אַלעמען.

* * *

שפּעטער האָט ביל סאָיער וועגן דעם פאַרשריבן:

„...ווען מיר ריידן איז אונז לייכטער. אונזערע רייד זיינען קרענקלאָכע, פאַרצווייפלטע, עקסצענטרישע. אָבער ס'איז לייכ־טער. אַ מענטש לעבט לעבן דיר. אַ מענטש ליידט מיט דיר איניינעם. דו ביסט ניט אַליין. מ'קען זיך אַליין מיט רייד אָפּנאַרן, פאַרגעסן זיך. אָבער נאָך שווערער איז דאָס שווייגן. ס'דוכט זיך, אַז דער מענטש האָט שוין פאַרגעסן זיין שפּראַך, די שפּראַך, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך פון דער קינדהייט. די מאַמע האָט אַמאָל אויסגעלערנט אַ שפּראַך — און מ'האָט זי פאַרגעסן. דאָס לעבן האָט אויסגעלערנט אַ שפּראַך, וואָס דריקט אויס די אינטימסטע עמאָציעס, און מ'האָט זי פאַרגעסן.

„זיי ליגן און שווייגן. און מיר דוכט זיך, אַז זיי זיינען אַלע אויסגעשטאָרבן. נאָר איך אַליין לעב.

„דער לייטענאַנט האָט זיך אין אַלץ מודה געווען. ווי נאָר ער האָט דערציילט דעם גאַנצן אמת איז אים באַפאַלן אַ פאַרלאַנג צו שטאַרבן. געבעטן זיך מ'זאָל אים טויטן. מ'זאָל פון אים נעמען די נקמה. געוואָרפן זיך, אין ווילדער רעגונג, אויף די

מענטשן, געשלאָגן זיך אָן דער וואַנט. אָבער קיינער האָט אים נים געגלויבט. איך גלויב אויך נים. ער איז פשוט משוגע. ניין, קיינער גלויבט אים נים.

„אָבער איך טראַכט סיי ווי: ווי איז, אַז ער איז טאַקע אין דער אמתן שולדיק? עס קען דאָך אַלץ זיין אַזוי ווי ער זאָגט. וואָס דאַן?

„ס'איז שווידערלאַך אַ טראַכט צו טאָן, אַז אַט איז לעבן דיר דיין שונא. ער האָט דיך פאַרשניטן פון דער וועלט אומזיסט־אומנישט. ער האָט אומגעבראַכט דיין לעבן, דיין חברס לעבן. ער איז אין דיינע הענט, און דו פילסט צו אים נים קיין שנאה. ער איז אין דיינע הענט, און דו ווילסט נים זיין טויט. דו ביסט גלייכגילטיק. וואָס איז דאָס?

„פריער האָט ער ביטער געוויינט. אַזוי האָט נאָר געקענט וויינען אַ הונט, אַן אַלטער, אויסגעמאַטערטער, שטאַרבנדיקער הונט, ווען ער ליגט אין אַ קאַלטן, נאַסן ווינקל און ציטערט פון קעלט און אויסצערונג. זיינע מוסקולן האָבן געציטערט אין אַ פיינלאַכער קאָנוואולסיע. און דאָס איז קאַלווין פאַרקער, דער קאָמאַנדיר פון דער „שוואַן". ער האָט געפויזעט פאַר אונזערע פּים און געבעטן זיך ביי אונז: „הרגעט מיך, הרגעט מיך..." נאָך ערגער פון אַ הונט. אַ הונט בעט נים קיין רחמנות דורכן טויט. ער טראָגט אויף זיך נים קיין שולד פאַר די אָפּגעלעבטע טעג. ער וויל נים פאַרצערט ווערן דורך הונגער און קעלט. און דער מענטש וויל נים אַוועקגיין פון דער וועלט אַ שולדיקער. ער וויל דערלייזט ווערן פון זיין שולדיקייט. ער וויל רחמנות דורך ליבע און דורך שנאה. ביי וועמען בעט דער מענטש רחמנות? ביים מענטשן? ביי גאָט? וואו איז גאָט? וואָס איז גאָט? ניטאָ קיין גאָט!

„ס'איז שוין ביי אונז אַלץ אויסגערעכנט און אויסגעמאָסטן. באַלד וועט זיך אויסלאָזן די ענערגיע. דאָס ליכט וועט אויסגע־לאָשן ווערן און מיר וועלן בלייבן אין דער פינסטערניש. און

נאָכדעם וועט אויסגיין די לופט. די וויייזערס רוקן זיך אַרונטער. איין צילינדער ליידיקט זיך אויס, אַ צווייטער, אַ דריטער. איין אַקומוליאַטאָר, אַ צווייטער, אַ דריטער לעשט זיך אויס...

„און זיי זיינען ניטאָ. בלויז מיט אַ שעה צוריק, באַלד נאָך דעם געשלעג מיטן לייטענאַנט, האָב איך דייטלאַך דערהערט אַ גערודער איבער דער סובמארין. די בלוטן זיינען מיר איינגעפאַלן. מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז פון דער פריידיקער שרעק וועל איך חלשן. אין די אויגן איז מיר פינסטער געוואָרן. אָבער איך האָב געזען, אַז אַלע ליגן שטיל. קיינער האָט קיין זאַך ניט געהערט. האָב איך זיך איינגעהערט און איינגעהערט און דאָס האָט זיך שוין מער ניט ווידערהאָלט. איצט וויים איך — ס'איז געווען אַן אָפּנאַרעניש. די נערוון האָבן מיך אָפּגענאַרט. די אויגן נאַרן און די אויערן נאַרן און דער מאַרך קען ניט באַנעמען ווי עס באַדאַרף צו זיין די ווירקלאַכקייט. זיי וועלן ניט קומען.

„ניין. זיי וועלן ניט קומען. מיר זיינען פאַרפאַלן. מיר ווילן לעבן, וואַרטן מיר געדולדיק אויף אַ נס. מ'האָט אונז געלערנט גלויבן אין גאָט און אין נסים. גלויבן מיר נאָך אַז די רעטונג וועט קומען. אָבער זי קען ניט קומען. די „שוואַן" ליגט מיט אונז איבער פיר הונדערט פוס טיף. קיין מענטשלאַכער וועזן האָט נאָך ניט געוואַגט אַרונטערצולאָזן זיך אויף אַזאַ טיף. קיין מענטש וועט ניט קענען אויסהאַלטן אַזאַ דרוק. פון וואַנען וועט קענען קומען די הילף?

„מיר זיינען פאַרפאַלן...

„צום וויפילסטן מאָל זאָג איך עס? איך ליג און הער ניט אויף צו טראַכטן און ריידן צו זיך: מיר זיינען פאַרפאַלן! מיר זיינען פאַרפאַלן. אָבער איך בלייב דער זעלביקער. איך ווער ניט משוגע. איך וואַרף זיך ניט מיטן קאָפּ אָן וואַנט. איך צעשמעטער זיך ניט דעם שאַרבן. איך ליג און טראַכט. מיין מאַרך איז קלאָר. פון אָנהויב, באַלד נאָך דער קאַטאַסטראָפע, האָט זיך אין מיר געריסן די איינגעשלאָסענע ענערגיע. איך האָב ניט געקענט

אריבערטראָגן אונזער איינגעשלאָסנקייט אין שטאָלענע ווענט. פון אָנהויב זיינען אַלע געווען אַזוי. מ'האָט געוויינט. אייניקע באַהאַלטענערהייט און אייניקע — אָפן. מ'האָט זיך געריסן דורך די ווענט. געוואָלט מיט די קעפּ און די בלויזע קערפּערס דורכברעכן די שטאָלענע ווענט. און מ'איז געפאַלן לעבן די ווענט מאַכטלאָזע און פאַרטיליקטע. די וואַנט איז ניט צעפאַלן געוואָרן און ניט געעפענט אַ וועג צו דער וועלט. תפיסה איז געבליבן תפיסה. די טיפסטע יסורים און די ווילדסטע משוגעתן האָבן זיך מאַכטלאָז אָנגעשלאָגן אָן שטאָל.

„און איצט זיינען מיר אַלע אויסגעלייִדיקטע. מיר וואַרטן. אויף וואָס וואַרטן מיר? אויפן לעבן? אויפן טויט? מיר זיינען אַלע איינייִנעם און אַליין. אַלע אַליין. איינער, דער צווייטער און דער דריטער. מיר ליגן האַרט איינער לעבן דעם אַנדערן און מיר ווילן ניט פילן איינער דעם אַנדערן. פריער האָט מען זיך באַקלאָגט. די פאַרוואונדעטע האָבן זיך באַקלאָגט. יעדער האָט אויף זיין אויפן געזוכט רחמנות. אויסגעגאָסן פאַרן צווייטן דעם קוואַל פון די וואַקסנדיקע יסורים. איצט האָט יעדער איינגעשלאָסן אין זיך די אייגענע יסורים און שווייגט, פונקט ווי די יסורים וואָלטן געווען אַן אוצר, וואָס מ'דאַרף אויסבאַהאַלטן, פאַרבאָרגן פונם צווייטן. דערפאַר איז אַ יעדערער פול מיט שנאה צו דעם צווייטן. ניטאָ קיין רחמנות און ליבע. בלויז שנאה. די געפאַר און די מורא פאַרן טויט האָבן ניט דערנענטערט. איינער אָטעמט אויס דעם אַנדערנס לופט. און לופט איז — לעבן.

„איך ליג און טראַכט. מיינע אויגן זיינען אָפן. דאָס טונקעלע ליכט פאַלט אַרום אונז, דעקט אונז איין מיט בלייכע לייליאַכער. פון די ווענט, דורך די ווענטן קריכן שאָטנס. זיי קומען און פאַרשווינדן. פון וואַנען קומען זיי? פון ים? ווערן זיי דאָ געבאָרן און שטאַרבן דאָ? זיינען זיי די שאָטנס פון די דערטרונקענע מאַטראָסן אין די טעפעניש פון ים? הינטער די ווענט ליגן רייכטימער דערטרונקענע און צווישן די רייכטימער ליגן, איינ-

געשלאָסענע אין שאָלן, די לעבנס פון די דערטרונקענע מאַטראָסן. און נאָר צווישן די ים־פלאַנצן און קאָראַלן. אַליין, ווי שטיקער קאָראַלן, רוען די ביינער זייערע, די באַהאַפטענע מיטן ים, אין לעבן און אין טויט.

„וואָס פאַר אַ קאָליר האָט איצט דער ים? וואָס פאַר אַ קאָליר האָט די טיפעניש? באַלויכטן פון איליומינאַטאָרן, איז די טיפע־ניש גרינלאַך־געל, גרינלאַך־טונקל. איצט מוז זי זיין טונקל, שוואַרץ, ווי די נאַכט. ווי אַ טינט־שוואַרצער סאַמעט, וואָס זיין שוואַרצקייט לאָזט זיך ניט מינען אין קיין אַנדער קאָליר. די שוואַרצקייט באַוועגט זיך ניט, ווי פון אייביק אָן אין אייביקייטן אוועקגעשטעלטע וואַנט.

„און אפשר איז אין דעם פינסטערן וואַסער דאָ לעבן? עס באַוועגן זיך און לעבן מיליאָנען אויסטערלישע פיש־באַשעפענישן, נאָך קיינמאָל ניט געזעענע. אפשר שווימען זיי אַרום דער „שוואַן", הויערן איבער איר מיט זייערע ווייכע, ווי וואַסער, שטומע, ווי וואַסער, פליסיקע קערפּערס און וואונדערן זיך אויף איר טויט? אפשר האָבן די באַשעפענישן אונז פאַרשלעפּט פון איין טיפעניש אין אַ צווייטער, און מיר ווייסן ניט. זיי האַלטן אונז געפאַנגען, און מיר ווייסן ניט? מיר זיינען געפאַנגען פון ים און פון זיינע געהיימניספולע איינוואוינער, און מיר ווייסן ניט. ווער קען וויסן, פאַרוואָס מ'קען אונז ניט געפינען?

„און ווי איז, אַז ס'איז בכלל קיין זאַך ניטאָ? שוין ניטאָ קיין ים און ניטאָ קיין ים־לעבן. נאָר תהום. אייביקער אָפּגרונט, וואָס האָט ניט קיין אָנהויב און קיין סוף. און ווי איז, אַז מיר פאַלן נאָך, פאַלן, אָן אָן אויפהער, אין אַ ליידיקייט אַריין? און מיר ווייסן גאָרניט. וואָס ווייסן מיר, פאַרוואָס מ'קען אונז ניט געפינען?

„מיין האַרץ קלאַפּט אין מיר שטאַרק. שלאָגט דערשראָקן און אויסגעמאַטערט. יעדער קלאַפּ אין מיין ברוסט־קאַסטן טוט וויי. מיין מאָרך טונקלט זיך. איך פיל ווי ביים חלשן. אים קען מער ניט שרייבן..."

קאפיטל אכצן

מארטין האט געטראכט פון זיין ווייב. זי איז געווען די נאענטסטע אין זיין לעבן. ער האט זייער גוט געקענט יעדן גליד פון איר קערפער. ס'איז ניט געווען קיין ארט אויף איר לייב, וואס ער האט ניט אויסגעקושט. איר לייב האט געהאט א באזונדער ריח, וואס האט אים פאר'שיכורט און גערעגט. ער האט זי געליבט. ער האט געליבט די ליבע צו איר. וואס וועט זיין מיט איר? ער אליין וועט שטארבן און זי וועט בלייבן לעבן מיט איר ליבע און מיט איר ליידנשאפט. וועמען וועט זי אוועקגעבן איר ליבע און איר ליידנשאפט?

ער האט זיך דערמאנט: זי האט געהאט א לעבעדיקן, אומ־רואיקן, קיילאכדיקן בויך, מיט אזעלכע פיינע ליניעס. די ליניעס זיינען זיך צעלאפן אין לעבעדיקע ראדיאוסן צו דער ברוסט און צו די לענדן. ער האט אזוי פיל מאל אנגערירט איר בויך און גע־קושט און געפילט די אויפלעבונג פון ליידנשאפט אין די ליניעס פון איר קערפער. דאס איז געווען זיינס. די נאענטקייט און די ווארעמקייט און איר ליידנשאפט איז געווען זיינס. זי האט זיך אים אזוי געקענט אוועקגעבן. אינגאנצן אוועקגעבן. ביז אויפ־לייזונג און פארגעסונג.

וואס וועט איצט זיין? ער וועט שטארבן. און זי וועט לעבן. ער וועט דא אויסגיין פון הונגער און קעלט און דערשטי־קונג אויף אייביק און אייביק. און זי וועט לעבן און פארגעסן. אין איר לעבן וועט ארייננקומען אן אנדערער. זי וועט זיין יענעמס. זיין בעלא וועט זיין יענעמס. אינגאנצן יענעמס. זי וועט יענעם אוועקגעבן איר ווארעמקייט און איר ליבע. זי וועט אוועקגעגעבן דאס לייב און עפענען אירע לענדן פאר דער פרעמדער ליידנשאפט. איר פנים וועט פלאמען. די גלידער וועלן ציטערן אין תאוה'דיקע קאנוואולסיעס. און אלץ וועט זיין ווי אלע מאל.

מארטינס מארך האט אויפגעפלאמט. א פייער האט פארצערט

זיין האַרץ. פאַר די אויגן איז אויפגעגאַנגען אַ ליכט. איין ווײַלע האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער זעט זיין בעלאָן אין אַ רגע פון פיינלאַכער אומפאַרשעמטקייט. אָן אייפערזוכט האָט אַנגעצונדן זיינע גלידער אין אַ קרענקלאַכער אומבאַהאָלפנקייט. ניט געקענט פאַרבלייבן רואיק. געוואָלט זיך ראַטעווען פון די יסורים. געזאָגט:

— אָ, גאָט, גאָט! גאָט!

און אויסגעבראָכן אין אַ היסטערישן געוויין. קיינער האָט זיך אָבער אויף אים ניט אומגעקוקט. ס'איז געלעגן אַ מענטש און האָט געוויינט. לעבן אים איז געלעגן נאָך אַ מענטש און צוגע־הערט לעבן זיך דאָס געוויין און ניט געפונען וואָס צו זאָגן. דאָס איז געווען שוין דאָס צווייטע מאָל, וואָס מאַרטין האָט געוויינט. אָבער מאַרטין האָט ניט אויפגעהערט. זיין געוויין האָט זיך געלייגט ווי אַ שווערקייט אויף אַלעמענס הערצער. ס'איז געווען שווער אַריבערצוטראָגן. האָט נובערג געזאָגט:

— ווײנסט שוין ווידער, מאַרטין, וואָס? — ווידער דערמאָנט זיך אָנ'ם ווייב. אַזאַ טשיקאַווער מענטש. דערמאָנט זיך אָנ'ם ווייב און — וויינט... נישקשה, זי וועט נאָך דיר אַזוי לאַנג ניט וויינען. זיי וויינען זיך אויס און פאַרגעסן.

מאַרטין האָט ניט אויפגעהערט צו וויינען. נובערג האָט אָפּגעוואַרט און ווידער געזאָגט:

— איך זאָג דיר, מאַרטין, — אומזיסט נוצסטו אויס לופט. מאַטערסט זיך אויס. און אונז איז אויך אומאַנגענעם. איך זאָג דיר: הער אויף.

מאַרטין האָט געפאָלגט. זיין געוויין איז שטילער און שטילער געוואָרן. נאָכדעם איז ער אינגאַנצן אַנטשוויגן געוואָרן. און ווידער איז אָנגעקומען אַ שווייגן.

* * *

נאָך אַ שעה און נאָך אַ שעה. עס האָט זיך דערנענטערט דער סוף פון דעם דריטן מעת־לעת. אויפן הימל האָט דאָן שוין איצט

געמוזט זיין א גרויקייט. שאטנס האבן זיך שוין ניט געקענט איינהאלטן אויף די ערטער. זיינען זיך צעגאנגען, פארשוואונדן. א נייער טאג איז אנגעקומען.

דער לייטענאנט איז געווען הונגעריק. ווייטיקן האבן אויפגעריסן זיינע געדערים. ער האט זיך געקארטשעט און שטילערהייט, אין זיך, געיאמערט. ער האט זיך געדרייט אויף זיין ארט. א נייע אומרואיקייט איז אים באפאלן. ניט געקענט איינליגן. געזאגט:

— איך בין הונגעריק... איך גיי אויס... א!...

קיינער האט זיך ניט אפגערופן. דער לייטענאנט האט געזאגט:

— איר ווילט זיך אויסהונגערן!... פארוואס ווילט איר זיך אויסהונגערן?

אויך דאס האבן אלע געהערט, אבער קיינער האט זיך ניט אפגערופן. איז שוין דער לייטענאנט געווארן בייז. א כעס האט א ברען געטאן זיין מארך:

— איר ווילט אויסשטארבן ווי הונגעריקע הינט... שטארבט. אבער איך וויל ניט!... איר הערט: — איך וויל ניט!

ער האט זיך אוועקגעזעצט. אלע האבן געקוקט אויף אים און געווארט וואס ער וועט ווייטער טאן. נאר נובערג האט זיך אויפגעזעצט אויף זיין ארט. געזאגט:

— עהע. איך האב געוואוסט, אז אזוי וועט עס טאקע זיין. אט האסטו געבעטן אויף זיך דעם טויט און אט — ווילסטו פרעסן די קערפערס פון די טויטע. דו הונט. דו וואלסט אפילו אויפגעפרעסן דיין טאטן און דיין מאמען, ווען זיי ליגן דא טויטע. אזא ווי דו וואלט זיי אפילו געקענט אליין מיט די אייגענע הענט דערמארדן, כדי צו שטילן דעם הונגער פונם אייגענעם מאגן... בעסטיע.

פארקער איז געבליבן זיצן א צעטומלטער. ער האט ניט געענטפערט. אלץ געזעסן אין דערזעלביקער פאזע. און נובערג האט ווייטער געזאגט:

— אַזאַ ווי דו וועסט אַפילו אַן איינין קינד אויפפרעסן. איך ווייס, דו וואָלסט אויפגעפרעסן. קאַניבאַל! אַ גאַנצן לעבן — אַ מענטשן־פרעסער און באַם טויט אויך אַ מענטשן־פרעסער. טפו!

ער האָט קוים צונויפגענומען אַביסל שפייעכץ און מיט גיפט אַ שפּיי געטאָן אינם לייטענאַנטס ריכטונג. נאָכדעם האָט ער זיך צוריק אַוועקגעלייגט אויף זיין אָרט און אַנטשוויגן געוואָרן. און פּאַרקער איז געבליבן זיצן אויף זיין אָרט. געזעסן אַזוי אַ ווײַלע און נאָכדעם אויפגעהויבן זיך, צוגעגאַנגען צום אָרט, וואו נובערג איז געלעגן, איבערגעבויגן זיך און געזאָגט:

— אָט בין איך, שטיי אויף. דער׳הרגע מיך. איך ווייס, אַז דו ווילסט מיין טויט. שטיי אויף און דער׳הרגע מיך...

און עס איז געווען אין זיינע רייד אַ טאָן, וואָס נובערגן איז ער ניט געפעלן געוואָרן. ס׳איז געווען אַזוי, ווי פּאַרקער וואָלט זיך מיט אים געררייצט. אָבער ער האָט אָפּגעשוויגן. און פּאַרקער האָט ווידער געזאָגט:

— האָסט מיך פריער געשלאָגן... דו מיינסט, אַז איך ווייס ניט?... איך בין אינגאַנצן אַ צעשלאָגענער פון דיינע הענט... אָבער דער׳הרג׳ענען ווילסטו מיך ניט. ווילסט מיינע ליידן. דיר איז ניט גענוג... אָט זע.

און ער האָט גענומען, צוליב עפּעס, פאַנאַנדערשפּיליען זיינע קליידער אויף דער ברוסט. געשפּיליעט, געשפּיליעט. די פאַר־גליוועטע פינגער האָבן זיך געטשעפּעט, ווי הילצערנע, אָבער אָפּשפּיליען האָבן זיי ניט געקענט. פון אויפרעגונג האָט זיך דער לייטענאַנט געוואָרפן און געציטערט מיטן גאַנצן קערפּער. געזאָגט:

— אָט. מיינע הענט זיינען טויט... איצט איז אויס. אויס...

און האָט הילפלאָז אַראָפּגעלאָזן די הענט. געשטאַנען אַזוי אַ ווײַלע און גענומען זיך אַרומשפּאַנען הין־און־צוריק. דער שטח איז געווען אַ קליינער. זיינע פיס האָבן זיך געפּלאָנטערט. ער האָט זיך יעדע רגע פאַרטשעפּעט אָן עפּעס און געשטרויכלט

געוואָרן. אָבער אין זיין ארומגיין איז געווען אַ מאָדנע פאַר־עקשנטקייט. נים געקענט אָפּשטעלן זיך.

מאַנלי האָט געזאָגט:

— איר, לייטענאַנט, וואָלט זיך, בעסער, באַדאַרפט אוועק־לייגן... ס'איז נים די צייט ארומצושפּאַצירן.

דער לייטענאַנט האָט נים געהערט. ארומגעגאַנגען, אַן אויפ־געדעגטער. האָט מאַנלי אָפּגעוואַרט אַביסל און געזאָגט:

— איך זאָג: איר וואָלט זיך באַדאַרפט אוועקלייגן. איצט איז נים די צייט צו פראַמאַנאַדעווען. איר נוצט אוים לופט אומזיסט און אומנישט...

אויך נובערג האָט זיך מיט שפּאָט אריינגעמישט:

— וואָס אַרט אים פאַר אונז? ער האָט זיינס אָפּגעטאָן. אים אַליין פעלט נאָר אוים זיין טעגלאַכער מאָציאָן... אַט שפּאַצירט ער.

און אַז דער לייטענאַנט האָט זיך איצט אויך נים אָפּגעשטעלט, האָט זיך שוין אויך מאַרטין אריינגעמישט:

— איך מיין אויך, לייטענאַנט, — איר האָט זיך באַדאַרפט אוועקלייגן. אַט, גיט אַ קוק. מיר זיינען אויפגערעגט. אַלע זיינען אויפגערעגט צוליב אייך... לייגט זיך און ליגט. אַלע ליגן, — ליגט אויך, און שאַפט נים קיין בייז בלוט.

און נובערג האָט נאָך אַלץ מיטן שפּאָטישן טאָן צוגעגעבן:

— אַך, לאָזט אים! ער איז אַן אָפּיצער.... לאָזט אים פרייליאָזן די געפילן. איר זעט נים, אַז ער איז געצוואונגען צו פארברענגען אין אונזער געזעלשאַפט? פאַר אַן אָפּיצער איז עס אַן אָפּקומעניש. מיר זיינען נים זיין געזעלשאַפט... דערמאָנט זיך אָן זיינע אויסצייכענונגען. און דאָ דאַרף ער גאָר אָטעמען די זעלביקע פאַר'עפּוש'טע לופט מיט אונז איניינעם... ניין, גיט אים אוועק דאָס לעצטע ביסל לופט. גיט אים אוועק...

מאַרטין האָט געזאָגט:

— ביים טויט זיינען אַלע גלייכע יחסנים. מיר וועלן אַלע ליגן אין איין קבר.

אָבער אויך איצט איז דער לייטענאַנט אַרומגעגאַנגען. איז שוין נובערג, אַ בייזער, אויפגעשטאַנען און דראָענדיק געזאָגט:
— לייג זיך, לייטענאַנט, אַז ניט — וועל איך דיך אוועקלייגן.
די אָפּטיילונג איז פול געוואָרן מיט שרעק און אויפרודערונג. מ׳האָט געפילט, נאָך איין רגע, און נובערג וועט אים אוועקלייגן. אַ טויטן. באַלד האָט זיך אָבער פּאַרקער אָפּגעשטעלט, אַ קוק געטאָן, ווי אַ פאַריאָגטער הונט, פון אונטערן שטערן, און זיך געלאָזט צו זיין אָרט. און ס׳האָט זיך געדוכט, אַז ער איז רואיק. זייער רואיק.
דאָס האָט פאַרדראָסן. ער האָט זיך ניט קעגנגעשטעלט. ער איז געווען רואיק.
זיין רואיקייט האָט איצט שאָקירט. ער האָט זיך אונטערגעגעבן מיט אַ זשעסט פון אַ גערעכטן, וואָס גיט זיך איבער, ווי אַ שוואַכערער גיט זיך איבער אַ שטאַרקערן, דעם אומגערעכטן. דאָס האָט אַ זאַד געטאָן די בלוטן מיט האַס צו דעם לייטענאַנט. אַלע האָבן אויף איין מאָל דערפילט צו אים די שנאה.
שוין ליגנדיק האָט דער לייטענאַנט געזאָגט:
— נו, גוט. אָט ליג איך... איר ווילט איך זאָל ליגן — ליג איך.
נובערג איז נאָך געשטאַנען און זיינע פינגער האָבן זיך נערוועז באַוועגט, געקליבן זיך אין פויסטן. ער האָט בלויז געקענט זאָגן:
— מערדער!
דאָס וואָרט איז שוין געבאָרן געוואָרן: — מערדער!
האָט אימיצער, שוין מיט פאַראַכטונג און ביטערקייט, צוגעגעבן:
— מערדער און פאַררעטער!
דער מענטש וואָס איז דאָ מיט זיי געווען און געאָטעמט די זעלביקע לופט איז געווען זייער מערדער און פאַררעטער... ער האָט געבראַכט דעם טויט פון זעקס און צוואַנציק אומשולדיקע מענטשן, דעם טויט פון זייערע חברים און זייער אייגענעם טויט.

אין אַלע לעכער פון דער „Z-1" זיינען געווען די דערשטיקטע און די צע'מזיק'טע חברים. און זיי אַליין גייען אויס אין אַ שרעקלאכן טויט. און דער שולדיקער האָט געלעבט. און די נקמה פאַר אַלעמען און פאַר זיך איז נאָך ניט גענומען געוואָרן.

און נובערג איז נאָך געשטאַנען, אַ שווערער און אַ באַצוואונגענער. געשטאַנען און געקוקט אויף פאַרקערן מיט אַ ברייטגעעפנטן בליק. און אַלע האָבן שוין געזען, ווי עס ביילן זיך זיינע הענט אין פויסטן און ער מאַכט אַ טראָט און נאָך אַ טראָט, אַלץ נעענטער צו דעם לייטענאַנט.

נאָכדעם האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. איצט איז ער געווען שרעקלאַך. אַלעמעס אויגן זיינען געווען געווענדט צו אים. זייער כח איז געווען אין אים. זייער האַס איז געווען אין אים. וואָס וועט ער טאָן, נובערג? וואָס קלייבט ער זיך צו טאָן?

נובערג האָט געזאָגט:

— דו ביסט אונזער מערדער, פאַרקער. קיינער וועט ניט בלייבן לעבן. באַצאָל. דו האָסט פאַרראַטן, — באַצאָל.

אין זיין קול איז געווען שווערקייט. אָבער קיין אויפרעגונג איז ניט געווען. עס איז געווען דער געוויינלאַכער טאָן פון אַ מענטשן, וואָס רעדט צו אַ צווייטן קלאָרע, זעלבסטפאַרשטענדלאַכע רייד. און פאַרקער האָט געשוויגן. קיין וואָרט ניט געענטפערט. האָט נאָך אַפּנים ניט פאַרשטאַנען וואָס נובערג האָט געוואָלט טאָן. ניין, קיינער האָט נאָך גענוי ניט פאַרשטאַנען, וואָס נובערג האָט זיך געקליבן טאָן. אָבער אין אַ רגע אַרום האָבן שוין אַלע דערהערט ווי דער לייטענאַנט האָט דערשראָקן גערעדט און איינגע'טענהט:

— טאָם, ברודער, פאַרגיב! אַ, גאָט, וואָס ווילסטו טאָן מיט מיר!... לאָז אָפּ!... איך וויל ניט, איך וויל ניט!... אַ, גאָט!... אַ!...

טאָם נובערג איז שוין געווען אויף אים. געהויערט אויף אים. שווייגנדיק געהויערט און עפּעס געטאָן. און אויך פון פאַרקערן

האָט מען שוין קיין וואָרט ניט געהערט. און עס איז געווען אַזוי, ווי טויטע וואָלטן זיך געראַנגלט, אָן וואָרט און אָן קלאַנג. און עס האָט געדויערט אַ גאַנצע מינוט. נאָכדעם האָט זיך נובערג צוריק־געקערט אויף זיין אָרט, אַוועקגעלייגט זיך און געשוויגן. נאָר זיין אָטעם איז געווען שרייענדיק. עס איז געווען אַזוי, ווי ער וואָלט ניט געהאַט קיין לופט פאַר זיינע לונגען און וואָלט זיך געשטיקט, געשטיקט מיט יעדן אָטעם־צוג. ער איז געווען שרעקלאַך.

עס איז געווען קלאָר: — ער האָט דער'הרג'עט אַ מענטשן.

קיינער האָט ניט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. אָבער אַלע זיינען געווען וואַך און אויפגערעגט. פאַר זייערע אויגן האָט מען דער־הרג'עט אַ מענטשן און זיי האָבן דערלאָזט. די הערצער האָבן געקלאַפּט. אָפּגעציילט קלעפּ. יעדער קלאַפּ — אַ צאָל. אַ טראָט. אַ דערנעענטערונג צו אַן אמת. הייסט עס, אַז אַלע האָבן זיך קאַלטבלוטיק באַטייליקט אין דעם מאָרד. און דער טויטער קערפּער פון דעם דערמאָרדעטן איז נאָך געלעגן דאָ, עטלאַכע טריט פון זיי, זיך געקילט פאַר זייערע אויגן, געבעטן זיך, אַז אימיצער זאָל זאָגן אַ לעבעדיק וואָרט, אויפוועקן די שטילקייט, ווייל אָט ערשט איז דער מאָרד באַגאַנגען געוואָרן. אָט ערשט. און דער קרבן איז נאָך געווען אַ וואַרעמער. האָט מאַרטין געזאָגט:

— פאַרוואָס האָסטו דאָס געטאָן, טאָם?

יענער האָט ניט געענטפערט.

— איך פרעג: פאַרוואָס האָסטו דאָס געטאָן? וועלן מיר אַלע ניט שטאַרבן? אָט שטאַרבן מיר שוין... וויפיל שעה איז נאָך געבליבן צו לעבן? און אויב מ'וועט שוין, די מינוט אונז געפינען, מיינסטו, אַז מיר וועלן זיך ראַטעווען? סיי ווי איז שוין ניטאָ קיין אויסוועג. לאָמיר שטאַרבן, ווי מענטשן. לאָמיר קומען פאַרן פנים פון גאָט ריינע.

עס איז שווערער געווען צו הערן מאַרטינס רייד, איידער אַריבערטראָגן דעם מאָרד פון אַ מענטשן. אָבער מאַרטין האָט שוין פאַרלאָרן דאָס גלייכגעוויכט און האָט ניט געקענט אין זיך איינהאַלטן דעם שטראָם פון ווערטער:

— דו האסט פארגעסן אן גאט, טאַם. מיר שטייען פאר גאטס טויערן, טאַם. לאָמיר זיך שטעלן פאר זיין פנים ריינע. לאָמיר ניט פארגעסן קריסטוסעס לערע. פארן טויט לאָמיר ניט פארגעסן זיין נאמען.

מארטין האט דערמאָנט גאטס נאמען. אין גרויל און אין שרעק — גאטס נאמען. גאט, גאט, גאט! אלץ איז שוין געווען פארלאָרן. עס זיינען געשטאָרבן אלע האפענונגען. עס איז שוין כמעט ניט געווען קיין פארבינדונג מיט דער דרויסנדיקער וועלט. ניט אין דער קעגנוואַרט און ניט אין דער צוקונפט. און אויך די פארגאַנגענהייט האט זיך געריסן און געפיצלט. אָבער גאט איז געווען. ווי האָבן זיי פריער פון דעם ניט געטראַכט? עס איז נאך געווען גאט! צו אים וועט מען נאך דאַרפן קומען. דורך אים און צו אים איז געווען דער אויסוועג. דער איינציקער אויס־וועג! אין אים איז געווען די רעטונג.

אין דער קינדהייט האט מען זיי געלערנט הייליקן זיין נאמען. טראָגן זיין נאמען אויף די ליפּן איז געווען — א וואָפן אין לעבן. און איצט האָבן זיי אים אלע פארגעסן. גאט איז געווען אומעטום — און זיי האָבן אים פארגעסן. גאט איז געווען אין די אומענד־לאַכע הימלען און אין די טיפסטע טיפענישן פון דער ערד. ער איז געווען אין דער פארגאַנגענהייט, אין דער קעגנוואַרט און אין דער צוקונפט. ער האט רעגירט אין אלע אייביקייטן. און זיי האָבן אים פארגעסן. זיי האָבן פארגעסן וואָס די עלטערן און די גוטע מענטשן האָבן זיי אין דער קינדהייט געלערנט. זיי האָבן געזינדיקט, און האָבן ניט געטאָן קיין תפילה און האָבן ניט חרטה געהאַט. איצט איז גאט געשטאַנען פאר זיי א צאָרנדיקער און האט זיי געשטראָפט:

מארטין האט געגערעדט:

— אָ, טאַם, ברודער מיינער. האסט געזינדיקט פאר גאט. אין דיין לעצטער שעה האסטו געזינדיקט. קריסטוס האט זיינע שונאים פארגעבן. און דו האסט פון דיין שונא נקמה גענומען.

טו תפילה, נובערג. בעט גאָט. און גאָט, דער דערבאַרעמדיקער, וועט דיר מוחל זיין...

נובערג האָט ניט געענטפערט. מאַרטינס רייד האָבן געבאָרן אַ נייעם ווייטיק. אַ נייע מורא איז געבאָרן געוואָרן. גאָט! גאָטס צאָרן וועט זיך נאָך אויף זיי אויסגיסן. אַלע וועגן זיינען געווען פאַרשטעלט. בלויז זיין צאָרנדיקער פּנים איז געשטאַנען פאַר די אויגן. גאָט!

איין ווײַלע איז געווען שטיל. אָבער באַלד האָט זיך דערהערט אַ כליפּען. דאָס איז טאַקע מאַרטין אַליין גערירט געוואָרן פון די אייגענע רייד און האָט געכליפּעט און שטילערהייט, פאַר זיך, עפּעס גע׳טענהט. געבעטן רחמים פאַר זיך. תפילה געטאָן. דורך וואָרט און דורך טרערן. דערמאָנט זיך אָן אַלטע תפילה׳דיקע ווערטער און איבערגע׳חזר׳ט זיי און צוגעטראַכט אייגענע, מער און מער פאַרטיפט אין די אייגענע ליידן.

נובערג איז געלעגן און געשוויגן. גאָט! ער האָט ניט גע־גלויבט אין גאָט. ער האָט קיינמאָל ניט געגלויבט. און איצט האָט ער אויך ניט געגלויבט. ער האָט קיינמאָל ניט געזען גאָט — האָט ער ניט געגלויבט. ווען מ׳וואָלט געהייסן גלויבן אין טייוול, וואָלט ער געגלויבט. אַ גאַנצן לעבן לאַנג האָט ער געזען פאַר זיך די הערשאַפט פונם טייוול. פון די ערשטע קינדער־יאָרן ביז אין טויט אַריין האָט ער אים געזען. אין אַלץ. אינם סאַמע קלענסטן און דעם סאַמע גרעסטן. ער האָט פאַרדרייט און פאַרפּלאָנטערט דעם מענטשנס וועגן. ער האָט אינם מענטשן אַריינגעגעבן זיין נשמה. ער האָט אויסגעטראַכט פאַרן מענטשן טויזנטערליי בייזן. פון דער קלענסטער שטרויכלונג ביז דער גרעסטער מלחמה. ער איז געווען דער אמת׳ער הערשער פון דער וועלט. אַפילו די „Z-1“ איז געווען זיין אויסטראַכטעניש. אַפילו זייער טויט אין בויך פון דער „Z-1“ איז געווען זיין שפּיל. און זיי האָבן תפילה געטאָן צו אַ גאָט, וואָס איז ניט געווען.

ער האָט זיך אויפגעזעצט און מיט רוגזה אַ שפּיי געטאָן אָן אַ זייט:

— טיפש! קרעציקער הונט! האָט זיך צעקלאָגט, ווי א באָבע פאַר אַן אַלטאַר... ווייַן שטאַרקער! קלאָפּ קאָפּ־אײַנ־וואַנט! ער וועט דיר העלפן... טפו!...

דאָס, וואָס נובערג האָט געזאָגט איז געווען — גאָט־לעסטערונג. ס'איז שווער געווען צו הערן זיינע רייד אין דער רגע. אָבער נובערג איז געווען שרעקלאַך. פון אים האָט זיך געצויגן א מורא גלייך אין די הערצער אַריין.

מאַרטין האָט זיך איינגעהאַלטן:

— דו זינדיקסט, טאָם. גיב א טראַכט, וואָס דו טוסט. וועגן דיין אייגענער נשמה גיב א טראַכט. ראַטעווע זיך פאַר גאָט, דעם האַר... אין דיין לעצטער שעה לעסטער ניט זיין הייליקן נאָמען...

נובערג איז אויפגעשפּרונגען. געזאָגט מיט א פאַרשטיקטן קול:

— שווייג, דו, הינטישער זון!... ליגנער!... פאַרן טויט הערסטו ניט אויף צו ליגן!... פאַרוואָס האָסטו פאַרגעסן קריס־טוסן, ווען דו האָסט געמאָרדעט אין דער לעצטער מלחמה? האָט קריסטוס געהייסן מאָרדן?... און דו האָסט זיך נאָך גרויס־געהאַלטן... ביסט געווען א העלד. האָסט אומשולדיק בלוט פאַרגאָסן. וואָס מער בלוט — מער העלד געווען... און איצט האָסטו אויף זיך אָנגעטאָן די מאַסקע: שיקסט א תפילה צו גאָט! באַהאַלטסט זיך הינטער גאָטס נאָמען, ווי א פאַרדאַמטער היפּאָ־קריטישער גלח.

ער איז געווען זייער אויפגערעגט. ער האָט קוים געקענט אָנזעטיקן די הונגעריקע לונגען מיט דעם ביסל לופט, וואָס איז נאָך אַרומגעשוואומען אין צימער, און האָט זיך געשטיקט ביי יעדער אַרויסגעזאָגטער פראַזע. ניין, דאָס איז שוין ניט געווען יענער נובערג פון אַמאָל. ער איז געווען אַן אַנדערער. פאַר זיי איז געשטאַנען א מענטש, וואָס האָט זיך אַרומגעטראָגן א לעבן־לאַנג מיט מאָדנע געדאַנקען און פּלענער און דער, וואָס האָט ערשט

מיט זיינע צוויי הענט דערוואָרגן אַ מענטשן. האָבן אַלע געשוויגן.
נאָר טאָם נובערג אַליין האָט זיך ניט געקענט באַרואיקן:

— אַפילו פאַרן טויט אונטער דער נאָז ביסטו בלינד, ווי אַן אַלטע מויז. טו אַ קוק וואָס זיי האָבן מיט אונז געטאָן. וואָס האָבן זיי אונז ניט צוגעזאָגט, ווען זיי האָבן אונז פאַרנאַרט אין דעם פּלאָט? זיי האָבן אַלץ צוגעזאָגט. און דעם אמת האָבן זיי פאַרבאַהאַלטן. זיי האָבן אים פאַרזיגלט מיט זיבן זיגלען. זיי האָבן אונז בלינד געמאַכט און, ערשט נאָכדעם, פאַרנאַרט אין דער לאַך. און די, וואָס האָבן געשיקט — וועלן לעבן בלייבן. אָ, זיי וועלן לעבן און דיין גאָט וועט זיי באַשיצן. גאָט וועט זיי אַלעמאָל באַשיצן און אָפּהיטן. און אַזעלכע פרומע, ווי דו, וועלן פגרן אין יסורים, ווייל איר זייט געבאָרענע שקלאַפן. דער שונא פרעסט אויף די לופט, מיט וועלכער דו האָלטסט זיך ביים לעבן, און דו קוקסט אים אין די אייגעלאַך. דער שונא האָט אויף דיר אַרויפגעבראַכט דעם טויט, און דו ביסט אים מוחל... דער שונא האָט דיינע ברידער אומגעבראַכט פון דער וועלט. אָט ליגן זיי דאָ, טויטע, און הינטער די ווענט... און אַלע אָפּטיילונגען זיינען די טויטע. און דו האָסט פאַרגעסן. דיך אַרט ניט. דיך אַרט קיין זאַך ניט. טפו!...

ער האָט מיט שווערקייט צונויפגעקליבן אין דעם פאַרטריקנטן גומען אַביסל שפּייעכץ און אָפּגעשפּיגן.

קיינער האָט מער ניט גערעדט. ניט מאַרטין און ניט נובערג. עס זיינען געווען אַרויסגעזאָגט בייזע רייד, אָבער קיין שׂנאה צווישן זיי איז ניט געווען. עס איז געווען אין די הערצער אַ רחמנות און אַ מיטלייד פון איינעם צו דעם אַנדערן. די אייגענע ליידן האָבן ווייכער געמאַכט דאָס האַרץ, און פאַרגעבן.

* * *

און ס'איז ווידער אָנגעקומען שווערער שווייגן. די רגעס האָבן זיך געצויגן, געצויגן. אימיצער האָט זיך אַ ריר געטאָן. קיינער האָט ניט געזען דעם ריר. אָבער אַלע האָבן אים דערפילט.

און דער, וואָס האָט זיך אַ ריר געטאָן, האָט בלויז מיט אַ פינגער אַ באַוועג געטאָן, ווי צו דערמאָנען זיך און די אַנדערע, אַז ער לעבט נאָך און אַז זיי לעבן נאָך.

און אַז קיינער האָט אויף זיין ריר ניט געענטפערט, האָט ער אַרויסגענומען אַ קליינעם, שוואַכן כריפּ. אָפּגעזיפצט. איינמאָל און אַ צווייטן מאָל. און ווידער איז אויף אַ רגע די שטילקייט געוואָרן פול מיט לעבן. און גלייך נאָכדעם, האָבן אַלע דערהערט אַ געוויין. אימיצער פון זיי האָט שוין ווידער געוויינט. אָבער ס'איז געווען אַלצאיינס ווער עס האָט געוויינט. ס'איז אָבער ניט געווען מאַרטין. זיין קול האָט מען ניט דערקענט, אָבער מ'האָט געוואוסט, אַז דאָס איז אַן אַנדערער. און נאָר דער נאָענטסטער, וואָס איז געלעגן האַרט לעבן דעם וויינענדיקן, האָט געוואוסט: דאָס איז געווען דזשאָן קאָרי.

און ס'איז געווען מאָדנע, וואָס גראָד ער, דער שטאַרקער, דער שווייגנדיקער דזשאָן, וואָס האָט זייער ווייניק גערעדט, גראָד ער האָט איצט געוויינט. דער מענטש, וואָס האָט אפשר פון דער פּריסטער קינדהייט ניט אַרויסגעלאָזט קיין טרער, האָט זיך איצט געוואָרגן מיט זיינע טרערן, געוואָרפן זיך אין קאָנוואולסיעס לעבן אַ חבר און היסטעריש געוויינט. ער האָט אַזוי געוויינט, און קיינער האָט אים אפילו ניט געזאָגט, אַז ער זאָל אויפהערן. אַלע האָבן געשוויגן. איינגעהאַלטן דעם אָטעם. ניט אָפּגעענטפערט מיט אַ ריר, אָדער מיט אַ קלאַנג. בלויז אין זיך, טיף און נאָך טיפער, פאַרבאָרגן דעם קאַמף און דעם ציטער פון די אייגענע איינגעהאַלטענע טרערן. אַלעמען האָט איינגעוויקלט איין געפיל. אין אַלע אָדערן איז געפלאָסן דאָס זעלביקע בלוט. אַלע האָבן אויסגעוויינט דאָס זעלביקע געוויין.

ענדלאָך האָט מאַנלי געזאָגט:

— גענוג, דזשאָן. גענוג, חבר דזשאָן...

און זיין קול האָט זיך איבערגעריסן אויף אַ רגע. אָבער ער האָט סיי ווי געוואָלט טרייסטן, זאָגן עפּעס. האָט ער געזאָגט:

— מ'וועט אונז נאָך אַרויסראַטעווען... וועסט זען. זיי וועלן זיך ניט באַרואיקן, ביז זיי וועלן אונז געפינען... ווייָן ניט. אַ גאַנצע וועלט וועט ניט לאָזן אויסגיין אַ הייפּעלע מענטשן אומזיסט און אומנישט... פלאַטיליעס שניידן איבער דעם ים, אין דער לייַנג און אין דער ברייט... זיי זוכן אונז. זיי זוכן אונז. הונדערטער און טויזנטער חברים אונזערע זוכן אונז אַרום... טאָג און נאַכט...

אַלע האָבן געהערט מאַנלי'ס ווערטער. און דער, וואָס האָט געוויינט, האָט אויך געהערט. אָבער קיינער האָט זיך ניט אָפּגע־רופן. און וויפיל מאָל האָט מען שוין דאָ איבערגע'חזר'ט די זעלביקע טרייסט־ווערטער? און דער, וואָס האָט געוויינט, האָט ניט אויפגעהערט צו וויינען. ווייל ס'איז שוין געווען שווער צו הערן און צו גלויבן אין מענטשלאַכע טרייסט־ווערטער. אָבער מאַנלי האָט ניט געקענט איינהאַלטן אין זיך דעם שטראָם פון ווערטער. געזאָגט:

— איך וויים, דו האָסט אין דער היים אַ ווייב און אַ קינד... איך האָב אויך אין דער היים אַ קינד. אַ אינגעלע האָב איך... אַ בלאָנד אינגעלע מיט בלויע אייגעלאָך. און אַ ווייב. דו קענסט מיין ווייב. איך האָב ליב מיין ווייב, דזשאַן. און דו ווייסט. איך האָב זיי אַזוי ליב... און אַ מאַמע... און אַ ברודער און שוועסטער. אַ גרויסע פאַמיליע אונזערע... און די ווייב מיטן קינד. . די ווייב מיטן קינד...

אין זיין קול האָבן אַ ציטער געטאָן טרערן. האָט ער אַרונטער־געשלונגען די האַרטקייט אינם גאַרגל. איין מאָל און נאָך אַמאָל. אָבער די האַרטקייט האָט זיך ניט געלאָזט אַראָפּשלינגען. איז ער אַנטשוויגן געוואָרן. און דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן, איז געבליבן ניט אַרויסגעזאָגט. זיינען שוין אַלע נאָך אַמאָל געבליבן ליגן מיט פאַרוואָרגענע העלזער. ווייל ביי אַלעמען זיינען געווען נאָענטע און טייערע. און אין אַלעמענס הערצער האָט געברענט די ליבע און די בענקשאַפט נאָך די נאָענטע און נאָך די טייערע.

קאַרי האָט נאָך אַלץ געוויינט. איצט איז שוין זיין געוויין געווען פיינלאַך. עס איז שווער געווען אים אריבערצוטראָגן.

סאָיער האָט זיך אַ באַוועג געטאָן, און אַלע האָבן געזען ווי ער פּרוּווט צו אויף זיינע קני צו דזשאָנען. געזאָגט:

— דזשאָן, וויין ניט... אַט זיינען מיר אַלע מיט דיר... דו ביסט ניט אַליין. און שטאַרבן איז ניט שרעקלאַך. זעסט: — איך בין נאָך אַ יונגער. און איך זאָג: דער טויט איז ניט שרעקלאַך... וויין ניט... איך בין גרייט...

ער האָט אַראָפּגעשלונגען די אייגענע אויפגערעגטקייט און ווידער געזאָגט:

— טו אַ קוק. זיי ליגן דאָרטן. וואָלאַס און לינד, און קעלי... אַלע. זיי איז גוט. זיי ליידן ניט. און מיר וועלן אויך באַלד שטאַרבן. און אונז וועט זיין גוט. עס וועט אונז זיין גוט... דו וועסט פאַרמאַכן די אויגן, און פאַרגעסן. די ליידן וועלן זיך ענדיקן... אַלץ וועט זיך ענדיקן...

דזשאָן קאַרי האָט אויפגעהערט צו וויינען. שטיל געזאָגט, ווי נאָר פאַר זיך:

— מאַדגע... כ'בין אריינגעקומען אויף אַ ווײַלע צו מאַנלין... און אַט, — איך לעב נאָך און זיי —

און סאָיער האָט צוגעגעבן:

— און דו לעבסט נאָך... זיי זיינען טויט און דו — לעבסט נאָך.

קאַרי האָט נאָך אַמאָל, און ווידער ווי צו זיך אַליין, געזאָגט:

— ס'איז אַלץ אַזוי מאַדגע... איך גיי אריין אויף אַ ווײַלע צו מאַנלין...

סאָיער האָט געוואַרט. דזשאָנס געדאַנקען האָבן זיך גענומען לעשן, אויסגיין. ער האָט צום דריטן מאָל אָנגעהויבן די זעלביקע ווערטער, און האָט ניט געקענט פאַרענדיקן:

— מאַדגע... איך בין... איך גיי אריין...

דזשאָן איז אריינגעפאַלן אין אַ פאַרגעסונג. ס'איז שווער

געוועז צו וויסן, צי ער האָט נאָך געלעבט, צי ער איז שוין גע־שטאָרבן. אָבער ס'איז געוועז אַלץ איינס. סאָיער האָט זיך אָפּגערוקט פון אים, אָפּגעפּויזעט צוריק אויף זיין אָרט און אַוועק־געלייגט זיך. אַזוי געלעגן עטלאַכע מינוטן. נאָכדעם האָבן אַלע געזען, ווי ער נעמט אַרויס זיין ביכעלע און פאַרשרייבט עפּעס. און ס'איז געוועז אויסערגעוויינלאַך, וואָס ער ליגט אַן איינגע־קאָרטשעטער און פאַרשרייבט. פאַר וועמען האָט ער דאָס אַלץ פאַרשריבן? ווער האָט עס איצט באַדאַרפט האָבן? צו וואָס האָט ער איצט באַדאַרפט באַשאַפן עפּעס, אַז דאָס איז סיי ווי געוועז פאַראורטיילט צו שטאַרבן אינאיינעם מיט אים? האָט דאָ עפּעס דען געהאַט אַ צוקונפט? האָט עפּעס געקענט האָבן אַ זין, אַז אַלץ האָט נאָר געוואַרט עס זאָל קומען די לעצטע רגע און פאַרענדיקן, פאַרענדיקן? אָדער דאָס איז אויך געוועז אַ טייל פון יענער משוגעת, וואָס האָט באַהערשט דעם מענטשן אין אָנזיכט פון טויט?

* * *

יענעם טאָג האָט סאָיער פאַרשריבן צום לעצטן מאָל אין זיין ביכל:

„...מיר הייבן היינט אָן דעם פערטן מעת־לעת. ס'איז מיט אונז זיכער געשען אַ נס. ווי האָבן מיר אַלע געקענט אַזוי לאַנג ציען? עס זיינען אַריבער דריי מעת־לעת. קען עס זיין, אַז בלויז דריי טעג און דריי נעכט זיינען מיר דאָ געוועז איינגע־שפּאַרט? קען עס זיין, אַז מיר ציען נאָך אַלץ לופט פון די רעזערוואוארן? האָבן מיר טאַקע געהאַט אַזוי פיל צילינדערן אָנגעפילט מיט לופט? האָבן מיר טאַקע געהאַט נאָך גענוג ענערגיע אין די אַקומוליאַטאָרן? ס'איז אויסגעקומען אַזוי, ווי מיר וואָלטן זיך פון פריער אָנגעגרייט. איך געדענק טאַקע, באַלד ווי מיר האָבן זיך אויפגעהויבן צו דער אויבערפלאַך, איז געוועז דער באַפעל אָנצולאָדן די צילינדערן מיט לופט און די באַטאַרייען — מיט עלעקטרישער ענערגיע. איצט איז עס אונז צונוץ געקומען...

„אבער דער נס איז געשען בלויז אויף די דריי מעת־לעת. קיינער וועט שוין היינטיקן טאג ניט אריבערלעבן. עס גייט אלץ אוים מיט איין מאל: די לופט און די ענערגיע און די כחות פון די מענטשן. און פון אויבן קען קיין הילף ניט קומען. קיינער ווייסט ניט, וואו מיר זיינען. מיר זיינען אין אן אומדערגרייכ־בארן אפגרונט. א סוף.

„דער לייטענאנט פארקער איז טויט. טאם האט אים דער־הרג'עט. די נקמה איז גענומען געווארן. אבער קיין זאך האט זיך ניט געביטן. ער ליגט נאך אויף זיין ארט, וואו טאם האט אים פארענדיקט און איבערגעלאזן, און עס איז שווער צו גלייבן, אז ער איז טאקע טויט. ס'דוכט זיך, אז ער שווייגט. ווי ער האט געשוויגן די ערשטע צוויי מעת־לעת. אבער דאס איז דאס שווייגן פון א טויטן. און ס'איז גוט, וואס טאם האט געמאכט א סוף צו אים. איך אליין האב געהאט א פארלאנג אים צו טויטן. ער איז געווען אונזער מערדער.

„איצט וועט אפשר שטארבן דזשאן, אדער מאנלי. זיי ביידע זיינען שוין אויסגעמאטערט ביזן לעצטן ביסל לעבן. און דזשאן איז אויך ניט ביים זינען. ער איז די גאנצע צייט געווען ניט ביים זינען. גערעדט מאדנע רייד און אויפגעפירט זיך ווי א גערירטער. ער איז איצט אין א פארגעסונג. ווער ווייסט, אפשר איז ער שוין טויט? איך ווייס ניט. קיינער ווייסט ניט. איך ווייס נאר: — עס הייבט זיך שוין אן. איינער נאכן צווייטן וועט אוועקגיין. עס וועלן בלייבן אויף די ערטער בלויז די פאר־גליווערטע אויסגעמאטערטע קערפערס. און איך וויל ניט זיין דער לעצטער. איך וויל ניט! איך וועל משוגע ווערן! איך קען ניט צוזען זייערע יסורים. איך וועל ניט קענען פארטראגן זייער טויט. איך וועל זיך פאנאנדערלויפן מיטן בלויזן שארבן אן א שטאלענעם ווינקל און פארענדיקן אלץ. צי די הילף וועט טאקע קומען, צי ניט. איך וועל סיי ווי פארענדיקן אליין מיין לעבן. טאם טרייסט מיך, אבער איך וויל ניט געטרייסט ווערן. איך וויל שטארבן.

„מיינע ליבע עלטערן, מיינע ליבע ברידער און שוועסטער. איך שיק אייך מיין גאַנצע ליבע, די גאַנצע וואַרעמקייט פון מיין האַרצן. איך, אייער זון און אייער ברודער, שטאַרב דאָ, אַ פאַר־לאָרענער אין די טיפעניש פון ים. איך שטאַרב, אָבער מיין ליבע וועט מיט אייך לעבן אייביק. זייט געטרייסט מיט מיין ליבע. פאַר זיך לאָז איך ניט קיין ליבע און ניט קיין טרייסט. אַלץ גיב איך אייך אוועק.

„און דיר, מיין אומגליקלאַכער, קראַנקער ברודער מיינער, זאָג איך: — איך האָב אויסגעקויפט מיין שולדיקייט קעגן דיר. מיט מיינע ליידן האָב איך זי אויסגעקויפט. מיט מיין טויט האָב איך זי אויסגעקויפט. מיר זיינען איצט גלייכע פאַרן שיקזאַל. דו און איך — מיר האָבן אַוועקגעגעבן אונזערע לעבנס אויפן מזבח פון דער גרויזאַמער, אומגערעכטער וועלט. אָבער איך זאָג דיר אָן:

„עס וועלן אויסגעקויפט ווערן אונזערע לעבנס. עס וועט קומען אַ דור, וואָס וועט זיך אָפּרעכענען פאַר אַלע, וואָס זיינען פאַרברענט געוואָרן אויף יענעם מזבח, און פאַר אונז. פאַר בלוט וועט מען באַצאָלן מיט בלוט. פאַר לעבן וועט מען באַצאָלן מיט לעבן. דאָס איז מיין אָנזאָג צו דיר. מיין שטומער אָנזאָג, וואָס דו דאַרפסט אים דערפילן איניינעם מיט מיין גרויסער ליבע, און באַנעמען, און געטרייסט זיין ... ״

סאַיער איז אָפּגעפאַלן פונם ביכל, וואוהין ער האָט פאַר־שריבן די לעצטע ווערטער, און פאַרגליווערט געוואָרן. נאָר אין די טיפענישן פון זיין נשמה האָט געברענט אַן אויפגעפלאַמטע עקסטאַטישקייט, געברענט מיט מיליאָנען פלאַמען. וואָס דאָס איז געווען, האָט ער אַליין ניט געוואוסט. אָבער ס'איז פון דעם געווען גוט. אין אָט דעם פייער האָט זיך געוואָלט פאַרברענט ווערן.

ער איז געלעגן מיטן פנים ארויף. פונקט אונטערן שוואַכן ליכט פונם איינציקן לעמפּל, און ניט געטראַכט, נאָר מיט אַן

איינגעהאַלטענעם ציטער אין די גלידער פאַרזונקען אין אַ זיסער, אַלץ ארומנעמענדיקער, פאַרגעסונג. קיין זאַך פאַר זיך ניט געזען, קיין זאַך ניט געהערט און קיין זאַך ניט געוואוסט.

ניט געוואוסט ווען דאַס קליינע לעמפּל מיטן שוואַכן ליכט איבערן קאָפּ האָט אָנגעהויבן פּלוצלונג צו טונקלען און פאַרגיין. נאָך אַ רגע און נאָך אַ רגע. דאָס לעמפּל איז אויסגעלאָשן געוואָרן. ס'איז געוואָרן פינסטער. נאָר דאָס דרעטל אינם אויסגעלאָשענעם גלעזל האָט נאָך אַ ווײַלע געגליט מיט אַ טונקעלער רויטקייט, און איז אויך אויסגעגאַנגען אין דער געדיכטער פינסטערניש.

און גלײַך נאָכדעם האָט ער דערהערט ווי אימיצער האָט לעבן אים אויסגעשריען:

— זעט, זעט!... דאָס ליכט איז אויסגעגאַנגען! זעט!...

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון דער פאַרגעסונג, אָן עפן געטאָן די אויגן און גלײַך אָנגעשלאָגן זיך אָן געדיכטער פינסטערניש. יע. דאָס ליכט איז אויסגעגאַנגען. ס'איז געווען דער אָנהויב פון סוף. די מענטשן האָבן זיך אַ רודער געטאָן אין דער פינסטער און זײַנען געבליבן ליגן, אָן לשון. אַ מינוט און צוויי. נאָכדעם האָט מען אין דער פינסטערניש דערזען לויפנדיקע דערשראָקענע פּאַסן ליכט, וואָס זײַנען געקומען פון דעם דורכגאַנג, פון קאָנטראָל צימער. דאָס איז געווען טאָם נוּבערג, וואָס איז געקומען מיט זײַן עלעקטרישן לעמפּל, געקראָכן דורכן שמאָלן דורכגאַנג און געשאָלטן:

— צום טײַוול, ניטאָ קיין ברעקל ענערגיע. געוואָלט אַרויסלאָזן נאָך אַ סיגנאַל... און אָט איז דיר. די אַסציליאַטאָרן זײַנען טויט. דער טעלעפאָן טויט... צו אַלדי שוואַרץ־יאָר...

די רייד האָבן זיך אָפּגעשטעלט ווערטער האָבן ניט געפונען קיין אָפּקלאַנג. נובערג איז צוגעגאַנגען נעענטער צו די חברים. אָפּגעשטעלט זיך און געוואַרט. ס'איז געווען אַ פּאַרדראָס, וואָס קיינער האָט ניט אָפּגעענטפערט. געזאָגט:

— וואָס שווייגט איר? אָט איז די ענערגיע אויסגעגאַנגען... און איר שווייגט.

ער איז דורכגעלאָפן מיט זיין לעמפּל איבער די פּנימער פון די מענטשן. זיי זיינען געווען רואיק. בלויז די אויגן האָבן אַרויס־געסטאַרטשעט פון די אויגן־לעכער ברייטער, שאַרפער. און האָבן ניט געפינטלט. און נאָכדעם האָט ער, צוליב עפּעס, אַ וואָרף געטאָן דאָס ליכט אויף דעם לייטענאַנטס פּנים. אויך זיין פּנים איז געווען רואיק און אויך זיינע אויגן האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט פון די אָרביטן. נובערג האָט אויסגעלאָשן דאָס לעמפּל, און ס'איז געוואָרן פינסטער. אַ געדיכטע פינסטערניש האָט איינגעהילט די אָפּטיילונג. עס איז געווען אויס.

נובערג האָט געטראַכט: ווי וועט איצט קענען קומען די הילף? ווער וועט איצט וויסן וואוהין זיי זיינען אַהינגעקומען? זייער קול איז אַנטשוויגן געוואָרן. זיי זיינען איצט געווען שטום און טויט. בלויז די איינגעשוויגענע טעלעפאָן־באַיעס זיינען נאָך דאָרטן, איבער זיי, אַרומגעשוואומען. זיינען זיי נאָך טאַקע אַרומגעשוואומען? האָבן זיי טאַקע דערגרייכט די אויבערפלאַך? ס'איז שווער געווען צו פאַרלאָזן זיך בלויז אויף די אַרומשווימענ־דיקע מאָרס־טעלעפאָנען.

זיינע געדאַנקען האָבן געאַרבעט שנעל. איין געדאַנק האָט פאַרביטן אַ צווייטן. ער האָט באַדאַרפט עפּעס צוטראַכטן. אויס־געפינען. אַזוי בלייבן, אין דער פינסטערניש, האָט ניט געהאַט קיין זין. ער האָט זיך דערמאָנט:

אויף דער שיף איז געווען איינגעאָרדנט אַ פּנעוומאַטישער גלאָק. אַ פּשוט'ער סיגנאַל־גלאָק, וואָס האָט פּראָדוצירט אַ סובּ־מאַרין־סיגנאַל דורך דער קראַפט פון לופט. דער גלאָק־אַפּאַראַט איז געווען איינגעשטעלט אינדרויסן, אויף דער אויבערשטער דעק. צו אים האָט מען געקענט אַ לאָז טאָן אַ שטראָם לופט דורך אַ באַזונדערער רער, וואָס איז צוליב דעם צוועק געווען איינגעאָרדנט אין דעם שאָלאָכץ פון דער שיף. אָפּעררירן דעם גלאָק האָט באַ־

דארפט קאַסטן לופט. און לופט איז איצט געווען לעבן. דערפאַר אָבער האָבן דעם סיגנאַל געקענט אויפכאַפּן אַלע שיפן, וואָס האָבן אויף זיך געהאַט געוויינלעכע אויפנאַם־מיקראָפאָנען, וואָס זיינען איינגעשטעלט אינם אונטערשטן טייל פון יעדער שיף, טיף אין וואַסער, און וואוהין דער קלאַנג פונם סיגנאַל־גלאָק דרינגט אריין דורכן וועגטל פון קאַסטן, גיט זיך איבער די מיקראָפאָנען און נאָכדעם — צו אַן אַנוווייזער אינם קאַפּיטאַנס צימער.

ער האָט געזאָגט:

— מיר קענען נאָך באַנוצן דעם פּנעווּמאַטישן גלאָק... עס וועט צונעמען לופט. אָבער דערפאַר וועלן מיר נאָך קענען פון זיך לאָזן הערן.

ערשט איצט האָבן די מענטשן אָנגעהויבן צו ריידן. פון אַלע זייטן האָבן זיך געהערט פראַטעסטן:

— ווילסט אונז, וואָס שנעלער, דערשטיקן, טאַטע, צי וואָס?

— נוץ אויס דאָס ביסל לופט, און מיר זיינען אויס...

— אַזאַ קלוגער! האָט צוגעטראַכט!...

— ווענסט אַרויסשיקן דיינע סיגנאַלן, און מיר וועלן דערשטיקט ווערן, ווי מייז. ניין, דאָס איז זעלבסטמאָרד. איך וויל אַזוי שטאַרבן... בעסער אַזוי...

ניין. קיינער האָט ניט געוואָלט אַוועקגעבן דאָס לעצטע ביסל לופט.

און מאַרטין האָט נאָך צוגעגעבן:

— דערלאָזט ניט ברידער. גיט ניט אַוועק דאָס ביסל לעבן אומזיסט... אין דער צייט, וואָס מיר האָבן נאָך אַביסל לעבן, לאָמיר בעסער תפילה טאָן. לאָמיר מיט חרטה און אונטערטעניקייט אָנפילן אונזערע הערצער פאַר יענעם, צו וועמען מיר דאַרפן קומען... דערלאָזט ניט...

נובערג האָט פאַרשטאַנען: עס איז ניט געווען אין די מענטשן קיין פאַרלאַנג צו קעמפן פאַרן ביסל לעבן. עס איז אין זיי ניט געווען קיין האָפענונג און קיין גלויבן אין דער רעטונג־שעה. און

אין זייער געמיט איז שוין געווען דער אנזאג פון טויט. אין יעדן איז שוין געווען דער באצווינגענדיקער פארלאנג אוועקצוגעבן זיך דער פינסטערניש און דער קעלט.

נובערג איז א ווײַלע געשטאנען, א פארלארענער.

מארטין האט געזאגט:

— די שעה איז געקומען. לאמיר שטארבן, ברידער... לאמיר נאר מיט א קלארן קאפ און ריינעם הארצן קומען צו גאט...

נובערג האט אין פארצווייפלונג געזאגט:

— איך וויל אזוי ניט שטארבן. נאך ניטא וואס אונטערצוגעבן זיך. אט זיינען מיינע הענט, איר הערט: אט זיינען מיינע הענט — זיי ווילן ניט פארגליווערט ווערן. און מיינע אויגן ווילן נאך זען די וועלט. און איך וויל ניט שטארבן. און אט דאס זאג איך אייך. איך וועל ביזן לעצטן אטעם רופן די הילף!

מארטין האט ווידער געזאגט:

— דו ביסט משוגע, טאם. וואס ווילסטו טאן? צונעמען דאס לעצטע ביסל לופט פון אונזערע לונגען? און נאכדעם — וואס? און ווען וועלן מיר תפילה טאן? פאלגט אים ניט, ברידער. לאמיר תפילה טאן... א, גאט!

נובערגן האט צונויפגעווארגן אין גארגל:

— שווייג, דו! הער אויף צו פרעדיקן. א נייער גלח האט זיך געפונען. פארן טויט — פרום געווארן... א גאנצן לעבן געזינדיקט, און איצט ווילסטו מיט א תפילה אפרייניקן דיין נשמה פון די זינד... ווילסט ראטעווען דיין נשמה, דו, היפאקריט.

מארטין האט געזאגט מיט א געפאלענער שטים:

— ביסט א זינדיקער מענטש, טאם. אפילו פארן טויט קענסטו אויך ניט דערזען גאטס פנים... זאל דיר גאט פארגעבן. גאט וועט דיר פארגעבן... דיין מאמע האט דיך אין דער קינדהייט ניט געלערנט צו הייליקן זיין נאמען. ווי וועסטו קומען פאר זיין פנים, טאם?

נובערג האט געוואוסט. די מענטשן האבן פארלארן זייערע קעפ. מ'האט באדארפט ריידן צו זייערע הערצער. געזאגט:

— וואָס וויל איך? איך וויל פאַר זיך קיין זאַך ניט. אָט האָבן מיר פון זיך ניט געלאָזט הערן אַ לאַנגע צייט. אפשר זוכן זיי שוין אַרום אין אונזערע וואַסערן. און זיי וועלן קיין זאַך ניט וויסן. עס איז וויכטיק אויך פאַר די לעבעדיקע. גיט אַ טראַכט פון די לעבעדיקע... זיי האָפן נאָך צו זען אייך. זייער האַרץ איז פול מיט דער האָפענונג. לאָמיר כאָטש נאָך איין מאָל לאָזן פון זיך הערן... נאָך איין מאָל, ברידער...

אין זיין שטים איז געווען פול מיט ווייכקייט און געבעט. און אַז קיינער האָט ניט אָפּגעענטפערט, האָט ער זיך פּלוצלונג געווענדט צו סאַיערן:

— איך בעט דיך, ביל. זאָג דו. מיר ווילן נאָך לעבן. ביז ס'איז נאָך דאָ אין אונז לעבן — פאַרוואָס זאָלן מיר זיך אונטער־געבן? פאַרוואָס?... מאַרטינס גאָט האָט אונז ביז איצט ניט געהאָלפן. ער וועט אונז ווייטער אויך ניט העלפן. לאָמיר מיט די אייגענע כחות פּרובירן רופן צו דער וועלט. ביל, זאָג דו. זאָג...

סאַיער האָט ניט געענטפערט. אויך די איבעריקע האָבן גע־שוויגן. ער איז געווען אַליין. האָט ער זיך ווידער גענומען בעטן:

— וואָס שווייגסטו, ביל? פאַרוואָס זאָגסטו זיי ניט? האָסט אויך פאַרלאָרן דעם מוט? אין דער לעצטער שעה טאָר מען קיין מוט ניט פאַרלירן, ביל... יעדער רגע פון אונזער לעבן דאַרף זיין אַ רגע פון קאַמף. איך וויל ניט פאַרלאָרנגיין אומזיסט. און קיינער פון אונז טאָר ניט אַזוי פאַרלאָרנגיין. אויב ס'איז נאָך דאָ איין טויזנט־חלק פון אַ מעגלאַכקייט אַרויסצוראַטעווען זיך, לאָמיר די מעגלאַכקייט אויסנוצן. איר ווילט לעבן. און איך וויל לעבן... זאָגט אַליין, ברידער, זאָגט אַליין...

אין קול איז געווען וואַרעמקייט און געבעט. אַלע האָבן אָבער נאָך געשוויגן. קיינער האָט ניט געהאַט קיין מוט נאָכצוגעבן. האָט נובערג גערעדט ווי צו זיך:

— אונזערע טעלעפאָן־באַיעס זיינען אַזוי קליין אויף דער אויבערפלאַך פון ים. זיי איז שווער צו דערזען. ווער וועט זיי דערזען? ניין, קיינער וועט זיי ניט דערזען. די איינציקע האָפע־

נונג — זײנען די סיגנאַלן. זײ גרײכן ניט װײט. אָבער אַ ראַדיאוס פון צװעלף מײל איז פאַר אונז אויך עפּעס װערט. עס װעט אָנקומען אַ שיף אין דער ריכטונג. מ׳װעט אונז דערהערן.

אין זײן רײדן איז געװען האָפענונג. און עס איז אויף אַ װײלע געװאָרן גוט, װאָס אָט איז צװישן זײ געװען אײנער, װאָס האָט נאָך געגלויבט אין דער רעטונג.

און נובערג האָט נאָך אַמאָל געזאָגט:

— ביל, װעסט גײן? איך װעל דאַרפן האָבן אַ האַנט...

אין זײן האַנט האָט אַ גלי געטאָן דאָס לעמפּל.

סאַיער האָט זיך אויפגעהויבן. געזאָגט קורץ:

— קום.

אין נובערגס האַנט האָט דאָס ליכט אַ װאָרף געטאָן זיך אין פּאַראָוים, צו דער דורכגאַנג, און אַװעקגעטאַנצט פירנדיק נאָך זיך די צװײ אין אַ פינסטערקײט אַרײן, װאו ס׳איז געװען דער קאָנטראָל־צימער. און װידער איז צוגעקומען נעענטער דאָס לעבן. און װידער איז דערװײטערט געװאָרן דער טויט.

און נאָכדעם האָבן זיך די צװײ צוריקגעקערט שװײגנדיקע און האָבן זיך אַװעקגעלײגט אויפן דיל, צװישן די אַנדערע. קײנער האָט זײ ניט באַגעגנט מיט רײד. װאָס האָבן די צװײ ערשט געטאָן מיט זײערע לעבנס? װאָס פאַר אַ געהײמען ריטואַל האָבן זײ דאָרט אָפּגעריכט, אין דער פינסטערער לאָך פונם קאָנטראָל צימער? שװײגן האָט באַגעגנט שװײגן. און נאָר אין די טויב־געװאָרענע אויערן האָט געקלונגען דער מאָדנע־דינער אומאויפהערלאָכער געקלאַנג פון אומבאַקאַנטע טיפעניש.

זײער קול פון די טיפענישן. זײער רוף פון די טיפסטע טיפענישן פון טויט און פאַרגעסונג. װער האָט אים געהערט? װואוהין איז ער דערגאַנגען? װער האָט אים באַנומען און אויפגענומען? מ׳האָט אָפּגעריסן פון זיך אַ שטיק לעבן און אים אַװעקגעשיקט אין דער װײטער אומבאַװאוסטקײט אַרײן. און װי, אַז קײנער האָט ניט אויפגענומען דעם סיגנאַל? עס איז שװער געװען װעגן דעם אַ טראַכט צו טאָן.

קאַפּיטל ניינצן

עס איז געווען פינסטער און קאַלט. אַזאַ קעלט האָט נאָך קיינער ביז איצט ניט איבערגעלעבט. ניט אינם גאַנצן לעבן און ניט איצט. זי איז געקומען פון דער פינסטערניש. זי איז געקומען פון די ווענט און פון די דילן. זי איז געקומען פון די אייגענע גלידער און פון דער אייגענער אָפּגעקילטער אינגעווייד.

אין די אויערן האָט געקלונגען. עס האָט ניט אויפגעהערט צו קלינגען. אַזעלכע דינע דורכדרינגענדיקע גלעקעלאַך האָבן געקלונגען. און אין פאַרגעסונג האָט זיך נאָך אַלץ געדוכט, אַז די סיגנאַל־גלעקער, אָבער אַנדערע, גאָר אַנדערע, צעטראָגן נאָך איבער דער וועלט זייער רוף. די גלעקעלאַך, וואָס האָבן געקלונגען, זיינען געווען פיינלאַכע. זייער געקלאַנג איז געווען אַ דינער, אַ שפּיזיקער, ער האָט דורכגעלעכערט די אויערן און דעם מאַרך, אַריינגעדרונגען אין די ביינער מיט זיין אומאויפהערלאַכן נאָגנדיקן וויברירן, ווי דאָס וויברירן פון אַ בויער־נאָדל.

אָבער אין די קערפּערס איז געווען אַ נאַכגיביקייט, ווי פאַר אַ שלאָף, וועלכן מ'האָט ניט געקענט באַקעמפן. עס איז שוין ניט געווען קיין פאַרלאַנג צו ריידן און צו טיילן זיך. עס איז געווען אַלצאיינס. עס האָט זיך געוואָלט פאַרגעסן. עס איז געווען זים דער טויט. בלויז די שיטערע לופט האָט ניט געלאָזט שטאַרבן. געבויערט מיט ווייטיק די אויערן מיט אַ דינעם געקלאַנג, און ניט געלאָזט שטאַרבן.

דער ים איז געלעגן הינטער די ווענט פון דער טויטער סוב־מארין, ווי אַ גרויסער שוואַרצער הונט, און געהיט. געוואַכט און געוואַכט. וואָס האָט דער ים באַוואַכט? וועמען האָט דער ים באַוואַכט? צו וואָס האָט ער באַדאַרפט זייערע לעבנס? פאַר וועמען? וואָס איז געווען פאַר אים זייער לעבן? און וואָס איז פאַר אים געווען זייער טויט? עס איז שוין געווען אַזוי, ווי אַלע וואָלטן געווען טויט, און נאָר די הערצער וואָלטן נאָך געלעבט

און געלעבט און אָפּגעקלאַפּט, צוליב עפּעס, די קלעפּ, אָפּגעציילט אומפאַרשטענדלאַכע צאָלן.

זיי זיינען געווען צוזאַמענגעדריקט מיט וואַסער. מיט וואַסער, וואַסער, וואַסער. פון אויבן און פון אַלע זייטן. וואַסער האָט ניט געלאָזט אויפהויבן אַ דעקל. וואַסער האָט ניט געלאָזט עפענען אַ וועג. די שווערקייט אויפן הארצן איז געווען פון דער שווערקייט פונם וואַסער איבער דער „Z-1". די קעלט אין אַלע גלידער איז געווען פון דער וואַסער־קעלט, וואָס איז געקראָכן דורך די שטאָלענע ווענט. און איבער אַלץ — די טיפעניש. אַ טיפקייט אין אַ טיפקייט. די מאָפּע אינווייניק און אַלע אַפּאַראַטן האָבן באַשטימט די „ברייט" און די „לענג" פון זייער פּאָזיציע. די אַפּאַראַטן האָבן באַשטימט די טיפקייט. אָבער אַלץ אינײַנעם איז ניט געווען קלאָר. אין אַלץ איז געווען משוגעת. אַ משוגעת, וואָס מ'האָט ניט געקענט דערגרונטעווען. ווייל אָט זיינען די חברים שוין געווען טויט הינטער די ווענטלאַך פון דער סובמארין. און ס'זיינען געלעגן נאָך טויטע חברים אין אַ ווינקל, באַרואיקטע פון אַ געהיימער האַנט מיט אַ געהיימער רואיקייט. און אָט וועלן זיי אויך אַלע אויסשטאַרבן. פריער איינער און נאָכדעם — דער צווייטער און דער דריטער. און קיין זאַך וועט זיך ניט ענדערן. דער ים וועט זיין — ים. און די וועלט אויבן וועט זיין דיזעל־ביקע וועלט. און קיינער וועט ניט נעמען קיין נקמה פון דער גרויזאַמער סטיכיע, וואָס האָט זיי דערשטיקט אין דער טיפעניש פונם אָפּגרונט. וואָלט כאָטש אימיצער פאַר זיי געקענט נקמה נעמען, וואָלט לייכטער געווען צו שטאַרבן.

שטילקייט. פאַלשע קלאַנגען. און מיראַזשן. די ליידן פון איינעם און פון אַלע — אַלצאיינס. ניטאָ קיין יושר. און עס קען ניט טרייסטן איין מענטש אַ צווייטן. ווי קען איינער טרייסטן אַ צווייטן, אַז ער אַליין קען ניט געטרייסט ווערן? שווייגן אַלע. אַלע ווערטער זיינען פאַלש און גרויזאַם און ניט גערעכט. און עס פאַרצערט דאָס האַרץ די שטילקייט און דאָס שווייגן. שוואַכט אָפּ

די מידע גלידער. און מ'קען ניט וויסן צי עס לעבט נאָך אַ גליד אינם קערפּער, צי ער איז שוין אָפּגעשטאָרבן? און עס ווילט זיך גאָר ניט אויסגעפינען צי עס לעבט נאָך דער גליד. אַלצאיינס. עס קענען נאָר די אויערן ניט פאַרטראָגן דעם דינעם בוויערנדיקן געקלאַנג. און עס קענען ניט די לונגען אָנגעזעטיקט ווערן מיט דער שיטערער אויפגעפרעסענער לופט. און עס קען ניט דעם מענטשנס דמיון פאַרטראָגן דעם אויפגעשראָקענעם רוף פון אַנט־שוויגענע רוף־סיגנאַלן. ער ווייטיקט און נאָגט, ער צעשטערט אַלע צעלן. ער פרעסט אויף, ווי אַ זשאַווער. דאַרע קאַלטע הענט פון דער נאַכט ציען זיך צו די העלזער, פאַרוווערגן זיי. די העלזער ציען זיך. ציען אין זיך אַריין קאָנוואולסיוו און ווייטיקדיק דאָס ביסל לופט. און די אייביקע נאַכט הויערט און הויערט מיט טויזנ־טער שרעקן. אַלע שרעקן פון אַ גאַנץ לעבן זיינען געוואָרן — איין שרעק. ווער האָט געקענט פאַרשטיין וואָס דאָס איז? ווער האָט געקענט וויסן, וואָס אַ צווייטער וועט טאָן? אפשר וועט זיך אימיצער אויפהויבן און טאָן עפּעס שרעקלאַכס?

* * *

אימיצער האָט זיך אַ ריר געטאָן. אימיצער האָט זיך אויפ־געריסן פון אַ פּיינלאַכער פאַרגעסונג. געזאָגט:

— איך בין דאָרשטיק... גיט מיר אַביסל וואַסער... איך ווער פאַרברענט. אַ, איך בעט אייך... אַביסל וואַסער...

דאָס האָט מאַנלי געבעטן וואַסער... קיין וואַסער איז ניט געווען. קיינער האָט ניט באַנעצט די ליפּן מיט אַ טראָפּן וואַסער זינט די סובמארין איז אַרונטער. אַלע האָבן שוין פאַרגעסן דעם טעם פון וואַסער. אָבער דער, וואָס האָט שוין פון זיך אַרויסגע־דריקט דאָס וואָרט — וואַסער — האָט זיך שוין ניט געקענט באַרויִקן. עס האָט אין אים געברענט אַ פאַרצערנדיקער פייער און אויפגעפרעסן די געדערים. און ער האָט ווידער געזאָגט:

— אַ, איך בעט אייך... גיט מיר אַביסל וואַסער צו באַנעצן דעם גומען... איך שטאַרב. עס ווערט אין מיר צעריסן די אינגעווייד... ברידער...

אַלע האָבן געשוויגן ער איז געווען משוגע, מאַנלי. מען דאַרף אײַנגאַנצן פאַרלירן דעם פאַרשטאַנד, כדי צו בעטן וואַסער. וואָס האָט מען איצט געקענט טאָן פאַר אַ מענטשן, וואָס האָט געוואָלט וואַסער? עפּענען די ווענט פון דער סובמארין? אויפ־רייסן דעם ים? וואָס האָט דאָ גערעדט מאַנלי? און נאָר דער, וואָס האָט געברענט אין דער משונה׳דיקער פאַרצווייפלונג, האָט ניט געקענט פאַרשטיין און האָט זיך נאָך אַלץ געבעטן:

— ברידער... ברידער... אַביסל וואַסער... גיט אַביסל וואַסער...

און אַז קיינער האָט אַלץ ניט געענטפערט, האָט מאַנלי מיט אַ וויינענדיקן קול אָנגעהויבן זיך צו באַקלאָגן און שילטן:

— אָ, איך ווייס: איר ווילט מיין טויט איר אַלע ווילט מיין טויט... איר האָט קיין רחמנות ניט.

אַלע האָבן ווידער געשוויגן. און מאַנלי האָט ניט אויפגעהערט:

— דזשאָן, דו אויך?... דו ווילסט אויך מיין טויט... האָב רחמנות... דזשאָן, דו האָסט דאָך אַ מאַמען... איך קען דיין מאַמען. זי איז אַ גוטע פרוי, דיין מאַמע... געדענק דזשאָן, דיין מאַמע איז אַ גוטע פרוי...

וואָס האָט געטאָן דער מענטש? צו וואָס האָט ער איצט דערמאָנט אַ מאַמען? צו וואָס ברענגען פאַר די דערינגערונגען אין דעם פינסטערן קבר אַריין דעם געשטאַלט פון אַ לעבעדיקער מאַמען? אַלע האָבן געהאַט מאַמעס. אַלע מאַמעס זיינען געווען גוטע, און אַלע מאַמעס זיינען געווען ליב און טייער. מאַמע, מאַמע... דאָס גאַנצע לעבן איז געווען פאַרבונדן מיט דער מאַמען. אַלע וועגן האָבן אַ גאַנצן לעבן געצויגן זיך צו איר. פון איר איז מען געקומען און צו איר האָט מען אַלע מאָל באַדאַרפט קומען... מאַמע, פאַרוואָס האָט מען אָפּגעריסן דעם וועג צו דיר, דער איינ־איינציקער? פאַרוואָס לאָזט מען זיך ניט אומקערן צו דיר? אומקערן זיך צו דיר. און אומקערן זיך צו זיך. מאַמע, טייערע, איך דאַרף דיך.

דער דאָרשטיקער מאַנלי האָט זיך שוין באַרואיקט. ער רעדט געלאַסענער. זיין שטים איז שטיל און געמאָסטן. אַזוי ווי ער וואָלט ניט גערעדט, נאָר תּפילה געטאָן:

— דיין מאַמע האָט מיר אָנגעגאָסן אַ גלאָז וויין... דזשאָן, זי האָט מיר אָנגעגאָסן אַ גלאָז וויין... און דו האָסט עס אַליין געזען... איך בין צו אייך געקומען... דו געדענקסט עס, דזשאָן... און עסן האָט זי מיר געגעבן... אַוועקגעזעצט ביים טיש, און געגעבן עסן... האָסט מיט מיר געטרונקען און גע־געסן... ביסט געווען פריינטלאַך... איז גאָר ניטאָ קיין פריינט־שאַפט?... פאַרוואָס ווילסטו מיין טויט... אָ, דזשאָן... האָסט מיך פאַרגעסן... איך שטאַרב פאַר דיינע אויגן, און דיך אַרט ניט...

זיין קול איז געווען רואיק. עס איז אין אים ניט געווען קיין מורא און קיין הכנעה. און עס איז אויך אין אים ניט געווען קיין געבעט. אין אים איז בלויז געווען אַ שטילער פאַרוואורף. אָבער דעם פאַרוואורף איז שווער געווען צו פאַרטראָגן. זיינע רייד זיינען געווען ביטערער פון טויט. עס איז געווען אַזוי, ווי דער מענטש וואָלט איינער אַליין אַרויסגערעדט אַ יעדערנס געבעט און אַ יעדערנס פאַרוואורף.

אָבער איינער, בלויז איינער, האָט ניט געוואָלט פאַרטראָגן מאַנלים רייד. אויפגעשפּרונגען, ווי אַ פאַרוואונדעטער. געזאָגט מיט אַן אויפגערעגטן קול:

— וואָס נאָגסטו, ווי אַ פּיעווקע?... הער אויף, מאַנלי, אַז ניט וועל איך דיר מיטן פויסט צומאַכן דיין טריפה'נעם מויל... האָט זיך פאַנאַנדערגעיאָמערט...

דאָס איז געווען נובערג. ער איז געווען דראָענדיק. זיינע רייד האָבן אַלעמען דערשראָקן. ער איז געווען שרעקלאַך. אויך מאַנלי האָט זיך דערשראָקן און אַנטשוויגן געוואָרן. בלויז דזשאָן האָט שטאַרק געבליפּעט. געזען פאַר זיך זיין גוטע מאַמען. געזען פאַר זיך איר טרויעריק פּנים פאַרן געזעגענען זיך, און ניט געקענט

איינהאַלטן דעם געוויין. אָבער אַלע האָבן מיט ווייטיק געוואָרט, אַז זיין כליפּען זאָל זיך שוין ענדיקן און ער זאָל עפּעס זאָגן. האָט מען דאָך דערמאָנט זיין מאַמען. זיין מאַמען האָט מען דאָך דערמאָנט. זיין היים האָט מען דערמאָנט. אָבער דזשאָן וויל גאָר ניט זאָגן. ער וויינט און וויינט, דער גוטער דזשאָן, און קען ניט איינהאַלטן דעם שטראָם פון זיינע טרערן. נובערג לייגט זיך אַוועק און וואַרט אויך מיט אַלעמען. נאָכדעם זאָגט ער:

— אָט איז דיר, אָט... מ'האָט אים דאָ געבעטן דרשנ'ען... אַריינגעבראַכט אַהער די מאַמען... עס איז אים ווייניק ביטער... נאָך אַביסל ביטערניש. נאָך אַביסל... אַזאַ חכם!...

דזשאָן וויינט נאָך. וויינט לאַנג. צו לאַנג. זיין געוויין איז שווער אַריבערצוטראָגן. אָבער פּלוצלונג דערהערן אַלע אַ טעמפּן קלאַפּ פון קני אויף דער פּאָדלאָגע און אַ שאָרן זיך. דאָס פּויזעט מאַנלי צו דזשאָנען. דערנעענטערט זיך צו אים מיט די לעצטע כחות, מיט שווערן אָטעם. מיט ווייטיק. אַלע הערן זיך איין: נאָך וואָס קריכט ער, דער משוגענער, צו דזשאָנען? ווי קען ער, אַ שווער־פאַרוואונדעטער, זיך פּלוצלונג לאָזן פּויזן צו דזשאָנען? וואָס וויל ער פון דזשאָנען?

מאַנלי האָט אָבער דערפּויזעט. אויסגעפּונען מיט די ליפּן דזשאָנס האַנט און צו איר צוגעפּאַלן מיט אַ הייסן קוש. געקושט, געקושט מיט פאַרגעסונג און צער:

— דזשאָן... חבר... פריינט... זיי מוחל... זיי מוחל.... דזשאָן.....

נאָכדעם פאַלט אָפּ מאַנלי און בלייבט ליגן לעבן דזשאָנען, אַ פאַרשטיקטער פון ווייניק לופט און איבערפּלום פון געפילן. מער הערט מען פון אים ניט. נאָר דזשאָנס כליפּען ווערט שטאַרקער, טרייסטלאָזער.

אַלע ליגן איינגעקאַרטשעטע. די נערוון קנוילן זיך. קאַרטשן זיך. מ׳ווערט דערטרונקען אין ליידן, ליידן אָן אַ סוף. און מ׳קען גאָרניט טאָן. יעדער אויסדרוק איז נאָך פּיינלעכער. עס עפענען זיך נייע קוואַלן פון יסורים און פּיין. יעדעס וואָרט — אַ וואונד אין האַרצן. יעדער באַוועגונג — ווייטיק. סיידן מ׳זאָל משוגע ווערן. אַלע איינעם זאָלן משוגע ווערן. אַריינפאַלן אין אַ תהום אויף אייביק. אָפּרייסן זיך פון לעבן אַזוי, ווי מ׳רייסט זיך אָפּ מיטן נאַפּל פון אַ מוטער. פאַרוואָס קען מען עס ניט טאָן? פאַר־וואָס? ניין, אין די ליידן איז איצט ניט געווען קיין זין. אינם ביסעלע לעבן אין די אָדערן און אין האַרצן איז ניט געווען קיין זין. ווייל עס האָט שוין קיינער ניט געוואוסט וועגן זייערע ליידן אויף דער וועלט. ניט די נאָענטע און ניט די ווייטע. וואָס האָט געוואוסט פון זיי די נאַטור, וואָס האָט זיי אַרויסגעבאָרן? זיי זיינען מער ניט געווען אירע קינדער. אָפּגעריסענע פון איר נאָפּל, זיינען זיי איר פרעמד געוואָרן אויף אייביק. ניין, זיי זיינען מער ניט געווען אירע קינדער. זי האָט זיי איינגעשלונגען, ווי יענע אויסטערלישע באַשעפעניש, וואָס געבערט אירע קינדער, און נאָכ־דעם — שלינגט זי זיי איין, פרעסט זיי אויף און פאַרגעסט, ווי פרעמדע...

און וואָס זאָל דער מענטש טאָן צו דערמאָנען דער נאַטור? זאָגן:

— איך בין דיינער. דו האָסט מיך געבאָרן און געגעבן לעבן. געלאָזט מיך פאַשען זיך, ווי אַ קעלבל, אויף דיינע ברייטע פעלדער און לאָנקעס, און געלאָזט מיך וואַרעמען זיך אויף דיין זון. פאַר־וואָס האָסטו מיך איינגעשלונגען און פאַרגעסן? ווי קען אַ מאַמע פאַרגעסן איר קינד?...

ניין, אַלץ האָט פאַרלאָרן דעם זין. ווערטער האָבן פאַרלאָרן דעם זין, און טרערן. און דאָס גאַנצע ביסעלע לעבן.

פּלוצלונג האָט זיך ביל סאָיער אויפגעהויבן און צוגעגאַנגען צו מאַנליין. ער האָט געמיינט, אַז יענער איז שוין טויט. אַזוי

שטיל איז געווען. מ'האט אפילו ניט געהערט זיין אטעם. ארומ־גענומען פון קעשענע דאס עלעקטרישע לעמפל און א ווארף געטאן אביסל ליכט מאנלין אויפן פנים. און אלע האבן דערזען צוויי צעדולטע אויפגעשראקענע אויגן, וואס האבן זיך א ריס געטאן פון די ארביטן. די אויגן האבן זיך א ריס געטאן און גלייך גענומען דרייען זיך אין אלע זייטן, ווארפן זיך, ווי זיי וואלטן טאקע געוואלט ארויסרייסן זיך און אנטלויפן פון א פלוצלאכן שרעק. אין זיי איז געווען פינסטערניש, שגעון און שרעק. זיי האבן פארלארן דעם מענטשלאכן אויסדרוק. דאס זיינען ניט געווען מאנלים אויגן. אבער אין זיי איז נאך געווען לעבן. מאנלי האט נאך געלעבט.

סאיער האט געזאגט:

— מאנלי, דאס בין איך, ביל. ביל סאיער... ווי פילסטו זיך?...

אזא מאדנע פראגע האט סאיער געפרעגט. א נארישע און אן אומגערעכטע. ווי קען איין מענטש פרעגן א צווייטן אזא פראגע? עס איז גאר ניט געווען קיין זין און קיין יושר אין אזא פראגע.

מאנלי האט ניט געענטפערט. זיינע ליפן זיינען געווען טרוקן און זיינען געווען צעשפאלטן. זיין גאנץ מויל איז געווען אויפ־געפרעסן פון אן אינערלאכן פייער. און זיין גאנצער קערפער און יעדער גליד באזונדער איז געווען ווי אן איבערגעברענטע, אויסגע־לאשענע האלאוועשקע. אבער ער האט נאך געלעבט. דאס האט מען ארויסגעזען פון די שגעונ'דיקע אויגן. און סאיער האט נאך אמאל געזאגט:

— וואס איז דיר?... מאנלי, איך פרעג: וואס איז דיר?

מאנלי האט ווידער ניט געענטפערט. בלויז די אויגן האבן זיך נאך אלץ געריסן. געריסן און געוואלט ארויסרייסן זיך פונם קאפ און אוועקפליען. אבער איצט האבן שוין אלע געזען, אז מאנלי שטריינגט זיך אן עפעס צו זאגן. ער וויל עפעס זאגן צו זיי, און קען ניט. אזוי עטלאכע לאנגע רגעס נאכאנאנד. נאכ־

דעם האָט מען דערהערט אַ קול. מאַנלים ליפּן האָבן גערעדט, אָבער דאָס קול איז געווען פרעמד. ניט זיין קול. און דאָס קול האָט געזאָגט:

— איך שטאַרב... אַז איר וועט זיין אויבן... זאָגט מיין ווייב... איך האָב זי ליב... און מיין אינגעלע... זאָלן זיי ווּיסן... און אַלע מיינע זאָלן וויסן....

סאָיערס האַנט האָט געציטערט פון אויפרעגונג. דאָס ליכט האָט זיך געוואָרפן. ניט געקענט פאַרבלייבן אויף אַן אָרט. און עס איז געווען אַזוי, ווי עס וואָלט אין דער פינסטערניש אַרונטערגעפאַלן אַ פאַרוואונדעטער פויגל און וואָלט זיך געוואָרפן אין קאַנוואולסיעס, אויסגעגאַנגען אין ווייטיקן.

סאָיער האָט געקוקט אויף אים אַ רגע און האָט געזאָגט:

— זאָרג זיך ניט, מאַנלי... מיר וועלן זאָגן... עס וועט זיין אַזוי, ווי דו ווילסט אַליין.... אָבער דו — לעב! דו הערסט?

— דו לעב!... לעב.

ער האָט עס אַזוי מאָדנע געזאָגט, סאָיער: — לעב! און עס איז אַפילו געווען באַפעל אין זיין קול: — לעב! דו הערסט? — לעב! אַזוי האָט גערעדט אַ מענטש, וואָס איז שוין אַליין געשטאַנען ביי דער שוועל פון טויט, צו אַ צווייטן.

מאַנלי האָט אַ ריר געטאָן די ליפּן. די ליפּן האָבן זיך אָבער ניט געוואָלט פאַרמירן פאַר די ווערטער. עס איז אים קוים געלונגען אַרויסצוזאָגן:

— ברידער... מיין ווייב... מיין קינד...

ניט מער. און אַלע האָבן געהערט די ווערטער. און אַלע האָבן פאַרשטאַנען וואָס מאַנלי האָט פון זיי פאַרלאַנגט. פאַרשטאַנען זיין מיין. מאַנלי האָט געוואָלט איבערלאָזן נאָך זיך אַ ירושה. אַ לעצט וואָרט. אַ לעצט ביסל פיין. אַ דערינערונג וועגן זיך און וועגן זיינע יסורים אויף דער וועלט האָט מאַנלי געוואָלט איבערלאָזן. האָבן אַלע געזאָגט:

— זיי רואיק מאַנלי... עס וועט זיין אַזוי ווי דו זאָגסט...

און אַלע האָבן דערזען ווי מאַנלים אויגן האָבן זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט אין אַ שטומער טונקעלער צופרידנקייט. האָבן אַ רגע געקוקט אָן שרעק און אָן באַוועגונג. געזאָגט:

— אַ... אַ...

אַזאַ עקשנות געווען אינם מענטשן, אין מאַנלין. דאָס לעבן האָט אים פון זיך אָפּגעריסן, אָפּגעשליידערט. די קרעאַטור האָט אים פאַרראַטן. אָפּגעשפּיגן אים פון זיך, ווי אַ שפּייעכץ. ער איז געפאַלן אין אָפּגרונט פון פאַרגעסונג. אַ גאָרנישט אין אַ תהום פון גאָרנישט. און ער האָט זיך נאָך געריסן צוריק, צו דער קרעאַטור. געוואָלט פאַרבינדונג. געוואָלט זײַן נאָכן טויט. מאַנלי האָט ניט פאַרגעסן, אַז אויף דער וועלט איז געווען אַ זון, וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט און אַ הימל מיט שטערן. ליכטיקע טעג מיט לעבעדיקן אומרו. און פינסטערע נעכט מיט רו. אין דער לעצטער רגע ניט געקענט פאַרגעסן.

נאָכדעם האָבן שוין אַלע געזען, אינם ליכט פון לעמפּל, אַז מאַנלים אויגן־דעקלאַך פאַלן בײַסלאַכווײַז אַרונטער. דער שגעון אין די אויגן פאַרשווינדט. סאָיער האָט צוגערוקט דאָס לעמפּל נעענטער צו מאַנלים פּנים. מאַנלי האָט גע׳גוסס׳ט. אָבער אין זײַנע אויגן איז נאָך געווען אַ קליין ליכטיק פינטעלע, וואָס האָט נאָך געלעבט. אַ שטראַל, וואָס האָט זיך נאָך ניט געוואָלט אויסלעשן. אַזאַ פינטעלע אינם מענטשן, וואָס האָט נאָך געוואָלט לעבן. האָט נאָך מאַנלי געלעבט, אָדער איז ער שוין געווען טויט?

סאָיער האָט געזאָגט:

— מאַנלי... מאַנלי...

עס איז ניט געווען קיין ענטפער. אָבער סאָיער האָט געזען, אַז אַרום די ווינקלען פון מאַנלים ליפּן האָט נאָך געצוקט אַן אָדערל. האָט ער נאָך אַמאָל אַ רוף געטאָן:

— מאַנלי.

און ס׳איז ווידער ניט געווען קיין ענטפער. האָט סאָיער אַרויפגעלייגט זײַן האַנט אויף מאַנלים האַרצן. דאָס האַרץ איז

געווען שטיל. זיין ברוסט האָט זיך ניט געהויבן. מאַנלי האָט ניט געאָטעמט. האט סאָיער אויפגעהויבן זיין האַנט, און אויך די האַנט איז געווען טויט און אין איר איז געווען אַ שטייפקייט. די האַנט האָט ניט געוואָלט בארירט ווערן. אָפּגעפאַלן צוריק צום קערפּער מיט עקשנות. און אין אַלע גלידער איז שוין געווען אַן עקשנות פון אַ טויטן, וואָס וויל ניט באַרירט ווערן. און ס'איז בלויז געווען מאָדנע, וואָס די מוסקולן אַרום מויל האָבן זיך נאָך געוואָרפן אין אַ שוואַכער קאָנוואולסיע.

אזוי איז סאָיער געשטאַנען איבערן טויטן. געוואַרט ביז דאָס לעצטע ביסל לעבן וועט אים פאַרלאָזן. און אַז אַלץ איז געווען טויט אין מאַנלין, האָט ער און נובערג אים אויפגעהויבן, אַריבער־געטראָגן אים צו די איבעריקע קערפּערס פון די טויטע און אומגע־קערט זיך צו די אייגענע ערטער שווייגנדיקע: נאָך איינער פון זיי איז געווען טויט.

קאַפּיטל צוואַנציק

די נאַכט איז געוואָרן טיפער, שווערער. די נאַכט איז געווען שטילער פון שטילקייט. די וועלט איז געווען ווייט. די וועלט, אויף וועלכער מ׳איז אַמאָל געבאָרן געוואָרן און געלעבט איז געווען אַ חלום. די מאַמע, וואָס האָט דעם מענטשן געבאָרן איז געווען אַ חלום. אַרום איז ניט געווען קיין ווירקלאַכקייט. קיינ־מאָל ניט געווען. ניט פריער און ניט איצט. וואו איז געווען די ווירקלאַכקייט? וואו איז געווען דער אמת? וואָס האָט פאַרבונדן די וועלט מיט יענער? פּוסטקייט צווישן צוויי וועלטן. אַ חלום צווישן צוויי וועלטן, וואָס האָט ניט געהאַט קיין זין. צוויי וועלטן, וואָס האָבן זיך אייביק געזוכט און זיך קיינמאָל ניט געקענט געפינען, זיך קיינמאָל ניט געקענט צו־זאַמענטרעפן.

וויפיל איז נאָך געבליבן צו לעבן? — וויפיל לופט ס׳איז נאָך געווען אין די לופט־רעזערוואָרן. אָבער קיינער האָט שוין ניט געוואוסט — וויפיל. אין די צוויי אָפּטיילונגען זיינען שוין די צילינדערן געווען ליידיק. מ׳האָט געצויגן לופט פון די נאָענטסטע אָפּטיילונגען, וואָס זיינען געווען פאַרטרונקען. די לופט איז געווען שיטער. אָבער מ׳האָט מיט אַ געפערלאַכער שפּאָרזאַמקייט אָפּ־געהיט יעדעס ביסעלע לופט. ניט פאַרגונען אַן איבעריק ביסל. די אויסגעמאַטערטע לונגען האָבן זיך געראַנגלט אויפצוקלייבן פאַר זיך אַביסל אָטעם. יעדער אָטעם־צוג איז געווען אַ ראַנגלעניש. פון דעם האָבן זיך די אָדערן אויף די העלזער און אויף די שטערנס אָנגעצויגן, ווי שטריק. געוואָרן שטייף און ווייטיקדיק, ווי קראַנקע מוסקולן. אין קאָפּ האָט געשווינדלט ווי פון אַ פאַלן פון אַ ריזיקער הויך. אַזאַ פאַלן, וואָס האָט ניט געהאַט קיין סוף און קיין אָפּשטעל. פון דעם איז געווען אַנגענעם און שרעקלאַך. פון דעם איז געווען אומעטיק און זיס, ווי פון אַ שטאַרקער שיכרות.

נובערג האָט עטלאַכע מאָל, צוליב היימלאַכקייט, אַ וואַרף

געטאָן אביסל ליכט פון זיין לעמפּל אויף זיינע חברים. וואָס איז געוואָרן מיט די מענטשן? די הויט פון די מענטשן איז געווען בלייך און געל, ווי ביי טויטע, און איבער דער בלייכקייט — טונקעלע, שטייף־אַנגעגאָסענע אָדערן. זייערע אויגן האָבן פאַרלאָרן זייער אייגענעם אויסדרוק. זיי זיינען געווען שטאַר, אויסגעלאָשן פון פינסטערניש. איבער זיי איז עפּעס געווען ווי איבערגעצויגן א פרעמד הייטל, וואָס האָט ניט געקענט אריבערטראָגן דאָס ליכט.

מארטין האָט געזאָגט:

— טאָם, איך בעט דיך, נעם צו דאָס ליכט... דו מאַכסט מיך בלינד. עס שטעכט מיר אויס די שוואַרצאַפּלען, ווי מיט פייערדיקע שפּיזן...

און סאָיער האָט אויך געזאָגט:

— מיר אויך. אין דער פינסטער איז בעסער. צינד ניט קיין ליכט.

און נאָר דזשאָן האָט קיין זאַך ניט געזאָגט. ער האָט קיין ליכט ניט געזען. ער איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן. און קיינער האָט ניט געוואוסט, צי ער האָט געהערט זייערע רייד.

* * *

נאָכדעם איז ווידער אָנגעקומען א שטילקייט. און קיינער האָט ניט געוואוסט ווי לאַנג זי האָט געדויערט. אָבער פּלוצלונג האָט זיך דזשאָן א וואָרף געטאָן און אויפגערעגט געזאָגט:

— איר הערט?... איר הערט?!

אַלע זיינען פאַרשטאָרבן אין אַנגסטיקער דערוואַרטונג. אָבער דזשאָן האָט זיך שוין ניט געקענט באַרואיקן. ער האָט גע'טענהט:

— ברידער, איך האָב געהערט א גערודער... איבער דער שיף. אָ, גאָט! זיי זיינען געקומען... זיי זיינען געקומען...

קיינער האָט קיין גערודער ניט געהערט. א מינוט און צוויי זיינען פאַראיבער אָבער קיינער האָט ניט געקענט אויפכאַפּן קיין שאָרך. בלויז די אויפגערעגטע הערצער האָבן שטאַרקער

געקלאַפּט אין די קראַנקע ברוסטן. און נאָר דזשאַן האָט זיך געבעטן:

— וואָס ליגט איר?... טוט עפּעס!... טוט עפּעס...

און די דריי — מאַרטין, נובערג און סאַיער האָבן זיך אויפגעהויבן, צוגעקראָכן צו די ווענט, געקלאַפּט מיט האַמערס, פּיבער־האַפּט און אַנגסטיק, אָן די שטומע, מיט קאַרקן־האַלץ אויסגעבעטע ווענט און געשריען. און סאַיער, וואָס האָט ניט געהאַט קיין האַמער, האָט געקלאַפּט מיט די בלויזע פויסטן אין וואַנט, געקלאַפּט ביז ווייטיק און געשריען אין די ווענט אַריין. עס האָבן געציטערט די גלידער פון אויפרעגונג. פון דערוואַרטונג. פון שרעק פאַר אַ גליקלאַכן צופאַל, פאַר אַ נס.

קיין ענטפער איז ניט געווען. דאָס איז געווען די אַרבעט פון קראַנקע נערוון. דזשאַנס אויער האָט אָפּגענאַרט. ס'האָט זיך נאָר אויסגעדוכט. איבער דער סובמאַרין איז קיינער ניט געווען.

דזשאַן איז געלעגן אַ שווייגנדיקער, ווי אַ שולדיקער. ער האָט פאַרפירט די חברים. אומזיסט אין זיי דערוועקט די האָפענונג. אָפּגענאַרט. עס האָט אים ווי געטאָן דאָס האַרץ. און די דריי האָבן זיך אומגעקערט צו זייערע ערטער אויסגעמאַטערטע און אויסגעשעפּטע. דאָס איז ניט געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס די חושים האָבן זיי אָפּגענאַרט. די אויערן האָבן דאָ געהערט קלאַנגען. די אויגן האָבן געזעען זעאונגען, האַליוצינאַציעס. די קראַנקע לייבער האָבן געפילט אויף זיך די באַרירונג פון אומזעבאַרע הענט. זיי זיינען געווען אין אַ פרעמדער, אומפאַרשטענדלאַכער וועלט. יעדע מינוט האָט געדראָעט מיט שרעק. און דער שרעק איז ניט געווען פאַרן טויט, נאָר פאַר די אומדערוואַרטעטע, אומפאַרשענדלאַכע כחות, וואָס זיינען געבאָרן געוואָרן אין זיך אַליין און האָבן באַווירקט זייער לעבן. אַזאַ שרעק, וואָס איז געקומען פון זיך אַליין.

מאַרטינען איז באַפאַלן אַ היסטערישקייט. ער האָט ניט געקענט איינהאַלטן אין זיך די ווערטער. געזאָגט:

— ס'וועט שוין ניט קומען די הילף... לאָמיר שטאַרבן, ברידער...

קיינער האָט ניט געענטפערט. אָבער זיין היסטערישקייט האָט זיך שוין איבערגעגעבן אַלעמען. אַלע האָבן געוואָלט ריידן, אַרויסזאָגן קראַנקע הילפלאָזע רייד, אויסגעדריקט מיט ווערטער זייער רעזיגנאַציע און זייער טרויער. אין דעם איז געווען אַ זיסע פאַרגעסונג. אין דעם איז געווען ווי אַ רעטונג פאַר דעם גע־פאַלענעם געמיט.

עס האָט זיך געוואָלט נאָענטקייט. עס האָט געבענקט דאָס האַרץ נאָך ליבשאַפט און ס'האָט געוואָלט דאָס האַרץ געבן ליב־שאַפט. אויף די ליפּן איז שוין געווען גרייט דאָס וואָרט:

— ברודער, גיב אַ האַנט, — איך וועל זי אַ קוש טאָן. גיב דיין מויל, — איך וועל זיך צודריקן מיט מיינע ליפּן... דאָס בין איך, דיין ברודער, וואָס וויל דיין נאָענטקייט און דיין ליבע...

אין דזשאָנס האַרצן האָט נאָך אַלץ געברענט אַ שולדיקייט, ווי אַ וואונד. ער האָט געזאָגט:

— זייט מיר מוחל, ברידער... איך האָב ניט געוואָלט אָפּנאַרן.

אַלע האָבן געפונען אַ וואָרט אים צו באַרואיקן:

— הער אויף, דזשאָן. ניטאָ פאַרוואָס דיר מוחל צו זיין. ניט דיין שולד. ס'איז אונזער שיקזאַל אַזאַ.

און נאָכדעם איז ווידער אָנגעקומען שטילקייט. שטילקייט אין שטילקייט. און די צייט האָט זיך אָפּגעשטעלט. ס'איז ניט געווען קיין נעכטן און קיין מאָרגן. עס זיינען געשטאָרבן אַלע דערינערונגען. עס זיינען געשטאָרבן אַלע האָפענונגען. נאָר נאַכט איז געווען. אייביקע נאַכט, וואָס האָט זיך ניט געלאָזט מעסטן מיט דער מאָס פון צייט. און זיי, די שטאַרבנדיקע, זיינען אין איר געווען פאַרוויקלט, ווי אין אַ קלייד, וואָס האָט אַרומגענומען יעדן גליד, ווי אין קלאַמערן. און אָט אין דעם קלעם פון דער נאַכט האָט שוין קיינער ניט געוואוסט, וואָס ס'איז געווען לעבן און וואָס ס'איז געווען טויט.

עפּעס האָט זיך שטאַרק אַריינגעשטאָכן אין דעם חוט־השדרה.
— איז דאָס געווען לעבן? ס׳האָט נאָך געטונקלט אינם מאַרך
אַ פּינטעלע, — איז דאָס געווען לעבן? און וואָס איז געווען
דער טויט? דער קלעם פון פינסטערניש, — איז דאָס געווען
טויט? די אָפּגעריסנקייט פון דער פאַרגאַנגענהייט און פון דער
צוקונפט, — איז דאָס געווען טויט? קיינער האָט ניט געוואוסט.
דאָס האָט געדויערט זייער לאַנג. דאָס האָט געדויערט זייער
ווייניק. אפשר אַ רגע. אָבער פּלוצלונג האָבן אַלע מיט איין מאָל
דערהערט אַ פרעמדן גערודער. אַ ווייטער טעמפּער קלאַפּ. און
נאָך אַזא קלאַפּ. און נאָכדעם שטילקייט. האָבן אַלע געהערט?
האָט זיך אויסגעדוכט? וואו האָט מען געקלאַפּט?... די
אויערן האָבן זיך שוין געשפּיזט, געשפּיזט. דאָס האַרץ האָט זיך
אַ רודער געטאָן און זיך ניט געוואָלט באַרואיקן. בלויז די מורא
צו זאָגן אַ וואָרט האָט געדריקט דעם אָטעם ביז צו דערשטיקט
ווערן.

אימיצער האָט ניט אויסגעהאַלטן. געזאָגט:

— ווער האָט געהערט?... ווער האָט געהערט?...

אַלע האָבן געהערט. עס איז געווען, ווי אַ בליציקער סיגנאַל,
וואָס האָט אַ ריס געטאָן די מענטשלאַכע הערצער און זיי אַריינגע־
וואָרפן אין איין משוגעת. עס האָבן שוין אַלע געשריען. איבער־
געשריען איינער דעם אַנדערן מיט דער אייגענער משוגעת:

— איך האָב געהערט...

— איך שווער: איך האָב געהערט צוויי קלעפּ...

— איך אויך... אָ, גאָט, איך אויך!...

— מיר זיינען געראַטעוועט!... מ׳איז געקומען...

— ברידער, לאָמיר ענטפערן... ענטפערן...

נובערג, סאַיער און מאַרטין האָבן זיך אַ לאָז געטאָן מיט
האַמער און געצייג צו די ווענט. געזעצט מיט וואָס עס האָט זיך
געמאַכט, אין די ווענט און אין באַלקן. געריסן מיט די נעגל, מיט
די קראַנקע פינגער דעם קאַרקענעם צודעק פון די ווענט. און

געזועצט, געזעצט, מיטן געצייג און פויסטן, געשריען, ווילד, משונה׳דיק, מיט פרעמדע, דערשראָקענע שטימען:

— מיר זיינען דאָ... מיר לעבן נאָך... ראַטעוועט!...

— מיר גייען אוים... ברידער... ראַטעוועט!...

— אין גאָטס ווילן, ראַטעוועט!...

— האָט איבער אונז רחמנות... ברידער... ברידער...

עס האָבן שוין ניט געהערט די מענטשן די אייגענע רייד. ניט פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון דעם אייגענעם משוגעת, נאָר געפילט אין יעדן אבר אַזאַ אַנגענעמע שרעק, אַזאַ זיסן ציטער, וואָס האָט געטונקלט, געטונקלט די געהירן מיט פאַרטרינקענדיקער פרייד, וואָס האָט ניט געהאַט קיין אָנהויב און קיין סוף. און נאָר ביים גאָרגל זיינען געשטאַנען מאָדנע טרערן און געוואָרגן.

אויף דער ערד האָט זיך געוואַלגערט דזשאָן אין מאָדנע קאָנ־וואולסיעס. ער האָט זיך אויך געוואָלט דערקלייבן ביז דער וואַנט. געוואָלט אויך צולייגן זיין האַנט צו דער וואַנט און אויס־שרייען צו איר, ווי צו אַ לעבעדיקער... ער האָט זיך אָנגע־שטרענגט און, אין שוידערלאָבע ווייטיקן געוואָלט זיך אַ ריר טאָן. אָבער ער האָט ניט געקענט. ער איז געבליבן, כמעט באַוואוסטלאָז, ליגן. און ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט ער נאָר געקענט וויינען, וויינען, פון אומבאַהאָלפנקייט, פון שוואַכ־קייט, ווי אַ פאַרלאָרן קינד...

ערשט אין אַ מינוט אַרום זיינען אַלע געקומען צו זיך. גע־וואַרט אויף אַן ענטפער פון אויבן. געוואַרט, געוואַרט. אַנגס־טיק. מיט אַ פאַרשטיקטן אָטעם און מיט מורא. געוואַרט אויף אַן אָפּרוף. אַ מינוט און צוויי. נאָך איין אָפּרוף...

פון אויבן איז ניט געווען קיין ענטפער. פאַרוואָס איז פון אויבן ניט געווען קיין ענטפער? זיינען זיי ווידער געווען אָפּגענאַרט?

זיי זיינען ווידער געווען אָפּגענאַרט! נובערג האָט געזאָגט:

— עס האָט זיך אונז אויסגעדוכט... עס וועט ניט קומען קיין הילף... עס וועט ניט קומען, זאָג איך אייך.

— מיר האָבן אַלע געהערט. עס קען ניט זיין...

— אַלץ איז קעגן אונז. די גאַנצע וועלט איז קעגן אונז...

פּלוצלונג האָט טאָם נובערג נאָך אַמאָל אַ כאַפּ געטאָן דעם האַמער און מיט ווילדקייט און כעס גענומען זעצן מיט אים אין וואַנט אַריין. דאָס קעפּל פון האַמער האָט זיך אָפּגעריסן און אָפּגעשפּרונגען אַן אַ זייט. אָבער נובערג האָט ניט אויפגעהערט צו קלאַפּן. ער האָט מיט די הוילע פויסטן געזעצט אין וואַנט אַריין, ביז בלוט צעקלאַפּט די פויסטן און געשריען:

— טייוואָלים, פאַררעטער!... מערדער!!...

ער האָט עטלאַכע מינוט אַזוי געקלאַפּט אין וואַנט אַריין. נאָכ־דעם אָפּגעפאַלן, אַן כחות, צו דער ערד און געבליבן ליגן מיט אַן אָפענעם מויל צו דעם ביסל שיטערן לופט. סאַיער איז צוגעגאַנגען צו אים, באַלויכטן זיין פּנים מיטן לעמפּל. געזען, ווי פון נובערגס מויל רינט אַראָפּ, איבער די ווינקלען, אַ פּיענע און זיינע אויגן זיינען ברייט געעפנט. געזאָגט:

— טאָם, דאָס בין איך, ביל... באַרואיק זיך...

יענער איז געלעגן אַ פאַר'חלש'טער. ניט געענטפערט אויף דעם חברס רייד. בלויז זיין ברוסט האָט זיך געהויבן, געהויבן, ווי אַן אויפגערעגטער ים. און ניט געקענט באַרואיקן זיך. סאַיער האָט אים נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזאַ. נובערג איז געלעגן אַ געבראָכענער.

וואָס האָט פון זיי געוואָלט די וועלט און דאָס לעבן? וואָס האָט פון זיי געוואָלט גאָט? ווער האָט פון זיי גענומען די פינס־טערע נקמה? ווער האָט באַדאַרפט זייער לעבן און זייערע יסורים? ווער האָט אויסגעלאַכט זייער ווייטיק און זייער צער? ניין. עס איז ניט געווען קיין גערעכטיקייט אויף דער וועלט. און עס איז ניט געווען קיין יושר אין דער נאַטור. און עס איז ניט געווען קיין גאָט!

פאַרדאַמט זאָל ווערן אַלץ, — דער מענטש און די נאַטור! פאַרדאַמט! עס האָבן שוין ניט געוואָלט די מענטשן דאָס ביסל לעבן, וואָס זיי האָבן נאָך געהאַט. פיינט געהאַט אַט דאָס ביסל לעבן. ווען מ'וואָלט נאָר געקענט אָפּטיילן אַט דאָס ביסל לעבן פון זיך, וואָלט זיך יעדער אַרויפגעוואָרפן אויף דעם, ווי אויף אַ שונא, און דערשטיקט, פאַרניכטעט, אויף אייביק און אַלע מאָל. און זאָל זיך שוין ענדיקן די אומגערעכטיקייט און דער ליגנערישער קאַמף מיט דער וועלט.

און דזשאַן האָט געזאָגט:

— איך וויל שטאַרבן... האָב רחמנות, ביל... איך וויל שטאַרבן.

אַלע האָבן געוואָלט שטאַרבן. אַלע.

— טוט עפּעס, ברידער... איך וויל שטאַרבן... טוט עפּעס... אַ!... איך קען מער ניט. איך קען ניט...

אַלע האָבן מער ניט געקענט. אַלע.

— מיינע ביינער זיינען אין מיר איבערגעבראָכן... יעדער גליד איז אין מיר צעבראָכן... איך וויל ניט... ווי לאַנג נאָך וועל איך זיך פּייניקן? מאַכט אַ סוף. מאַכט אַ סוף...

אַלע האָבן געוואָלט דעם סוף. אַלע. דערפאַר האָט קיינער ניט געענטפערט. ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן. און נאָר דזשאַן האָט זיך ניט געקענט בארואיקן:

— אַ, איר האָט ניט קיין רחמנות... איר זעט ווי איך מוטשע זיך... און אייך אַרט ניט... איר האָט ניט קיין רחמנות... ביל, נעם דעם האַמער, נעם דעם סטילעט... פאַר־ענדיק אַלץ... האָב רחמנות...

ניין. ניט דאָס. אַלע האָבן נאָר געוואָלט דעם אייגענעם טויט. נאָר דעם אייגענעם טויט. און דער טויט איז געווען געדולדיק און זיכער. ער האָט געלויערט איבער יעדן לעבן באַ־זונדער. קיין אויג ניט אַראָפּגעלאָזט. אָבער ער איז נאָך ניט געקומען אָפּצורייסן דעם שנירל, וואָס האָט זיך געצויגן פונם לעבן

ביז אין זייערע הערצער אַריין. אין האַרצן האָט גענאָגט מיט טויזנט וואונדן דער צער פון איינזאַמקייט און פון פּיינען, וואָס זיינען געקומען פון אויפגעלעבטן באַוואוסטזיין, פון אַ גרויסן טעות און פון פּיינען, וואָס זיינען געקומען פונם באַוואוסטזיין פון אַ גרויסן ליגן, וואָס האָט ניט געהאַט קיין נאָמען. אַלעמען, אַלעמען האָט אָנגערירט דער שרעקלאַכער ליגן פון לעבן. אַלעמען, אַלעמען האָט אָנגערירט דער מורא׳דיקער טעות פון לעבן.

מאַרטין האָט געזאָגט:

— ביי וועמען בעטסטו רחמנות, דזשאָן? ביי וועמען, פרעג איך?... מיר זיינען אַלע גלייך פאַר גאָט... שווייג בעסער... דערצאָרן ניט גאָט מיט דיינע רייד.

דזשאָן האָט מיט אַ פאַרשטיקטן קול אויסגעשריען:

— כ׳וויל ניט — גאָט!... איך וויל ניט.

סאַיער האָט אַ ריר געטאָן נובערגן. געזאָגט מיט אַ ווייכער שטים:

— וואָס איז דיר, טאָם?...

— גאָרניט. ס׳איז דער סוף.

— מיר דאַרפן האָבן לופט. איך וועל גיין...

נובערג האָט ניט געענטפערט.

— די גיידזשעס זיינען נידעריק...

נובערג האָט ווידער ניט געענטפערט. סאַיער האָט אָנגע־צונדן דאָס לעמפּל און אָוועקגערוקט זיך דורך דער פינסטערניש צום שמאָלן קאָרידאָר, צו דעם קאָנטראָל צימער. בלויז פון דאָרטן האָט מען איצט געקענט ציען לופט. אין דעם אייגענעם צימער איז שוין קיין לופט ניט געווען. אויך דאָרט איז געווען זייער ווייניק לופט. אָבער ס׳איז שוין געווען אַלצאיינס.

איבער דער סובמאַרין איז ווידער דורכגעלאָפן אַ קורצער טעמפּער גערודער. ער האָט זיך ווידערהאָלט עטלאַכע מאָל. און ווידער האָבן אַלע געהערט. אָבער קיינער האָט זיך ניט אַ ריר געטאָן פון אָרט. געוואַרט. ניט געוואָלט מער אָפּגענאַרט ווערן.

אָבער דאָס האַרץ האָט שוין ווידער געקלאַפּט אומרואיק, מיט איינגעהאַלטענער פרייד. פון קאָרידאָר האָט זיך דערטראָגן סאַיערס שטים:

— איבער אונז זיינען מענטשן... איר האָט געהערט? איר האָט געהערט?...

ער איז מיט אַ פאַרשטיקטן אָטעם פון שוואַכקייט און מאַנגל אין לופט געקראָכן מיט זיין לעמפּל צוריק צו די חברים. און ווידער האָט מען זיך אויפגעהויבן פון די ערטער און ווידער אָפּ־געענטפערט מיט אַ קלאַפּן אין די ווענט. און אויך דאָס מאָל האָט אויפגעלעבט די האָפענונג. און ווידער האָבן די מענטשן גערעדט גלויביקע רייד:

— אָ, זיי זיינען איבער אונז...

— זיי זיינען די גאַנצע צייט איבער אונז. זיי וועלן ראַטעווען...

— איצט זע איך שוין, אַז די הילף וועט קומען...

און סאַיער האָט געזאָגט:

— טאָם, פאַרליר ניט די האָפענונג. טאָם... די שעה איז ניט ווייט... לאָמיר זיי געבן סיגנאַלן... זאָלן זיי נאָר וויסן, אַז מיר לעבן נאָך...

דאָס מאָל האָט מען זיכער דערהערט זייערע רופן. ווייל יעדעס מאָל האָט מען פון אויבן געענטפערט מיט אַ נייעם פאַר־שטאַרקטן געקלאַפּ. איינמאָל און נאָך אַ מאָל. עס איז געווען פיינלאַך צו באַנעמען דעם אמת. אין די אברים האָט זיך די פרייד אָפּגערופן מיט אַ פיזישן ווייטיק. די מענטש האָבן גע־ווײנט און געלאַכט. געקראָכן, ווי משוגענע, איינער אויפן אַנדערן מיט ווילדער אומאַרמונג. געקושט זיך, ווי אין אַ וואַקכאַנאַליע, מיט אויפגעריסענע ליפּן און געפילט ווי עס ווערט אויסגעלאָשן, אויסגעלאָשן דער פאַרשטאַנד. און עס האָט געדויערט לאַנג ביז די מענטשן זיינען געקומען צו זיך.

נאָכדעם איז מען שוין ניט אָפּגעטראָטן פון די ווענט. מיט א סטילסאָן־צוואַנג האָט מען געקלאַפּט, מיט א האַמער, מיט וואָס ס'האָט זיך געמאַכט. נאָר דער אומגליקלאַכער דזשאָן האָט זיך געקאַרטשעט אין מאָדנער הילפלאָזיקייט. געפילט, ווי אַלע גלידער ווערן פּאַראַליזירט. געריסן זיך פון זיך אַליין און נאָר געהאַט גענוג כח צו וויינען און יאָמערן. וואָס האָבן זיי געקענט טאָן? ווי האָבן זיי געקענט דערנענטערן די רעטונג?

נאָכדעם, אַז די כחות זיינען אויסגעגאַנגען האָבן זיך די אויס־געמאַטערטע מענטשן אַרונטערגעלאָזט אויף דער ערד און געבליבן ליגן מיט אויסגעלאָשענע געמיטער. אָן ווערטער, אָן באַוועגונג און אָן באַוואוסטזיין, זיינען זיי אַזוי געלעגן א לאַנגע צייט. און איצט איז שוין געווען אַלצאיינס — צי די הילף וועט טאַקע קומען, צי ניט. ווייל וואָס מ'האָט באַדאַרפט טאָן האָט מען שוין געטאָן. דעם חוב, וואָס מ'האָט געקומט דעם אייגענעם לעבן האָט מען באַצאָלט אין דער פולער מאָס. איצט איז אָפּילו לייכט געווען צו שטאַרבן. איצט איז אָפּילו געווען גוט און אַנגענעם צו שטאַרבן.

אין האַרצן איז נאָר געווען א בענקשאַפט. א בענקשאַפט נאָך דער קינדהייט. זי איז געווען ווייט. וואָס האָט מען געטאָן מיט זייער קינדהייט? פאַרוואָס האָט מען זי פון זיי אָפּגעריסן און געלאָזט זיי וואָגלען איבער ווייטע, אומדערגרייכבאַרע וועגן? זיי האָבן געזוכט א וועג צו איר, און ניט געקענט געפינען. די קינדהייט. זי איז געבאָרן געוואָרן מיט זיי. זיי זיינען געקומען צום לעבן מיט איר און אויסגעוואַקסן מיט איר. זי איז געווען דער פאָדים, וואָס האָט זיי פאַרבונדן מיט די נאָענטע און מיט די ליבע אין לעבן.

אין דער אָפּטיילונג איז געווען ווייניק לופט. דער אָטעם פון די שטאַרבנדיקע מענטשן איז געווען סם. דער אָטעם פון די שטאַרבנדיקע האָט פאַר'סם'ט די לופט, מיט וועלכער דער צווייטער האָט געלעבט. מיט יעדן אָטעם־צוג האָט ער אריינגעצויגן אין

זיין צעפוילטער קעל אריין, אינאיינעם מיט זיין ברודערס לעבן, דעם סם פון זיין טויט.

אבער קיין שנאה איז שוין ניט געווען. אלע זיינען געווען ברידער. איין משפחה אין לעבן און אין טויט.

* * *

נובערג איז געלעגן און געטראכט:

אט זיינען זיי געווען איבער דער סובמארין. זיי האבן געבראכט הילף און רעטונג. אבער ווי וועט קענען קומען די הילף און די רעטונג? מענטשן וועלן דארפן אראפנידערן ביז זייער טיף, בויערן לעכער אין דער הויט פון דער „שוואן", איינשטעלן פנעוומאטישע שלעסער קעגן דעם דרוק פון ים. זיי וועלן דאס אלץ טאן. אבער דאס וועט געדויערן נאך א גאנצן טאג. אפשר א מעת־לעת. און קיין לופט איז שוין ניט געווען. לופט איז געבליבן צו לעבן געציילטע שעה'ען. ניין, די רעטונג האט ניט געקענט קומען.

פונדעסטוועגן האט ער געזאגט:

— מיר דארפן זיך צוגרייטן צו געבן זיי הילף. זיי — פון דארטן, און מיר — פון דאנען... מיר טארן ניט ליגן אוןווארטן...

אלע האבן אויפגעכאפט זיינע ווערטער, ווי א רוף צו דער גרויסע האפענונג. אלע האבן זיך איינגעהערט, וואס נובערג האט געהאט צו זאגן. און נובערג האט ווידער געזאגט:

— מיר דארפן זיי געבן אונזער גאנצע מעגלאכע הילף. לאמיר זיין אויף דער וואך.

און צו סאיערן האט ער געזאגט:

— און מיט דיר, ביל, דארף איך אויך ריידן. אט איז געקומען די רעטונג. מיט וואס וועלן מיר קומען צוריק צום לעבן?

ער האט אפגעווארט. סאיער האט ניט אינגאנצן פארשטאנען וואס יענער האט געוואלט זאגן. געשוויגן. נובערג האט ווידער געזאגט:

— אז מ׳טוט מיר ווײ — קען איך אַריבערטראָגן. אז מ׳קעמפט קעגן מיר — קען איך זיך פאַרטײדיקן. אָבער, אז מ׳נאַרט מיך אָפּ און מ׳פאַרראַט... דאָס קען איך ניט אַריבערטראָגן. איין מענטש, צי טויזנט מענטשן — אַלצאיינס.

סאיער האָט נאָך אַלץ געשוויגן.

— מ׳דאַרף נקמה נעמען. פאַרשטייסט?

איצט האָט סאיער פאַרשטאַנען. און נובערג האָט ווייטער געזאָגט:

— מיר דאַרפן נקמה נעמען פאַר זיך און פאַר אַנדערע. און דו דאַרפסט די נקמה נעמען פאַר דיין ברודער... זיין נקמה איז נאָך אויך ניט גענומען. מיר ווילן ביידע לעבן, — ווילן מיר ביידע די נקמה נעמען. איך וועל שטאַרבן, — זאָלסטו אַליין די נקמה נעמען. גיב דיין וואָרט, ביל. וועסט געבן דיין וואָרט, וועל איך דיר גלויבן...

סאיער האָט, מיט אַ ציטער אין קול, געזאָגט:

— איך שווער, טאַט.

נובערג האָט אָפּגעוואָרט און ווידער געזאָגט:

— אויב דו וועסט פון דאַנען אַרויס — געדענק: וואָס איז איין מענטשלאַך לעבן? און צען און הונדערט? וואָס איז דעם מענטשנס לעבן קעגן דער אומגערעכטיקייט וואָס ס׳באַהערשט אים דורך יאָרהונדערטער? וואָס איז אַ מענטשנס לעבן קעגן דעם גרויסן פאַרראַט, וואָס באַהערשט די וועלט? אַ, ביל, טויזנט לעבנס מיינע וואָלט איך אַוועקגעגעבן אין אַ קאַמף קעגן דעם! ווען איך קען נאָך לעבן...

זיין אָטעם האָט זיך איבערגעהאַקט. קוים געקענט קומען צו זיך פון אַ שווינדלעניש אין די געהירן. עס האָט געדויערט אַ גאַנצע מינוט ביז ער איז געקומען צו זיך. נאָכדעם האָט ער געזאָגט:

— די נקמה דאַרף גענומען ווערן... גיב דיין האַנט, ביל.

ביידע הענט האָבן זיך געדריקט אין דער פינסטער מיט א קאַלטן ציטער, דערשראָקענע און גערירטע. א כח האָט א צי געטאָן איינעם צו דעם אַנדערן. זיי האָבן זיך געדריקט איינער צו דעם אַנדערן, ווי ברידער, וואָס געזעגענען זיך אויף אייביק, שווייגנדיק, געהיימניספול, אָבער מיט א קלאָרער פאַרשטענדעניש, פונקט ווי אין די טונקעלע מוחות, וואָלט זיך אָנגעצונדן א ליכט, וואָס האָט באַלויכטן א לאַנגן אומענדלאַכן וועג פאָראויס, און ס'איז קלאָר געווען דער וועג, און ס'איז קלאָר געווען דער ציל.

און סאָיער האָט געזאָגט:

— אָ, טאָם... איך שווער!

און עס האָבן געקלונגען אין זיין קול מאָדנע טרערן פון א גרויסער דערלייכטערונג.

און די איבעריקע צוויי — מארטין און דזשאָן — זיינען געלעגן באַזונדער און האָבן זיך מיט פאַרוואונדערונג צוגעהערט צו דעם מאָדנעם אָפּמאַך צווישן די צוויי, און האָבן פאַרשטאַנען און ניט פאַרשטאַנען. ס'האָט זיי אַרומגעכאַפּט אַן איינזאַמקייט. וואָס איז דאָס געווען? יענע זיינען געווען באַזונדער. און זיי זיינען געווען — באַזונדער. און איצט האָבן אַלע באַדאַרפט זיין איניינעם. האָט מארטין געזאָגט:

— ברידער. טיילט זיך ניט אָפּ. לאָמיר זיין אַלע איניינעם. פאַר גאָט באַשווער איך אייך, טיילט זיך ניט אָפּ... לאָמיר קומען צום לעבן אַלע איניינעם.

נאָך איינזאַמער האָט זיך דערפילט דזשאָן קאָרי. זייערע רייד האָבן פאַר אים געקלונגען ווי א פאַרשווערונג. ס'איז געווען אַזוי, ווי די צוויי וואָלטן זיך געקליבן צו טאָן עפּעס פאַר זיך אַליין, אויסשליסנדיק די איבעריקע. אפשר האָבן זיי זיך געוואָלט ראַטעווען, און האָבן אויסגעלאָזן אים, דזשאָנען, פון זייערע פּלענער? ער איז געווען איינזאַם און פאַרלאָרן אין זיין פיזישער אומבאַהאָלפנקייט. ער האָט געזאָגט:

— ברידער, פאַרלאָזט ניט. זעט: — איך בין אַ קאַליקע. איך קען זיך ניט אַ ריר טאָן... איר זעט. האָט רחמנות. לאָזט מיך ניט אַליין...

נובערג האָט פאַרשטאַנען זייער אומרואיקייט. געזאָגט:

— איר האָט ניט פאַרשטאַנען. איר ווייסט גאָר ניט, וואָס איר רעדט... מיר טיילן זיך ניט אָפּ... קיינער טיילט זיך ניט אָפּ. איר און מיר — מיר זיינען איניינעם און קיינער קלייבט זיך אייך ניט צו פאַרלאָזן. וואָס ס'וועט זיין מיט אייך — וועט אויך זיין מיט אונז.

ער האָט אַ טראַכט געטאָן און צוגעגעבן:

— מער ניט, — אַז מיר וועלן פון דאַנען אַרויס, וועט אפשר מיין וועג זיין איינער און אייערער — אַן אַנדערער.

מארטין האָט געפרעגט:

— וואָס מיינסטו צו זאָגן, טאָם?

— אָט דאָס מיין איך, אַז אונזער לעבן פון איצט אָן דאַרף זיין אַ קאַמף.

— קאַמף? קעגן וועמען?

— קעגן אומגערעכטיקייט. קעגן די אומגערעכטע, וואָס באַהערשן די וועלט.

מארטין האָט פאַרשטאַנען און ניט פאַרשטאַנען. געזאָגט:

— ווי וועסטו זיך קענען אָוועקשטעלן קעגן אַ וועלט? איינער אַליין קעגן אַ גאַנצער וועלט?

נובערג האָט, צוליב עפּעס, גענומען מארטינס האַנט, אַ דריק געטאָן זי און, מיט צער אין זיין קול געזאָגט:

— אָט זעסטו שוין, אַז דו האָסט ניט פאַרשטאַנען. איך ווייס, דו ביסט אַלע מאָל געווען אַן ערלאַכער מענטש און אַ גוטער חבר. ביסט געווען אַ גוטער שיף־חבר און אַ גוטער ים־מענטש. אָבער דו וועסט עס ניט פאַרשטיין. אָט ביל פאַרשטייט. אָבער דו וועסט עס ניט פאַרשטיין. און דזשאָן וועט עס אויך ניט פאַרשטיין...

מארטין האָט זיך איינגעקלאַמערט אין נובערגס האַנט, אַזוי ווי זי וואָלט געווען אַ רעטונג:

— טאָ זאָג אונז. ווי דו וועסט זאָגן, אַזוי וועט זיין... מיר געטרויען דיר...

האָט נובערג פּשוט געזאָגט:

— מיר זיינען קעגן מלחמה.

און צוגעגעבן:

— מ'שיקט אונז שטאַרבן, און אַליין בלייבן זיי לעבן... זיי נאַרן אונז אָפּ מיט פּאַטריאָטישע רייד. און מיר גייען, ווי שיכורע, צו די שלאַכטפעלדער פאַרגיסן אונזער בלוט. פאַרוואָס? מ'פאַר־שפּאַרט אונז אין אַ שטאָלענער פּאַסטקע, און מ'שיקט אַוועק צום אונטערגאַנג, — צוליב וואָס? אָט שטיקן מיר זיך. מיר קענען ניט ציען קיין אַנדערן טאָג, — פאַרוואָס?

מארטין האָט געשוויגן. אויך דזשאַן האָט געשוויגן.

— מיר זיינען קעגן דער גאַנצער סיסטעם. פאַרשטייסט? — ס'איז אומגערעכטיקייט, די סיסטעם... מ'דאַרף זי אָפּשאַפן, די סיסטעם. זי איז קעגן אונז. קעגן דער מענטשהייט. די רייכע האָבן פאַרכאַפּט דאָס לאַנד, און פירן זי. זיי האָבן פאַרכאַפּט אַלץ און אויך דעם מענטשן. מיליאָנען אַרבעטן פאַר זיי. ביזן קבר אַרבעטן מיליאָנען פאַר זיי. און אַז זיי ווילן, שיקן זיי נאָך אַוועק אויך שטאַרבן פאַר זיי. זיי ווילן אויך אונזער טויט. אָט וואָס זיי ווילן, די בעסטיעס.

נובערג האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און ווייטער גערעדט:

— איז אויב אונז איז באַשערט צו לעבן, דאַרפן מיר וויסן וואָס צו טאָן. לעבן אין אַפּנאַרעניש, ווי פריער, וועלן מיר שוין ניט קענען... אַוועקגעבן אַ לעבן פאַר עפּעס — דאָס פאַרשטיי איך. אָבער פאַר זיי, פאַר די מערדער?... ניין, איך וועל זיך און דעם אַנדערן דעם אמת מיט אַ האַמער אַריינקלאַפּן אין קאָפּ און אין האַרצן! איך וועל זיך ניט לאָזן פאַרפירן פון דעם גרויסן ליגן פון לעבן. און איר אויך... לאָזט זיך ניט פאַרפירן. אַלע

מוזן פארשטיין דעם אמת. אַלע. און דו אויך, מאַרטין. און דו אויך, דזשאָן. וואָס איז דאָס לעבן אָן דעם אמת? טוט נאָר א טראַכט, — צוליב וואָס מוטשען מיר זיך דאָ? ווער דאַרף אונזערעליידן? וועמען וועלן זיי ברענגען נוצן, אַחוץ די, וואָס וועלן אָנשטאָט איין „שוואַן" איצט אויפבויען צען? און צוליב וואָס וועלן זיין די נייע צען סובמארינען? צוליב וואָס איז דער גאַנצער פּלאָט? אָ, מאַרטין, דו ביסט רעליגיעז. דו גלויבסט אין גאָט. האָט גאָט געוואָלט פונם מענטשן אָט דעם מאָסן־מאָרד, די מלחמה? האָט גאָט געוואָלט בלוט און צעשטערונג? טו א קוק. די גאַנצע זאַך ווערט דאָך אין זיין נאָמען געטאָן! מען גיט אונז ברויט צום לעבן, און מ'שיקט אונז שטאַרבן אין זיין נאָמען. אַלץ מיר און מיר. אַלץ וויל מען פון אונז, פון די מיליאָנען. מיר דאַרפן אַלץ באַשאַפן און אַלץ צעשטערן, ווען מ'הייסט. מיר דאַרפן באַשאַפן אַפילו דאָס געוועהר, פון וועלכן מיר שטאַרבן. אָ, איך זאָל נאָר פון דאַנען אַרויס!...

ער האָט אַזוי גערעדט און גערעדט. ס'איז אים געווען שווער צו ריידן. זיין קול האָט זיך אָפּגעהאַקט. ס'האָט אים געפעלט אָטעם. און ס'איז געווען מאָדנע, וואָס אָט איז זיין שטימע געווען באַקאַנט און אַלע האָבן געוואוסט, אַז דאָס רעדט צו זיי טאָם נובערג, און אָט האָט זיין קול געקלונגען גאָר אומבאַקאַנט, ווייט און פרעמד, און ס'האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אַ געהיימע שטימע רעדט פון דער פינסטערניש אַרויס, רעדט פון אַ ווייטקייט אַרויס, מיט אָנזאָג, מיט גלויבן און מיר וואָרנונג. און דאָס אַלץ איז געווען אַזוי ווייט פון ווירקלאַכקייט און באַנעמונג.

אויבן איז געווען אַן אַנדער לעבן. דאָרטן זיינען מענטשן, מיט דער הילף פון מאָדערנסטע איינריכטונגען געווען פאַרנומען מיט אַ שווערן קאַמף צו דערגרונטעווען די טיפעניש. איבער דער שיף איז, ווי אַן אויפּציטער, ווי אַ שוידער, איבער אַן אָפּגעקילטן קערפּער, אַרומגעלאָפן אַ גערודער. ער איז געקומען און אַוועקגעגאַנגען. ער איז געווען און ניט געווען. עפּעס האָט זיך געטאָן. איז דאָס

געוועזן די ארבעט פון מענטשן? איז דאָס געוועזן די ארבעט פון געהיימע כחות פון ים אליין? ווער האָט אויף דעם געקענט ענטפערן? ס'איז אין דעם געוועזן א געמיש פון ווירקלאכקייט און חלום.

נובערג האָט געזאָגט:

— דער לייטענאַנט האָט מיך געוואָרנט: מ'וועט מיך איבער־געבן צום קריג־געריכט. מ'וועט מיך משפּטן און פאַר'משפּטן, ווייל איך בין א פאַררעטער... אָט דאָס איז עס. ווייל זיי האָבן דעם אמת ניט ליב. דער אמת ווייזט אויף זיי מיט די פינגער, שרייט ער צו זיי: — איר זייט מערדער! איר זייט ערגער פון קאַניבאַלן. איר פרעסט אויף מיליאָנען. איר זויגט אויס דאָס בלוט פון מיליאָנען אומשולדיקע און בלינדע!... און זיי פאַר־שטיקן דעם קול פון אמת. זיי פאַרזעצן אין תפסות. זיי פאַר־שיקן און טויטן. אָבער ס'איז בעסער צו שטאַרבן פאַרן אמת, איידער פאַרפייניקט צו ווערן, ווי א בלינדער שקלאַף. איר הערט, ס'איז פיל בעסער. און איך בין גרייט. איך זאָג אייך: — איך בין גרייט.

איבערגעכאַפּט דעם אָטעם. אָפּגעוואַרט א ווײַלע און געזאָגט:

— איז וואָס־זשע זאָגט איר, ברידער? זייט איר מיט אונז?

מאַרטין האָט מיט א ציטערדיקער שטים געזאָגט:

— איך בין פאַרן אמת... איך בין פאַרן אמת, טאַטע.

און נאָר דזשאָן האָט ניט געקענט אויסדריקן זיינע געדאַנקען און די מאָדנע געפילן, וואָס האָבן אַרומגעכאַפּט זיין וועזן, און האָט נאָר געזאָגט:

— אַ, טאַטע...

און ס'איז ניט געוועזן פאַרשטענדלאַך, צי ער האָט אַלץ באַנומען, צי ניט. אָבער ס'האָבן זיך שוין געדריקט ציטערדיקע הענט אין דער פינסטערניש. די הערצער האָבן זיך געיאָגט פון איינעם צום צווייטן. אַלע זיינען געוועזן איין גוף און איין נשמה. די הערצער זיינען פול געוועזן מיט מענטשלאַכער ליבשאַפט. פון

דער פינסטערניש איז פּלוצלונג געקומען אומזעבאַר ליכט, באַלויכטן דעם מענטשנס לעבן, דערוואַרעמט די אָפּגעקילטע גלידער און זיך אוועקגעשטעלט איבער דעם מענטשלאַכן שיקזאַל. און ס'איז שוין געווען צווישן די מענטשן אַ שטילער, פאַרטרוילאַכער אָפּמאַך צו זיין אייניינעם אין לעבן און אין טויט. און ס'איז געווען קלאָר: זיי וועלן אפשר שטאַרבן. זיי וועלן אפשר קיין מאָל ניט זען די ליכטיקע וועלט. אָבער דער שטילער אָפּמאַך צווישן זיי, איז דער פינסטערער לאַך פון דער סובמאַרין, וועט לעבן אייביק. און עס וועט ניט שטאַרבן זייער ווילן און זייער גלויבן אין דעם געבאָרענעם אמת. אויך ער וועט לעבן אייביק. ווייל ס'איז שוין געווען די האָפענונג, און דער שטומער אַנזאָג פון אַן אויפגייענדיקן לעבן אין זיי אליין. ער איז נאָך ניט געווען אין דער ווירקלאַכקייט, אָבער אין פּאָטענץ איז ער שוין געווען. ער איז נאָך ניט געבאָרן געוואָרן, אָבער ער וועט זיכער געבאָרן ווערן און געדרויעו אייביק. און זיי זיינען געווען זיינע פאַרטרעגער. זיי זיינען געווען דער שטומער אַנזאָג פון זיין קומען אויף דער וועלט צווישן מענטשן. זיי זיינען געווען דער שטומער אַנזאָג פון זיין ממשלה אויף דער וועלט.

קאפיטל איין־און־צוואנציק

און איבער דער סובמארין איז אנגעגאנגען א געדודער. ער פלעגט געדויערן מינוטן. נאכדעם פלעגט ער אנטשווינגן ווערן אויף א לאנגער פיינלאכער צייט, און ווידער זיך צוריקקערן צו דערפרייען די איינגעשוויגענע מענטשן. מ'האט רעגענערירט דאס לעצטע ביסל לופט. הינטער די ווענט, אין די פארטרונקענע אפטיילונגען, איז שוין געווען ווייניק לופט.

ווען קומען די הילף? ווען וועט זי קומען?

איבער דער סובמארין האט איין געדודער פארביטן דעם צווייטן, אבער קיין רעטונג איז נאך אלץ ניט געווען. וואס איז עס געווען? יעדער קוים־הערבארער געדודער האט ארויסגערופן אן אויפרעגונג אין די איינגעשלאפענע בלוטן און אין די פארשטייפטע אדערן. נובערג און סאיער און מארטין, ווי נאר זיי האבן דער־הערט א געדודער, פלעגן זיי שוין זיין ביי די ווענט און, מיט א פיינלאכן, איינגעהאלטענעם געשריי, אפענטפערן מיט א געקלאפ מיט געצייג. מ'האט דורך די טויבע ווענט געשיקט די לעצטע סיגנאלן פון לעבן.

— מיר לעבן. מיר לעבן. מיר לעבן!!!

— העלפט. העלפט. העלפט!!!

נאכדעם, אויסגעמאטערטע און מידע, האבן זיי זיך צוריק־געלייגט אויף זייערע ערטער פארבארגן זיך אין זייער אייגענעם אנגסטיקן שווייגן, איינגעהערט זיך אין דער פינסטערקייט, איינ־געהערט זיך מיט יעדן קראנקן נערוו און געווארט, געווארט.

פלוצלונג האט סאיער געזאגט:

— חברים, אונזער טעלעפאן איז טויט. עס קען אבער זיין, אז זיי האבן זיך מיט אים פארבונדן. און מיר ווייסן ניט. מיר ווייסן גאר ניט...

אין זיין קול איז שוין געווען אויפרעגונג.

— ווי האבן מיר דאס פארגעסן? אויב זיי האבן זיך מיט

אונז פארבונדן, — א, א... זיי האבן זיכער געפונען א מיטל צו פארבינדן זיך...

א נייע האפענונג. די דריי — סאיער, נובערג און מארטין — האבן זיך אויפגעהויבן און, אן ווערטער, זיך אוועקגערוקט דורך דער פינסטערניש. בלויז אין סאיערס האנט האט געגליט דאס לעמפל און גערופן פאראויס, צו דער קאנטראל־אפטיילונג. אלע דריי האבן זיך, אין איילעניש, דורכגערוקט דורכן שמאלן דורכ־גאנג, און נאר דזשאן אליין איז געבליבן אויף זיין ארט. ער האט זיך ניט געקענט רירן. אלץ איז אין אים געווען איבערגעבראכן און איבערגעברענט. ער איז געווען אומבאהאלפן. עס האט זיך אים אויסגעדוכט, אז אט זיינען זיי אוועקגעגאנגען צו א זיכערער רעטונג. זיי זיינען אוועקגעגאנגען, און אים איבערגעלאזן איינעם אליין צו שטארבן. האט ער זיי נאכגעשריען מיט געבעט און מיט יאמער:

— פארלאזט מיך ניט... פארלאזט מיך ניט... א, האט איבער מיר רחמנות... לאזט מיך ניט אליין...

אזוי האט ער זיי נאכגעשריען אין א צופאל פון מורא און אומבאהאלפנקייט, גערופן צו זיינע חברים אבער זיי האבן זיין קול ניט דערהערט. זיי זיינען שוין ניט געווען. און ארום אים איז בלויז געווען די פינסטערניש און דאס שווייגן, און די מורא פאר דעם אייגענעם שיקזאל, וואס איז געשטאנען אין א ווינקל פון דעם באטאריי־צימער, דארטן, וואו די טויטע זיינען געלעגן.

דזשאן האט שוין מער ניט געקענט איינשטילן אין זיך די מורא. איינמאל געפונען אן אויסדרוק פאר זיין אומבאהאלפנקייט, האט ער ניט אויפגעהערט צו רופן און יאמערן:

— לאזט מיך ניט אליין... לאזט מיך ניט אליין... ברידער, ברידער...

און ארום איז געווען פארלארנקייט און שטומקייט. עס איז ניט געווען קיין אפרוף. ס'איז נאר געווען מאטערניש אן א וואָרט, אן דעם הויך פון א מענטשלאכער שטים, פון מענטשלאכן אטעם.

קיינער האָט ניט געהערט זיין בעטן זיך. מ׳האָט פאַרגעסן אָן אים. אַלע האָבן אָן אים פאַרגעסן, ווי ער וואָלט מיט זיי דאָ ניט געווען. זיי האָבן זיך ניט אומגעקערט צו זאָגן אַ וואָרט. זאָגן:

— „אַט וואַרט צו, דזשאָן, מיר וועלן זיך באַלד צוריקקערן..."

אָדער:

— „בלייב דאָ אַ ווײַלע, דזשאָן, מיר וועלן זיך באַלד צוריקקערן און דיר אַלץ דערציילן..."

ניין, זיי האָבן דאָס ניט געזאָגט. געלאָזן אים אַליין. אַליין אין דער פינסטערניש. אַ גרויל האָט ארומגעכאַפּט זיין נשמה. עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז זיי האָבן געפונען פאַר זיך אַ וועג ארויסצוראַטעווען זיך... זיי וועלן זיך ראַטעווען. זיי זיינען געווען געזונט. האָבן זיך געקענט באַוועגן. און ער איז געווען קראַנק. אין אים איז ניט געווען קיין גאַנצער אבר. זיי וועלן זיך ראַטעווען און ער וועט בלייבן מיט זיין גרויל אויף אייביק... דאָס איז געווען שרעקלאַך. דעם מאַרך האָט אַ ברען געטאָן עפּעס הייסעס, ווי אַ בליץ. דורכגעדרונגען אַלע לעבעדיקע נערוון און געבליבן שטעקן אינם חוט־השדרה.

דזשאָן האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, איבערגעקערט זיך אויפן בויך און אָנגעהויבן פויזען. טויזנט פיינען זיינען מיט איין מאָל באַפאַלן זיין לעבן. געפילט, ווי עפּעס צעררייסט זיינע גלידער און פאַרצוקט זיין קערפּער. אָבער זיין גאַנץ וועזן האָט זיך געריסן, געריסן פאַראויס אין יענער פינסטערקייט, וואוהין עס זיינען פאַרשוואונדן, איילנדיק, די חברים... עס איז גרויס געווען די פאַרצווייפלונג, אָבער נאָך שטאַרקער איז געווען דער פאַרלאַנג ארויסצורייסן זיך פון די אייגענע קערפּער־קייטן און גרייכן מיטן לעצטן ביסל לעבן צו די חברים.

דזשאָן האָט אָפּגעפויזעט אַזוי עטלאַכע טריט. ניין, ער האָט ניט געוואָלט שטאַרבן. ער האָט ניט געוואָלט שטאַרבן איינער אַליין אין פינסטערניש און גרויל. שטאַרבן אַליין איז געווען מורא׳דיקער פונם טויט. האָט ער געפויזעט פאַראויס, געפויזעט,

און ניט געוואוסט, אַז ער פּויזעט. געפּילט נאָר די ווייטיקן אין אַלע גלידער, אַזוי ווי ער וואָלט זיך אינגאַנצן פאַרוואַנדלט אין איין וואונד. אָבער איניינעם מיטן ווייטיק האָט זיך נאָך געריסן פון זיין האַרצן אַ געשריי און עס האָבן זיך נאָך פאָרמירט לעצטע אָפּגעריסענע ווערטער:

— איך אויך... איכ׳ל אויך... איך וויל ניט אַליין... ברידער...

קיינער האָט זיין געשריי ניט געהערט, אָבער ער האָט געשריען. ביז עפּעס האָט זיך אין אים אָפּגעריסן. עפּעס האָט זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט. ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, אַזוי, מיטן פּנים אַראָפּ, געבליבן ליגן ביי דער טיר מיט אַן אָפענעם מויל, מיט אַן איבערגעריסענעם געשריי, ווי אין אַ גרויסער פּלוצלאַכער פאַרוואונדערונג.

דזשאַן איז געשטאָרבן.

* * *

און אין דעם קאָנטראָל־צימער האָבן זיך די דריי צונויפגעקנוילט אַרום דעם טעלעפאָן. געטוליעט זיך אַרום אים, ווי אַרום אַ לעבעדיקן, און געוואָלט פון אים אַרויסבאַקומען אַ קלאַנג, אַ טרייסט.

דער טעלעפאָן איז געווען טויט. קיינער האָט זיך אויף זייער רוף ניט אָפּגערופן. אָבער די דריי האָבן זיך אַרום אים געקלאַמערט. געפּאָדערט און געדולדיק געוואַרט ביז דער טויטער אַפּאַראַט וועט לעבעדיק ווערן מיט אַ מענטשלאַכן קול און ענטפער. זיי האָבן זיך געביטן. פריער האָט גערעדט איינער, נאָכדעם אַ צווייטער און אַ דריטער. דער ערשטער, וואָס האָט אַריינגעשריען אין טרייבל, האָט געזאָגט:

— ברידער, ראַטעוועט!... אין גאָטס ווילן, ראַטעוועט!...

און אַלע איבעריקע האָבן שוין גענוצט די זעלביקע ווערטער. עס זיינען שוין ניט געווען קיין אַנדערע רייד און קיין אַנדערע

ווערטער. אַלע ווערטער האָבן זיך אויסגעלאָזט צו דעם זעלביקן וואָרט:

— ראַטעוועט!... ראַטעוועט!.... ראַטעוועט!.....

יעדעס וואָרט האָט מען באַגלייט מיט אַ שטיק פונם אייגענעם לעבעדיקן האַרץ גלייך אין דער שווייגנדיקער וועלט אַריין

אויבן זיינען געווען מענטשן. אויבן האָבן געקלאַפּט מענטש־לאַכע הערצער. אין זיי איז געווען וואַרעמקייט און ליבע. די מענטשן האָבן דאָרט געהאַט טויזנט און איין מיטל פאַר זייער רעטונג. אין זייערע הענט איז געלעגן זייער שיקזאַל. אַך, פאַר־וואָס איז די רעטונג ניט געקומען?!... פאַרוואָס האָט מען נאָך באַדאַרפט אויסגיין אין אַגאָניע פון אייביקע מאַטערנישן? וואו איז איצט געווען דער זין אין די אַלע מאַטערנישן? פאַרוואָס האָט מען זיך באַדאַרפט פּייניקן, אַז זיי זיינען שוין געווען אויבן?...

סאָיער האָט געהאַלטן אין האַנט דעם אַפּאַראַט און גע'טענהט:

— העלפט אונז... אין גאָטס ווילן, העלפט אונז... פאַר־וואָס לאָזט איר ניט אַראָפּ קיין טויכערס?... פאַרוואָס לאָזט איר ניט אַריין קיין לופט און קיין שפּייז?... פאַרוואָס טוט איר גאַרנישט אונז צו ראַטעווען?... מיר גייען אויס... מיר האָבן קיין זאַך ניט מער, מיט וואָס צו לעבן... מיר האָבן ניט קיין שפּייז... מיר האָבן שוין ניט קיין לופט... מיר זיינען האַלב־טויט פון קעלט און אויסצערונג... ברידער, ראַטעוועט!...

סאָיערס קול האָט זיך געצאַפּלט אין אַ קאָנוואולסיע. ער האָט גערעדט, און אין זיין שטים האָט געקלונגען דער לעצטער ציטער פון אַ שטאַרבנדיקן ווען, וואָס איז אויסגעגאַנגען פון הונגער און קעלט און מאַנגל אין לופט. און זיין קול איז געווען אויך דאָס קול פון די איבעריקע חברים, וואָס האָבן זיך אַרום אים געקלאַמערט. זיין ציטער איז געווען זייער ציטער. די טרערן אין זיין קול זיינען אויך געווען זייערע טרערן. ווייל אַלע דריי האָבן שוין געלעבט מיט איין אַלגעמיינעם אימפּולס, ווי זיי אַלע וואָלטן געווען איין מענטש, מיט איין נשמה און איין האַרץ.

ווי לאַנג האָט מען נאָך פון זיך געקענט ציען אַזוי די כחות? ווי לאַנג האָט מען נאָך געקענט הערן דעם אומזין פון די אייגענע ווערטער? און ווער האָט באַדאַרפט האָבן דעם אייגענעם לעבן, אַז עס איז געווען אַזוי אומ׳ברחמנות׳דיק באַשפּיגן און באַליידיקט און אָפּגענאַרט?

ניין. עס איז שווער געווען דער געשריי פון זיך צו זיך. די קלעמעניש פון זיך צו זיך און דער רוף פון זיך צו זיך איז געווען משוגעת. און עס איז ניט געווען קיין כח אַריבערצוטראָגן דעם צער פון אַ חבר, וואָס איז געשטאַנען ביי אַ טויטן טעלעפאָן און געשיקט, געשיקט די לעצטע לעבעדיקע ווערטער פונם האַרצן אין דער טויבקייט אַריין, און די ווערטער זיינען, ווי לעבעדיקע וועזנס, דערשטיקטע פון אַן אומגעזעענער האַנט, געפאַלן טויטע צו דער ערד, אַן זין און אַן אינהאַלט.

מאַרטין האָט געזאָגט:

— איך קען מער ניט... איך קען ניט... איך קען ניט!...

און נובערג האָט אויך געזאָגט:

— ס׳איז אומזיסט... לאָז אָפּ.

אָבער סאַיער האָט ניט געהערט זייערע רייד. ער איז געווען, ווי אין אַ טראַנס. איינגעקלאַמערט זיך אין טעלעפאָן און גערעדט זיינע משוגענע רייד אין דער טויבקייט אַריין. גערעדט מיט געוויין און מיט ביטערניש און מיט צער.

נאָכדעם האָט נובערג אַרויסגענומען זיין לעמפּל פון קעשענע, באַלויכטן דעם וועג צו דעם באַטאַריי־צימער און גענומען אַרויס־רוקן זיך. נאָך אים האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויך מאַרטין. ביידע האָבן קיין זאַך ניט געזאָגט. ביידע האָבן זיך שטום אַרויסגערוקט, ווי נאַכט וואַנדלער, און האָבן זיך אַוועקגערוקט דורך דער טיר.

דאָס ליכט האָט געציטערט אין נובערגס האַנט. אַריבערגע־טראָטן די שוועל, און שוין ביים שוועל, אַנגעשטויסן זיך אַן דזשאַנס קערפּער, וואָס איז געלעגן מיטן פּנים אַראָפּ, ווי אין דער רגע, ווען דער טויט האָט אים פּאַרגליווערט אויף אייביק. און

ביידע האָבן אָן ווערטער פאַרשטאַנען, אַז דזשאָן איז געווען טויט. נובערג האָט דורכגעפירט מיטן לעמפּל אין דער לענג פון דזשאָנס קערפּער, אַ גליטש געטאָן אַביסל ליכט איבער זיין קאַרק און געזאָגט צו מאַרטינען:

— לאָמיר אים איבערקערן אויפן רוקן.

ביידע האָבן מיט שווערקייט איבערגעדרייט דעם קערפּער מיטן פּנים אַרויף און געלאָזט אַזוי אַ ווײַלע ליגן.

מאַרטין האָט אַ ריר געטאָן דזשאָנען און געזאָגט:

— דזשאָן... דזשאָן!... דו לעבסט?...

דזשאָן האָט ניט געענטפערט. זיין קערפּער איז געווען שטייף און קאַלט און אָן אַביסל לעבן. אויך דזשאָן איז געווען טויט.

האָבן ביידע מער קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. אָנגענומען דזשאָנען פון אויבן, ביים ראָק און אונטער די אָרעמס, און אָפּגעשלעפּט אים צו די טויטע. און אַזוי, אָן ווערטער, זיך אָװעקגעלאָזט צו די אייגענע ערטער, אַוועקגעלייגט זיך און פאַרגעסן אָן דזשאָנען און אָן סאָיערן, אָן די, וואָס זיינען געווען איבער דער סובמאַרין. אָן אַלעמען. עס איז געווען אַלצאיינס, צי די הילף וועט ווען עס איז קומען, צי זי וועט שוין קיינמאָל ניט קומען. עס איז איצט געווען גוט צו שטאַרבן. עס איז איצט גוט געווען צו פאַרגעסן זיך. ווייל אויבן איז שוין ווידער געווען שטיל. און מ'האָט ניט געקענט וויסן, צי אימיצער איז נאָך איבער דער סובמאַרין געווען, צי מ'האָט שוין לאַנג פאַרלאָזן דעם אָרט און אויפגעגעבן די האָפענונג זיי צו ראַטעווען. עס איז געווען אַלצאיינס.

איז אויבן געווען די רעטונג? איבער זיי זיינען געווען מענטשן, וואָס אין זייערע הענט איז געווען די האָפענונג. די מענטשן זיינען שוין, ווער ווייסט וויפיל שעה'ען, געהאַנגען איבער זיי. זיי האָבן פאַר זיי געקענט טאָן אַלץ, וואָס איז געווען מעגלאַך. זיי האָבן געקענט אויסנוצן אַלץ, וואָס די וויסנשאַפט האָט ביז איצט דערפונדן אויפן פעלד פון רעטונג־אַרבעט. טויכערס האָבן זיך

געקענט אַרונטערלאָזן מיט געצייג און פאַרמאַכן די אָפענע קלאַמערן און ווענטן אין די פאַרטרונקענע אָפּטיילונגען. נאָכדעם האָט מען געקענט מיט געפּרעסטער לופט, פון אויבן, „אַרויסבלאָזן" דאָס גאַנצע וואַסער פון יענע אָפּטיילונגען, צוריקברענגען די שיף צו דער אייגענער שווים־פּייאיקייט און לייכטקייט און, אויף אַזאַ אופן, אַרויסברענגען זי אויף דער אויבערפלאַך. טויכערס האָבן געקענט אַרונטערלאָזן זיך, באַפעסטיקן לופט־רערן צו דער אויסער־לאַכער זייט פון דער סובמאַרין, וואו עס זיינען פאַר דעם געווען איינגעאָרדנט ספּעציעלע רעטונג־איינריכטונגען, אַריינפּאָמפּן לופט און לעבן צו זיי, צו די אויסגעמאַטערטע. זיי האָבן אויך, דורך די זעלביקע רערן, געקענט אַריינשיקן פליסיקע שפּייז, מילך, אָדער אַ זופּ, כדי צו דערהאַלטן זיי לענגער ביים לעבן. זיי האָבן זיך, דורכן טעלעפאָן, געקענט צוזאַמענריידן, באַראַטן זיך, און געבן אַ גוטע מענטשלאַכע עצה פון רואיקע דערפאַרענע מענטשן. אָ, עס זיינען געווען טויזנטער מיטלען זיי צו ראַטעווען! האָבן זיי שוין אַלץ געטאָן? פאַרוואָס האָבן זיי זיך ניט געאיילט? פאַר־וואָס האָבן זיי דאָרטן גערוט? ווייסן זיי ניט ווי גרויס עס איז געווען די געפאַר? פאַרוואָס איז די רעטונג ניט געקומען? אָ, זיי האָבן זיכער דאָרט אַלץ געוואוסט און אַלץ געטאָן. זיי האָבן אפשר דורך טאָג און דורך נאַכט געאַרבעט, געזוכט צו ברענגען זיי די הילף. פאַרוואָס זשע איז די הילף ניט געקומען?

אָ, עס איז געווען קלאָר: עס האָט אפנים ניט געקענט אויס־האַלטן דער מענטשלאַכער ווען דעם מורא'דיקן דרוק פון ים. די טויכער, וואָס זיינען אַראָפּגעשיקט געוואָרן ביז אָט דער טיף, זיינען אפשר קיינמאָל ניט צוריקגעקומען לעבעדיקע צו די, וואָס האָבן זיי געשיקט. אפשר האָט מען זיי אַרויסגעצויגן מיט איבערגעבראָכענע ביינער, מיט צעדריקטע קערפּערס און עס איז שוין ניטאָ מער אַזאַ העלד צווישן זיי, וואָס זאָל זיך אַרונטערלאָזן אויף זיכערן טויט און ברענגען נאָך אַ קרבן פאַר זייער רעטונג? אָט זיינען שוין פאַראיבער לאַנגע שעה'ען, און קיין קלאַנג פון

אויבן האָט זיך ניט געהערט. אפשר ווייסן זיי נאָך דאָרטן ניט, אַז זיי, דאָ, לעבן און וואַרטן. אפשר האָט זיך נאָך קיינער ניט צוריקגעקערט, אַ לעבעדיקער, צו דערציילן, אַנצוזאָגן... און אפשר האָבן זיי דאָרטן איינגעזען די אוממעגלאַכקייט זיי אַרויס־צוראַטעווען און האָבן שוין פאַרלאָזן דעם אָרט, שוין קיינמאָל מער ניט צוריקצוקערן זיך?

וואָס האָט געקענט באַדייטן די שטילקייט איבער זיי? וואָס איז געוואָרן מיט דעם גערודער איבער זיי? עפּעס איז געווען אין דעם גערודער. אַלע האָבן אים געהערט און האָבן אים באַנומען ווי אַ רעטונג. און איצט איז ווידער געווען די פינסטערניש און דאָס שווייגן און דער צווייפל. די חושים האָבן געוואָלט אָפּגע־נאַרט ווערן. די אויסגעמאַטערטע געמיטער האָבן געזוכט צו באַנעמען אַ שאָרך, אַן אָנזאָג פון לעבן און באַוועגונג. אָבער ס'איז געווען שטיל און האָפענונגלאָז.

נובערג און מארטין האָבן ניט געהערט ווען סאָיער האָט זיך צוריקגעקערט, אַן אויסגעשעפּטער. ער האָט זיך צוריקגעקערט, אוועקגעלייגט זיך אויף זיין אָרט, לעבן די צוויי און געשוויגן. ער האָט געוואָלט ריידן. ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגן. אָבער ער האָט מורא געהאַט צו דערהערן אין די אייגענע ווערטער דעם ליגן, וואָס איז פאַראויסגעזאָגט יעדן וואָרט זיינעם. יעדע אָנשטריינ־גונג צו ראַטעווען זיך איז געווען אַ ליגן. יעדע האָפענונג צו דערזען די וועלט — אַ גרויזאַמער ליגן.

נובערג האָט אַ רוף געטאָן:

— סאָיער, ביסט דאָ?

— איך בין דאָ.

— כ'האָב ניט געהערט, ווען דו ביסט צוריקגעקומען... לייג זיך נענטער. ס'איז קאַלט...

סאָיער האָט זיך צוגערוקט צו אים נאָענט, צוגעטוליעט זיך.

— דו ווייסט, — דזשאָן איז טויט...

סאָיער האָט אַ ווײַלע אַ טראַכט געטאָן. קוים דערמאָנט זיך,

ווי ער וואָלט ניט געוואוסט וועגן וועלכן דזשאַנעז ס'ווערט דאַ גערעדט. געזאָגט:

— אַ, דזשאָן?...

און אין אַ ווײַלע אַרום:

— ער האָט זיך זייער געמוטשעט.

— יע. ער האָט זיך געמוטשעט... געווען אַ שטאַרקער מענטש. אַלץ אין אים איז געווען איבערגעבראָכן. אָבער ער האָט געלעבט. און אויך מאַנלי...

— וואָס האָט איר מיט אים געטאָן?

— וואָס האָבן מיר מיט אים געטאָן? מיר האָבן אים אוועקגעלייגט צווישן די אַנדערע. איך זאָג דאָך דיר: — ער איז טויט... געשוויגן. אויך דזשאָן איז געווען טויט. זיי זײַנען געבליבן דריי.

מאַרטין האָט געזאָגט:

— די טויכער קומען שוין ניט אַרונטער...

געזאָגט און אַנטשוויגן געוואָרן.

אין נובערגס קאָפּ האָבן די געדאַנקען ניט גערוט. איין געדאַנק האָט פאַרביטן אַ צווייטן. די אומרואיקייט איז אין אים געוואַקסן. אין אַלע גלידער איז געווען די אומרואיקייט. יעדער גליד האָט זיך אין ערגעץ געריסן. ניט געקענט אײַנליגן.

מ'האָט זיך באַדאַרפט ראַטעווען.

— דו זאָגסט עפּעס, טאָם?

— איך זאָג: — מיר מוזן זיך ראַטעווען.

— ראַטעווען?

ווי האָט מען זיך געקענט ראַטעווען? פון אויבן איז די רעטונג ניט געקומען. זי איז געווען, און ניט געראַטעוועט. ווי האָבן זיי זיך געקענט ראַטעווען?

— מיר דאַרפן זיך אַליין ראַטעווען. זיי האָבן ניט געקענט. זיי האָבן אפשר נאָך ניט געטאָן אַלץ. מיר ווייסן ניט. אָבער מיר מוזן זיך ראַטעווען פון דאַנען.

סאיער האט געפרעגט:

— וואס איז דיין פלאן, טאם?

— איצט זיינען זיי איבער אונז. זיי האבן ניט געקענט אזוי שנעל פארלאזן דעם ארט. וועלן מיר אנטאן די אנצוגן — און פון דאנען... און מיר דארפן דאס טאן גלייך.

מארטין האט געזאגט:

— וועגן וואס פאר א רעטונג רעדסטו? אויב זיי, דארטן, האבן אונז די הילף ניט געקענט געבן, — ווי וועלן מיר דאס טאן? א, טאם, דו ווייסט גאר ניט וואס דו רעדסט. אומזיסט די אנ־שטריינגונג. לאמיר אויפגעבן. לאמיר שטארבן צווישן אלעמען... אט ליגן זיי דארטן, באפרייטע. און מיר דארפן זיך אויך אוועק־געבן גאטס גוטן רשות...

נובערג האט מיט כעס געזאגט:

— אט הייבסטו שוין אן דיינע רייד, מארטין. ס'איז די לעצטע קארט, — דארף מען זי שפילן. מיר ווילן ניט שטארבן, ווי זיי. מיר קענען נאך קעמפן. וואס זאגסטו, ביל?

סאיער האט געזאגט:

— איך וויל ניט שטארבן אזוי.

— און איך וויל דא אויך ניט שטארבן, א פאר'סם'טער, ווי א מויז. איך וויל קעמפן פאר מיין לעבן. און דו אויך, מארטין, רייד ניט קיין נארישקייט. אלע אינײנעם דארפן מיר קעמפן. מיר זיינען דריי.

זיי זיינען געווען דריי. די לעצטע דריי. די חברים זיינען געווען טויט. און פאר זיי איז נאך געווען עפעס, וואס האט פארבונדן מיטן לעבן. האט מען די פארבינדונג ניט געטארט פארלירן. מ'האט זיך אין איר באדארפט ארייןקלעמערן און אנהאלטן זיך אן איר ביזן לעצטן אטעם.

נובערג האט זיך, דער ערשטער, אויפגעהויבן. און גלייך נאך אים איז אויך אויפגעשטאנען סאיער. און גלייך האבן ביידע אנגעצונדן די האנט־לעמפלאך. געבליבן שטיין א רגע אין א

פאַרלאָרנקייט פאַר דער באַוועגונג פון די אויפגעשראָקענע שאָטנס.

מאַרטין איז געבליבן אויף זיין אָרט. זיין האַרץ איז אים מיט אַמאָל געוואָרן שווער. זיינע גלידער זיינען געוואָרן שווער. אַ מורא האָט אַרומגענומען ווי מיט הענט. פאַרוואָרגן דעם גאָרגל. וואָס האָבן די צוויי געוואָלט טאָן? זיי ווילן זיך אויפהייבן און אַוועקגיין ערגעץ. ער וועט בלייבן אַליין מיט די טויטע. ער וועט דאָ אויסגיין אַליין צווישן די טויטע.

נובערג האָט געזאָגט:

— איז וואָס הייבן מיר אָן צו טאָן?

סאָיער האָט זיך מיט גרייטקייט אָפּגערופן:

— פריער ווילן מיר אָנטאָן די אָנצוגן.

— יע. פריער — די אָנצוגן, און נאָכדעם...

— און וועלכן דורכגאַנג ווילן מיר נוצן?

נובערג האָט ניט לאַנג געטראַכט. געזאָגט:

— יענעם. אין קאָנטראָל־צימער.

איצט איז געוואָרן קלאָר. די גאַנצע סטרוקטור פון דעם רעטונג־דורכגאַנג אין דער קאָנטראָל־אָפּטיילונג איז דורכגעגאַנגען אין געדאַנק. די גאַנצע סטרוקטור איז געווען איינגעשטעלט אַזוי, אַז זי זאָל, אין פאַל פון אַ קאַטאַסטראָפע, דינען פאַר אַ רעטונג־אויסוועג. דער דורכגאַנג האָט געפירט דורכן בריק־טורעם אַרויס פון דער סובמאַרין. איצט האָט מען נאָר באַדאַרפט די קראַפט פון לופט. אָבער אַזוי ווי קיין געפּרעסטע לופט איז שוין ניט געווען, האָט מען זיך באַדאַרפט באַנוצן מיט אַן אַנדער מיטל. מ'האָט באַדאַרפט עפענען אונטן אַ וואַסער־רער, לאָזן פאַרפלייצן און פאַרטרינקען דעם גאַנצן ליידיקן שטח אַרום אַזוי, אַז דאָס וואַסער זאָל צונויפטרייבן די לופט פון אַלע ווינקלאָך אין דעם געעפנטן דורכגאַנג, וואו זיי ווילן זיך געפינען אָנגעטאָנענע אין זייערע רעטונג־אָנצוגן, גרייט אַרויסצושטייגן דורך דער מורא־דיקער טיפקייט צו דער אויבערפלאַך. דאָס וואַסער וועט זיך רעגלמעסיק הויבן, אָנפילן דעם ליידיקן חלל מיט וואַסער און וועט

צוזאמענפרעסן די לופט ביז אזא שטארקייט, אז דער דרוק פון דער לופט אין דעם רעטונג־דורכגאנג וועט זיך אויסגלייכן מיטן דרוק פונם ים, פון דרויסן. נאכדעם וועט מען עפענען דעם קלאמער איבערן קאפ מיט א סטילסאן־צוואנג, אויפהויבן דאס דעקל, און דאס איבעריקע וועט שוין טאן די לופט: — זי וועט זיי „ארויסשיסן" צו דער אויבערפלאך, ווי אין א לופט־באלאן.

דאס איז געווען אי פשוט, אי קאמפליצירט. אויך אין דעם זיינען געווען פארוויקלט גרויסע געפארן. איין געפאר גרעסער פון דער צווייטער. דערצו איז שווער געווען, אין פאראויס, צו באשטימען, צי עס וועט זיין גענוג לופט פאר דעם צוועק. עס איז אפילו ניט קלאר געווען, צי אלע דריי וועלן זיך קענען אויף אמאל ארייַנקלייבן אין דער רעטונג־עפענונג. דאס וואסער האט זיי געקענט פארטרינקען נאך איידער דער נויטיקער דרוק פון דער לופט וועט דערגרייכט ווערן. קיינער האט פאר זיך ניט געהאט קיין פריערדיקן ביישפיל. מענטשן האבן זיך פריער אויך געראטעוועט אויף אזא אופן. אבער פון א קליינער טיף. פון א גרעסערער טיף האט זיך נאך קיינער קיינמאל ניט געראטעוועט. עס זיינען געווען געפארן אויך אויבן, נאך דעם ווי די אויבערפלאך וואלט דערגרייכט געווארן. דער קערפער, באפרייענדיק זיך פלוצלונג פון דעם גרויסן דרוק, וואלט ניט אויסגעהאלטן דעם פלוצלאכן איבערבייט אין די אטמאספערישע באדינגונגען. דער ניטראגען, וואס אקומולירט זיך אין די בלוטן, וואלט אויפגעריסן פון אינווייניק די בלוט־אדערן און אטאקירט די נערוון אזוי, אז דער, וואס וואלט זיך געראטעוועט פון די טיפעניש, וואלט סיי ווי געשטארבן אין די גרויזאמסטע יסורים פון א פאראליטישן אנפאל אויף דעם נערוון נעסט פון דעם חוט־השדרה.

עס איז אויך געווען א געפאר, שוין אויבן, ביים ארויסשטייגן, זיך אנצושלאגן אן שיפן, אדער אנדערע קעגנשטאנדן, וואס האבן געקענט שטיין גראד פונקט איבערן קאפ, אינם וועג פון ארויסדרינגען.

עס זיינען געווען טויזנט שוועריקייטן און טויזנט געפאַרן זיינען זיי געגאַנגען אַנטקעגן. די נאַטור איז געווען קעגן זיי. די גאַנצע וועלט איז געווען קעגן זיי. אין זיי אַליין איז שוין ניט געווען גענוג כחות בייצושטיין דער קלענסטער שטערונג.

אָבער סאַיער האָט שוין געאײַלט:

— נו, לאָמיר זיך נעמען צו דער אַרבעט... מיר דאַרפן זיך אײַלן. זיי קענען נאָך פאַרלאָזן דעם אָרט. דאַן זיינען מיר פאַרפאַלן.

די צוויי לעמפּלאַך האָבן זיך אַ באַוועג געטאָן אין די הענט פון די צוויי חברים, און סנאַפּעס ליכט האָבן זיך גענומען רוקן אין דער ריכטונג, וואו עס זיינען געלעגן די רעטונג־אַנצוגן, וואָס די מענטשן האָבן זיי גערופן „לונגען". אין אַ מינוט אַרום האָבן זיי זיך צוריקגעקערט מיט דריי אַנצוגן, דורכגעקוקט זיי אינם ליכט פון די לעמפּלאַך. אַלץ אין די אַנצוגן איז געווען אין אָרדע־נונג. איצט האָט מען זיי נאָר באַדאַרפט אָנטאָן.

מאַרטין האָט די גאַנצע צייט געקוקט אויף די צוויי חברים און האָט געשוויגן. אַ מורא האָט אים אַרומגעכאַפּט. וואָס האָבן זיי געוואָלט טאָן? איז דאָס טאַקע מעגלאַך, אַז זיי זאָלן זיך, אויף אַזאַ אופן, קענען ראַטעווען?

ער האָט פּלוצלונג געזאָגט:

— איך וויל ניט... טוט וואָס איר ווילט... איך וויל ניט!

אַזאַ שרעק האָט אים אַרומגעכאַפּט. עס איז געווען אַזוי, ווי אין דעם אַנצוג אַליין איז שוין געווען דער טויט. אין דעם אָנטאָן פון אַנצוג האָט ער מיט אַלע חושים דערפילט דעם אַרויפגע־צוואונגענעם טויט. ער האָט ניט געוואָלט. ניין. ער האָט ניט געוואָלט. ער האָט קוים איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און נאָך אַמאָל געזאָגט:

— איר הערט? — איך וויל ניט... איך וויל ניט!

נובערג האָט אָנגעשטעלט אויף אים דאָס ליכט פון זיין לעמפּל. אַ קוק געטאָן אים אין פּנים און געזאָגט:

— מיר ווילן זיך ראַטעווען. פאַרשטייסט, צי ניט? — מיר ווילן לעבן.

מאַרטין האָט אינגאַנצן געציטערט. נאָך אַמאָל געזאָגט:

— איך וויל ניט.

נובערג האָט אָפּגעוואַרט. געזאָגט:

— ווילסט מיר זאָלן דאָ פּגרן, ווי פאַר'סמ'טע ראַצן. אָט וואָס דו ווילסט, מאַרטין.

אָבער מאַרטין איז נאָך געווען פאַר'עקשנט. געוואָרפן זיך אויף דער ערד אין קאָנוואולסיעס. געווען ענלאָך צו אַ קינד, וואָס האָט זיך ניט געוואָלט לאָזן באַשטראָפן פון אַן עלטערן, פון אַ שטאַרקערן. געבעטן זיך און גע'טענה'עט:

— טוט וואָס איר ווילט... אָבער מיך לאָזט אָפּ... לאָזט מיך דאָ אַליין אויסגיין. איך קען ניט. איך קען ניט... לאָזט מיך דאָ מיט די איבעריקע... איך וויל מיט זיי.... איך וויל ניט דעם אַנצוג...

סאַיער האָט זיך אַריינגעריסן אין זיינע פאַר'עקשנטע רייד:

— דו ווילסט אונזער טויט, מאַרטין. פאַרוואָס ווילסטו אונזער טויט? אָט זע: דריי זיינען מיר פאַרבליבן. דריי פון זיבן און צוואַנציק. פאַרוואָס זאָלן מיר שטאַרבן? זאָג פאַרוואָס? וואו איז דער זין אַוועקצוגעבן זיך דעם טויט אָן קאַמף? אויבן איז דאָס לעבן. אַלע דיינע זיינען אויבן... און דו רעדסט אַזוינע רייד.

און עס איז געווען אין סאַיערס רייד פאַרדראָס, געבעט און אויך באַשולדיקונג.

נאָכדעם האָט נובערג געזאָגט:

— טו אַ קוק: האָבן מיר באַליידיקט אונזערע טויטע חברים? און דו ווילסט, אַז מיר זאָלן דיך דאָ איבערלאָזן און נאָך ברענגען אויף דיר דעם טויט. ווילסט אונז מאַכן פאַר מערדער... אָט זיינען מיר מיט דיר דאָ געווען אינאיינעם די גאַנצע צייט. האָט אימיצער פון אונז געוואַגט צו טאָן אַזאַ זאַך, ווי דער לייטענאַנט

פּאַרקער? דער הונגער האָט אויפגעגעסן אונזער איינגעווייד, אָבער מיר זיינען געבליבן מענטשן. מיר האָבן די טויטע ניט אַנגערירט. ניין, מיר האָבן זיי ניט אַנגערירט... און דו רעדסט. ווילסט מיר זאָלן אויף דיין טויט זיך ראַטעווען. אַך, מאַרטין, מאַרטין...

מאַרטין האָט ניט געקענט איבערטראָגן אַזעלכע רייד. אַזעלכע רייד זיינען דאָס געווען, וואָס עס איז זיי שווער געווען צו הערן. ער האָט זיך צונויפגעדרייט אין אַ בייגל, איינגעקאָרטשעט זיך ביז ווייטיק אין אויסגעליידיקטע געדערים און פּלוצלונג זיך פאַנאַנדערגעוויינט. געוויינט, געוויינט, ווי אַ קינד, מיט טרערן און מיט אַ פאַרקלעמטן הארצן. געפילט די גערעכטיקייט אין די רייד פון די חברים, אָבער ניט געהאַט אין זיך קיין כח און קיין ווילן איינצושטימען צו זייערע פּלענער. פּונקט ווי ניט ער אַליין, נאָר אימיצער אין אים האָט געפאָדערט און באַצוואונגען צו שטאַרבן דווקא דאָ.

די צוויי חברים האָבן שוין דערווייל זיך אָנגעטאָן אין די אַנצוגן. געהאָלפן איינער דעם אַנדערן. זיי האָבן געפילט די ווילדקייט אין מאַרטינס באַנעמונג. אָבער איצט האָט זיך די ווילדקייט ניט אַזוי געמערקט. מ'איז שוין דאָ צו איר געוואוינט געווען. אַלע, וואָס זיינען דאָ געשטאָרבן האָבן אַרויסגעוויזן אַזוי פיל ווילדקייט, אַזאַ מאָדנע באַנעמונג, אַז דאָס איז געווען ניט מער ווי אַ קאַפּריז פון אַ קראַנקען מענטשן. דערפאַר האָט נובערג נאָך אַמאָל רואיק געזאָגט:

— איז וואָס־זשע זאָגסטו, מאַרטין? מיר זיינען פאַרטיק...

מאַרטין האָט ניט געענטפערט. געלעגן און געכליפּעט.

האָט נובערג נאָך אַמאָל געזאָגט:

— איך זאָג: — שטיי אויף. טו אָן דעם אַנצוג. ניטאָ קיין צייט... און קווענקל זיך ניט. עס איז ניטאָ קיין אַנדער אויסוועג.

און סאָיער האָט אויך געזאָגט:

— טו זיך אָן, און לאָמיר אַרויס פון דער לאָך, מאַרטין. דו ווייסט ניט וואָס דו טוסט. און איך דערקען דיך ניט, ביסטו דאָס מאַרטין?... זיי אַ מאַן. וואָס האָסטו זיך צעכליפּעט ווי אַ פרוי... עך, מאַרטין, מאַרטין...

ביידע האָבן זיך איבער אים איבערגעבויגן און אויפגעהויבן, אַוועקגעשטעלט אים אויף די פיס. מאַרטין האָט זיך געלאָזט. גענומען אַרויפציען אויף אים דעם אנצוג און אַפילו, איבער אים, דעם ערשטן, פאַרשלאָסן דעם העלמעט. און נאָכדעם האָט מען שוין ניט גערעדט.

עס איז שווער געווען צו באַוועגן זיך אין די קליידער. די אָפּגעשוואַכטע גלידער האָבן קוים געקענט טראָגן די שווערקייט פון דעם אנצוג. אָבער אַלע דריי האָבן זיך ביסלאַכווייז אַרויס־גערוקט פון דעם באַטאַריי־צימער, פריער איז געגאַנגען סאַיער. נאָך אים — מאַרטין און נאָך מאַרטינען — נובערג. שווייגנ־דיקע און געהיימניספולע, זיינען זיי דורכגעקראָכן דורך דער טיר פון די אָפּטיילונגען, ניט אומקערנדיק זיך צוריק צו דעם אָרט, וואו זיי האָבן דורכגעלעבט די שוידערלאַכסטע יסורים, ניט אומ־קערנדיק זיך צום לעצטן מאָל אַ קוק צו טאָן אויף די טויטע חברים. געגאַנגען מיטן שוואַכן ליכט, ווי דורך אַ געהיימניספולן טונעל, גערוקט זיך פאָראויס, כדי שוין קיינמאָל מער ניט צוריקצוקערן זיך, ניט אין לעבן און ניט אַפילו אין טויט.

קאפיטל צוויי־און־צוואנציק

עס איז געווען די לעצטע איילנדיקע צוגרייטונג. דער פּלאַן איז שוין געווען אויסגעארבעט. מ'האָט נאָך אַמאָל עקזאַמינירט די אַנצוגן, וועלכע האָבן אַרומגענומען מיטן שטאָף פון גומי און לייוונט און האָבן זיך פאַרשטייפט אַרום דער טאַליע און אָרעמס, ניט אַדורכצולאָזן קיין וואַסער. דער העלמעט האָט אַרומגעשלאָסן דעם קאָפּ. די לופט, וואָס מ'האָט אַרויסגעאָטעמט איז גלייך רעגענערירט געוואָרן דורך די כעמישע שטאָפן, אינעם העלמעט, און האָט אָן שאָדן פאַר די לונגען, געקענט אַזוי איבערגעאָטעמט ווערן אין משך פון עטלאַכע שעה.

די גאַנצע צייט האָט געבויערט דעם קאָפּ אַ שוועריקייט: — ווי פאַרפּלייצט מען די אָפּטיילונגען אַזוי, אַז פריער זאָל אַרויס־געשטופּט ווערן די גאַנצע לופט פון דער באַטאַריי־אָפּטיילונג אין דעם קאָנטראָל־צימער און נאָכדעם ערשט זאָל אויך פאַרטרונקען ווערן דער קאָנטראָל־צימער מיט דעם קאַמער, אויבן? עס איז באַשלאָסן געוואָרן, מ'זאָל עפענען מיט אַ „סטילסאָן" דעם הויפּט וואַסער־רער, וואָס ציט זיך דורך דעם באַטאַריי־צימער צו דער טאָרפּעדאָ־אָפּטיילונג, פאַרמאַכן די טיר און לאָזן דאָס וואַסער אַרויסשטופּן דאָס גאַנצע לופט דורך דער גרויסער ווענט־עפענונג גלייך אין קאָנטראָל־צימער, נאָכדעם — עפענען דעם וואַסער־רער אויך דאָ און פאַרטרינקען אויך דעם צימער.

עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן, אַז מאַרטין און סאָיער זאָלן זיך ביידע אַריינקלייבן, די ערשטע, אין דעם קאַמער פון דעם רעטונג־אַרויסגאַנג, פאַרבלייבן דאָרטן און וואַרטן מיט געצייג אין די הענט, גרייט צו עפענען דעם אייבערשטן צודעק אַזוי שנעל, ווי עס וועט נאָר זיין נויטיק. נובערג האָט זיך אונטערגענומען צו עפענען די רערן און צוריקקערן זיך צו די חברים, ווען די אַרבעט פון עפענען די רערן וועט זיין אינגאַנצן פאַרטיק.

די צוויי האָבן זיך פאַרקליבן אויבן אין קאַמער. נובערג האָט

זיי געהאָלפן אריינקלייבן זיך אהינצו, צורעכטגעמאכט אַלע מעכאַנישע פאַרבינדונגען וואָס האָבן געקענט קאָמפּליצירן די רעטונג ארבעט. און אַז אַלץ איז געווען אַזוי, ווי ער האָט געוואָלט, האָט ער זיך מיט אַ „סטילסאָן" אין איין האַנט און מיט אַ לעמפּל אין דער צווייטער, אַוועקגעלאָזט צוריק, צו דער באַטאַריי־אָפּטיילונג. פּונקט איבער זיין קאָפּ איז געהאָנגען, אַן איינגעשלאָסענע אין הענג־רינגען, די רער. מ'האָט זי באַדאַרפט ארויסדרייען פון איר נאָענטסטן געלענק מיט דעם „סטילסאָן". נובערג האָט די רער אָנגענומען, אויפגעהאָנגען זיך אויף דעם הענטל. די רער האָט זיך ניט אַ ריר געטאָן. ער האָט שווער געאַרבעט. ער האָט אָנגעשטריינגט אַלע כחות. אומזיסט. די רער איז געבליבן אומבארירט. נובערג האָט פאַרשטאַנען, אַז דער כח פון איין מענטשן איז ניט געווען גענוג. מ'האָט באַדאַרפט עטלאַכע מענטשן. זאָל ער ארונטעררופן די חברים? וואָלטן זיי טאַקע געקענט העלפן? ער האָט איינגעזען, אַז אַלע דריי וואָלטן איצט מיט זייערע שוואַכע כחות אפשר ניט געקענט אַ ריר טאָן די רער פון איר אָרט. און צייט איז געווען ווייניק. מ'האָט זיך באַדאַרפט איילן. וואָס טוט מען? עס איז אים איינגעפאַלן, אַז אין דעם אָנצוג, מיט אַ פאַרשלאָסענעם העלמעט איבערן קאָפּ, וועט אפשר ניט זיין קיין צו גרויסע געפאַר צו עפענען די טיר צו דער פאַרטרונקענער טאָרפּעדאָ־אָפּטיילונג און נאָכדעם אומצוקערן זיך צו די חברים איבערן שטראָם פונם אָנלויפנדיקן וואַסער. עפענען יענע טיר איז גראָד געווען לייכט. מ'האָט נאָר באַדאַרפט אָפּשרויפן אביסל דאָס קלאַמערל, און מיט אַ זעץ מיטן „סטילסאָן" איבערן הענטל, ארויפצו, וואָלט די טיר, געשטופּט פון דער אומגעהייערער שווערקייט פון וואַסער, הינטער איר, אַליין אַ פּראַל געטאָן אויף צוריק, אריינלאָזנדיק דאָס יאָגנדיקע וואַסער. ער אַליין האָט זיך נאָר באַדאַרפט היטן ניט צו שטעלן זיך אַנטקעגן דעם לויפנדיקן שטראָם. דאָס וואַסער וואָלט אים אומגעוואָרפן און פאַרשליידערט ווי אַ שפּענדל, אָן קאָנטראָל — און וואָלט אים זיכער אויפן אָרט

דער׳הרג׳עט. דאָס איז געווען אַ געפערלאַכע אונטערנעמונג. אָבער אויך פאַר דעם איז געווען אַ מיטל. ער האָט זיך נאָר באַדאַרפט אוועקשטעלן אין אַזאַ פּאָזיציע, אַז דער ערשטער, שטאַרקסטער שטראָם זאָל אים אויסמיידן. ער האָט זיך צוליב דעם געקענט אוועקשטעלן הינטער דער וואַנט און גלייך זיך לאָזן שווימען מיט די זייטיקע שטראָמען צו דער טיר פון קאָנטראָל־צימער. דאָרטן וועט ער נאָך אפשר האָבן צייט צו פאַרמאַכן די טיר אויך. און אויב אַפילו ניט, וועט אויך ניט זיין אין דעם קיין גרויסע געפאַר. אין עטלאַכע מינוטן צייט וועלן סיי ווי ביידע אָפּטיילונגען אָנגעפילט ווערן מיטן וואַסער ביז דער נויטיקער הויך.

די אויסרעכענונג האָט געשיינט צו זיין אַ ריכטיקע. און עס איז ניט געווען קיין צופיל צייט נאָך אַמאָל אַלץ איבעראַניים איבערצוטראַכטן. די חברים זיינען שוין אַ היבשע צייט גע־שטאַנען אינם קאַמער, אויסגעמאַטערטע פון אומזיסטן וואַרטן. איצט איז אַלץ געווען אין זיינע הענט. ער אַליין האָט באַדאַרפט באַשטימען און טאָן, וואָס מ׳האָט באַדאַרפט.

אַ וואַרעמקייט האָט פּלוצלונג אָנגערירט זיין האַרץ. אַ וואַרעמקייט פון אַ פאַרבאָרגענער פרייד, ווי אין אַ רגע פון אַ געפערלאַכן שפּיל. עס איז אין דעם געווען מער געפאַר, ווי שפּיל, אָבער די געפאַר האָט ער שוין ניט געזען און ניט געפילט. געפילט נאָר אין זיך די פרייד און די מאָדנע וואַרעמקייט, וואָס איז אויפ־געגאַנגען אין אים פון זיך אַליין. און נאָכדעם איז שוין ניט געווען קיין אָפּהאַלט.

שוין מיט אַנטשלאָסענע טריט צוגעטראָטן צו יענער טיר און אָפּגעדרייט דעם קלאַמער. נאָכדעם אָפּגעטראָטן אַן אַ זייט, אוועק־געשטעלט זיך הינטער דער וואַנט און, פון דערווייטן, אַ זעץ געטאָן מיטן „סטילסאָן" אַרויפצו דאָס הענטל. און גלייך, ווי ער האָט דאָס געטאָן, נאָך איידער דער מאָרך האָט צייט געהאַט נאָך אַמאָל צו באַנעמען, וואָס ס׳האָט באַדאַרפט זיין זיין ערשטע באַוועגונג,

האָט זיך מיט אַ ברום און אַ געקראַך, דאָס וואַסער אַריינגעריסן אין דער אויפגעשראָקענער אָפּטיילונג. ס'איז געווען אַזוי, ווי אַ ווילדע חיה, וואָס איז, ווער ווייסט וויפיל יאָרן, געווען איינגע־שפּאַרט אין אַ שטייג, וואָלט זיך פּלוצלונג אַדורכגעריסן דורך אַלע שטערונגען, און, אַ באַפרייטע, אַרויסגעברומט איר ערשטן מורא־דיקן געשריי. און גלייך האָט זיך שוין אין דער אָפּטיילונג אָנגעהויבן צו דרייען, אין אַ ווילדן געדריי, די אויפגעשראָקענע, אַריינגעיאָגטע לופט. עס איז אַנטשטאַנען אַ שרעקלאַכער געדרענג פון אויפגעקאָכטע, אויפגערייצטע וואַסערן.

נובערג האָט צייט געהאַט איין קליינע רגע אַ לויכט צו טאָן מיטן לעמפּל דאָס שוימענדיקע געלאַף פון די וואַסערן. גלייך נאָכדעם האָט אַן אומזעבאַרע האַנט שוין אַרויסגעריסן פון זיין האַנט דאָס לעמפּל און ער האָט מיט אַלע זיינע אברים דערפילט דעם נייעם, אומבאַזיגבאַרן כח, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין דער אָפּטיילונג. דערפילט, און גלייך זיך אונטערגעגעבן זיין גרויסער קראַפט, וואָס האָט אים אַריינגעכאַפּט און פאַרדרייט אין אַ ווירבלענדיקן, אַלץ פאַרטווישנדיקן געדריי. ער האָט ניט געוואוסט, ניט געקענט וויסן, וואו עס איז געווען די טיר צו דעם קאָנטראָל־צימער. ער האָט פאַרגעסן, אַז דאָס איז געווען זיין ציל. ער האָט אַלץ פאַרגעסן. געפילט נאָר, ווי ער ווערט אַרומגעשליידערט פון טויזנטער כחות פון איין אָפּגרונט צו אַ צווייטן. עס איז געווען שרעקלאַך און אַנגענעם פון דעם ווירבלענדיקן געדריי. און עס האָט זיך אים געוואָלט אַוועקגעבן, אַוועקגעבן. נאָך אַ רגע, און נובערג האָט דערפילט, ווי עס האָט זיך אין אים געצונדן און אויסגעלאָשן געוואָרן דאָס לעבן. טויזנט מאָל אין איין איינציקער סעקונדע האָט זיך עס אָנגעצונדן און טויזנט מאָל — אויסגעלאָשן געוואָרן. ביז עפּעס אַ שרעקלאַכער קלאַפּ, וואָס איז, ווי פון אים אַליין, פון זיין אינגעווייד, געקומען פלוצלונג און היים, און אַלץ, מיט איין מאָל פאַרברענט און אויסגעלאָשן אויף אייביק.

* * *

אין דעם רעטונג־קאַמערל האָבן די צוויי — סאַיער און מאַרטין — מיט פרייד דערפילט דאָס אַנלויפנדיקע וואַסער. דאָס וואַסער איז שוין געווען הויך, אָבער נובערגן האָט מען ניט געזען. נובערג איז ניט געקומען. פאַרוואָס האָט ער זיך ניט צוריקגעקערט? און פאַרוואָס האָט זיך דאָס וואַסער אַזוי אימפּעדיק געהויבן? און ווידער אַמאָל: — וואוהין האָט געקענט אַהינקומען נובערג? סאַיער האָט געעפנט דאָס קליינע קלאַמערל אין דעם העלמעט און עטלאַכע מאָל אַ געשריי געטאָן אין דער עפענונג אונטן:

— טאָם! העי, טאָם! — וואו ביסטו?

קיינער האָט ניט אָפּגעענטפערט.

עס איז געווען מאָדנע, וואָס נובערג איז נאָך ניט געקומען, און דאָס וואַסער איז שוין געווען אַזוי הויך, האָט זיך געהויבן מיט אַזאַ שנעלקייט. ער האָט פאַרהאַקט צוריק דאָס קלאַמערל און אַוועקגעשטעלט זיך צוריק אויף זיין אָרט. אָבער עס איז שוין ניט געווען קיין זיכערקייט אין טאָמס נובערגס צוריקקער. אַרום אים איז געווען אַן אומרו. צווישן זיי און נובערגן איז געווען פינסטערניש און אומבאַוואוסטקייט און שווייגן.

סאַיער האָט זיך צוגערוקט מיט זיין העלמעט נעענטער צו מאַרטינס העלמעט. געזאָגט:

— מאַרטין, טאָם איז נאָך ניט געקומען.

זיין קול האָט זיך אָנגעשלאָגן אָנס מעטאַל פונם העלמעט און געבליבן אינווייניק. מאַרטין האָט אָבער פאַרשטאַנען. אַבּיסל דערהערט און אַביסל פאַרשטאַנען. אויך געזאָגט:

— טאָם איז ניטאָ. וואו האָט ער זיך געקענט פאַרשטעקן?

און אויך סאַיער האָט דערהערט מאַרטינס קול אינם פאַרמאַכטן העלמעט. און ס'איז פון דעם געווען אומעטיק.

אַלץ איז שוין געווען גרייט. דאָס דעקל, אויבן, איז שוין געווען באַפרייט פונם האַלטנדיקן קלאַמער. און נובערג איז ניט געווען.

דאָס וואַסער האָט זיך געהויבן מיט אַן אומגעהייערער שנעל־

קייט. און פון וואַנען האָט זיך געקענט נעמען דאָס וואַסער? אַזוי פיל וואַסער מיט אַמאָל! נובערג איז נאָך ניט צוריקגעקומען און דאָס וואַסער האָט שוין געהאַלטן אין פאַרטרינקען דעם קאָנ־טראָל־צימער. דער דרוק פון דער לופט האָט זיך צו שנעל געביטן. עס איז שווער געווען אַריבערצוטראָגן דעם צו־שנעלן בייט אין די אַטמאָספערישע באַדינגונגען. און אויפן האַרצן איז געווען שווער. נובערג איז ניט געווען.

פון דעם שווערן, קיינמאָל ניט איבערגעלעבטן דרוק, האָט אַרומגעכאַפּט אַ שווערע פיזישע אומבאַקוועמלאַכקייט. עפּעס האָט פּאַסירט מיטן קערפּער און מיט יעדן גליד באַזונדער, וואָס איז שווער געווען אַריבערצוטראָגן. אַזאַ צושטאַנד פון אומבאַקאַנטער פּיינלאַכקייט, וואָס דריקט אויף אַלע אברים מיט אַמאָל און האַלט דעם גאַנצן קערפּער, ווי איינגעשמידט אין אַן אַפּגוס פון שטאָל. אַ, ס'איז געווען אַזוי שווער. ניט אַריבערצוטראָגן! עס איז שווער געווען צו ציען דעם אָטעם. עס איז שווער געווען צו פאַר־שטיין און געדענקען. נאָר דער קאָפּ אַליין איז געווען לייכט. דער קאָפּ האָט זיך אָפּגעטיילט פונם קערפּער און געשוועבט. גע־שוועבט אין אַ פּוסטקייט. און אויך דאָס האַרץ איז געווען ווייט, ווייט און איז געפאַלן, געפאַלן אין אַן אומענדלאַכקייט אַריין, ווי אין אַ זיסער פאַרגעסונג. אין אַ חלשות. אָבער נאָך איין לעצטער אָפּגעריסענער געדאַנק האָט נאָך געבויערט דעם מאַרך און ניט געלאָזט זיך אָפּרייסן פון דער ווירקלאַכקייט. ניט געלאָזט זיך אינגאַנצן פאַרגעסן: — טאָם נובערג.

וואו איז געווען נובערג? פאַרוואָס האָט זיך נובערג ניט צוריקגעקערט?

און סאַיער האָט עטלאַכע מאָל, מיט די לעצטע כחות, אויסגע־שריען אין דער פינסטערניש אַריין, ווי אין אַ טעמפּער טויבער וואַנט אַריין:

— טאָם, טאָם!...

די ווערטער זיינען, פאַרשטיקטע, געשטאָרבן אין זיין העלמעט.

ניט ארויסגעדרונגען. אבער ער האט נאך עטלעכע מאל ארויס־געשריען:

— טאם!... העי, טאם נובערג!...

עס איז שוין שווער געווען אריבערצוטראגן דעם שטייגנדיקן דרוק. דאס וואסער איז שוין געווען הויך. זייער הויך. דאס וואסער האט שוין געגרייכט ביז די לענדן. דאס וואסער האט זיך שוין אפגעשטעלט ארום די לענדן. און עס איז געווען ענג ביז דערוואָרגן צו ווערן. מ׳האט זיך באדארפט ראטעווען. עס איז געווען די לעצטע רגע. מארטינס פיס האבן זיך אונטער־געבויגן און זיין קערפער האט גענומען פאלן, ווי אן אונטער־געשניטענער.

סאיער האט פארשטאנען: — מארטין האט גע׳חלשט. און אט וועט ער שוין אויך פארלירן דעם באוואוסטזיין.

אינסטינקטיוו א הויב געטאן די האנט צום אויבערשטן דעקל. זי איז געווען גרינג. זי האט גאר קיין וואג און ממשות ניט געהאט. ווי א פעדערל זיך א הויב געטאן און אפגעפאלן, עפענענ־דיק דעם ארויסגאנג פון דער טיפעניש אין א טיפעניש אריין. און גלייך, עס איז אפילו קיין ביסל צייט ניט פארלאפן, האט א כח א ריס געטאן דעם קערפער ארויפצו, ארויסגעריסן אים פון דער עפענונג, און פארדרייט אים אין א פיינלאכן, אומ׳ברחמנות׳דיקן געדריי, וואס האט געדויערט אייביקייטן. אין דעם געדריי האבן זיך געריסן און אפגעטיילט די גלידער פונם קערפער, גליד נאך גליד, און זיי פארשליידערט אין אן אומגעהייערער ווייטקייט אריין.

און נאכדעם איז שוין קיין זאך ניט געווען, וואס זאל זיך קענען פארצייכענען אין זכרון. עס איז אויפגעגאנגען א גוטע, ווארעמע פינסטערניש און ארומגענומען מיט גוטסקייט יעדן אבר און איינגעשלעפערט. פארטונקלט אלץ אין א פארגעסונג.

קאפיטל דריי־און־צוואנציק

איבערן וואסער איז געהאנגען איין־איינציקע שיף. א רעטונג־שיף פון דער אייגענער סובמארין־באזע. זי האט זיך געוויגט אויף די כוואליעס. געווארפן זיך פון זייט אויף זייט פון די אנקומענדיקע ווינטן. איר מאנשאפט האט אין איילעניש צונויפגענומען די רעטונג־מכשירים. ארויפגעצויגן, אויף רעדער, די רערן און קאבעלן־שטריק, וואס האבן זיך נאך געצויגן פון דער טיפעניש. ריגערס האבן געקלעטערט און פארפעסטיקט אלערליי פארבינדונגען ארום די מאסט־ביימער און דעריקן פון דער שיף.

איבער דעם ארט איז אביסל פריער געשטאנען א גאנצע פלאטיליע פון רעטונג־שיפן און עטלאכע סובמארינען. א גאנצע ארמיי טויכערס איז געווען גרייט איינער נאכן אנדערן ארונטערצולאזן זיך אין די טיפענישן, ברענגען הילף דער פאראומגליקלאכטער מאנשאפט פון דער „Z-1". אבער, שוין די ערשטע וואס האבן זיך צוריקגעקערט, האבן מיט זיך צוריקגעבראכט ביטערניש און אנטוישונג. זיי זיינען ארונטער אין די טיפענישן געזונטע און האבן זיך צוריקגעקערט צעבראכענע, האלב־פאראליזירטע. האבן זיך געווארפן אין שוידערלאכע קאנוואולסיעס. דאקטוירים האבן איבער זיי באדארפט שעה'ען לאנג ארבעטן. האלטן זיי אין דעם דעקאמפרעסיע־טאנק. און אפילו דאן, האט מען ניט געקענט אויף זיכער וויסן, צי עס זיינען נאך דא לעבעדיקע מענטשן אויף דער „Z-1", צי אלע זיינען אונטערגעגאנגען אינאיינעם מיט זייער שיף.

עס האבן זיך געפונען נאך עטלאכע טויכער, וואס האבן העלדיש איינגעשטעלט זייערע לעבנס און זיינען ארונטער ביז אויפן דעק פון דער „Z-1". אבער אויך זיי זיינען, קוים מיטן לעבן, באוואוסטלאזע און צעבראכענע, געקומען צוריק מיט גארנישט. בלויז איינער, וואס איז אין עטלאכע שעה ארום געשטארבן, א פאראליזירטער, האט ניט אויפגעהערט, אין אן

אגאַנישן יאָמער, ווי אַ משוגענער, צו טענה'ן, אַז ער האָט געהערט „לעבן" אין דער „Z-1".

— אָ, זיי לעבן!... איך האָב געהערט זייער רייסן זיך אין דער באַטאַריי־אָפּטיילונג... איך זאָג אייך: — איך האָב געהערט!... אָ, מיר מוזן זיי ראַטעווען!... איר הערט... איר הערט... ראַטעוועט זיי!...

ער האָט דאָס געזאָגט, און אַנטשטומט געוואָרן.

בלויז ער איינער האָט געהערט דעם רוף פון די פאַראורטיילטע, דאָרטן אינם בויך פון דער סובמאַרין, און לענגער פאַרבליבן, כדי צו געבן זיי האָפענונג און גלויבן. אָבער דערפאַר האָט ער באַצאָלט מיט זיין אייגענעם לעבן. ער איז, אין שרעקלאַכע יסורים, אויסגעגאַנגען, טענה'נדיק, אַז ער האָט געהערט „לעבן" אין דער געזונקענער סובמאַרין. אָבער נאָך זיין טויט איז אַנטשטאַנען אַ צעמישונג אין די רייען פון די טויכער. אַ צעמישונג אין די רייען פון די אָנפירער מיט דער רעטונג־קאָמפּאַניע. אַ געפּאַלנקייט. מענטשן האָבן ניט געקענט אַריינקוקן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן. אָט זיינען שוין עטלאַכע מענטשן געפּערלאַך קראַנק. ווער אפשר קיינמאָל אינגאַנצן ניט געזונט ווערן. ווער פאַרבלייבן קאַליקעס. און אָט איז שוין איינער געשטאָרבן. צי האָט זיך נאָך געלוינט פאַר דער צוויי־פלהאַפּטער רעטונג פון עטלאַכע מענטשן איינשטעלן די לעבנס פון געזונטע, לעבנסלוסטיקע מענטשן? און ווער האָט געקענט צוגיין צו אַ צווייטן און זאָגן: — גיי, שטעל איין דיין געזונט און דיין לעבן. קיינער האָט דאָס ניט געקענט טאָן. ניין, קיינער האָט עס ניט געקענט טאָן!

מ'האָט זיך באַראַטן. די אָנפירער האָבן זיך באַראַטן און די טויכער האָבן זיך באַראַטן. און עס איז געווען אַ שווערקייט. עס איז שוין פאַר אַלעמען געווען קלאָר: אונטער אַזאַ דרוק פון ים איז אוממעגלאַך צו טאָן די רעטונג־אַרבעט. קיין מענטש וועט דעם דרוק ניט קענען אַריבערטראָגן. און אויך די מענטשן, וואָס וועלן זיך אַרויסקלייבן פון דער באַטאַריי־אָפּטיילונג, וועלן

זיכער דעם דרוק פון ים ניט אויסהאלטן. אן אומזיסטע ארבעט. אן אומזיסטע איינשטעלעניש. פונדעסטוועגן האט זיך נאך איינער, א יונגער טויכער, געפונען, וואס האט זיך אנגעבאטן אראפצוגיין אין די טיפענישן. ער איז געווען בלייך, און אלע האבן אין זיין פנים איבערגעלייענט דעם צייכן פון טויט. אבער קיינער האט אים ניט אפגעהאלטן. מ'האט אויף אים, שווייגנדיק, אנגעטאן דעם אנצוג, און ארונטערגעלאזט מיט א באזונדער ציטער אין אלע אברים, אזוי ווי מ'וואלט, צום לעצטן מאל, מיט די אייגענע הענט, ארונטערגעלאזט א נאענטן אין קבר אריין.

דער טויכער האט א קליינע ווײַלע פארבראכט אויפן דעק פון דער „Z-1" און קוים צייט געהאט, מיט די לעצטע כחות, צו געבן דעם סיגנאל מ'זאל אים צוריק ארויפציען. ער איז ארויסגענומען געווארן פונם אנצוג, א באוואוסטלאזער. נאכדעם איז שוין פאר אלעמען געווען קלאר. די רעטונג קאמפאניע איז פארענדיקט.

דער קאמאנדיר, וואס האט געטאן די אנפירנדיקע ארבעט האט פארענדיקט דעם לעצטן פראטאקאל. אן אפשלוס פון דער גאנצער ארבעט. פרובירט פארגרעסערן דעם צווייפל וועגן דעם, אז עס איז נאך געווען „לעבן" אין דער „Z-1". די רייד פון דעם פאר־שטארבענעם טויכער מינימיזירט, כאראקטעריזירנדיק זיי שטארק מיט דעם דעלירישן צושטאנד, אין וועלכן דער טויכער האט זיך געפונען. אונטערגעשטראכן דעם פאקט, וואס די מארס־טעלע־פאנען זיינען געווען טויט. אלע פארבינדונגען דורך זיי האבן ניט געבראכט קיין רעזולטאטן. דעם לעצטן טויכערס אקט האט ער באצייכנט, אלס אינגאנצן א פרייוויליקע טאט, אראפנעמענדיק פון זיך די פאראנטווארטלאכקייט.

דאס אלץ, מיט אסך אנדערע איינצלהייטן, זיינען ראדיא־גראפירט געווארן אין דער הויפטקווארטיר, און באלד איז געקומען די פארארדענונג אומצוקערן זיך אין די באזעס. די רעטונג ארבעט האט זיך פארענדיקט. די שיפן האבן צונויפגענומען די מכשירים און מיט די אנטוישטע מאנשאפטן אוועקגעלאזט זיך

לאַנגזאַם אַהיים מיט דער שווערקייט פון אַ דורכגעפאַלענער אַרבעט.

געבליבן איז נאָך איין שיף, די לעצטע. און אויך זי איז שוין גרייט געווען צו פאַרלאָזן דעם אומגליקלאַכן אָרט. אַוועקציען זיך אַהיים און געפינען דאָרטן רו און פאַרגעסונג פון דעם שווערן פולשטענדיקן דורכפאַל, וואָס מ׳האָט ערשט דורכגעלעבט. דער קאָמאַנדיר פון דער שיף איז געווען שווייגנדיק און בייז. אונטן איז געלעגן די „Z-1" מיט דער גאַנצער מאַנשאַפט. אין איר אינגעווייד זיינען נאָך אפשר געווען לעבעדיקע מענטשן. אפשר האָבן זיי נאָך געוואַרט, אַז די מענטשן אויבן וועלן זיי אַרויס־ראַטעווען. ווער האָט געקענט וויסן? קיינער האָט ניט געקענט וויסן דעם אמת. און פאַרלאָזן דעם אָרט האָט מען שוין געמוזט. מער קיין רעטונג־אָפּעראַציעס האָט מען שוין ניט געקענט און ניט געטאָרט אָנפירן.

דער קאָמאַנדיר האָט געטראַכט וועגן יענע שיפן, וואָס האָבן זיך אַלץ ווייטער און ווייטער אַוועקגערוקט צום האָריזאָנט. זיי, די ערשטע, איז לייכטער געווען צו פאַרלאָזן דעם אָרט. אָבער אים, דעם לעצטן, איז שווער געווען. ער איז געווען אַ נאָענטער חבר מיט דעם קאָמאַנדיר פון דער „Z-1", קאַלווין פּאַרקער. ער האָט געקענט גוט די איבעריקע צוויי אָפיצערן, וואָס זיינען מיט דער אומגליקלאַכער שיף אונטערגעגאַנגען. ער האָט אפילו געקענט אייניקע פון דער נידעריקערער מאַנשאַפט. ער האָט געקענט דעם קוואַרטירמייסטער, מאַרטין. ווער פון זיי האָט געלעבט? ווער פון זיי איז שוין געווען טויט? זיינען זיי שוין אַלע געווען טויט? עס איז געווען שווער און טרויעריק. דער קאָמאַנדיר האָט זיך כמעט פאַרגעסן אין זיינע ביטערע געדאַנקען. ניט געהערט די פּלוצלאַכע געשרייען פון עטלאַכע קולות אויף אַמאָל. מענטשן האָבן פּלוצלונג איבערגעריסן דעם שווייגן. וואָס האָבן מענטשן אַזוי געשריען?

איינער איז מיט גוואַלדיקן אימפּעט געלאָפן צו זיין בריקל און ניט אויפגעהערט צו שרייען:

— סקיפער, סקיפער! זעט, זעט!... דאָרטן זיינען אַרויס־געשווואומען קערפּערס! קאַמאַנדיר!...

דער קאַמאַנדיר האָט זיך אַ וואָרף געטאָן מיט די אויגן אויף די בערגלאַך־כוואַליעס, וואָס האָבן זיך געהויבן און אַרונטער־געלאָזט. ער האָט נאָך קיין זאַך ניט געזען, אָבער שוין געוואוסט, אַז עפּעס האָט פּאַסירט, וואָס איז אומדערוואַרטעט און אויסער־געוויינלאַך. געזאָגט:

— וואו? וואו?!...

און דער מענטש איז שוין געשטאַנען לעבן אים און אָנגעוויזן:

— אָט, דאָרטן!... זעט, זעט... אָט דאָרטן... צוויי!... אָ, גאָט!

דער קאַמאַנדיר האָט דערזען. אָבער דער מענטש איז שוין ווידער ניט געווען לעבן אים. עס איז שוין ניט נויטיק געווען קיין קאָמאַנדע. מ'האָט שוין, אין איילעניש, אַרונטערגעלאָזט אַ שיפל. אייניקע מאַטראָסן זיינען שוין, איידער וואָס־ווען, אַריינגע־שפּרונגען אין וואַסער אַריין און געשוואומען צו די שווימענדיקע קערפּערס.

עס איז ניט געווען קלאָר צי די צוויי האָבן געלעבט. זיי זיינען געווען אויפן וואַסער, ווי טויטע. געוואָרפן זיך, לעבלאָז. געהויבן זיך און אַרונטערגעלאָזן זיך מיט די כוואַליעס. קיינער האָט ניט געזען קיין באַוועגונג פון אַ האַנט. ניט געהערט קיין געשריי. דערצו זיינען זיי נאָך געווען מיט די העלמעטן איבערן קאָפּ. מ'האָט ניט געקענט זען זייערע פּנימער. און, שוין ווען זיי זיינען מיט שוועריקייט אַרויסגעצויגן געוואָרן פון וואַסער און שוין שפּעטער, אויף דער שיף, האָט מען נאָך אַלץ ניט געוואוסט צי זיי לעבן. זיי זיינען געווען באַוואוסטלאָז. האָבן זיך ניט געלאָזט אָפּמינטערן. און ערשט, ווען מ'האָט איבער זיי לאַנג און געדולדיק געאַרבעט, אין דעם דעקאָמפּרעסיע־קאַמער, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז בלויז איינער האָט נאָך אין זיך געהאַט לעבן. דאָס איז געווען סאַיער. סאַיערס האַרץ האָט נאָך געקלאַפּט. און עס האָבן

נאָך געלעבט עטלאַכע מוסקולן אין זיין קערפּער. מ׳האָט אים געהאַלטן לאַנג אין דעקאָמפּרעסיע־טאַנק. געוואַרעמט און רעגו־לירט די פונקציעס פון זיין קערפּער און פון זיין אָטעם.

אָבער מאַרטין איז געווען טויט. מ׳האָט פון אָנהויב אָן איינגעזען, אַז דער מענטש איז שוין געווען טויט אַ היבשע צייט. אָבער מ׳האָט געטאָן איבער אים אַלץ, וואָס עס האָט זיך געפאָ־דערט. יע, מאַרטין איז געווען טויט.

* * *

איינער האָט נאָך געלעבט. ער זאָל נאָר עפענען די אויגן! ער זאָל נאָר זאָגן אַ וואָרט! דערמאָנען אַ דעטאַל. אַנטפּלעקן כאָטש איין קליינעם אָנהויב פונם סוד! און אַלע וואָלטן שוין געוואוסט דעם אמת, וואָס האָט זיך ביז איצט ניט געוואָלט אַנטפּלעקן. וואָס פאַר אַ גליק עס וואָלט געווען! וואָס פאַר אַ גליק פאַר דער גאַנצער וועלט!...

ראַדיאָגראַמען האָבן אָנגעזאָגט דער גאַנצער וועלט וועגן די צוויי געפונענע מענטשן. די שיפן, וואָס זיינען שוין געווען ווייט אין ים, האָבן זיך, אין איילעניש צוריקגעקערט. עס איז געווען אַן אַלגעמיינע צערודערונג. מ׳האָט ווידער ניט געוואוסט וואָס צו טאָן און וואָס אָנצואווענדן. צוויי האָבן זיך פּרובירט ראַטעווען. האָבן זיך אויך געקענט באַנוצן די אַנדערע מיטן זעלביקן מיטל. צוויי האָבן געלעבט, האָבן געקענט לעבן אַלע. אָדער אַ טייל פון דער מאַנשאַפט. וואָס האָט מען געזאָלט טאָן?

שיפלאַך זיינען אַרומגעשוואומען איבער די כוואַליעס און געהיט די אויבערפלאַך. די גרעסערע שיפן האָט מען פאַראַנקערט אַביסל ווייטער פון דעם אָרט, וואו ס׳איז געלעגן די „Z־1", אויס מורא, אַז די אַרויסשטייגנדיקע פון די טיפענישן, וואָס וואָלטן, אויף דעם אופן פון די ערשטע צוויי, געפּרואווט נאָכטאָן זייער ביישפּיל, זאָלן זיך ניט צעשמעטערן אָן זיי. אויף אַלע שיפן איז געשטאַנען אַ וואַך, גרייט צו ברענגען די ערשטע הילף.

אזוי זיינען פאַראיבער שעה'ען. און סאַיער, וואָס איז געלעגן איינגעוויקלט אין אַ וואַרעמער, וואָלענער קאָלדרע, איז נאָך אַלץ ניט געקומען צו זיך. ער האָט זיך נאָך געוואַקלט צווישן לעבן און טויט. ניט געוואָלט אויסקלייבן צווישן לעבן און טויט. געווען אין פאַרגעסונג. ניט געוואוסט אַז איבער אים זיינען געשטאַנען מענטשן און געוואַרט אויף זיין אַנטשיידונג: — וואָס ס'האָט באַדאַרפט זיין דער ערשטער שריט ווייטער. ער איז געווען דער שליסל צו אַלע רעטענישן. אָבער קיין צוגאַנג צו אים אַליין איז ניט געווען. ער אַליין איז געווען אַ סוד, וואָס האָט אין זיך, ווי אין אַ פאַרמאַכטער שאַל, געהאַלטן אַלע סודות. ניט געוואָלט אַנטפּלעקן זיך. איבער אים און אין אים איז נאָר געווען שווייגן. וואָלט ער כאָטש אַ באַוועג געטאָן מיט אַ האַנט, אָדער אַ בליק געטאָן מיט די אויגן, וואָלט מען אפשר אין דעם געקענט דערזען עפּעס, ארויינטייטשן עפּעס. אָבער ער איז געווען שטומער שווייגן און סוד.

און ערשט נאָך שעה'ען לאַנגע פון וואַרטן און וואַכן איבער אים, האָט סאַיער פּלוצלונג געעפנט די אויגן, געקוקט אַ ווײַלע אַנטקעגן, ווי ער וואָלט זיך אויף דער רגע פאַרטראַכט. אין זיינע אויגן איז ניט געווען קיין לעבעדיקער פייער. זיי זיינען געווען אָפן, אָבער זיי האָבן קיין זאַך ניט געזען. זיי האָבן קיין זאַך ניט באַנומען, ווי בלינדע. ניין, סאַיער האָט קיין זאַך ניט פאַרשטאַנען. ס'איז געווען אַ וועלט, וואָס האָט זיך ניט געוואָלט אַנטפּלעקן. האָבן זיך די אויגן־דעקלאָך ארונטערגעלאָזן איבער די אויסגעלאָשענע שוואַרצאַפּלען און ווייטער איז ער געווען אַ ניטדאָאיקער.

אָבער די, וואָס זיינען איבער אים געווען, האָבן אויפגערעגטע און דערפרייטע, שוין געשריען אים אין פּנים אַריין:

— דו לעבסט... דו לעבסט... ביסט געראַטעוועט!... ווי פילסטו?...

די אויגן לעפלאָך זיינען געווען אַראָפּגעלאָזן און האָבן זיך

ניט אויפגעהויבן אויף דעם רוף פון די מענטשן. און דער, וואָס האָט גערעדט, האָט נאָך עטלאָכע מאָל נאָכאַנאַנד ווידערהאָלט זיין רוף:

— ביסט גראַטעוועט... זאָג: — וואָס מאַכסטו?...

און ווידער האָט סאַיער געעפנט זיינע אויגן, ברייט און פאַר־נעבלט געקוקט פאַראויס, און ווידער קיין זאַך ניט פאַרשטאַנען. געקוקט און ניט געזען. איבער אים האָבן זיך געקנוילט מענטש־לאַכע געשטאַלטן. און די געשטאַלטן האָבן עפּעס געשריען צו אים, אומגעדולדיקע, דערפרייטע און פאַרלאַרענע, זשעסטיקולירט און באַוועגט זיך אין אַן אומפאַרשטענדלאַכער באַוועגעניש. ווער זיינען געווען די פרעמדע געשטאַלטן? וואָס האָבן זיי געטאָן איבער אים? וואָס האָבן אויסגעדריקט זייערע אומגעדולדיקע באַוועגונגען? עס איז געווען אַ פרעמדע וועלט, אַן אומפאַר־שטענדלאַכע. ער האָט געקוקט און געקוקט. אין זיין בליק איז געווען פאַרוואונדערונג. אַ רגע און נאָך אַ רגע. זיין בליק האָט געקראָגן אויסדרוק. זיינע אויגן האָבן אָנגעהויבן ארומבלאָנדזשען און זוכן. זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעשטרענגט צו געפינען עפּעס. נאָכדעם האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם, וואָס איז געווען גלייך איבער זיי, און אין זיי איז געווען בלויז פאַרוואונדערונג:

— וואו בין איך? אָ, וואו בין איך?... און וואָס איז עס אַלץ אַרום מיר?...

אַזוי האָבן געפרעגט די אויגן זיינע, און דער, וואָס איז געווען איבער זיי, האָט געענטפערט:

— איר זייט גראַטעוועט... איר זייט אויף דער שיף „פּענג־ווין”... פון אונזער זעכצנטער פלאָטיליע... איר זייט גראַטעוועט.

סאַיער האָט זיך אָנגעשטרענגט צו פאַרשטיין. אָבער ער האָט נאָך קיין זאַך ניט פאַרשטאַנען. און דער מענטש איבער אים האָט זיך געאיילט. ניט געוואָלט פאַרלירן די רגע. געוואָלט דערגיין:

— און וואָס איז מיט די איבעריקע פון דער מאַנשאַפט? און וואָס איז מיטן לייטענאַנט קאַלווין פּאַרקער?... ווער לעבט נאָך?... אָ, פאַרוואָס זאָגט ער עפּעס ניט? ס'איז דאָך אַזוי וויכטיק... זאָל ער עפּעס זאָגן. און פון וואָס איז די „Z-1" אונטערגעגאַנגען?... אַט שטייט אַ גאַנצע פּלאַטיליע און וואַרט אויף זיין וואָרט... זאָל ער עפּעס זאָגן.

סאַיערס אויגן האָבן זיך ווידער צוגעמאַכט. אָבער דאָס מאָל אויף אַ קורצער רגע. זיי האָבן זיך באַלד געעפנט און ווידער איז אין זיי געווען נאָר פאַרוואונדערונג. זיינע אויגן האָבן געפרעגט:

— ווער זייט איר?... אָ, ווער זייט איר?... איך שטאַרב.

אַ דאָקטאָר האָט זיך איינגעבויגן איבער אים און האָט אים איינגעגעבן אַ געטראַנק, וואָס איז פון פריער געווען אָנגעגרייט. דער קראַנקער האָט אַליין ניט געקענט דערשלינגען דאָס געטראַנק. האָט מען אָנגעווענדעט מעדיקאַמענטן. און אויך נאָכדעם האָט דער קראַנקער ניט פאַרלאָרן דעם אויסדרוק פון פאַרוואונדערונג און שרעק. ווייל ער האָט אַלץ ניט פאַרשטאַנען, וואו ער איז געווען און ווער עס זיינען געווען די געשטאַלטן, וואָס האָבן עפּעס מיט אים געטאָן און וואָס זיי האָבן פון אים פאַרלאַנגט. סוד האָט ניט געוואָלט אַנטפּלעקט ווערן. סוד האָט געוואָלט בלייבן סוד.

נאָכדעם האָט זיך אין סאַיערס מאַרך אָנגעצונדן אַ קליין פּינטעלע. אָנגעצונדן זיך, ווי אַ ווייט פלעמל, וואָס זיין ליכט האָט ניט דערגרייכט ביזן מאַרך. און דער מאַרך איז געבליבן פינסטער. האָט זיך סאַיער אונטערגעגעבן דער פינסטערניש. אַריינגעפאַלן אין אַ פאַרגעסונג, פון וועלכער קיין אויסערלאַכער כח האָט שוין אים ניט געקענט אויפוועקן. אין מאַרך האָט זיך אויסגעלאָשן דאָס ליכט און ער איז געבליבן ליגן מיט זיין פרעמד־קייט און מיט זיין סוד. און קיינער האָט צו אים ניט געקענט

גרייכן, ווי אין אַן איינגעשלאָסענער פעסטונג. די, וואָס זיינען איבער אים געשטאַנען, האָבן געמיינט, אַז ער שטאַרבט.

אָבער סאָיער איז נאָך ניט געווען טויט. אין אַ שעה אַרום האָט ער ווידער געעפנט זיינע אויגן. זיין מאַרך איז נאָך געווען פינסטער, אָבער דאָס קליינע פלעמל, וואָס האָט זיך פריער אָנגעצונדן, האָט שוין דורכגעלויכטן די פינסטערניש. זיין בליק איז געווען ליכטיקער. אין קאָפּ האָבן זיך געפלאָכטן דערינערונגען. עס האָבן זיך גענומען אויסשיילן קורצע, אָפּגעריסענע עפּיזאָדן, בילדער און פּנימער, אָפּגעריסענע און אומקלאָרע, האָבן גענומען אַרויסקריכן פון אַ פינסטערניש. וואו איז דאָס אַלץ געווען? ווען איז דאָס אַלץ געווען?

נובערג און מאַרטין און מאַגלי און דזשאָן... די פינסטערע לאָך פון דער סובמאַרין. און ווידער מאַרטין. וואָס איז איצט געווען מיט מאַרטינען? זיינע אויגן האָבן געזוכט מאַרטינען. געזוכט מיט פיינלאַכער בענקשאַפט: מאַרטין, מאַרטין, מאַרטין.

אָבער קיינער האָט ניט פאַרשטאַנען זיין בליק.

דער דאָקטאָר איבער אים האָט אין אים אַריינגערעדט:

— נו, אָט. ס'איז גוט, וואָס ער האָט זיך זיך אָפּגערוט... איצט וועט ער שוין זיכער געזונט ווערן... נאָר אָט זיינען נאָך ניט אַלע געראַטעוועט... ער און מאַרטין האָבן אַרויסגעשטיגן, און די איבעריקע — ניט. און וואָס איז געווען מיט זיי? פאַרוואָס זאָגט ניט סאָיער, וואָס איז געוואָרן מיט זיי? לעבן זיי? וועלן זיי אויך אַרויס צו דער אויבערפלאַך אויפן זעלביקן אופן, ווי זיי האָבן עס געטאָן? אַ, ווען ער זאָגט! ס'שטייט אַ גאַנצע פלאָטיליע און וואַרט אויף זיין וואָרט. קיינער ווייסט ניט וואָס צו טאָן... וואָס זאָל מען טאָן?

סאָיער האָט זיך ערשט איצט אַלץ דערמאָנט. זיי אַלע אונטן זיינען געווען טויט. און ער האָט געלעבט. און ער איז צוריקגעקומען צו דער וועלט. אַלע האָבן זיי געוואָלט קומען צו דער וועלט. זיי האָבן געהאָפט, אַז מ'וועט זיי אַרויסראַטעווען. און

קיינער איז אזוי לאנג ניט געקומען זיי ראטעווען... א, פארוואס איז קיינער ניט געקומען? פארוואס האט מען זיי פארגעסן אין דער פינסטערניש?

סאיער איז געווען אויפגערעגט. ניט געקענט כאפן דעם אטעם. ער האט געוואלט שטראפן און באקלאגן זיך. ווערטער האבן זיך געריסן פון גארגל. ער האט געוואלט וויינען. ער האט געוואלט יאמערן. ער האט אבער ניט געקענט. אלערליי געפילן האבן זיך צונויפגעקנוילט אין איין איינציקן הארצן האבן זיך געשפארט ארויס דורך דעם פארווארגענעם האלז. געזוכט אן אויסדרוק. אליץ האט זיך אין אים געריסן צום לעבן.. און דאס לעבן האט זיך אוועקגעשטעלט קעגן אים, ווי א ברענענדיקע זון, און צו זיך ניט צוגעלאזן. ס'איז שווער געווען די אומבאהאלפנקייט אריבערצו־טראגן. האט ער ניט געוואלט לעבן. די חברים זיינען געווען טויט, האט ער אויך ניט געוואלט לעבן:

— זיי זיינען טויט. און איך לעב. איך לעב... איך וויל ניט.

געזאגט, און גלייך האט זיך א הייסער שטראם טרערן אויס־געגאסן פון זיינע אויגן און פארבלענדט די וועלט. און אויך דאס איז געווען פון אומבאהאלפנקייט. ניין, ער האט ניט געוואלט לעבן. ער האט ניט געהאט קיין כח אנצוהויבן נאך אמאל דאס לעבן. געוואלט שטארבן. און וואס האבן די מענטשן פון אים געוואלט? פארוואס האבן זיי נאך אים געמוטשעט? פארוואס האבן זיי אים ניט געלאזט שטארבן?

און ווידער איז ער, אן אויסגעשעפטער, אריינגעפאלן אין א פארגעסונג.

* * *

און ארום אים, אין דער גאנצער רעטונג־פלאטיליע, איז געווען א צערודערונג. קיינער האט ניט געוואוסט וואס צו טאן. דער סוד ארום דער „Z-1" איז נאך געווען סוד. ראדיאגראמען האבן זיך געטראגן דורך דער לופטן צו די ווייטסטע טיילן פון דער וועלט. זיי זיינען נאך ניט געווען קלארע און אויסגעשפראכענע. זיי

האָבן נאָך ניט אַנטפּלעקט קיין דעטאַלן. אָבער שוין די ידיעה אַליין האָט אויפגערודערט די וועלט. סאָיערם ביסעלע לעבן איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרויסער פרייד און סימפּאַטיע פון דער גאַנצער וועלט. זיין איינציק לעבן האָט מיט אַמאָל געקראָגן אַ וועלט־זין און אַ ווערט פאַר מיליאָנען.

און די שיפן זיינען נאָך אַלץ געשטאַנען אויף דער וואַך. הונ־דערטער מענטשן האָבן ניט אַראָפּגענומען זייער וואַכזאַם אויג פון דער אויבערפלאַך. מ׳האָט נאָך אַלץ געהאָפט, אַז דער ים וועט אַרויסוואַרפן אויף דער אויבערפלאַך די פאַראומגליקלאַכטע מאַנ־שאַפט. אַוועקגעבן צוריק זיין רויב. אָבער קיינער האָט אַליין ניט געוואַגט אַרונטערצולאָזן זיך אין דער טיף. און קיינער האָט ניט געצוואונגען צו דעם. ווייל אָט זיינען שוין געווען גענוג קרבנות פון די אומזיסטיקע פרואוון. זיי זיינען געלעגן אין די שיף־שפּיטאָלן און געראַנגלט זיך מיטן טויט.

און ס׳איז שוין געווען ווייט נאָך מיטאָג. שעה׳ען האָבן פאַר־ביטן שעה׳ען. עס איז אָנגעקומען דער אָוונט. איבערן ים איז אויפגעגאַנגען אַ טונקעלע גראָקייט, די כוואַליעס זיינען געשוואָלן געוואָרן און האָבן אויף זייערע רוקנס שווער געוויגט און געוואָרפן די שיפן. און אַז ס׳איז צוגעפאַלן דער אָוונט האָט מען איבער די דעקן פון די שיפן, פון בריקל צו בריקל, פאַנאַנדערגעטראָגן די לעצטע קאָמאַנדע. און גלייך נאָכדעם האָבן זיך אָפּגעריסן פון זייערע ערטער די שיפן און זיך לאַנגזאַם אַוועקגעצויגן אין דער ווייטקייט אַריין. אין דער אָנקומענדיקער נאַכט אַריין. איין שיף איז געגאַנגען אין דעם קילוואַטער פון דער צווייטער, ווי אין אַ מאָדנער טרויעריקער פּראָצעסיע פון שיפן, וואָס האָבן אויף אייביק פאַרלאָזן אַ שוועסטער־שיף אין די טיפענישן פון ים און האָבן זיך איצט אומגעקערט אַהיים טרויעריקע, ווי אבלים, אומגע־קערט זיך אַהיים דורך נאַכט און דורך טרויער און דורך צער.

קאפיטל פיר־און־צוואנציק

ס'איז שוין געווען שפּעטער אינדערפרי, ווען די שיפן האָבן זיך אַריינגעצויגן אין האַפן. די פלאָטיליע האָט באַגעגנט אַ צאָל פון דער באַאַמטשאַפט פון דעם פלאָט. עס איז געווען אַן אָפיציעלע באַגעגעניש, וועלכע איז דורכגעפירט געוואָרן אָן איבעריקן פּאַראַד, אָבער מיט אַסך אָפיציעלקייט, און די אָפיציעלקייט איז געווען פייערלאַך.

דער קראַנקער האָט דורכגעמאַכט אַ שווערע נאַכט. זיין צושטאַנד האָט זיך פאַרערגערט פון שעה אויף שעה. עס האָבן זיך, מיט אַ מאָדנער שנעלקייט, אַנטוויקלט אַלערליי ניט פאָראויסגעזעענע קאָמפּליקאַציעס, אַלע פון אַ פּאַראַליטישן כאַראַקטער. די דאָקטוירים אויף דער שיף האָבן זיך ניט געקענט ספּראַווען מיט דער מאָדנער קראַנקייט, וואָס האָט ביסלאַכווייז, אָבער זיכער אַטאַקירט אַלע פונקציעס פון דעם אומגליקלאַכן סאַיערן, אויסגעלאָשן אין אים יעדן גליד, ווי עס לעשט אויס אַ שטאַרקער וואַסער־שטראָם אַן אויסגעשפּרייטן פייער.

אַז די שיפן זיינען צוגעקומען צו די פּיערן, איז ביל סאַיער מיט גרויס פאָרזיכט, אָבער אין איילעניש, איבערגעפירט געוואָרן אין אַ גרויסן שטאַטישן שפּיטאָל און איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון בארימטע ספּעציאַליסטן דאָקטוירים.

אַרום זיין לעבן איז איצט געווען קאָנצענטרירט די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פונם פלאָט און פונם גאַנצן לאַנד. זיין לעבן האָט געמוזט געראַטעוועט ווערן. דאָס איז געווען אין די אינטערעסן פונם גאַנצן לאַנד, אַז זיין לעבן זאָל, כאָטש אויף אַ צייט, פּרעזערווירט ווערן. אויף זיין לעבן האָט זיך איצט געהאַלטן אַ גרויסער טייל פון דעם פּרעסטיזש פונם פלאָט, וואָס האָט ערשט דורכגעלעבט אַ שענדלאַכן דורכפאַל, אי דורך דעם פאַרלוסט פון דער גרעסטער סובמארין, וואָס איז געגאַנגען דורכפירן אַ גרויסע נאַציאָנאַלע שליחות, אי דורך דער אומדערפאָלגרייכער רעטונג־

קאַמפּאַניע, וואָס אַ גאַנצע פלאָטיליע האָט דורכגעפירט, און פאַרלאָרן. סאַיערס איינציקער לעבן האָט טיילווייז אויך באַדאַרפט אויסקויפן דעם פאַרלוסט פון די אומגעקומענע זעקס און צוואַנציק לעבנס פון דער פאַרלאָרענער מאַנשאַפט. דערצו איז נאָך דער פאַל פון זיין רעטונג, אין זיך אַליין, געווען אַן אויסערגעוויינ־לאַכער, אַן איינצל־פאַל אין דער גאַנצער געשיכטע פון סובמאַרין רעטונגען. אַזאַ פאַל האָט באַדאַרפט אָפּגעהיט ווערן. און צוליב פיל אורזאַכן. פאַר דער אַנטוויקלונג פון סובמאַרינען, פאַר אַלערליי אינזשענעריש־וויסנשאַפטלאַכע באַגרינדונגען, גערעכט־פאַרטיקייטן, עקספּערימענטן. ער איז געווען אַ לעבעדיקע אָפּאַ־לאָגיע פאַר אַלערליי שוואַכע פּונקטן אין דער גאַנצער סובמאַרין־אינדוסטריע פון דעם פלאָט און פון אַלע פלאָטן פון דער גאַנצער וועלט.

דאָס אַלץ האָט זיין לעבן פּלוצלונג דערהויבן איבערן גאַנצן לאַנד. זיין לעבן האָט געקראָגן אַ גרויסע וויכטיקייט. ער איז ניט געווען בלויז דער יונגער ביל סאַיער, דער סובמאַרינער, וואָס האָט זיך אַנגעשלאָסן אַן דעם מאַרין־קאָרפּוס ווי טויזנטער אַנדערע זין פונם לאַנד. ער איז געווען אַ העלד. ער האָט איצט געצויגן צו זיך די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט. ביל סאַיער האָט געמוזט לעבן.

אָבער ביל סאַיער האָט ניט געוואָלט לעבן. ניין. ער האָט ניט געוואָלט. ער האָט געוואָלט וואָס שנעלער שטאַרבן. אין אים איז שוין געווען אַ קעלט. אַ קעלט אַ ניטדאַאיקע. די וועלט האָט ניט אויפגענומען קיין וואַרעמקייט. דאָקטוירים האָבן אים, דורך אַלערליי מיטלען, געוועקט צום לעבן. ער האָט געעפנט זיינע אויגן אַנטקעגן דעם לעבן, אָבער ער האָט שוין ניט געקענט זען דאָס ליכט פונם טאָג און באַוואונדערן זיין שיינקייט. די וועלט איז פול געווען מיט פינסטערניש און מיט פּיין. ער האָט ניט געוואָלט די וואַרעמקייט און דאָס ליכט. ער האָט געוואָלט, וואָס שנעלער, שטאַרבן.

אָבער די, וואָס זיינען געווען איבער אים און אַלע דאָקטוירים

האָבן געװאָלט, אַז ער זאָל לעבן. זײ האָבן אָפּגעהאַלטן דעם טויט. מיט געװאַלד פֿאַרלענגערט זײַן קומען. זײ האָבן זיך דורך ראַדיאָ, טעלעפֿאָן און טעלעגראַף פֿאַרבונדן מיט די גרעסטע ספּעציאַליסטן פֿון דער װעלט, געזוכט צװישן טױזנטער ענלאַכע קראַנקײטן אױף דער װעלט אַ הײלונג פֿאַר סאַיערן. און קײנער האָט זיך ניט געװאָלט צוהערן צו זײַן שטומען פּראָטעסט, צו זײַן שטומען געבעט צו באַפֿרײַען אים פֿון די אומזיסטע יסורים, װאָס האָבן איצט ניט געהאַט ניט קײן זין און ניט קײן נאָמען. װאָס איז געװען איצט זײַן לעבן? אַ װאונד, װאָס האָט געברענט אין אַן אײביקן יסורים־פֿײַער. און דאָס איז געװען זײַן װעלט און זײַן ביסל לעבן אױף דער װעלט. ער איז געװען פּאַראַליזירט אױף די װיכטיקסטע אָרגאַנען פֿון לעבן. ער האָט פֿאַרלאָרן די פֿײַאיקײט צו באַװעגן זיך און רײדן. ניט געקענט אױסדריקן, ניט מיט װערטער און ניט מיט גרימאַסן זײַנע גרױסע לײדן, אָדער אַפֿילו זײַן מענטשלאַכן פּראָטעסט קעגן זײ.

אַלץ איז געװען אַ פֿאַרגװאַלדיקונג. די אומבאַגרענעצטע אױפֿמערקזאַמקײט פֿון די דאָקטוירים און פֿון די באַרמהאַרציקע שװעסטער, די שפּײַז, װאָס מ'האָט אים אײַנגעגעבן דורך מעדיקאַמענטן, די רפֿואות. די װײַסקײט פֿון די אָפּגעקאַלכטע װענט און באַלקן זײַנען אױך געװען פּײַנלאַך. דאָס ליכט איז געװען נאָך פּײַנלאַכער. און שרעקלאַכער פֿון אַלץ איז געװען, װאָס דער קראַנקער האָט ניט פֿאַרשטאַנען — פֿאַרװאָס האָט מען אים אַזױ, פֿון שעה אױף שעה, געמאַטערט? דאָס איז געװען שרעקלאַך. ער האָט פֿײַנט געהאַט די װעלט. ער האָט פֿײַנט געהאַט די מענטשן.

* * *

אָװנט צײַט פֿון יענעם טאָג האָט מען דערלױבט דער מוטער אַרײַנצוקומען זען איר זון, װאָס איז אײנער געראַטעװעט געװאָרן פֿון דער שרעקלאַכער קאַטאַסטראָפֿע. די מוטער האָט דערװאַרט צו זען דעם זון אַ לעבעדיקן. די פֿרײד האָט זיך געריסן פֿון איר ברוסט אַנטקעגן דעם אָנבליק פֿון איר זון. און װען זי האָט אים

דערזען האָט זי דעם אָנבליק ניט געפּונען. זי האָט אים ניט דער־קענט. אַלע האָבן איר געזאָגט, אַז דאָס איז ער, איר געליבטער זון, אָבער זי האָט ניט דערקענט. געקוקט און געקוקט און ניט געקענט דערקענען. נאָכדעם, שוין נאָך אַ פּיבערדיקן זוכן פון אַ באַקאַנטן שטריך אין זיין געזיכט, האָט זי זיך צוועקגעזעצט און פאַנאַנדערגעוויינט זיך מיט די טרערן פון אַ מאַמען, וואָס האָט דערפילט מיט דעם מאַמישן האַרץ, אַז ס'איז שוין אַלץ פאַרלאָרן. און ס'מאַכט ניט אויס, צי דאָס איז ער טאַקע, איר זון, צי ער איז אַן אַנדערער. ס'איז שוין סיי ווי אַלץ פאַרפאַלן. אַ דאָקטאָר איז דערביי געשטאַנען און געוואַרט ביז זי וועט זיך אויסוויינען. נאָכדעם איז ער צוגעגאַנגען צו סאַיערן און אים אין די אויגן אריינגעשריען:

— ביל סאַיער, דאָס איז דיין מאַמע... זי איז געקומען דיך זען און באַגריסן.

און סאַיער האָט ניט געוואוסט, אַז דאָס איז געווען זיין מאַמע. אפשר אויך ניט געזען אירע צעקנייטשטע באַקן און ניט פאַר־שטאַנען איר געוויין איבער אים.

דער דאָקטאָר האָט זיך אַ קער געטאָן צו דער וויינענדיקער און געזאָגט:

— וויינט ניט, מוטער. אייער זון איז אַ העלד. איר דאַרפט זיך פרייען. אייער זון האָט זיך געראַטעוועט. אַנדערע זיינען אומגעקומען, און ער — אָט איז ער — ער לעבט. ער איז אַ העלד, אייער זון...

און עס איז ניט געווען קלאָר, צי ס'האָט זיך דערפרייט דער מאַמעס האַרץ מיט דעם דאָקטאָרס טרייסט־ווערטער. ווייל זי האָט נאָך אַלץ ביטער געכליפּעט צו זיך אין נאָז־טיכל און צי עס האָט געוואוסט דער קראַנקער ווער עס איז אים געקומען באַזוכן. ווייל ער איז געלעגן מיט אָפענע אויסגעלאָשענע אויגן, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין אויסדרוק, געלעגן אַן באַוועגונג אין די גלידער און אין די מוסקולן פון זיין געזיכט, ווי אַ מאַסקע אַן אויסגע־

גאַסענע פון וואַקס, בלייך און פאַרגליווערט, און אַנטשוויגן.

דאָס פּנים איז געווען אומבאַוועגלאַך. אָבער פון דער פאַר־גליווערטקייט האָט זיך געטראָגן אַ שטומער מענטשלאַכער פאַר־אורטייל:

— מוטער מיינע. ליבע מוטער מיינע. טו אַ קוק. טו אַ קוק אויף מיר. דאָס בין איך, דיין זון, וואָס דו האָסט אין ווייטיקן געבאָרן און אין זאָרג און אין ליבע דערצויגן. דאָס בין איך דיין זון. דיין פלייש און דיין בלוט, זעסט: מיין יעדער גליד איז אין מיר טויט. איך בין געשטאָרבן. אָבער איך זאָג דיר: — דאָס האָבן זיי מיך געטויט. דאָס האָבן זיי פאַר׳סם׳ט מיינע בלוטן און אויסגעטריקנט מיין מאַרך און געלאָזן מיך, מיט די טויטע גלידער אין מיין קערפּער, וואַרטן אויף מיין לעצטער רגע. דאָס האָבן זיי געטאָן. די מערדער און די פאַררעטער.

עס איז ניט געווען קיין רחמנות געבעט און ניט קיין יסורים־קלאָג, נאָר אַ שטומער מענטשלאַכער פאַראורטייל, וואָס האָט נאָך ניט געהאַט קיין נאָמען, אָבער שוין געזוכט אַ תיקון אויף דער וועלט. געוואָלט איינוואָרצלען אין דעם לעבן פון יעדן מענטשן ווי אַ פלאַנץ מיט זיינע וואָרצלען, אין דער מאַמע־ערד. געוואָלט קומען צום ראַנד פון לעבן מיט אַן אייגענער בשורה, ווי אַ קערנדל איינפלאַנצן זיך און נאָכדעם אומקערן זיך צוריק, אַן אויסגע־ליידיקטער פון אַ לעצטער שווערקייט, צו די, וואָס האָבן געוואַרט אויף זיין צוריקקער.

און אַזוי איז ביל סאָיער געשטאָרבן.

נאָכדעם איז די מוטער אַוועק, אַ געבויגענע צו דער ערד, אַ וויינענדיקע, אַ ניט געטרייסטע, אָבער מיטן צייכן פון שטומען אָנזאָג, וואָס זי האָט אַראָפּגענומען פון די טויטע ליפּן און פון די אויסגעלאָשענע אויגן און פון דעם אומבאַוועגלאַך־פאַרגליווערטן פּנים. געגאַנגען און געטראָגן, ווי אַ שווערקייט, צו די שוועלן פון איר היים אַ גרוס פון איר פאַרשטאָרבענעם זון.

קאַפּיטל פינף־און־צוואַנציק

אין די קליידער פון דעם פאַרשטאָרבענעם מאַרינער האָט מען נאָך מיט אַ טאָג פריער, באַלד נאָך דעם, ווי מ'האָט אים אַרויפגעבראַכט אויף דער שיף, געפונען עטלאַכע קליניקייטן, וועלכע האָבן געזאָלט געבן אַ ווערכן עס איז ענטפער אויף דער געהיימניס. וואָס האָט אַרומגערינגלט די קאַטאַסטראָפע פון דער „Z-1". אין די קעשענעס פון סאָיערס רעקל האָט מען געפונען אַ האַנט־לעמפּל, עטלאַכע שטיק קלענערע געציייג, אַ נאָז־טיכל און אַ שטיקל פון אַ בלייפעדער. דאָס אַלץ, אינאיינעם מיט די קליידער, האָט מען איבערגעגעבן פאַר אַ גרינטלאַכער אונטערזוכונג. אָבער דורך אַ מאָדנעם, אומפאַרשטענדלאַכן צופאַל האָט מען פאַרזען אין אַן אינוויניקסטער קעשענע פון רעקל דעם האַלב־צעריסענעם נאָטיץ־ביכל, אין וועלכן סאָיער האָט אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן פאַרשריבן זיינע נאָטיצן.

און די קליניקייטן, וואָס מ'האָט געפונען און די קליידער האָבן קיין זאַך ניט אַנטפּלעקט. סוד איז פאַרבליבן סוד. וואָס ס'איז געווען די אורזאַך פון דער קאַטאַסטראָפע און ווי האָבן די מענטשן דורכגעלעבט דריי און אַ האַלב מעת־לעת — דאָס איז געבליבן אַ געהיימניס.

סאָיער איז אַ טאָג שפּעטער, מיט אַ שטילן מיליטערישן פּאַראַד באַערדיקט געוואָרן. זיין נאָמען איז אַראָפּ פון דער אָרדענונג פון לעבן. די וועלט האָט געוואָלט פאַרגעסן זיין לעבן, אָפּמעקן זיין נאָמען פון די געדעכענישן פון מענטשן און געשעענישן. ווייל עס איז געגאַנגען דאָס לעבן זיין גאַנג. און טעג האָבן פאַרביטן טעג און אַ מענטש האָט פאַרביטן אַ מענטשן, און נאָר אינם קליינעם שטיבל, אויף אַ ברעג פון שטאָט, האָט געטרויערט די משפּחה אויפן טויט פון אירן אַ גליד. באַוויינט זיין פּריציטיקן טויט און ניט געוואָלט געטרייסט ווערן.

און וואָכן זיינען אַזוי פאַראיבער. ביז ס'איז איינמאָל צום

גאניק פונם קליינעם הויז צוגעפארן א פאטשט־וואגן און איבער־געגעבן די פארוואונדערטע עלטערן א פעקל, וואס דער פלאט האט זיי צוגעשיקט. אין פעקל זיינען געווען סאיערס קליידער מיט די אלע קלייניקייטן, וואס מ'האט אין זיי געפונען. די אלטע איז צוגעפאלן צו די קליידער פון איר זון און ביטער געיאמערט. אירע וויינענדיקע פינגער האבן פיבערדיק ארומגעטאפט יעדן פעלדעלע פון איר זונס קליידער, אזוי ווי זי וואלט געוואלט געפינען אים, א לעבעדיקן, אין די אלע אויסגעטראטענע קליידער. זי האט געזוכט איר זון, אבער געפונען האט זי אין איינער פון די אינ־וויניקסטע קעשענעס זיין פארזעענעם נאטיץ־ביכעלע מיט אלץ, וואס אין ביכעלע איז געווען פארשריבן אין די לעצטע פיינלאכע טעג און נעכט פון זיין לעבן.

און יענעם אוונט איז שוין געזעסן די גאנצע פארטרויערטע פאמיליע ארום טיש און ארויסגעלייענט פון די האלב־צעריסענע, מיט שוואכן בלייפעדער פארשריבענע בלעטער דעם לעצטן ווייטן גרוס פון ביל סאיער, וואס זיינע ביינער זיינען געלעגן אין א קבר צווישן טויזנטער אנדערע קברים אויף נאענטער ערד און וואס זיין טויט איז געווען ווייט און געהיימניספול און טראגיש־אומ־פארשטענדלאך ווי א מיסטעריע. שטארק איז געווען דער געוויין אין די בלעטלאך איבער די אומזיסט־פארלארענע לעבנס אין דער טיפעניש פון ים, אבער נאך שטארקער איז אין זיי געווען דער שטילער פאראורטייל קעגן די, וואס האבן זיי אומ'ברחמנות'דיק געבראכט צום טויט. און פון צווישן די שורות און ווערטער, איז ווי א לעבעדיקער עדות, אויפגעשטאנען זיין יונג און פריציייטיק פארשניטן לעבן, וואס איז געגאנגען אויסקויפן זיין ברודערס אינוואלידישע ליידן און האט זיי אפילו מיטן אייגענעם טויטן ניט אויסגעקויפט.

און דא, לעבן טיש, איז געזעסן דער אינוואליד. ער איז געזעסן אומבאוועגלאך און אן אן אויסדרוק אויף זיין פנים. און נאר ווען זיין נאמען איז ארויסגעלייענט געווארן פונם ברודערס

נאָטיץ־ביכל, האָט ער זיך אַ ריר געטאָן און מיט אַ פֿאַרלאָרענעם בליק גענומען אַרומלויפֿן פֿון איינעם צו דעם אַנדערן, ווי זוכנדיק אַ שוץ.

נאָכדעם איז ער שוין פֿאַרבליבן אַן אומרואיקער ביזן סוף פֿונעם ברודערס טאָג־בוך. פּונקט ווי ער וואָלט מורא געהאַט נאָך אַמאָל דערהערן אַ דערמאָנונג וועגן זיך. און נאָר דער פֿאָטער, האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון זיין אָרט, אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער עלטער־לאַכער האַנט איבערן טיש און געזאָגט:

— די בעסטיעס האָבן צוגענומען מיינע צוויי זין... אָפּגע־נאַרט און פֿאַרפּייניקט... אָבער ניט מער!...

נאָכדעם האָט ער זיך אויפֿגערעגט, מיט ציטערנדיקע טריט, דורכגעגאַנגען איבערן צימער, אומגעקערט זיך צוריק צום טיש, אַוועקגעשטעלט זיך לעבן דעם אינגערן זון און מיט אַן אויס־געשטרעקטן פֿינגער געזאָגט:

— און דו זאָלסט ניט גיין. הערסט? — אַז מ׳וועט רופֿן — זאָלסטו ניט גיין.

ער איז געווען בלייך און זיין גאַנצער עלטערלאַכער קערפּער האָט געציטערט פֿון אויפֿרעגונג. ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן. געזוכט ווערטער און זיי מער ניט געפֿונען. דער מוטערס קאָפּ איז אַראָפּגעפֿאַלן צום טיש און אירע דאַרע, שוואַכע גלידער האָבן זיך גענומען וואַרפֿן אין קאָנוואולסיעס. אין הויז איז געווען שרעק און צעמישונג. און דער פֿאָטער האָט נאָך אַמאָל געזאָגט:

— זאָלסט ניט גיין!...

און דער יונגער זון איז געזעסן אַ בלייכער, מיט שטייף־צונויפֿגעלייגטע ליפּן און געשוויגן. די יונגקייט פֿון זיין פּנים איז אַראָפּ, ווי אַ מאַסקע. ער איז געווען עלטער פֿון זיינע יאָרן. אין אים איז געווען בייזקייט און שטייפֿקייט און אַנטשלאָסנקייט. ניט געקוקט אויף קיינעם. ניט געוואָלט באַגעגענען אַ צווייטן בליק. געוואָלט צונויפֿזאַמלען אין זיך די כּחות, וואָס האָבן

באהערשט זיין לעבן, און פארבאהאלטן זיי אין זיך, ווי א טייערן אוצר.

נאכדעם האט ער געזאגט:

— איך וועל זיי אלע מאל האלטן פאראנטווארטלאך פאר זיין טויט... אלע מאל.

ער האט צום ערשטן מאל אין זיין לעבן אזוי גערעדט. אלע האבן געשוויגן. געווארט. וואס נאך האט דער יונגער-סאיער געקענט זאגן? אבער יענער האט א קער געטאן זיך צו דעם אינוואליד, אריינגעקוקט אים אין די אויגן, און אזוי א ווײַלע געבליבן רוען מיט זיין בליק אין דער טיפער אויסגעלאשנקייט פון יענעמס אויגן. געזאגט:

— און אויך פאר דיר.

געזאגט, און אראפגעשלונגען א הארטקייט, וואס איז געשטאנען אין האלז.

אין דעם אינוואלידס אויגן האבן זיך אנגעצונדן קליינע טונקעלע פייערלאך, ווי קליינע אומרואיקע חיה'לאך, וואס מ'האט זיי אויפגעשראקן פון א טיפן שלאף. אין זיין ברוסט האט אויפגעווארעמט א רעגעדיקע פרייד. דער יונגער האט גערעדט וועגן אים. וואס נאך וועט דער יונגער זאגן וועגן אים? דאס הארץ האט אין אים געבענקט נאך א ווארט, וואס האט נאך באדארפט ארויסגעזאגט ווערן. עס איז נאך ניט געזאגט געווארן דאס ווארט.

און דער יונגער סאיער האט מיט גיפט געזאגט:

— די מערדער!

א ליכט איז אויפגעגאנגען אינם אינוואלידס אויגן. פון דער פינסטערניש פון טונקעלע שלייערן, פון אן אייביקער באהאלטעניש, האט זיך דאס ליכט ארויסגעריסן און געבליבן שטיין פאר זיינע אויגן. ער האט פארשטאנען. דאס איז געווען דאס ווארט: — די מערדער! גאנצע ארמייען זיינען פארבייגעגאנגען פארביי זיינע אויגן דורך פייער און ליידן און טויט. אין דעם איז געווען זייער האנט. די האנט פון מערדער, וואס ווייסן ניט פון יושר און

פון רחמנות. און דער אינוואַליד האָט ווידער געוואָרט. וואָס נאָך וועט זאָגן זיין יונגער ברודער?

— איך וועל אָוועקגעבן מיין לעבן. אָבער די נקמה וועל איך נעמען...

איצט איז געווען קלאָר:

ביל סאָיער האָט ניט געקענט קומען צום לעבן אויסקעמפן זיין קאַמף. ער האָט זיך געמוזט אומקערן צו די פאַרפייניקטע חברים אויפן גרונט פון ים. אָבער זיין שליחות האָט ער דורכגעפירט. דאָס וואָרט, וואָס ער האָט פון די טיפענישן אַרויסגעבראַכט אויף דער ליכטיקער וועלט, איז ניט פאַרלאָרנגעגאַנגען. עס איז, ווי אַ קערנדל, געפאַלן אויף אַ פרוכטבאַרן הארצן, און געבליבן לעבן. געבליבן לעבן אין דער אייביקייט.

און עס זיינען ניט פאַרפאַרלאָרנגעגאַנגען אומזיסט די גרויסע מענטשלאַכע ליידן. און עס איז ניט פאַרלאָרנגעגאַנגען די גרויסע מענטשלאַכע מאַנונג, וואָס דער פאַרפייניקטער האָט געמאָנט. ווייל וואָס ס'קען ניט דערטרונקען ווערן אין טיפע וואַסערן קען אויך ניט פאַרברענט ווערן אין די פייערן פון לעבן.

ביל סאָיער איז געשטאָרבן אַ העלד, אַ טאָט.

אָבער די טאָט איז סיי ווי געבאָרן געוואָרן און אָנגעהויבן לעבן.

שלום